STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07968

# MIT YIDISHE SHRAYBER IN RUSLAND

Itzhak Yanasowicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק יאַנאַסאָוויטש

# מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד

# 18

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

קיום

יצחק יאַנאַסאָוויטש

# מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד

בוענאס איירעס
תשי"ט-1959

משה פייגענבלום.

דאָרען —
מיט ליבשאַפט

* * *

ווייל אין דעם בוך רעדט זיך וועגן שרייבער וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, האַלט איך פאַר נייטיק מלכתחילה אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם לייענער, אַז ער זאָל דאָ נישט זוכן קיין ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אָדער אָפּשאַצונגען פון זייערע ווערק. פונקט ווי עס איז נישט מעגלעך אָפּצושאַצן די גראַציעזקייט פון אַ באַלעט־טענצער וועלכן מען האָט געפּענטעט מיט שטריק זיינע הענט און פיס, אַזוי איז אויך נישט מעגלעך צו שרייבן קיין אמתע ליטעראַטור־קריטיק וועגן שפּעטער וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געשריבן אונטער דעם דיקטאַט פון ליגן און זענען נישט פריי געווען אַרויסצוזאָגן דאָס וואָס זיי האָבן אין דער אמתן געטראַכט און געפילט.

אויב דאָ און דאָרט ווערט אין דעם בוך יאָ עפּעס געזאָגט וועגן דעם שאַפן פון דעם, אָדער יענעם שרייבער, איז דאָס נישט מער ווי אַן אַלגעמיינער איינדרוק און אין אַ רוב פאַלן — נאָר די מיינונג פון דער סביבה אין וועלכער דער דאָזיקער שרייבער האָט געלעבט. אויך די דאָזיקע מיינונג באַווייזט אונדז דאָס אומערלעכע דאָפּל־שפּיל וואָס יידישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד זענען געצוווּנגען געווען צו שפּילן.

איך האָב זיך באַמיט צו ווייזן די אומגעבראַכטע שרייבער **אַזוי ווי איך האָב זיי געזען.** הערביי איז טיילווייז אויך דערציילט געוואָרן **וואָס איך האָב וועגן זיי געהערט.** דאָס דאָזיקע בוך איז, לכן, אַ צונויפזאַמלונג פון פאַקטן וואָס זענען פאַרבליבן אין מיין זכרון און פון איינדרוקן וואָס האָבן זיך פאַרקריצט אין מיין געמיט. די אַלע פאַקטן און איינדרוקן באַקומען ערשט זייער ריכטיקע אויספּראַך ווען מען קאָנפראָנטירט זיי מיט די ידיעות און שילדערונגען פון יידיש־סאָוועטישן שרייבער־לעבן וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָוועטישן שקר. די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע ווערט דער לייענער געבעטן כסדר אין זין צו האָבן ביים לייענען דאָס בוך.

שילדערנדיק מיינע באַגעגענישן מיט די אָנגערופענע שרייבער — צוויי־דריי יאָר ערב דער טאָטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד — האָב איך זיך באַמיט צו דערציילן וואָס מער וועגן די באַדינגונגען אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און געשאַפן. דאָס איז דער זין פון מיינע באַריכותדיקע שילדערונגען פון דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן לעבן וואָס איך האָב דערקענט פון אינעווייניק במשך פון די זיבן יאָר פון מיין

זיין אין די דאָרטיקע מקומות. ווי וויכטיק עס זאָל פאַר אונדז נישט זיין די דערקענטעניש פון דעם דאָזיקן לעבן, איז זי אָבער פאַר אונדז נאָך וויכטיקער דערפאַר, ווייל אָן איר וועלן מיר בשום אופן נישט פאַרשטיין פאַרוואָס די יידישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד זענען געווען אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע און מיר וועלן אויך קיינמאָל נישט באַגרייפן וואָסערע נסיונות זיי זענען אויסגעשטאַנען איידער מען האָט פאַרשניטן זייערע לעבנס.

אין דער פולסטער איבערצייגונג, אַז די יידישע וועלט דאַרף קענען די טראַגעדיע פון אונדזערע ברידער אין רוסלאַנד, האָב איך ביים שרייבן דאָס דאָזיקע בוך נישט פאַרמיטן צו דערציילן אויך דאָס וואָס איז על פי רוב נישט אָנגענעם צו הערן וועגן קרבנות. די דאָזיקע טראַגעדיע האָבן, וואָס אַן אמת, גורם געווען אויסערלעכע כחות, וועלכע האָבן, לויט אַ באַשטימטער קאָנסעקווענץ, זיך געמוזט שטעלן קעגן אונדז און קעגן אונדזער ווילן צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק. זי איז אָבער נישט ווייניקער געווען דער רעזולטאַט פון אונדזערע אייגענע יידישע טעותים און פעלערן וואָס האָבן שוואַך געמאַכט אונדזערע מויער־פעסטונגען קעגן דעם פאַרטעטערישן אָנגריף פונעם שונא. פאַרשוויגן די דאָזיקע טעותים, פעלערן און פאַלשקייטן וואָלט דעריבער געמיינט דערציילן נאָר אַ האַלבן אמת און אַ האַלבער אמת איז תמיד ערגער און געפערלעכער ווי אַ גאַנצער ליגן.

איך גיב איבער דאָס דאָזיקע בוך אין די הענט פונעם לייענער מיט דעם געפיל, אַז איך טו דעם ווילן פון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער. מערערע מאָל האָבן זיי — אין פאַרגעפיל פון נאָענטן סוף — אויסגעדריקט זייער הייסן באַגער, אַז די יידן אין דער פרייער וועלט זאָלן זיך דערוויסן וועגן זייערע ליידן, זייערע געדאַנקען און זייערע דערפאַרונגען. זאָל אונדז דאָס דאָזיקע וויסן העלפן, אי פאַרשטיין זייער טראַגישן גורל, אי אויסהיטן פון די אַנטוישונגען וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין זייער טרויעריקער געפרוווטקייט.

בועגאָס איירעס, יולי, 1959.

דוד האָפּשטיין



דוד האָפּשטיין

צווישן די ייִדישע שרייבער וואָס איך האָב געטראָפן אין רוסלאַנד איז דוד האָפשטיין געווען דאָס גרעסטע רעטעניש.

וואָס מער איך האָב אים דערקענט אַלץ ווייניקער האָב איך אים געקענט.

וואָס מער איך האָב מיט אים פאַרבראַכט, אַלץ ווייניקער האָב איך אים פאַרשטאַנען.

און וואָס ווייניקער איך האָב אים פאַרשטאַנען, אַלץ מער האָב איך אים דערפילט און... ליב געקריגן.

דוד האָפשטיינען האָבן ווייניק מענטשן פאַרשטאַנען, אָבער גאָר אַ סך האָבן אים ליב געהאַט.

איך האָב אַמאָל געפרעגט די דיכטערין ר.

— וואָס פאַר אַ מענטש איז דוד האָפשטיין?

זי האָט מיר געענטפערט:

— ס'איז מיר שווער צו זאָגן. דוד האָפשטיין איז נישט איין מענטש, ער איז זיבן מענטשן מיטאַמאָל.

אַן אַנדערער ייִדישער שרייבער אין מאָסקווע האָט מיר געזאָגט:

— דוד האָפשטיין איז יעדע שעה אין מעת־לעת אַן אַנדערער. 24 שעה — 24 האָפשטיינס. דאָך איז ער איין שעה אַזאַ, צוליב וועלכער מען איז סובל זיינע אַלע אַנדערע פאַרוואַנדלונגען.

אַפנים, אַז צוליב אָט דער איינער שעה האָט מען אים ליב געהאַט אַ גאַנצן מעת־לעת.

איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל אין דער איינער שעה האָט ער אויסגעטאָן פון זיין פנים די 23 מאַסקעס?

אויף דער פראַגע איז שווער צו ענטפערן.

אין רוסלאַנד איז כמעט יעדערער מענטש אַ פאַרשטעלטער.

זיינע געדאַנקען און געפילן זענען גרימירט.

ער זאָגט נישט דאָס, וואָס ער טראַכט און ער טראַכט נישט אַזוי ווי ער פילט.

דוד האָפּשטיין האָט געזאָגט דאָס וואָס ער טראַכט און האָט געטראַכט אַזוי ווי ער האָט געפילט.

ער איז אָבער אין זיין טראַכטן און אין זיין פילן געווען אַ דרייפאַך געטאָפּלטער מענטש.

בעת ער האָט עפּעס געזאָגט, האָט איר געקענט בויען אַ בריק אויף זיין אויפריכטיקייט און טאָמער האָט ער שפּעטער געזאָגט פונקט דאָס פאַרקערטע — האָט איר אויך געקענט זיכער זיין, אַז דאָס זענען דברים היוצאים מן הלב.

ער איז אין אַלע זיינע פאַרוואַנדלונגען געווען — ער.

און די פאַרוואַנדלונגען זענען געווען די סאַמע סתירותדיקסטע, די סאַמע איבעראַשנדיקסטע.

איך געדענק שמועסן מיט אים אין וועלכע ער האָט מיט פייער און מיט בענקשאַפט גערעדט וועגן דעם נייעם יידישן קאָמונע־לעבן אין ארץ ישראל און דערביי האָב איך געפילט ווי זיין האַרץ צעגייט ממש פון ליבשאַפט צום דאָרטיקן תנכישן פּייזאַזש.

איך געדענק אָבער אויך אַנדערע שמועסן מיט אים אין וועלכע ער האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אויף די באַלעבאַטישע זינדלעך, וואָס שפּילן זיך אין אוטאָפּיסטישן חלוציזם און אין אָפּגעלעבטער העבראַישער ראָמאַנטיק. דערביי האָט ער די „פּאַלעסטינע״־לאַנדשאַפט געמאָלן מיט אַזעלכע מוראדיקע פאַרבן, אַז זי איז אויסגעקומען ווי דער סאַמעראָדנער גיהנום פאַר די ציוניסטישע רשעים.

איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען די גאַנצע וועלט־קולטור און וועלט ליטעראַטור זאָלן חלילה פאַרמשפּט ווערן צום אומקום, וואָלט ער זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן כדי צו ראַטעווען דעם תנ״ך. אויב דאָס וואָלט זיך אים נישט איינגעגעבן, וואָלט ער כאָטש אויסגעבעטן דעם „שבט מוסר״

און אַ צווייט מאָל האָט ער מיר הייס און איבערצייגנדיק געוואָלט דערווייזן, אַז די געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט הייבט זיך אָן מיט לעניגס „וואָס דאַרפן מיר טאָן״ און אַלדאָס איבעריקע, וואָס מענטשן האָבן געשאַפן איז נאָר געווען אַ צוגרייטונג צו דעם דאָזיקן ווערק.

ער האָט אַמאָל געקענט אַ רייד־טאָן און אַ שרייב־טאָן וועגן יידן אַזוי, אַז מען זאָל זיך אַזש דאַרפן דערשרעקן פאַר דעם אתה בחרתנו־פייער, וואָס האָט אַרויסגעגליט פון זיין יעדן וואָרט.

און ווער איז צו אים גלייך געווען ווען ער האָט גענומען שעלטן מיט קללות און חרמות אַלערליי יידישע שונאים?

אָבער דערביי האָט ער אויך געקענט אָנשרייבן אַ ליד צו באַגדאַן כמעל־ניצקי, ימח שמו.

ער איז געווען אַ בינטל פון די אויסטערלישסטע סתירות, אָבער ביי זיין גאַנצער סתירותדיקייט איז ער נישט געווען קיין כל־בו, קיין פּרינציפּלאָזער מענטש, וואָס בייגט זיך אין דער ריכטונג ווו דער ווינט בלאָזט. פאַרקערט, ער האָט זיך אָפט געבויגן אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער ווינט האָט אַוועק־געבלאָזן.

און ער האָט געהאַט דערפון צרות, שווערע צרות.

מיט זיין אימפּולסיווקייט, מיט זיין היציקייט און מיט זיין אויפריכטי־קייט האָט ער ממש געאַרבעט אויבער־שעהן, כדי זיך אַליין אָנצומאַכן צרות.

און מחמת דעם האָט מען אויף אים קיינמאָל קיין פאַריבל נישט געהאַט און מען האָט אים פאַרשיידענע זאַכן מוחל געווען.

אַפילו דער נסתר, וואָס האָט אַ צווייטן דוד נישט מוחל געווען די זינד פון אייפערדיקער צופּאַסלעריי, האָט האָפּשטיינען מוחל געווען פיל שווערערע עבירות.

ס'איז אַפילו נישט שייך צו זאָגן, אַז מען האָט אים מוחל געווען. ריכ־טיקער וועט זיין: מען האָט אויף אים לכתחילה קיין בייז האַרץ נישט געהאַט.

דוד האָפּשטיין האָט געקענט אָפּטאָן אַ זאַך, וואָס אַן אַנדערן וואָלט מען דערפאַר פיינט געקריגן בתכלית השנאה, אים אָבער האָט מען אַפילו קיין ברוגזלעכן „היתכן?" נישט געפרעגט.

מען האָט שוין געוווּסט: ס'איז נישטאָ וואָס צו פרעגן און ס'איז נישטאָ פון וועמען צו פאָדערן קיין ענטפער.

גיי, פאַרלאַנג אַ דין וחשבון ביי אַ מענטש וואָס ווייסט אַפילו נישט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס טאָר נישט געטאָן ווערן און אויב ער ווייסט שוין יאָ — וועט ער זיך סיי־ווי נישט קענען העלפן, ווייל ער איז נישט ביי זיך אין די הענט...

— 2 —

דוד האָפּשטיינען האָב איך דאָס ערשטע מאָל געזען אין מאָסקווע, אין יאָר 1944, אויף זיינעם אַ „שעפערישן אָוונט" אין אַלפאַרבאַנדישן פאַריין פון די סאָוועטישע שרייבער.

ער איז דעמאָלט געהאַט געקומען פון קיעוו און האָט פאַר די יידישע שרייבער אין מאָסקווע פאָרגעלייענט זיינע נייע לידער.

נאָך זיין לייענען האָבן אפשר אַ טוץ שרייבער גערעדט, אים געלויבט און, ווי דער שטייגער, אים קריטיקירט.

דער דאָזיקער „אָוונט" וואָלט זיך געוויס נישט אָפּגעשטעלט אין מײַן זכּרון, ווײַל, ערשטנס, האָט ער געלייענט זײַער שלעכטע, באַנאַלע לידער פֿון וועלכע קיין איין שורה איז נישט אַרײַנגעקראָכן אין מוח און צווייטנס, האָט מען גערעדט וועגן אים קאַזיאָננע, טראַפּאַרעטע רייד, וועלכע האָבן גאָר־נישט געהאַט צו טאָן מיט דעם, וואָס יעדער פֿון די רעדנער האָט געוואָלט און געדאַרפֿט זאָגן וועגן דעם פּאָעט דוד האָפֿשטיין.

דאָס איז געווען דער נוסח פֿון די מאָסקווער „שעפֿערישע" שרײַבער־אָוונטן. מען האָט אויף זיי גערעדט וועגן צענדליקער זאַכן, אַחוץ וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט אַן אמתן שייכות מיט דעם פּאָעט און זײַן ווערק.

וועגן פּאָעט און זײַן ווערק האָט מען גערעדט צווישן זיך ביחידות.

בציבור האָט מען וועגן ליטעראַטור גערעדט מיט דעם פּאַרטיקן קאַנ־פֿעקציע־לשון פֿון דער פּאַרטיי־לאָזונג, וועלכע איז גילטיק געווען אין דעם געגעבענעם מאָמענט. אַלע האָבן דערבײַ געוווּסט, אַז דאָס אָנווענדן די אַק־טועלע פּאַרטיי־לאָזונג פֿאַר ליטעראַטור אויף דעם שרײַבערישן ווערק איז נישט מער ווי אַ טראַגי־קאָמעדיע, וואָס מען שפּילט פֿאַר אַ צושויער, וועל־כער איז צו דער פֿאָרשטעלונג נישט געקומען... נאָר כאָטש אַזוי האָט די מורא פֿאַר דעם דאָזיקן אָפּוועזנדיקן צושויער געצוווּנגען צו שפּילן דאָס שפּיל מיט דער פֿולער ערנסטקייט און לויט אַלע געזעצן פֿון מאַסקאַראַד.

ס'איז דעריבער געווען אַ געוויינלעכער לאַנגווײַליקער „אָוונט", וועלכן איך וואָלט געוויס פֿאַרגעסן.

אויב איך האָב אים נישט פֿאַרגעסן, איז דאָס געווען צוליב דוד האָפֿ־שטיינס אַ פּלוצימדיקער פּראַזע, וואָס האָט נישט געהערט צום שפּיל און האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַרץ דורכן מויל און געבראַכט דערצו, אַז בײַ אַלע אָנוועזנדיקע אויפֿן „אָוונט" זאָל דורכגיין אַ גרויל איבערן לײַב און דאָס האַרץ זאָל זיך זיי אַ ווײַל אָפּשטעלן פֿון אומגעריכטן דערשרעק.

ס'איז געווען אַזוי:

נאָך דעם טויץ רעדעס פֿון זײַנע ליבער און קריטיקער האָט דוד האָפֿשטיין באַקומען דאָס „לעצטע וואָרט" אַלעמען צו ענטפֿערן.

געוויינלעך איז אַזאַ „לעצט וואָרט" באַשטאַנען דערין, וואָס דער שרײַ־בער האָט מסכּים געווען, אַז די אַלע אידעיִש־פּאָליטישע פֿעלערן וואָס די קרי־טיקער האָבן אים אָנגעוויזן, זענען אַן שום אַפּעלאַציע ווערט געשטעמפּלט צו ווערן. אויב ער, דער שרײַבער, איז נאָך געווען גענוג פּיפּיק, האָט ער צו די אויסגערעכנטע פֿעלערן צוגעגעבן נאָך עטלעכע, וואָס זענען נישט דערמאָנט געוואָרן. (דאָס האָט געהייסן: אויטאָ־קריטיק). נאָך דעם ווי ער האָט שוין מקבל באהבה געווען די שמיץ וואָס מען האָט אים געגעבן און די מלקות וואָס

ער האָט זיך אַליין צוגעטיילט, האָט ער געוויינלעך צוגעזאָגט, אַז מהיום והלאה וועט ער פאַרטיפן זיין מאַרקסיסטיש־לעניניסטיש־סטאַליניסטיש וויסן און וועט האַרעווען איבער זיך, כדי צו באַגרייפן די נייע סאָציאַליסטישע ווירק־לעכקייט און שאַפן אַזעלכע ווערק, וואָס זאָלן זיין אין גייסט פון דער לערע פון דעם „פאָטער פון די פעלקער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין". מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט זיין רעדע און אַלע אַנוועזנדיקע זענען אויפגעשטאַנען און געפּאַטשט בראַוואָ, מיט די אויגן געווענדט צו דעם גרויסן סטאַלין־פּאָר־טרעט, וואָס איז געהאַנגען אויף דער סאַמאַרקאַנדער מזרח־וואַנט.

דוד האַפּשטיין האָט זיין „לעצט וואָרט" אָנגעהויבן אין פעסטגעשטעלטן נוסח און אַלץ וואָלט מסתמא דורכגעגאַנגען גלאַטיק. אָבער אין היץ פוןריידן האָט ער זיך באַלד פאַרפּלאָנטערט מיט אַ פּאָר אייגענע ווערטער, וועלכע האָבן צום שאַבלאָן נישט געהערט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין זאַל זאָל זיך דערהערן אַ נערוועז הוסטן און אַ פיבערדיק רוקן מיט די בענקלעך. דוד האַפּ־שטיין האָט זיך שוין אָבער געהאַט פאַרגאַלאָפּירט און ער האָט די וואָרע־נונגס־סימנים נישט דערהערט און נישט פאַרשטאַנען.

אָנגעהויבן האָט ער גאַנץ נישקשה: ער האָט גערעדט וועגן די „רוצחים־פאַשיסטן" און זייערע מעשים אין אוקראַיִנע, אָבער בעת ער איז געקומען צו די ייִדישע ליידן, וואָס די דאָזיקע רוצחים האָבן גורם געווען, האָט מען זיך שוין געקענט ריכטן, אַז ער וועט זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף אין מאָס־קווער שרייבער־פאַריין נישט געזאָגט ווערן, ווייל די ספּעציעלע אויסטיילונג פון ייִדישע ליידן איז נישט געווען אין נוסחדיקן סטיל פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע; און אַוודאי און אַוודאי איז שוין נישט געווען אין סטיל פון דער סאָוועטישער רעדנעריי צו דערמאָנען וועגן דער „אייביקער שנאה" פון אוקראַיִנישן פאָלק צו די ייִדן, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די היטלער־טעג. די דאָזיקע ווערטער האָבן אַריינגעבראַכט אַ געוויסן גרויסן קאָנפוז און מען האָט זיי שוין געוואָלט האָבן וואָס גיכער איבערגעקומען. געקומען איז אָבער עפּעס נאָך ערגערס: אין היץ פון זיינע אייגענע רייד, אין פייער פון זיין גליִענדיקן פּאַטאָס האָט האַפּשטיין פּלוצים — נישט־מיר און נישט־דיר — אַ געשריי געטאָן בקול רם:

— כי מציון תצא תורה!

איך קען שוין נישט איבערגעבן גענוי דעם געדאַנקענגאַנג, וואָס האָט אים געבראַכט צו דעם דאָזיקן אויסגעשריי: דוד האַפּשטיין האָט גערעדט גיך, גיך און זיינע געדאַנקען האָבן געמאַכט אַ קפיצת הדרך. פון דער גרויס־קייט פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס היטלער האָט זיך פאַרנומען אומצוברענגען, איז ער אַריבערגעשפּרונגען אויף דעם אַמבולאַנס, וואָס די ארץ ישראלדיקע

אַרבעטערשאַפט האָט געשיקט, ווי הילף פאַר דער רויטער אַרמיי. געגוי אָבער ווי אַזוי ער איז פון דעם אַמבולאַנס געקומען צו דער תורה פון ציון — דאָס געדענק איך שוין נישט. איך געדענק אָבער ווי אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווייל אַלע האָבן דערפילט, אַז אַזעלכע רייד פון דער טריבונע אין מאָסקווער שרייבער־פאַריין זענען נישט בלויז קיין סכנה פאַר דעם וואָס האָט זיי געזאָגט, נאָר אויך פאַר די וואָס האָבן זיי גע־הערט. דער „אַוונט״ האָט זיך ראַש פאַרענדיקט דערמיט, וואָס פרץ מאַרקיש, דער פאָרזיצער, האָט ממש בגוואַלד איבערגעריסן האַפשטיינען און פאַר אים אָפּגעזאָגט דעם פסוק וועגן דעם פירער פון די פעלקער, דעם גרויסן סטאַלין. נאָך דעם דאָזיקן פסוק האָט מען שוין נאָר געדאַרפט אויפשטיין און פאַטשן בראַוואָ. מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן און זיך שנעל צעלאָפן מיט דעם געפיל, אַז האַפשטיין געפינט זיך אין אַ גרויס געפאַר.

דוד האַפשטיין האָט אָבער אַלע זיינע יאָרן געהאַט מזל. ער האָט נישט געהאַט קיין שונאים צווישן די שרייבער און מען האָט אים נישט געמסרט. דאָס איז נאַטירלעך געווען אַ גרויסע איינשטעלעניש, קודם־כל פאַר פרץ מאַרקישן, ווייל ווי דער פאָרזיצער פונעם „אַוונט״ איז ער מחויב געווען צו מעלדן וועגן אַזאַ קאָנטררעוואָלוציע, ווו מען דאַרף. מאָסקווער יידישע שריי־בער האָבן אָבער אין די לעצטע יאָרן זיך אויסגעלערנט צו ריזיקירן און צו־ביסלעך איינצושטעלן. דאָס 37סטע יאָר האָט זיי צוגעוווינט צו זיין סאָלי־דאַר און אויף קיין פאַל זיך נישט צו באַנוצן מיט מסירה. (געווען, פאַרשטייט זיך, אויסנאַם־פאַלן אויך און וועגן זיי וועלן מיר באַזונדער ריידן). דערווייל אָבער האָט האַפשטיין אָפּגעשפּילט מיט גליק און ער איז געראַטעוועט געוואָרן.

האַפשטייגען גופא האָט מען אָבער מסתמא אויפגעקלערט די גרויסע זינד פון זיין אויסגעשריי אין שרייבער־הויז און עס וואָלט געווען דאָס גרעס־טע ווונדער, ווען ער וואָלט זיך נישט דערשראָקן... און, אַז האַפשטיין האָט זיך דערשראָקן, האָט ער תשובה געטאָן און, אַז ער האָט תשובה געטאָן איז ער אין זיין תשובה געווען פונקט אַזוי היציק און אויפריכטיק ווי אין זיין „זינד״. וואָרום אַ טבע האָט ער געהאַט, אַז ער איז מיט זיינע דריבנע טריי־טעלעך קיינמאָל נישט געגאַנגען קיין האַלבן וועג און האָט קיינמאָל נישט געטאָן קיין זאַך, אָט אַבי יוצא צו זיין. ער האָט אַלעמאָל געטאָן אַלץ מיט דער גרעסטער כוונה און איבערגעצייגטקייט און דאָס טאַקע האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל די יידישע שרייבער, אין וואָך צי אין צוויי אַרום, נאָך מער איבעראַשן און צעטומלען ווי מיט זיין ערשטן ציון־אויסגעשריי אין שרייבער־פאַריין.

דאָס מאָל איז עס געווען אויף אַן עפנטלעכער זיצונג פון דער פאַרוואַל־

טונג פון יידישע אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געפונען אויף קראָפּאָטקין־גאַס נומער 10. אויף אַזאַ זיצונג האָבן געקענט אויך ביי־זיין שרייבער, וועלכע האָבן צו דער פאַרוואַלטונג נישט געהערט און זיי האָבן אַפּילו געקענט נעמען אַ וואָרט און זיך אַרויסזאָגן וועגן די פראַגן, וואָס זע־נען באַהאַנדלט געוואָרן.

איך מוז, כדי עס זאָל קלאָר זיין דער ענין, באַמערקן, אַז אין יידישן אַנ־טי־פאַשיסטישן קאָמיטעט האָבן זיך תמיד געפונען צוויי צדדים, וועלכע האָבן שטילערהייט געפירט צווישן זיך אַ קאַמף. איין צד זענען געווען די יידישע שרייבער, דעם צווייטן צד האָבן פאַרטרעטן די רוסיפיצירטע און אַסימילירטע יידן, וועלכע האָבן נישט פאַרפעלט קיין געלעגנהייט אונטערצושטרייכן, אַז דאָס שרייבן יידיש און דאָס מטפל זיין זיך מיט יידישע אויסגאַבן איז נאָר אַן עבירה שהזמן גורמה — צוליב דער הילף פון אויסלאַנד. די דאָזיקע „אַריינגעשיקטע" יידן, וואָס זייער שייכות צו יידישקייט איז געקומען אַדאַנק דער פאַרטיי־קאָמאַנדיראָווקע אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָבן דערביי געהאַלטן, אַז יידישע שרייבער דאַרפן געדענקען וועגן דער דאָזיקער צייטווייליקייט און זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם וועגן דער ווייטערדיקער אויפהאַלטונג פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישער שפּראַך. דער וואָרט־זאָגער צווישן די אַסימילאַטאָרן איז געווען איליאַ ערנבורג, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געטענהט, אַז יידן זענען דאָס זאַלץ פון דער מענטשהייט און פונקט ווי זאַלץ האָט אַ טעם נאָר דעמאָלט ווען מען צעשיט קליינע דאָזעס אין גרויסע געריכטן, אַזוי דאַרפן יידן זיך אויך צעשיטן צווישן די פעלקער, ביי וועלכע זיי וווינען און נישט בילדן קיין באַזונדערע יידישע מינדערהייט־נאַציאָנאַליטעט. מיכאָעלס איז קעגן ערנבורגס זאַלץ־טעאָריע שטאַרק אַרויס־געטראָטן און אַפּילו אַזאַ „פּראַוואָווערנער" מענטש ווי שכנא עפּשטיין, וועלכער האָט נישט געגאָלטן פאַר אַזאַ איינעם, וואָס וועט זיך שטאַרק אי־בערנעמען אויב די פאַרטיי וועט זאָגן וועגן יידיש „כוואַטיט!", האָט אויך זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ברוגז אויף ערנבורגן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז אַלע אַנדערע יידישע שרייבער האָבן אויף אים געהאַט אַ שטאַרק בייז האַרץ, ווייל זיי, די יידישע שרייבער, האָבן אין דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט דווקא געוואָלט זען אַ מין הכשר אויף אַ באַזונ־דערער יידישער נאַציאָנאַליטעט און זיי האָבן זיך אַפּילו געוואָלט איינריידן, אַז דער דאָזיקער קאָמיטעט איז אַן אָנזאָג אויף דער קומענדיקער ברייטערער לייזונג פון דער יידנפראַגע אין סאָוועטנפאַרבאַנד. בכל אופן האָבן יידישע שרייבער דעמאָלט געהאַלטן, אַז דער פאַקט, וואָס אין רוסלאַנד עקזיסטירט אַ באַזונדערע יידישע ליטעראַטור וועט מלמד זכות זיין אויף דער יידישער

פראַגע דעמאָלט, ווען זי וועט געשטעלט ווערן אין די „הויכע פענצטער״. דאָס וויל מיינען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועט זיך מוזן רעכענען מיטן פאַקט פון ייִדישער קולטור־ און ליטעראַטור־באַזונדערקייט ביים באַשטימען דעם נאַציאָנאַליטעטן־גורל פון די סאָוועטישע ייִדן. מהאי טעמא האָבן די ייִדישע שרייבער געהאַלטן ממש פאַר זייער נאַציאָנאַלן חוב צו שרייבן דווקא ייִדיש און אין דעם פּרט האָט צווישן זיי געהערשט אַ ווונדערלעכע אייניקייט.

קענט איר זיך דעריבער שוין פאָרשטעלן ווי גרויס עס איז געווען אַלעמענס דערשטוינונג, ווען גראַד אויף דער דאָזיקער עפנטלעכער זיצונג האָט האָפּשטיין געבעטן אַ וואָרט און זיך צערעדט וועגן דעם, אַז ייִדישע שרייבער העלפן ווייניק דעם ראַטנפאַרבאַנד, דערפאַר, ווייל זיי שרייבן אויף אַ שפּראַך וואָס דערגרייט נישט צו די גרויסע מאַסן. לויט זיינע רייד זענען ייִדישע שרייבער ממש געווען מוציאי זרע לבטלה. מיליאָנען רוסן און אוקראַינער, האָט ער גערעדט מיט היץ, וואַרטן אויף אונדזער וועקנדיק און דערמונטערנדיק ליטעראַריש וואָרט און מיר שרייבן אין אַ שפּראַך, וואָס שמעקט שוין מיט מוזיי. נאָך דעם האָט ער שיער נישט קיין נדר געטאָן, אַז ער וועט פון היינט אָן און וויטער שרייבן נאָר רוסיש און אוקראַיניש. די אַסימילירטע ייִדן און דער רוסישער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי האָבן אים אַפּלאָדירט.

האָפּשטיין האָט זיך תמיד געחנדלט דערמיט, וואָס ער קען שרייבן אין פאַרשיידענע שפּראַכן און איז נישט אַנגעוויזן בלויז אויף ייִדיש. אָבער אין די געגעבענע באַדינגונגען איז דאָס נישט געווען קיין חנדל נאָר אַ פּשוטע בגידה, אַ פאַראַט קעגן וועלכן מען האָט אַפילו נישט געטאָרט שרייען און קריצן מיט די ציין, ווייל לויט דער באַלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע האָט מען נישט געטאָרט מאַכן קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר שרייבן אין ייִדיש, (דאָס האָט געהייסן נאַציאָנאַליזם) און על אחת כמה וכמה האָט מען נישט געטאָרט ריידן קעגן דעם שרייבן אין אַן אַנדער שפּראַך, וואָרום דאָס איז שוין געווען עפּעס ערגערס — שאָוויניזם.

אַן אַנדערן וואָלט מען, אויב נישט קורע כדג געווען, איז כאָטש שטיל און פאַרעקשנט געגעבן צו פילן, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ נבלה. דוד האָפּשטיינען האָט מען גאָרנישט געזאָגט און מען האָט נאָר געשאָקלט מיט די קעפּ אין טיפן באַדויער.

דער האָרץ־געשריי „כי מציון תצא תורה״ און דער פאַררעטערישער רוף „צו שרייבן נאָר רוסיש און אוקראַיניש״ — דאָס איז געווען דאָס רעטעניש דוד האָפּשטיין.

און מען האָט בשום אופן נישט געקענט זאָגן, אַז ער איז ביי דעם ערשטן

געווען מער אויפּריכטיק ווי ביי דעם צווייטן אָדער ביי דעם צווייטן מער ווי ביי דעם ערשטן.

ביי אַנדערע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָט מען געקענט וויסן, וווּ עס ענדיקט זיך זייער אמת און וווּ עס הייבט זיך אָן דער שקר.

יידישע שרייבער אין רוסלאַנד זענען געווינט געווען צו זאָגן דאָס, וואָס מען מוז זאָגן און צו פאַרשווייגן דאָס, וואָס מוז און דאַרף פאַרשוויגן ווערן.

האָפּשטיין האָט אָבער תמיד, ווי באַלצער פון דער היץ, אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מען דאַרף פאַרשווייגן און דערנאָך האָט ער ווידעראַמאָל געזאָגט דאָס, וואָס האָט שוין נישט געמוזט געזאָגט ווערן.

אַפילו אין יענע סאָוועטישע באַדינגונגען האָט אַ יידישער שרייבער נישט געמוזט שרייבן וועגן כמעלניצקין און ער האָט אויך נישט געמוזט רופן צו שרייבן רוסיש.

אַ סימן: קיין שום יידישער שרייבער חוץ האָפּשטיינען האָט דאָס נישט געטאָן.

אַפילו וועגן סטאַלינען איז נישט געווען קיין דירעקטער מוז צו שרייבן לידער. מען האָט דאָס אָבער געדאַרפט טאָן „פרייוויליק".

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק און זענען נאָך געווען „גריז" אין סאָוועטישן שטייגער, האָבן אונדז די אַראָפּגעקומענע שרייבער פון מינסק, מאָסקווע און קיעוו מחנך געווען:

— שרייבט אָן אַ ליד וועגן סטאַלינען. ס'איז גוט צוליב כמה טעמים.

זענען געווען צווישן אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אויסלערנען די גאַנצע סאָוועטישע תורה על רגל אחת, און זיי האָבן געפרעגט:

— נו, און וועגן מאָלאָטאָוון?

— יאָ, וועגן מאָלאָטאָוון קענט איר אויך שרייבן.

— נו, און וועגן וואָראָשילאָוון?

— אָ, געוויס, וועגן וואָראָשילאָוון איז אויך גוט צו שרייבן.

— און וועגן זשדאַנאָוון?

— דערווייל נישט.

— און וועגן אַנדעיעוון?

— דערווייל — נישט.

אַזוי אַרום האָבן מיר זיך באַלד אין די ערשטע טעג פון אונדזער זיין אין רוסלאַנד דערוווּסט, אַז דאָ דאַרף מען וויסן וועגן וועמען יאָ צו שרייבן און וועגן וועמען נישט צו שרייבן.

שרייבן האָט מען געדאַרפט וועגן די סאַמע זיכערע אין פּאָליט־ביוראָ.

וועגן אַלע אַנדערע אויף וועלכע ס'האָט געקענט זיין אַ חשד, אַז זיי זענען אויף „דערווייל", האָט מען דערווייל נישט געדאַרפט שרייבן.

די דערוויילקייט אין רוסלאַנד איז געווען אַ פּערמאַנענטע און קיינער האָט נישט געקענט וויסן וועלכער היינטיקער גדול ס'וועט מאָרגן אַריינפאַלן אין אומחן.

אַזוי־אַרום האָט מען מער געדאַרפט וויסן וועגן וועמען נישט צו שרייבן ווי וועגן וועמען יאָ צו שרייבן.

האָבן יידישע שרייבער אין רוסלאַנד זיך אויסגעלערנט צו זיין פּאָרזיכ־טיק און צו שרייבן נאָר דאָס וואָס מען מוז און מען דאַרף.

האָפּשטיין האָט אָבער פון קיין פאָרזיכטיקייט נישט געוווּסט. ער האָט געשריבן אויך דאָס וואָס ער האָט נישט געדאַרפט.

און דאָס האָט אים פאַרשאַפט פיל עגמת נפש און שרעק.

ס'קען זיין, אַז די שרעק פאַר איין זינד האָט אים געטריבן צו אַ צווייטע.

ס'קען זיין, אַז ער האָט זיך כסדר געוואָלט כשרן און דערפון — זיין אַריינפאַלן אין פאַרשיידענע עקסטרעמען.

דאָס גופא האָט מען געקענט פאַרשטיין. נישט פאַרשטענדלעך איז אָבער, אויפן ערשטן אויגנבליק, געווען דאָס, וואָס איז יעדן גילגול זיינעם איז ער געווען דער זעלביקער היציקער און איבערגעטריבן־אויפריכטיקער האָפּשטיין.

ביי יעדן אַנדערן יידיש־סאָוועטישן שרייבער האָט מען געקענט וויסן די גרענעץ פון אמת. ביי האָפּשטיינען איז אַזאַ גרענעץ קיינמאָל נישט געווען.

ער איז געווען אמתדיק אַפילו אין זיין גרעסטן ליגן.

ער איז בטבע געווען אַן ערלעכער מענטש, וואָס האָט געליטן פונעם שקר.

און ער וואָלט געוויס איינער פון די ערשטע אומגעקומען אין רוסלאַנד, ווען נישט דאָס וואָס די השגחה האָט אים געגעבן אַ מאָדנע אייגנשאַפט.

ד י  א י י ג נ ש אַ פ ט  ז י ך  צ ו  פ אַ ר ט ו מ ל ע ן  מ י ט  אַ ז אַ  ה י צ י ק ע ר  ה ת פ ע ל ו ת,  א י ן  ו ו ע ל כ ע ר  ד ע ר  ג ר ע ס ט ע ר  ש ק ר  א י ז  פ אַ ר  א י ם  ג ע ו ו אָ ר ן  אַ ן  א מ ת.

דאָס האָט אים אין אַ גרויסער מאָס געראַטעוועט, אָבער דאָס האָט אים אויך געמאַכט טראַגיש אַפילו אין דער סביבה פון די יידיש־סאָוועטישע שריי־בער, ווו יעדער איינער איז געווען אַ גייענדיקע טראַגעדיע פון קאָנפליקט צווישן דעם אמת, וואָס מען פילט אין דעם ליגן, וואָס מען זאָגט.

ס'איז אָבער אין זיין כאַראַקטער, ווי געזאָגט, געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מכפּר געווען אויף אַלע זיינע זינד.

אַ ראיה: מען האָט אים ליב געהאַט מיט אַלע זיינע חסרונות.

און אויך די דאָזיקע ליבשאַפט האָט אים אַ לאַנגע צייט געראַטעוועט פון כלערליי געפאַרן.

— 3 —

דוד האָפשטיין האָט געהאַט אַ ברודער וועווע, וועלכער האָט אין די יאָרן וועגן וועלכע איך דערצייל, געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון „אייניקייט". וועווע האָפשטיין האָט אויך געשריבן לידער. איבערהויפּט האָט ער געמאַכט איבערזעצונגען פון דער אוקראַ‏ַינישער פּאָעזיע. צווישן זיך האָט מען אָבער געשמועסט, בדרך הלצה, אַז וועווע און דוד האָבן זיך איינגע־טיילט: וועווע האָט גענומען דאָס אויסזען פון אַ פּאָעט און דוד האָט גענו־מען דעם טאַלאַנט פון אַ פּאָעט.

צי וועווע האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ פּאָעט קען איך נישט זאָגן אויף זיכער, איך קען אָבער זאָגן גאַנץ זיכער, אַז דוד האָפשטיין האָט נישט אויס־געזען „פּאָעטיש".

כאָטש צוריק געשמועסט איז בכלל שווער צו זאָגן ווי דוד האָפשטיין האָט אויסגעזען.

ער האָט געהאַט פּונקט אַזויפיל פּנימער וויפל שטימונגען.

און פּונקט אַזויפיל אויסזעענס וויפל פאַרוואַנדלונגען.

אָט האָט איר אים געזען אין גאַס און געקענט שווערן, אַז איר האָט פאַר זיך אַ זעקסטראַנגיקן צעך־נאַטשאַלניק פון אַ סאָוועטישער פאַבריק.

ס'הייסט: אַ מענטש וועלכן מען קען חלילה נישט חושד זיין אין אַביסל גייסט.

נאָר אַז איר זייט צוגעקומען נענטער, האָט איר פאָרט באַמערקט עפּעס אַן אויסטערלישקייט אין זיין הלבשה, וואָס האָט אים אונטערגעשיידט פון דעם דורכשניטלעכן סאָוועטישן בירגער.

די אויסטערלישקייט האָט זיך גענומען, קודם־כל, פון זיין הויכן הוט, וואָס ער האָט געטראָגן, כדי אויסצוזען העכער ווי ער איז אין דער אמתן געווען.

דוד האָפשטיין איז געווען עטוואָס נידעריקער פון מיטלוווּקס און ער האָט דווקא געוואָלט אויסזען הויך.

דערצו איז ער געגאַנגען מיט דריבנע, דריבנע און גיכע, גיכע טריטע־לעך און דאָס האָט אים געמאַכט אויסזען אַביסל טשודאַקיש.

ס'האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ געהילף־דירעקטאָר פון אַ זאָאָלאָ־גישן גאָרטן, אָדער ווי אַ ספּעץ אין אַ מוזיי.

אָבער אויך אין שטוב האָט ער געהאַט פאַרשיידענע פּנימער.

אָפטמאָל האָט ער אויסגעזען ווי אַ קליינשטעטלדיקער תּלמיד חכם, וועלכן די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן נאָר־וואָס, בגוואַלד, אָפּגעגאָלט די באָרד.

אויף זיינע רויטלעכע באַקן איז דאַן געלעגן דער צער פון פאַרשעמטער באַקעטקייט.

זיין לומדישער שטערן האָט זיך געקנייטשט פון ווייטיק, וואָס די גאָמ־בע איז געבליבן אָן דער קרוין פון זקנה.

און אין זיינע אויגן האָט געברענט אַן אומעט... וויי, וויפל טרויער עס איז געווען אין זיינע אויגן.

דער אויגן־אומעט איז ביי אים תּמיד געווען דער זעלביקער. אין אים האָט זיך געזען ווי אין אַ שפּיגל דער פּאָעט דוד האָפשטיין.

דער פּנים־אויסדרוק האָט זיך געקענט בייטן, דער אויסדרוק פון די אויגן — קיינמאָל נישט.

און טאָקע פון די אויגן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס פּנים האָט זיך געביטן.

צו אַלע זאַכן איז נאָך האָפשטיין געווען אַ צעטראָגענער מענטש. אַ טיפּ פון אַן אמתן צעחושטן פּראָפעסאָר.

ער האָט אינמיטן וועג געקענט פאַרגעסן, ווו ער גייט און נאָך וואָס ער גייט.

מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז פון גרויס צעטראָגנקייט טוט ער אויס די קאַלאָשן און שטעלט זיי אַוועק אין אַ זייט, ווען ער דאַרף איינשטייגן אין טראַמוויי.

דאָס איז פאַרשטייט זיך, געווען אַ וויץ, אָבער צעחושט און צעטראָגן איז ער ווירקלעך געווען. און לאָמיך שוין זאָגן, אַז אַפילו די צעשטרייטקייט זיינע האָט אים פיל אַרויסגעהאָלפן אין לעבן.

זי האָט ווייכער געמאַכט די באַציִונג צו אים.

כ׳בין חושד, אַז טיף־אינערלעך האָט ער פון דעם געוווּסט. מען וואָלט אַפילו זיין צעטראָגנקייט געקענט דערקלערן על פּי פּסיכאָאַנאַליז.

צו דער צעחושטקייט האָט ער נאָך אָפטמאָל געהאַט אַ טאַמעוואַט פּנים, אַ פּנים פון אַ נישט־איבערגעשפּיצטן.

אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז זייער אָפּט גוט געווען צו האָבן דאָס פּנים פון אַ תּם.

אַ פּנים, וואָס זאָגט אויף אַלץ אָמן.

אַ פּנים, וואָס איז מבשר דער וועלט: מיין באַלעבאָס טראַכט נישט דאָס, וואָס מען טאָר נישט.

אַ סימן האָט איר — ער טראַכט בכלל נישט.

און דוד האָפּשטיין האָט אָפּט געקענט אַרומגיין מיט אַזאַ פּנים, אַז מען זאָל אים נישט חושד זיין אין קיין געדאַנקען.

אויף יעדן פאַל — נישט אין קיין גאַנץ קלאָרע געדאַנקען.

מיט אַזאַ פּנים האָט ער אָפּטמאָל געקענט אַ זאָג טאָן אַ זאַך, וואָס האָט זיך געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

און אויב איך האָב פריִער גערעדט וועגן אַ פּסיכאָאַנאַליטישער דערקלערונג פאַר זיין צעטראָגנקייט און טאָמעוואַטקייט, נעם איך עס פון פאָלגנדיקן פאַקט:

איינמאָל האָט אים דער דיכטער ש., בעת אַזאַ מאָמענט, אַ טאָרע געטאָן פאַרן אַקסל און געזאָגט:

— צעחושטער פּראָפעסאָר, אויף וועלכער וועלט ביסטו?

ער האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט און תיכּף פאַרשעמט אָפּגעזיפצט:

און נאָך אַ טבע האָט ער געהאַט: ווען ער האָט זיך געפונען אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע פלעגט ער — נישט־מיר, נישט־דיר — נעמען דערציילן עפּעס אַ מעשה.

אין אָנהייב האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז די מעשה איז אַ משלדיקער ענטפער אויף דער געגעבענער סיטואַציע. זי איז אָבער קיינמאָל דאָס נישט געווען. זי האָט גאָר געצילט אים אַוועקצופירן פון דער אומבאַקוועמלעכער סיטואַציע.

זיין ליבסטע מעשה אין אַזעלכע פאַלן איז געווען די מעשה מיט דער וואַש־מאַשין.

די מעשה איז שוין געווען אַן אַלטע, נאָר האָפּשטיין האָט זי ליב געהאַט צו דערציילן יעדעס מאָל אויפסניי.

האָפּשטיין האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו מייסטרעווען און ס׳האָט אים געצויגן צו אַלערליי מעכאַניזמען.

אין יאָר 1939, ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די מזרח־פּוילישע געביטן, איז ער געשיקט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַנדערע אוקראַיִנישע און ייִדישע שרייבער, קיין לעמבערג.

קומענדיק קיין לעמבערג האָט האָפּשטיין, ווי אַלע אַנדערע „מזרחניקעס״, זיך געלאָזט איבער די געשעפטן פון דער מערב־אייראָפּעיִשער בורזשואַזיע, כדי איינצוקויפן פאַרשיידענע זאַכן, וועלכע מען האָט שוין אין רוסלאַנד לאַנג, לאַנג נישט געקריגן.

ווער עס האָט געקויפט זיידנצייג, וואָלענע מלבושים, שטאָפן, שיך אא״וו,

האַפּשטיין האָט געקויפט ספרים און אַן אַלטע וואַש־מאַשין פון משותּלחס צייטן.

די מאַשין האָט ער אַהיימגעפירט קיין קיִעוו און מיט גרויס פייערלעכ־קייט גענומען וואַשן זיין וועש.

און וועש, דאַרף מען וויסן, פּשוטע אונטערוועש, איז אין רוסלאַנד גע־ווען זייער און זייער אַן איידעלע מאַטעריע.

מען האָט זיך געחכמהט, אַז ס׳איז גרינגער צו קריגן אַן אָרדן ווי אַ פּאָרל־וועש.

דוד האָפּשטיין האָט אַלע זיינע תחתונים און אַלע זיינע העמדער אַריינ־געפּאַקט אין דער בורזשואַזער וואַש־מאַשין און זיך געגרייט דערצו, אַז די קאַפּיטאַליסטישע טעכניק זאָל פאַר אים אַרבעטן.

ער האָט אָבער איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג.

נאָכן פאַרענדיקן די וואַש־פּראָצעדור האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע תחתו־נים זענען אַרויסגעקומען אַן נאַגעוויצעס און אַלע העמדער — אַן אַרבל און דאָס ביסל וועש, וואָס איז נישט צעשאַרפּעט געוואָרן פון דער אַלטער מאַשין איז געווען אייזנמאַליק, מיט ברוינע פלעקן פון זשאַווער.

דוד האָפּשטיין האָט אומעטום דערציילט די מעשה, ווי אַזוי ער איז גע־פאַלן אַ קרבן פון דער שווינדלערישער קאַפּיטאַליסטישער טעכניק.

און אַלע וואָס האָבן די מעשה געהערט האָבן זיך געפרייט און געלאַכט מיט הנאה דערפון, וואָס די פאַרפוילטע בורזשואַזיע מיט איר רעקלאַמירטער טעכניק טויג אויף טויזנט כפּרות.

אין האָפּשטיינס דערציילן און אין דעם געלעכטער פון זיינע צוהערער איז געווען די הנאה פון מענטשן, וואָס קענען אויסלאַכן דאָס, וואָס זיי זענען מקנא און קענען נישט דערגרייכן.

סאָוועטישע מענטשן האָבן אין זייער לית־ברירהדיקייט זייער אָפט זיך פאַרשאַפט אָט די הנאה. נישט איינער פון זיי האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט איז נאָך ערגער.

מיליאָנען מענטשן אין רוסלאַנד האָבן געגלייבט, אַז אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער הערשט נאָך דאָס געזעץ פון מיטלאַלטערלעכן פעאָדאַליזם: מען שלאָגט די אַרבעטער מיט אַ בייטש און יעדע כלה פון אַן אַרבעטער מוז איר ערשטע נאַכט אָוועקגעבן דעם באַלעבאָס.

בעת מיר זענען אָנגעקומען קיין רוסלאַנד האָבן אונדז נאַיִווע רוסישע מענטשן געפרעגט:

— ביי אייך אין פּוילן האָט איר אויך געגעסן אַזעלכע ווייסע בולאָ־טשקעס?

עס זענען געווען פֿאַלן, ווען מ׳האָט די פּליטים פֿון פּוילן געגעבן צוקער און מילך און דער אַרטיקער באַפֿעלקערונג האָט מען דאָס נישט געגעבן. (דאָס איז געשען אין דעם ערשטן טאָג ווען אַ פּליטים־בריגאַדע פֿלעגט אָנקומען אויף אַרבעט אין טיף־רוסלאַנד). די אַרטיקע מענטשן האָבן זיך געחידושט אויף דעם. דאַן האָט זיי דער נאַטשאַלניק דערקלערט:

— וואָס גלייכט איר זיך צו זיי? זיי האָבן דאָך שוין 20 יאָר אין זייער קאַפּיטאַליסטישן פּוילן קיין צוקער און קיין מילך נישט פֿאַרזוכט.

און דער אַרטיקער עולם האָט געגלייבט.

די וואָס האָבן נישט געגלייבט האָבן זיך געצוווּנגען צו גלייבן, ווייל דערמיט, וואָס יענעם איז ערגער, איז זיי געוואָרן בעסער.

האָפּשטיינס מעשה מיט דער וואַש־מאַשין האָט תמיד געהאַט גרויס דער־פֿאָלג, אַפֿילו ביי אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן געוווּסט, אַז די דאָזיקע וואַש־מאַשין כאַראַקטעריזירט בשום אופֿן נישט די קאַפּיטאַליסטישע טעכניק.

ווען מיכאָעלס און פֿעפֿער זענען צוריקגעקומען פֿון אַמעריקע האָבן זיי דערציילט מוראדיקע מעשׂות וועגן דעם עלנטן, אָרעמען לעבן פֿון די דאָר־טיקע ייִדישע שרייבער.

פֿעפֿער האָט דערציילט, אַז לייוויק פֿאַרט אַרום איבער שטובן צוזאַמענ־נעמען שמוציקע וועש, וועלכע זיין פֿרוי וואַשט אין דער היים און דערפֿון מאַכט ער אַ לעבן.

מאַני לייב האָט, לויט אים, געאַרבעט אין אַ שאַפּ 16 שעה אין טאָג. אָפּאַטאָשו האָט געמסחרט מיט אַלטע ביכער.

סאָוועטיש־ייִדישע שרייבער האָבן געהערט די דאָזיקע מעשׂות און זיך געטרייסט...

זיי איז פֿאַרט נאָך בעסער געווען. זיי האָט די מלוכה באַזאָרגט מיט אַ שטיקל „פּאַיאָק״.

האָפּשטיינס וואַש־מאַשין איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון דער דאָזיקער איינריידעניש.

— ביי אונדז איז נישט אַלץ ווי צום בעסטן. מיט ייִדיש — אַוודאי נישט. אָבער ערגעץ אַנדערש איז נאָך ערגער.

עס זענען געווען צייטן ווען ייִדישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד האָבן דערין געגלייבט באמונה שלימה און דער־אַ גלויבן איז געווען פֿאַר זיי אַ מין באַרעכטיקונג פֿאַר דעם אייפֿערדיקן באַזינגען דיווירקלעכקייט אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, כאָטש די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז לגמרי נישט געווען אַזוי זינגעוודיק.

מיט אַנדערע ווערטער האָט עס געקענט הייסן: „מיר זענען נישט קיין

«ווירקלעכקייט־פעלשער», ווייל מען מוז און מען האָט מורא, נאָר דערפאַר ווייל מיר זענען איבערצייגט אַז קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ״.

— ערגעץ אַנדערש איז נאָך ערגער.

די מורא, פון איין זייט, און די פּראָפּאַגאַנדע, אַז „ערגעץ אַנדערש איז נאָך ערגער״ — דאָס זענען די צוויי פּיס, מיט וועלכע עס באַוועגט זיך דער סאָוועטישער לעבנס־סיסטעם.

עס איז שווער פאַר אַ מענטשן אָפּצולעבן אַ גאַנץ לעבן מיט דעם באַ־וווסטזיין, אַז ער שרייבט און זאָגט ליגן. וואָס זשע טוט ער? ער צווינגט זיך צו גלייבן, אַז ערגעצוו איז אין דעם שקר פאַראַן אַ פּינטעלע אמת.

סאָוועטישע שרייבער האָבן, אין זייער רוב, גוט געוווּסט, וועגן דעם ליגן אין וועלכן זיי לעבן, זיי האָבן זיך אָבער איינגערעדט, אַז דער ליגן איז נייטיק צוליב אַ גרעסערן אמת, זיי האָבן זיך געצווונגען צו גלייבן, אַז דאָס וואָס זיי ריידן און שרייבן טוען זיי דערפאַר, ווייל זיי אַליין זענען דערצו מסכּים און מסכּים זיין דערצו מוזן זיי, ווייל —

„ערגעץ אַנדערש איז נאָך ערגער״.

אין דעם דאָזיקן ליגן האָבן אַ סך ערלעכע פון זיי געגלייבט.

און דוד האָפשטיין — מער ווי אַלע אַנדערע.

מער פון אַלע אַנדערע, אָבער דאָך נישט תּמיד.

— 4 —

אַרום און אַרום איז דוד האָפשטיין געווען אַ גוטער מענטש.

פאַר זיין גוטסקייט האָט מען אים אויך ליב געהאַט.

און חוץ אַלעמען איז ער געווען אַ מענטש פון התפּעלות, אַ מענטש, וואָס האָט זיך לייכט געקענט אַוועקלאָזן אויף די פליגל פון באַגייסטערונג.

איך האָב אים אַ סך מאָל געזען אין אַזעלכע מאָמענטן און ער האָט דער־מאָנט געהאַט אַ פּנים פון אַ חסיד, וואָס איז גרייט נתפּעל צו ווערן פון זיין רבין... אַלצאיינס ווער דער רבי זאָל נישט זיין.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט מען דערקענט דעם פּאָעט אין אים און אויך... דאָס קינד אין אים.

ער האָט זיך אַנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע און האָט געשטראַלט ווי אַ זון.

שוין נאָכן רוף צו שרייבן רוסיש האָט ער געקענט אַריינפאַלן אין דער גרעסטער התלהבות צוליב אַ שורה, צוליב אַ נייעם אויסדרוק אין ייִדיש.

איינמאָל, געדענק איך, האָט די דיכטערין ר. אָפּגעדרוקט אַ ליד אין דער „איינִיקייט״, איז האָפשטיין זי געקומען זוכן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז קראַנק און ער איז צוואַלאָם אַוועק צו איר אַהיים.

איך בין אַקוראַט געקומען זי מבקר־חולה זיין, ווען האָפּשטיין איז אַריינגעפאַלן צו איר אין שטוב מיט אַ געשריי:

— ר. ר., ווו ביסטו? האָסט אָנגעשריבן אַ ליד... עס קומט דיר אַ קוש אין קאָפּ פאַרן ליד.

דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש אַ קליין רויט עפּעלע און עס איר געגעבן:

— נאַ דיר, ר., מיין אָרדן פאַרן ליד.

אַן עפּעלע אין 45סטן יאָר אין מאָסקווע איז פּאַקטיש געווען אַ האַל־בער אָרדן.

באַמערקט, אַז איך בין אויך דאָ, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון טאַש אַ צווייט רויט עפּעלע און עס מיר געגעבן:

— פאַרוואָס קומט מיר דער אָרדן, חבר האָפּשטיין? — האָב איך גע־פרעגט.

— עס קומט אייך, עס קומט אייך — האָט ער גיך געענטפערט — אייער באַשרייבונג פון אוגערס טויט גרוילט נאָך היינט מיין לייב.

די דיכטערין ר., וואָס האָט געהאַט, פאַרשטענדלעך, אַ סך מער פּראַק־טיק אין דער סאָוועטישערווירקלעכקייט פאַר מיר, האָט אָבער דאָס עפּעלע נישט אַזוי גיך געוואָלט צונעמען.

— איר האָט דאָך זיי געקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק, חבר האָפּשטיין? — האָט זי געפרעגט.

— נו, ווי דען, אַוודאי אויפן שוואַרצן מאַרק, אויפן „גרינעם באַזאַר".

— נו, אויב אַזוי, האָט איר דאָך זיי געקויפט נישט סתם אַזוי, נאָר צוליב עפּעס. טאָ פאַרוואָס־זשע גיט איר זיי אונדז אַוועק?

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיי געקויפט פאַר שפּרהן (שפרה כאַ־לאָדענקאָ — אַ שוועסטער פון האָפּשטייננען, אַ דיכטערין אין רוסלאַנד) אָבער, אַז דו האָסט אָנגעשריבן אַזאַ גוט ליד, ביסטו בילכער, און פאַר שפּרהן וועל איך מאָרגן קויפן אַנדערע.

באַלד טאַקע איז ער אַריין אין אַ שמועס וועגן ליטעראַטור און זיך אָנ־געזעגנט מיט זיין אייגנטימלעכער התפעלות.

אַז ער האָט זיך אָנגעזעגנט איז ער גרייט געווען צו זינגען שישו ושמחו.

זיין רויטלעך פּנים האָט געשוויצט און עס האָבן דערפון געקאַפּעט טראָפּנס גליק.

און אַפּנים, אַז צוליב דעם דאָזיקן האָפּשטיין האָט מען סובל געווען אַלע אַנדערע פּאַרוואַנדלונגען זיינע.

ער האָט אָבער פּונקט אַזוי גיך געקענט אַריינפאַלן אין יאוש און אין עצבות צוליב דער מינדסטער קלייניקייט.

איין זאַך מוז איך אָבער זאָגן: אין אַלע זיינע שטימונגען און פאַרוואַנדלונגען האָט איר געקענט מיט אים זיין זיכער. אַפילו ווען ער איז געוואָרן סאָוועטיש־פרום איז ער דאָס געוואָרן נאָר פאַר זיך. ער האָט אייך געקענט ווערן איבערצייגן, אַז איר דאַרפט אויך אַזוי זיין, נאָר טאָמער האָט איר זיך געעקשנט, האָט איר געקענט זיכער זיין, אַז מצד אים דראָעט אייך נישט קיין שום געפאַר.

ער וועט נישט דערציילן ווו מען דאַרף.

ער וועט נישט ווערן כשר אויף אייער חשבון.

איינמאָל האָבן מיר זיך געטראָפן אין ליטפאָנד.

נאָר לאָמיר אייך קודם־כל זאָגן, וואָס איז דאָס אַזוינס „ליטפאָנד".

די סאָוועטישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געטיילט אויף צוויי אָפּטיילונגען: אויף דעם „פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער" און אויף דעם „ליטעראַטורני פאָנד".

די ערשטע אָפּטיילונג האָט זיך פאַרנומען מיט דעם שרייבערס נשמה. די צווייטע — מיט דער שרייבערס חומר.

די ערשטע איז געווען תורה. די צווייטע — קמח.

איינגעשטאַנען זענען ביידע אָפּטיילונגען אין צוויי באַזונדערע הייזער, אַפילו אויף צוויי באַזונדערע גאַסן. דער „פאַרבאַנד" — אויף וואָראָווסקי־גאַס, דער ליטפאָנד — אויף טווערסקאָי בולוואַר.

פון דעסטוועגן האָט מען דווקא אין דער צווייטער אָפּטיילונג, אין „ליט־פאָנד", געקענט דערשפירן, ווי עס האַלט דער מצב פון אַ שרייבער אין דער ערשטער אָפּטיילונג, אין „פאַרבאַנד".

אויב די אַקציעס פון שרייבער אין „פאַרבאַנד" זענען געוואַקסן, האָט ער אין „ליטפאָנד" זוכה געווען צו שניידן די ריווח־קופּאָנעס.

די ריווח־קופּאָנעס זענען געווען: אַן אָרדער אויף אַ פּאָר שיך, אַ גוטן בילעט אין טעאַטער אַריין, אַ צוגאָב־צעטל צום שפּייז־פּאַיאָק אד"גל.

מלחמה־צייט, און נישט נאָר מלחמה־צייט, איז אין רוסלאַנד אַלץ גע־ווען ראַציאָנירט און רעגולירט לויט אַ פּריִערדיקער צוטיילונג.

אַפילו אַבאָנירן אַ צייטונג האָט מען אַנדערש נישט געקענט ווי נאָר לויט אַ פּריִערדיקער צוטיילונג, לויט אַן אָרדער.

פלעגט טאָקע אַ שרייבער זיך אָפּט דערוויסן וועגן זיין מערכה אין די

אויגן פון דער נאַטשאַלסטווע, נישט פון קיין קריטיק און רעצענזיעס, נאָר פון די אָרדערן, וואָס ער האָט באַקומען אין ליטפאַנד.

אויב מען האָט אים היי־יאָר נישט געגעבן די צוטיילונג צו אָבאָנירן די „פּראַוודאַ״ איז דאָס געווען אַ שלעכטער סימן וועגן זיינע ליטעראַרישע פאַרדינסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלעמאָל איז דאָס יאָ באַקומען צוטיילונגען געווען אַ גוטער סימן. אַ סך האָבן באַקומען פון אַלדאָס גוטס נישט פאַר קיין ליטעראַרישע זכותים, נאָר פון גוטברודערשאַפט מיט דער ליטפאַנד־נאַטשאַלסטווע.

אויף די שלעכטע סימנים האָט מען אָבער געקענט בויען ווי אויף אַ בעטאָנענעם פונדאַמענט.

וואָרום דער שרייבער וואָס האָט אין געגעבענעם מאָמענט געהאַט, ווי מען זאָגט אין צפון־אַמעריקע, אַ גוטן רעקאָרד, וואָלט די נאַטשאַלסטווע פון ליטפאַנד נישט דערוועגט זיך צו באַעוולען.

געדענק איך, אַז איינמאָל בין איך געווען אין דעם דאָזיקן ליטפאַנד, כדי אָפּצונעמען מיינע ברויטקאַרטלעך און האָב דאָרט געטראָפן דוד האָפּשטיינען טענהן מיט אריה דאַווידאָוויטשן.

אריה דאַווידאָוויטש, אַ רוסיפיצירטער ייִד, מיט אַ קאַליניןׄ (קאַזע) בערדל, איז געווען דער געהילף־דירעקטאָר פון ליטפאַנד. ער וואָלט געוויס שוין לאַנג פאַרביטן זיין העברעיִשן נאָמען „אריה״ אויף דעם רוסישן „לעוו״, אָבער לעוו דאַווידאָוויטש איז געווען דער נאָמען פון איינעם אַ ייִד, וואָס איז אין רוסלאַנד געווען שטאַרק טריף און איז באַטראַכט געוואָרן ווי דער אבי אבות הקאָנטררעוואָלוציע. דעריבער איז שוין דער געהילף־דירעקטאָר פון ליטפאַנד געבליבן ביי דעם נאָמען פון זיין זיידן: אריה.

האָפּשטיין האָט פון אָט דעם אריה דאַווידאָוויטשן געוואָלט אַן אָרדער אויף אַ פּאָר קאַלאָשן.

די קאַלאָשן האָט ער באַדאַרפט פאַר זיינע פיס, וואָס זענען אין מאָסקווער פראָסט נישט באַשיצט געווען פון קעלט.

אָבער, אַז אריה דאַווידאָוויטש האָט אים דעם אָרדער נישט געגעבן, איז דאָס געווען אַן אָנזאָג, אַז די פיס וועלן ליידן צוליב דעם, וואָס דער קאָפּ איז שולדיק.

און דוד האָפּשטיין האָט אַזוי געוואָלט אויסבעטן ביים ליטפאַנד אַ צייכן, אַז מיט זיין קאָפּ איז אַלץ אין אָרדענונג.

דאָס נישט קריגן קיין באַשיצונג פאַר די פיס האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז זיין גאַנץ לעבן איז ערגעצוו נישט זיכער.

דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, זייער דערשלאָגן.

אין רוסלאַנד האָט מען פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די דאָזיקע סימנים און מען איז אויף זיי געווען באַזונדער פּילבאַר.

אַז מען האָט אין ליטפאָנד געקריגן צוגעטיילט אַ טערמאָמעטער, האָט מען געוווּסט, אַז ערגעצווו איז נאָך דיין פּאָזיציע געזונט.

אַז מען האָט דיר אָבער אָפּגעזאָגט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, האָסטו דער־פילט, אַז דו ביסט אינגאַנצן נאַקעט.

דוד האָפשטיין האָט דעמאָלט קיין קאַלאָשן נישט געקריגן און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט דעם דערשלאָגענעם געמיט פון איינעם, וואָס האָט באַ־קומען אַ צייכן, אַז ער דאַרף מפשפש זיין במעשיו.

מיר זענען אַראָפּ פון ליטפאָנד צוזאַמען.

אַ שטיקל צייט זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. דערנאָך האָט ער גע־פּרוווט אַרויפצי:ען אויף זיינע ליפּן אַ קאַלטן, וואַקסענעם שמייכל.

— מאָסקוואַ סליאָזאַם ניע וויערית, דאַ גאַלאָשי ניע דאַיאָט (מאָסקווע גלייבט נישט קיין טרערן און גיט נישט קיין קאַלאָשן).

די ערשטע העלפט איז אַ באַקאַנט רוסיש פאָלקס־ווערטל. די צווייטע העלפט האָט האָפשטיין אַליין צוגעגעבן, כדי צו כאַראַקטעריזירן זיין סי־טואַציע.

איך האָב דערביי געפילט, אַז ער וויל זיך אַליין איינשמועסן, אַז דאָס, וואָס ער האָט נישט באַקומען קיין אָרדער איז נישט קיין סימן פון זיין מערכה, נאָר ס׳איז דערפאַר וואָס ער, האָפשטיין, איז אַ קי:עווער און דאָ איז דער ליטפאָנד אַ מאָסקווער.

ס׳איז געווען אַ קנאָפּע טרייסט.

ווען מיר זענען מיט דעם טווערסקאָי בולוואַר צוגעקומען צו די „ני־קיטסקע טויערן", האָב איך זיך אָפּגערופן:

— חבר האָפשטיין, איר האָט וועגן דער מאָסקווע, וואָס גלייבט נישט קיין טרערן, אָנגעשריבן אַ התפּעלותדיק ליד.

ער האָט זיך ראַש אָפּגעשטעלט און מיט טראַציקייט געזאָגט:

— יאָ, איך האָב פון דעסטוועגן אָנגעשריבן וועגן מאָסקווע אַ התפּעלות־דיק ליד... פון דעסטוועגן... איך האָב מאָסקווע ליב און איר... איר דאַרפט זי אויך ליב האָבן.

— געוויס — האָב איך געענטפערט — אַלע האָבן ליב מאָסקווע. יע־דער אויף זיין שטייגער. טיילמאָל דאַכט זיך מיר נאָר, אַז ס׳איז אַן איינזיי־טיקע ליבע.

האָפשטיין האָט זיך צעהיצט:

— רעדט נישט, חבר, רעדט נישט. מען דאַרף אַזוי נישט ריידן. איר ווייסט נאָך נישט וואָס מאָסקווע איז. מאָסקווע איז דער קאָפּ און דאָס האַרץ פון דער רעוואָלוציע. פון אָקטיאַבער... צי ווייסט איר ווי מיר וואָלטן אויס־געזען אָן אָקטיאַבער?

איך האָב שוין נישט געענטפערט און בעת מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך זיך אַליין געשאָלטן פאַר מיין אומפאַרזיכטיקייט. דער נאַר האָט מיך אַ שטופּ געטאָן צו זאָגן דאָס, וואָס מען דאַרף נישט. מער פעלט מיר נישט נאָר האָפשטיין זאָל, חלילה, לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן דעם וואָס מיר האָבן גע־רעדט.

עס זענען אָבער אַוועק טעג און האָפשטיין האָט אין ערגעץ נישט גע־לאָזט פאַלן קיין וואָרט וועגן מיין אפיקורסות. פאַרקערט, איינמאָל ווען איך האָב אים אויסגעמיטן ביים אַריינגיין אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט ער מיך אַליין אָפּגעשטעלט, מיך גענומען אונטערן אָרעם און געבעטן כ׳זאָל אים אונטערפירן אַ שטיקל וועג.

כ׳האָב זיך געריכט אויף אַן אמתער פאַרציע מוסר.

האָפשטיין איז מיט גיכע, דריבנע טריט אַוועק פאָרויס און מיך כמעט נאָכגעשלעפּט. פלוצים האָט ער זיך אָפּגערופן:

— דער נסתר האָט מיר דערציילט וועגן אייך און אייערע חברים. ער האָט מיר דערציילט וועגן אייך אַלעמען. איך ווייס וואָס איר טראַכט וועגן אונדז.

— מיר טראַכטן וועגן אייך חלילה נישט קיין שלעכטס, חבר האָפשטיין

— האָב איך געזאָגט און דאָס איז געווען אמת.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס. איר מעגט וועגן אונדז טראַכטן וואָס איר ווילט. איך אויף אייער אָרט וואָלט אפשר אויך געהאַט אַזעלכע מחשבות. די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט איר צוריקפאָרן דאָרט פון וואַנען איר זייט געקומען. אפשר נאָך ווייטער. מיר זענען שוין אויף אייביק היגע. אויף אַ גאַנץ לעבן היגע. איר פאַרשטייט דעם חילוק? געדענקט: אל תדין את חברך...

איך האָב אים איבערגעריסן:

— חבר האָפשטיין, נישט איך, נישט עמעצער פון מיינע חברים האָט בדעה וועמען עס איז דן צו זיין. מיר זענען אויך נישט קיין צדיקים. מיר האָבן אויך געטאָן פאַרשיידנס כדי צו לעבן... כדי דורכצולעבן...

— איז געדענקט־זשע — האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט — טאָמער צעשיידן מיר זיך — דערמאָנט נישט צום שלעכטן. קיינער ווייסט נישט מיט וואָס מיר זענען געפּרוווט געוואָרן. ס׳איז נאָך אַ וווּנדער, אַ גרוי־סער חידוש ווי מיר האָבן דעם צלם אלוקים כאָטש וויפל ס׳איז דערהיטן.

אויסנוצנדיק זיין באַרעדעוודיקייט, האָב איך זיך דערוועגט אַ פרעג צו טאָן:

— פון דעסטוועגן, חבר האַפּשטיין, דערקלערט מיר אייער התפּעלות פאַר דער שטאַט, וואָס גלייבט נישט קיין טרערן. איר זייט דאָך אַ קיִעווער?

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרעקשנט געקוקט צו זיינע שיך.

— זעט אויס, אַז מען האָט אייך דאָ ווייניק געלערנט פּאָליט־גראַמאַטע. נו, אָבער פּרקי אבות האָט איר דאָך יאָ געלערנט? געדענקט איר וואָס סע שטייט געשריבן וועגן אַן עבירה? עבירה גוררת עבירה. און צוריקגעשמועסט: וואָס איז דער חילוק, מאָסקווע צי קיִעוו? און אין קיִעוו האָט דען יעקב אבינו יאָ געגעכטיקט?

ער האָט אַ היפּשע ווײַלע שטיל געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווייטער גע־זאָגט:

— גוט איז געווען יענע פּאָעטן נאָכן חורבן בית ראשון, וואָס האָבן אין דער פרעמד געהאַט כוח אויפצוהענגען זייערע פידלען אויף די ווערבעס און אינגאַנצן נישט צו זינגען. אָבער אַז מען האָט די פידלען אויף קיין ווערבעס נישט אויפגעהאָנגען און מען האָט שוין יאָ געזונגען, האָט מען שוין געמוזט זינגען אי וועגן קיִעוו, אי וועגן מאָסקווע.

עס האָט מיר אַזש פאַרפעלט אָטעם פון זיינע רייד. ער האָט אָבער ווײַ־טער געטראַכט אויף אַ קול:

— כ׳האָב שוין אַ סך מאָל געקלערט, אַז יענע פּאָעטן האָבן אויפגעע־הערט צו זינגען אין דער פרעמד, דערפאַר ווייל זיי האָבן ברוח נבואה אייננ־געזען, אַז ייִדיש געזאַנג אין גלות מוז זיך ענדיקן מיט מה יפית פאַרן פּריץ.

— די געשיכטע פון ייִדישן לעבן און ייִדישן שאַפן אין גלות לייקנט אָפּ אייער מיינונג, חבר האַפּשטיין — האָב איך אַן אויפגערעגטער דער־ווידערט.

— יאָ, איר זייט גערעכט. ס׳איז אָבער געווענדט וועגן וואָס פאַר אַ גלות מען רעדט. איר ווייסט דאָך וואָס אַ גוטער ייִד האָט אַמאָל געזאָגט: דער ערגסטער גלות פאַר ייִדן איז דער, אין וועלכן זיי פילן נישט אַז זיי זענען אין גלות... מיר דאָ, אונדזערע ייִדן דאָ האָבן אַ לאַנגע צייט געמיינט, אַז זיי זענען מער נישט אין גלות...

אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם דאָזיקן שמועס, האָב איך געלייענט האַפּ־שטיינס אַ ליד אין דער „אייניקייט". אין דעם ליד האָט ער מיט הויך־קלינ־גענדיקע ווערטער באַזונגען דעם פּראָיעקטירטן „פּאַלאַץ פון די סאָוועטן". (דעם דאָזיקן פּאַלאַץ האָט מען נאָך ביז היינט נישט אויפגעשטעלט, אָבער אַ מיניאַטור־מאָדעל פון זיין לעתיד לבוא האָט מען שוין דעמאָלט געקענט

זען אויף אַלע פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַטן). האָפשטיין האָט אין דעם ליד גע־שאַלט אויף די העכסטע טענער וועגן דעם צוקונפטס־הויז, וואָס וועט גרייכן צו די וואָלקנס און סטאַלינס הענט וועלן פון זיין דאַך איבערמישן די שטערן. דער פּאַלאַץ, ווו עס האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן דער סאָוועטן־פּאַלאַץ האָט זיך געפונען איינגאַנצן דריי שפּאַן פון דעם אָרט, ווו מיר האָבן שפּאַ־צירט און ווו ער האָט גערעדט וועגן דעם כוח פון די יידישע פּאָעטן נאָכן חורבן בית ראשון.

— 5 —

האָפשטיין האָט נישט געוווינט אין מאָסקווע. ער האָט געוווינט אין קיעוו. ער פלעגט אָבער זייער אָפט קומען קיין מאָסקווע און דאָ בלייבן גאַנ־צע חדשים.

אין מאָסקווע האָט זיך דעמאָלט געפונען דער קליינער איינגעשרומפּע־נער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

מחוץ מאָסקווע איז אין ערגעץ נישט געווען קיין סימן פון אַ יידיש־לי־טעראַריש לעבן.

אַלע באַמיונגען, נאָך דער רעעוואַקואַציע, צוריק אויפצושטעלן אַ יידיש לעבן אין קיעוו, כאַרקאָוו, מינסק, ווילנע, צי אַפילו טשערנאָוויץ, האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

יידישע שרייבער, וואָס זענען צוריקגעקומען פון אַלע עקן לאַנד אין זייערע היימשטעט האָבן געמיינט, אַז ס'וועט זיך איינשטעלן אַ לעבן ווי פריער.

מען האָט מנצח געווען דעם יידישן שונא — טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט צוריקגעבן יידן כאָטש דאָס ביסל רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַט איידער דער שונא איז זיי באַפאַלן?

פאַר דער מלחמה זענען געווען יידישע צייטונגען אין מינסק, קיעוו, ווילנע און אין ביאַליסטאָק.

יידישע זשורנאַלן זענען דערשינען אין אַ סך שטעט.

האָבן יידישע שרייבער געמיינט, אַז נאָך דער מלחמה וועט ווידער זיין כשנים קדמוניות.

ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען.

מען האָט אין ערגעץ נישט דערלויבט צו באַנייען קיין יידישע אויס־גאַבעס.

תירוצים זענען געווען פאַרשיידענע:

1) די יידישע באַפעלקערונג איז אויסגעראָטן געוואָרן דורך די נאַציס.

די וואָס האָבן זיך באַוויזן צו עוואַקויִרן זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. (מען האָט זיי אגב געמאַכט גרויסע שוועריקייטן ביים צוריקקומען. נאָר דאָס גע־הערט נישט צו אונדזער ענין). עס פעלט דעריבער די מאַסן־באַזע פון יידי־שע לייענער פאַר אַ וואָסער עס איז יידישע אויסגאַבע.

2) די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויף די אָקופּירטע געביטן איבער־געלאָזט אַן אויפוווּקס פון אַנטיסעמיטיזם און די סאָוועטישע מאַכט מוז זיך רעכענען מיט די אַנטיסעמיטישע שטימונגען ביים צוריק פאַרפעסטיקן זיך און ביים אָפּבויען די שאָדנס, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען. במילא איז נישט טאַקטיש צו רייצן די געפילן פון דער באַפעלקערונג מיט אַ יידיש לעבן און אַ יידישער קולטור־טעטיקייט.

3) אַזוי ווי היטלער האָט שוין סיי־ווי אויסגעראָטן די מאַסן־באַזע פון יידישן לעבן אין די אָקופּירטע געביטן, האָט נישט קיין שום זין צו סטי־מולירן אויפסניי אַ יידישע נאַציאָנאַליטעטן־גרופּע מיט אַ באַזונדערער יידי־שער קולטור און שפּראַך. עס איז בעסער, אַז די פאַרבליבענע יידן זאָלן זיך אַסימילירן. איבעריקנס, האָט מען צוגעגעבן, איז אַסימילאַציע סיי־ווי דער וועג אויף וועלכן עס גייט די יידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי דאָס איז דערוויזן געוואָרן נאָך אין די פאַר־מלחמה־יאָרן.

די אַלע תירוצים האָט מען געגעבן, האַלב אָפיציעל, די יידישע טוער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, ווען זיי האָבן אַמאָל אַ שמועס געטאָן מיט אַן אָפיציעלער פערזענלעכקייט וועגן באַנייען די יידישע ליטעראַטור־ און קול־טור־טעטיקייט אויף די געביטן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון אָקופּאַנט.

יידישע שרייבער האָבן די דאָזיקע תירוצים געמוזט אָננעמען פאַר גוט געלט.

דריי פערטל פון די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן דעריבער זיך קאָנצענטרירט אין מאָסקווע, ווו עס איז דערשינען די „אייניקייט" און ווו דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט צוליב פּראָפּאַגאַנדע פאַר אויסלאַנד געקויפט ביי יידישע שרייבער זייערע שאַפונגען און זיי געשיקט אין די אויס־לענדישע יידישע צייטונגען.

וווינען אין מאָסקווע איז אָבער געווען נישט פון די לייכטע זאַכן.

אין יעדער שטאָט פון רוסלאַנד עקזיסטירט דאָס פּראָבלעם פון „פּראָ־פּיסקאַ" — פון איינגעמאָלדן ווערן אין די שטאָטישע ביכער ווי אַן איינ־וווינער.

די דאָזיקע דערלויבעניש זיך איינצומעלדן אין די שטאָטישע ביכער באַ־קומט מען גאָרנישט לייכט. אין מאָסקווע — אַוודאי נישט.

יידישע שרייבער אין מאָסקווע, חוץ די וועלכע האָבן דאָרט געהאַט זייע־

רע דירות פון פאַר דער מלחמה, האָבן דעריבער אין שטאָט געוווינט צייט־ווייליק און אונטער פאַרשיידענע, אָפטמאָל גראָטעסק־קאָמישע אויסריידן. יעדע דריי חדשים האָבן זיי געמוזט גיין נאָך אַ פאַרלענגערונג פון דער דער־לויבעניש דאָרט צו בלייבן.

יעדע דריי חדשים איז מען געשטאַנען פאַר דער סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן פון שטאָט.

חוץ דעם האָבן זיי געוווינט אין זייער שלעכטע דירות, אָפטמאָל אין דירות וועלכע האָבן זיך געפונען צענדליקער קילאָמעטערס הינטער מאָסקווע, אין פאַרשטעטלעך און אין דאַטשע־ערטער.

דאָס שלעפּן זיך מיט די פול־געפּאַקטע באַנען יעדן טאָג קיין מאָסקווע האָט ביי אַ סך פון זיי צוגענומען די לעצטע כוחות.

האָבן טאַקע אַ סך מוותר געווען אויף דעם געפינען זיך אין אַ שטיקל ייִדישער סביבה און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע פריִערדיקע וווינ־ערטער, הגם ווי ייִדישע שרייבער האָבן זיי דאָרט נישט געהאַט וואָס צו טאָן.

אַזוי האָט איציק קיפּניס, חנה לעווין, נאָטע לוריע, פּאָליאַנקער, ריווע באַלאָסני, אברהם קאַגאַן, אַשעראָוויטש, לאַצמאַן, יאַסאַדע, קאַמענעצקי, איי־זיק פּלאָטנער, נפתלי הערץ קאָן, בלאָשטיין, פּינטשעווסקי (שפּעטער), יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, יאַקיר, כאַראַץ און נאָך אַנדערע, זיך באַזעצט אין קיִעוו, כאַרקאָוו, טשערנאָוויץ, קעשעניעוו, ווילנע און אַנדערע שטעט.

אויך דוד האַפּשטיין האָט זיך צוליב דעם זעלביקן טעם באַזעצט אין קיִעוו.

די דאָזיקע שרייבער זענען אָבער אָפט געקומען קיין מאָסקווע זיך „אָנ־וואַרעמען“.

און אָפטער פון אַלע איז קיין מאָסקווע געקומען דוד האַפּשטיין.

ער האָט דאָ, אין מאָסקווע, געהאַט אַ ברודער און אַ שוועסטער און זיי פלעגן זיך באַמיִען, אַז ער זאָל אָפט באַקומען אַן אַרויסרוף פון אַן אינסטי־טוציע. אויף דעם סמך האָט ער פון אוקראַיִנישן שרייבער־פאַריין באַקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע. (כדי צו פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער האָט מען, אין מיין צייט, געדאַרפט האָבן אַ קאָמאַנדירונג פון אַן אָפיציעלער אינסטיטוציע. כדי אָבער צו קריגן אַ קאָמאַנדירונג האָט מען געדאַרפט דער־ווייזן, אַז מען רופט דיך אַרויס וועגן אַן ענין אין דער שטאָט, ווו דו האָסט געוואָלט פאָרן).

פלעגט האַפּשטיין קומען קיין מאָסקווע זייער אָפט. דאָ פלעגט ער אָפּ־זיצן אַ פּאָר חדשים און שפּעטער צוריקפאָרן קיין קיִעוו.

פלעגט אים מאָסקווע נמאס ווערן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו מיט

דער פאַרזיכערונג, אַז מער קומט ער נישט צוריק. ער פאָרט אַהיים און ווערט אַן אוקראַיִנישער שרייבער.

אָבער אַפּנים אַז צווישן די אוקראַיִנישע שרייבער פלעגט ער צוריק ווערן אַ ייִדישער שרייבער.

און דעמאָלט האָט מען אים ווידער דערזען אין מאָסקווע.

אין מיין אָנוועזנהייט האָט אים בערגעלסאָן אַמאָל געזאָגט:

— דוד, וויפל איז דער שיער צו ויסעו ויחנו׳ווען? בלייב אין מאָסקווע. אַזויפיל קוועטשן זיך דאָ, וועסטו זיך אויך אַריינקוועטשן.

דערויף האָט אים האָפשטיין צוריק געענטפערט:

— דער פּאָליאַק זאָגט: ווּשענדזשע דאָבזשע גדזשע נאַס ניעמאַ (ס׳איז גוט דאָרט ווו מיר זענען נישטאָ) און מיר איז דאָפּלט גוט. איין מאָל בין איך נישטאָ אין קיִעוו און אַ צווייט מאָל בין איך נישטאָ אין מאָסקווע.

ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע האָבן שוין געוווּסט פון זיינע גילגולים און זיי האָבן זיך באַמיט, אַז דאָס זיין אין מאָסקווע זאָל אים ווייל באַקומען.

יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען, האָט מען פאַר אים איינגעאָרדנט עפּעס אַן „אָוונט״.

איינמאָל איז עס געווען: „אַ שעפערישער אָוונט״, אַ צווייט מאָל, אַ דיס־קוסיע וועגן זיינע נייע שאַפונגען, אַ דריט מאָל, אַ גרוס פון דער נייער אוק־ראַיִנישער ליטעראַטור, אַ פערט מאָל — עפּעס אַנדערש.

אַלע „אָוונטן״ האָבן אָבער געהאַט איין ציל: געבן אים די מעגלעכקייט געהערט צו ווערן און צו דערפילן אַביסל וואַרעמקייט, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק אויסגעפעלט.

האָפשטיין איז געווען אַ פּראָדוקטיווער שרייבער און יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע האָט ער מיטגעבראַכט אַ בינטל נייע לידער, וועלכע ער האָט געלייענט, סיי פאַר אַן עולם, סיי פאַר יעדן שרייבער באַזונדער.

ביחידות האָבן אָבער שרייבער נישט געהאַט קיין גרויס חשק אויסצו־הערן זיינע לידער.

מען האָט אים טאַקע ליב געהאַט און מען האָט געהאַט פאַר אים דרך־ארץ, אָבער מען האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס האָט מען דרך־ארץ נישט פאַר די היינטיקע לידער פון דוד האָפשטיין, נאָר פאַר די אַמאָליקע.

דוד האָפשטיינען האָט מען געהאַלטן פאַר אַ פּאָעט, וואָס האָט שוין זיין ליד אָפּגעזונגען.

דער פּאָעט פון „אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער״ האָט איצט געשריבן לידער, וואָס זענען געווען שטרויענע רעטאָריק און פּלאַם־פלעצלדיקע סאָוועטישע פּאַטריאָטיק.

זײַן פּאָעטישע ירידה האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ סך יאָרן צוריק. די דיריגירטע ליטעראַטור האָט אים דעם ערשטן דערקוועטשט.

זײַן סטיכיע איז אַמאָל געװען די פֿאַרנעפּלטע אימפּרעסיע װאָס האָט דאָך אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט שטימונגען און געפֿילן; די עטװאָס אומקלאָרע רייד װאָס האָבן אַזוי זינגענדיק באַהערשט דאָס געמיט; דער אינטעלעקטועלער אויפֿבליץ פֿון אַ לאָגיש־אומלאָגישן געדאַנק, װאָס האָט פֿאַרכישופֿט מיט אַזויפֿיל נײַער בילד־ און װאָרט־שײַנקייט.

איצט איז פֿון דעם אַלעם געבליבן נישט מער װי אַ הויפֿן פֿאַרפּלאָנטערטע רייד, אַ צוזאַמענגעלויף פֿון הויכע פּאַרטיקע פֿראַזן און אָן אַ שיעור כּלומרשטע געדאַנקען און שפּרוכן, װאָס האָבן קיינעם נישט אָנגערעגט אַפֿילו זיך צו פֿאַרטראַכטן.

זײַן אַמאָליקן נאָמען, זײַנע אַמאָליקע דערגרייכונגען און פֿאַרדינסטן האָט אָבער קיינער נישט פֿאַרגעסן.

װען מען האָט גערעדט װעגן האָפּשטײנען האָט יעדערער געזאָגט:

— מיט איין ליד קען אַ פּאָעט אַרײַנגיין אין גן־עדן פֿון דער ליטעראַטור־אייביקייט און האָפּשטײן האָט אָנגעשריבן מער װי איין ליד פֿאַר װעלכן עס קומט אים אין גן־עדן אַ גאָלדענע שטול.

װיפֿל מאָל איך האָב גערעדט מיט שרײַבער װעגן האָפּשטײנען האָט עמעצער פֿון זיי באַלד דעקלאַמירט פֿון אויסנװייניק:

„אַװעק דער שבת שוין...
אויף װײַסע שנייען
אַ גרויסער עמעצער
שיט גראָװן אַש...
אין קליינעם קלײטעלע
שוין װאַרטן צװייען:
אַ טונקל מיידעלע,
אַ שװאַרצע פֿלאַש.

די בײַטש איז אויסגערוט,
דאָרט צװישן אויװן
איז זי מיט פֿינצטערניש
געדיכט פֿאַרשטעקט.
אַ נעפּל־טישטוכל
האָט דאָרטן אויבן
דאָס לעצטע קױליטשל
שוין שטיל פֿאַרדעקט...

דער טאַטע האָט אָפּגעריכט
די דריטע סעודה,
און ווערט מיט טונקלקייט
מיט טיש פאַרוועבט,
און צווישן שוועסטערלעך
און שאָטנס מידע
אַ מורמל־פּעדימל
זיך וועבט און וועבט.

די מאַמע זוכט אין שויב
אַ ווייטן שטערן,
און נישט געפונען אים
און זיצט פאַרטראַכט...
איך זינק אין אומעטקייט
און וויל נישט קלערן,
און ס'וואַרט די קו אויף מיר,
אויף היי, אויף נאַכט."

און אַן אַנדערער האָט דעקלאַמירט מיט נאָך גרעסערער התלהבות:

„אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער,
ווו קען מען זיין עלנדער, ווו קען מען זיין עלנדער?

אַ פערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּענדער שליטן,
אַ שליאַך אַ פאַרשנייטער — און איך בין אין מיטן.

פון הינטן, אין איינציקן ווינקל אין בלאָסן,
נאָך לעשן זיך טרויעריק טליִענדע פאַסן.

פון פאָרנט פאַרשפּרייט זיך אַ מדבר אַ ווייסער,
און ווייט דאָרט צעזייט איז אַ צענדליקל הייזער —
דאָרט דרימלט אַ כוטער, פאַרזונקען אין שנייען...

צום יידישן הייזל פיל סטעזשקעלעך גייען.
אַ הייזל ווי אַלע, נאָר גרעסער די פענצטער,
און צווישן די קינדער דאָרט בין איך דער עלטסטער.

און ענג איז מיין וועלטל, און קליין איז מיין רעדל,
אין צוויי וואָכן — איין מאָל פון כוטער אין שטעטל,

און בענקען און שווייגן פון פעלדער פון ברייטע,
פון וועגן און וועגלעך פאַרשנייטע, פאַרווייטע...

און טראָגן אין האַרצן פאַרבאָרגענע ווייען
פון זוימען וואָס וואַרטן און וואַרטן אויף זייען...

אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער!
ווו קען מען זיין עלנדער, ווו קען מען זיין עלנדער?״

ס׳איז דערביי אפשר אויך כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז וויפל מאָל איך האָב גערעדט מיט דעם דיכטער ש. וועגן זיין אייגענער פּאָעזיע האָט ער מיר תמיד געזאָגט, אַז די גרעסטע השפעה האָט אויף אים געהאַט האָפּשטיינס ליד „אַן עפּל״, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געווען ממש אַ רעוואָלוציע אין דער ייִדישער דיכטונג פון יענע יאָרן נאָך איידער די „יונגע״ אין אַמעריקע האָבן די דאָזיקע מאָטיוון און דעם דאָזיקן אופן שרייבן אַריינגעבראַכט אין דער ייִדישער ליריק. ש. פלעגט דערביי זיך נישט קענען אָפּהאַלטן יעדעס מאָל מיט זיין שיין מעלאָדיש קול אויסצוזינגען די ווייטערדיקע פערזן:

דו ריינער לאָגל פול מיט וויין, מיט שנייַיק האַרטן,
ווי דורכזיכטיק, ווי דופטיק איז דיין דינינק הייטל,
ווי מילד פאַרזיגלט ביסט מיט שטעמפּעלעך מיט צאַרטע
פון ביידע זייטן!

וואָס זאָל איך טאָן? די ציין, דער גומען וואַרטן,
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אַזאַ גרוס אַ העלן אַ געגאַרטן
פון פרילינגס־פריידן!

אַ ווייטער גרוס פון ווייטע בליטן,
פון ערדן־רויך מיט זונען־שטראַלן,
נאָר אָט די ציין — זיי וואַרטן, היטן...
אַ ביס — פאַרפאַלן...

און דער וואָס האָט געקענט ש־ס לידער, דעם איז אפשר טאַקע נישט שווער געווען אין זיי אָפּצוזוכן דעם איינפלוס פון האָפּשטיינס ציטירטן ליד אויף זיין שאַפן.

ווען מען גיט דערביי אַ טראַכט, אַז דער זעלביקער האָפּשטיין פון די ציטירטע לידער האָט אין די לעצטע יאָרן געזונגען:

„שיין און שיין איז אונדזער וועלט,
ווען עס צייטיקט זיך דאָס פעלד.

חען פון זעט דער גרויסער רייץ
גייט פון קאָרן און פון ווייץ,

ווען פון ברוסט אַ הילך זיך בעט:
„לאַנד פון אַרבעט און פון זעט״.

נאָך אַ הילך זיך בעט דערביי —
לאַנד מיינס, לאַנד מיינס, דו ביסט גיי!

רייך מיט ווערדע און מיט מוט
און מיט ברויז פון רויטן בלוט!

פון מיליאָנען דיינע זין
בין איך איינער, איינער כ׳בין.

מיינע קינדער וואַקסן פריי,
מיינע קינדער ליבן טריי

דיך מיין לאַנד, מיין לאַנד מיין גרויס
און דיין רויטן, רויטן ברויז!״

ווערט שוין קלאָר פאַרוואָס יידישע דיכטער אין רוסלאַנד האָבן אויסגעמיטן צו הערן זיינע לידער פּנים אל פּנים און פאַרוואָס ס׳איז זיי אַזוי גישט ניחא געוועזן צו זאָגן אים אַ מיינונג דירעקט אין די אויגן אַריין.

ערגעצווו האָט ער געוווסט די מחשבות פון די יידישע שרייבער וועגן אים און, פאַרשטענדלעך, דערפון שטאַרק געליטן. דער גאַנצער כבוד און דרך־ארץ וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן איז אים צוליב דעם נישט איינגעגאַנ־גען, ווייל ער האָט געפילט, אַז די באַציִונג צו אים קומט נישט פון די היינ־טיקע שאַפונגען, נאָר פאַר זיינע, ווי ער האָט זיך גאַליק אויסגעדריקט, „היס־טאָרישע פאַרדינסטן״.

ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן דעם און באַשולדיקט זיינע נאָענטסטע חברים אין אַ שפּיל פון „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע״.

און זיינע חברים, ייִדישע, און נישט נאָר ייִדישע, שרייבער אין מאָס־קווע האָבן טאַקע געפירט אַ „דאָפּלטע בוכהאַלטעריע״ .

עפנטלעך האָט מען געלויבט די לידער און בכלל די שאַפונגען, וואָס זענען געווען אין הסכם מיט דער אָפיציעלער ליטעראַטור־ליניע.

אַזעלכע שאַפונגען האָט מען געדרוקט אין צייטונג, אין ביכער און אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד.

צווישן זיך אָבער האָט מען דעם טאַלאַנט און די גרויסקייט פון שרייבער געמאָסטן מיט אַן אַנדער מאָס, מיט דער מאָס פון זיין קענען אַרומגיין די אָפיציעלע ליניע.

ווען איר האָט געוואָלט קריגן די הסכמה פון אַ מאָסקווער ייִדישן שרייבער האָט איר אים נישט געטאָרט לייענען קיין ליד וועגן דער רויטער אַרמיי, וועגן סטאַלינען, וועגן סאָציאַליסטישן בוי, וכדומה נאָך אַזעלכע טעמעס, וואָס זענען געווען אָנגענומען.

איר האָט אים געדאַרפט לייענען אַ ליבע־ליד, אַ ליריש ליד.

ס׳איז נישט געווען אין גוטן טאָן, אַז איין שרייבער זאָל לייענען דעם אַנדערן לידער פון סאָוועטישן נוסח.

אויף אַזאַ איינעם האָט מען געקוקט מיט חשד. ער וויל נעמען אויפן זי־כער — האָט מען אויף אים געזאָגט.

ערשט, אַז איר האָט געקריגן די הסכמה פאַר די לירישע, ייִדישע לי־דער האָט איר געקענט שרייבן לויט ווי עס האָט געפאָדערט דער „סאָציאַ־ליסטישער רעאַליזם״.

דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם האָט מען, אַגב, גערופן „איוב״.

פאַרוואָס „איוב״? ווייל פונקט ווי איוב, לויט דער גמרא, איז ער „לא היה ולא נברא״.

וועגן די אַלע זאַכן האָט מען, פאַרשטייט זיך, הויך נישט גערעדט, אָבער יעדער האָט וועגן זיי גוט געוווּסט:

און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען נישט בלויז ביי די ייִדישע שרייבער, נאָר אויך ביי די רוסישע.

אין מיין צייט איז אין שרייבער־פאַריין געווען אַ גרופּע יונגטלעכע רו־סישע שרייבער בראש מיט איינעם פון יעסענינס זין און דער ביז גאָר טשע־קאָווער האַלב־אַנאַלפאַבעטישער דיכטערין נאַטאַליאַ, און די דאָזיקע גרופּע האָט שוין אָביסעלע צו אָפן אַרויסגעוויזן איר נעגאַטיווע באַציִונג צו דער אָפיציעלער ליטעראַטור און זיך אַנטציקט מיט אַזעלכע שרייבער, וואָס זענען שוין אין רוסלאַנד לאַנג געווען טריפה צוליב זייער בורזשואַזן דעקאַדענטיזם.

ביי דער יוגנט איז געוואָרן אַ מאָדע צו בראַווירן מיט דעקאַדענטישקייט.

די דאָזיקע יוגנט האָט פֿיינט געהאַט בתכלית השנאה סורקאָוון און האָט פֿאַרגעטערט פּאַסטערנאַקן, אָבער נאָך מער די דיכטערין אַכמאַטאָוואַ.

אַכמאַטאָוואַ איז געוואָרן די פֿאָן פֿון דער דאָזיקער גרופּע און צוליב דעם האָט מען זי אין איין שיינעם טאָג ליטעראַריש ליקווידירט.

אָבער דאָס איז געשען שפּעטער.

אין דער צייט וועגן וועלכער איך דערצייל האָט די שטילע אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעלער ליטעראַטור געהאַט אירע גוטע טעג.

מען האָט זי אין אַ געוויסן זין דערמוטיקט דורך דעם, וואָס די פּאַרטיי גופא האָט געפֿאָדערט ליבע־לידער און בכלל קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט.

מען האָט עס געדאַרפֿט האָבן פֿאַר די מלחמה־שותפים און פֿאַר די נאָך נישט דעציסידירטע סימפּאַטיקער אין אויסלאַנד.

מען האָט געדאַרפֿט ווייזן די דאָרטיקע „יאַלדישע" אינטעלעקטואַלן, אַז אין רוסלאַנד איז אויך דאָ אַ פֿרייע אינדיווידואַליסטישע ליטעראַטור.

וואָרום די יאַלדישע אינטעלעקטואַלן אין אויסלאַנד, אַבי מען גיט זיי דאָס ביסעלע אינדיווידואַליזם אין דער ליטעראַטור, וועלן זיי זיך שוין גישט מאַכן קיין וועזן אַפילו פֿון דעם ערגסטן טעראָר, הונגער און קנעכטשאַפֿט.

האָט די פּאַרטיי זיי צוליב־געטאָן און געעפֿנט אַ קליין פֿאָרטקעלע פֿאַר דעם אינדיווידואַליסטישן ליד וואָס איז אַגב נאָר געגאַנגען קיין אויסלאַנד.

אַזוי, למשל, האָט מען אין ייִדישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט פּלוצים גענומען אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד ליבע־לידער כדי צו דערווייזן, אַז — בישקשה — אין רוסלאַנד זענען מענטשן אויך נישט פֿון קיין קלאָטשע געמאַכט און די פּאַרטיי מיט דער רעגירונג האָבן חלילה גאָרנישט קעגן דעם, אַז מען זאָל זיך ליב האָבן אויף דעם אַלטן שטייגער.

דעמאָלט האָט אַפילו איציק פֿעפֿער ראַפּטום גענומען שרייבן ליבע־לידער אין סענטימענטאַלן נוסח.

פֿעפֿער האָט אָבער געוווסט ווי ווייט מען קען גיין, כדי מען זאָל זיך אין דער געהעריקער צייט קענען צוריקציִען.

פֿעפֿער האָט געוווסט, אַז ווען די פּאַרטיי הייסט, דאַרף מען קענען שפּילן יעדע ראָל, אָבער מען דאַרף שפּילן אַזוי, אַז מען זאָל וויסן, אַז ס׳איז געשפּילט.

מאָרגן וועט דאָס היינטיקע שפּיל זיין אַ חטא, דאַרף מען זיך שאַפֿן אַ תּירוץ.

נישט אַלע האָבן אָבער דאָס געקענט.

אַ סך האָבן געמיינט, אַז דאָס שפּיל באַדייט אַן ענדערונג און זיי האָבן דערביי אויפֿגעדעקט דאָס, וואָס איז ביי זיי יאָרנלאַנג געווען באַהאַלטן.

זיי האָבן געמיינט, אַז מען מעג שוין און האָבן זיך דעמאַסקירט.

ערגעצוווּ איז אָבער געווען אַן אויג וואָס האָט געזען און אַ האַנט וואָס האָט פאַרשריבן.

דאָס אויג האָט געזען ווער עס פירט אויס די נייע פאַרטיי־באַשטעלונג מיט צופיל אייפער און די האַנט האָט פאַרשריבן די התפעלות פון די וועלכע האָבן געמיינט, אַז מען מעג שוין און מען וועט שוין אייביק מעגן.

און ווען די ליניע האָט זיך געביטן און די שרויף האָט זיך צוריק פאַר־שרויפט, זענען די אייפערדיקע געווען די ערשטע כפרה.

אַזוי איז געשען מיט די וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צו דערלויבטן ייִדישן נאַציאָנאַליזם, צו דער אינדיווידועלער ליבע־ליריק און צו דער התפעלות פאַר די גרויסע בורזשואַזע פּאָעטן אין דער וועלט.

נאָך דעם ווי מען האָט די אַלע זאַכן צוריק אָפּגערופן האָט מען זיך גענומען צו די שרייבער, וועלכע האָבן אין די ענינים אַריינגעלייגט צופיל האַרץ.

זיי האָבן זיך אַליין געמסרט.

מען האָט דעריבער אין רוסלאַנד געדאַרפט זיין זייער און זייער פאַר־זיכטיק ביים דורכפירן כשרע פאַרטיי־אויפגאַבן.

אין יענער צייט זענען אָבער אַ סך שרייבער, באַזונדער ייִדישע, נישט געווען גענוג פאַרזיכטיק.

מען האָט דערלויבט און אַפילו געפאָדערט צו שרייבן נאַציאָנאַל, מיט אַלטע העברעיִשע פּסוקים — האָבן זיי זיך דערצו צוגעכאַפּט מיט גרויס בענקעניש.

מען האָט געפאָדערט ליבע־ און נאַטור־לידער — האָבן זיי געשריבן אַזעלכע לידער מיט גרויס פרייד.

דאָס האָט, וואָס אַן אמת, נישט לאַנג געדויערט. די באַשטעלונג איז צו־ריק אָפּגערופן געוואָרן.

דאַן האָט מען ווידעראַמאָל גענומען שרייבן אין אַלטן נוסח.

אָבער שטילערהייט האָט מען דאָך זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער רגעדיקער פרייהייט און מען האָט געהאָפט, אַז זי וועט צוריקקומען.

— רוסלאַנד נאָך דער מלחמה וועט מער נישט זיין דאָס, וואָס זי איז געווען פאַר דער מלחמה.

מיט דעם דאָזיקן גלויבן האָבן אַלע געלעבט.

מען האָט געגלייבט, אַז דער שותפות מיט דער פרייער וועלט וועט רוס־לאַנד צו עפּעס מחייב זיין.

דעריבער האָט מען געשריבן אי פאַר דער פּאַרטיי, אי פאַר זיך, דאָס הייסט: פאַר די קומענדיקע צייטן פון פרייהייט.

דוד האָפשטיין האָט ער גערופן „דאָפּלטע בוכהאַלטעריע״.

ער האָט שוין „פאַר זיך״ מער נישט געקענט שרייבן. ער האָט שוין מער נישט פאַרמאָגט ווי די פראַזן פון דער פּאַרטיי־פּאָעזיע.

און דאָך איז ער איינמאָל אַליין אויך נכשל געוואָרן מיט אָט דער „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע״ און וועגן דעם טאָקע וועט ווייטער דערציילט ווערן.

— 6 —

ס'איז געווען ביים סוף 1945.

האָפשטיין איז ווידעראַמאָל אָנגעלאָפן פון קיִעוו קיין מאָסקווע.

אין די קרייזן פון די ייִדישע שרייבער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט דאָס מאָל געבראַכט אַ בינטל זייער שיינע לידער, גאָרנישט אין סטיל פון דעם ביז־איצטיקן האָפשטיין.

זענען מיר, אַ גאַנצע ריי ייִנגערע שרייבער, געווען געשפּאַנט די דאָזיקע לידער צו הערן און נאָך מער געשפּאַנט זענען מיר געוואָרן, ווען ש. האָט אונדז אויך שטאַרק געלויבט די נייע לידער פון האָפשטיינען.

צו דעם דיכטער ש. האָבן מיר געהאַט גרויס צוטרוי און אויף זיין געשמאַק האָבן מיר אַ סך געשטעלט.

מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט אויף דעם „אָוונט״, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט, ווי דער שטייגער איז געווען, פאַר האָפשטיינען און מיר האָבן זיך געקליבן הנאה צו האָבן.

ווי גרויס עס איז אָבער געווען אונדזער שפּאַנונג, אַזוי גרויס איז אויך געווען אונדזער אַנטוישונג. האָפשטיין האָט פון דער טריבונע געלייענט אַ גאַנצע ריי זייער שלעכטע און זייער זאַמדיקע לידער.

נאָכן „אָוונט״ איז די דיכטערין ר. וועלכע איז געווען אַ שטיקל שייגעץ, צו צו ש־ן מיט אַ ירגזון:

— שוין? מען קען זיך שוין אויף אייך אויך נישט פאַרלאָזן? דאָס זענען ביי אייך שיינע לידער?

ש. האָט שטיל געשוויגן און געשמייכלט.

ווען מיר זענען אַרויס אין גאַס האָט ער מיך און ר־ן אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם:

— איי, ר., ר., ביסט שוין אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון און ביסט נאָך אַלץ אַ נאַר. וואָס־זשע האָסטו געוואָלט, אַז האָפשטיין זאָל די לידער לייענען פאַרן גאַנצן עולם, צווישן וועלכע עס געפינט זיך שטורמאַן אָדער

דער גוטער יאָר ווייסט ווער נאָך? דו קום צו מיר זונטיק, וועסטו הערן די בייע לידער וועגן וועלכע איך האָב גערעדט. וועסט שוין אַליין זען, אַז מען קען זיך אויף מיר נאָך פאַרלאָזן. איך האָב נאָך דעם טעם פאַר פּאָעזיע נישט פאַרלוירן.

זונטיק זענען מיר כמעט תמיד געווען ש״ס געסט. דעם זונטיק אָבער זענען מיר געקומען צו אים מיט אַ ספּעציעלער כוונה.

און אין אָוונט האָט האָפּשטיין געלייענט זיינע בייע לידער.

אין די לידער האָט זיך באמת ווי אין אַ גילגול אַנטפּלעקט דער אַלטער, אַמאָליקער גוטער פּאָעט דוד האָפּשטיין.

דער ציקל־לידער, בערך צען, איז אינגאַנצן געווידמעט געווען דעם יידישן חורבן אין אוקראַינע.

האָפּשטיין האָט אין זיי געזונגען מיט זיין אַמאָליקער שטים.

די איבערלעבענישן פון די מלחמה־יאָרן וואָס האָבן היפּש געשעדיקט מיין זכרון זענען נישט ווייניק שולדיק דערין, וואָס איך האָב די דאָזיקע לידער פאַרגעסן.

איך קען זיך נאָר דערמאָנען די שטימונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן.

צווישן אַנדערע געדענק איך אַ ליד, אין וועלכן דער דיכטער האָט אויסגעוויטיקט זיין צער צוליב די „מעשים טובים״ פון זיינע אוקראַינישע שכנים. אין דעם ליד האָט זיך אויף אַ גאַנץ דייטלעכן אופן גערעדט וועגן דעם, אַז אים, דעם שרייבער, טוט נישט אַזוי ווי די דורותדיקע אַנטיסעמיטישע טאַראַס בולבאַ־שנאה, וואָס האָט אונדז, יידן, אויף אַלע וועגן און אין אַלע צייטן געקוילעט, געהאַנגען און געברענט, נאָר אים גיט קיין רו נישט די פאַלשע פאַרבלענדעניש מיט דעם שקר־וואָרט פון ליבשאַפט אויף זייער ליפּ. דורך אַט דער פאַלשער פריינטשאַפט (געמיינט: די כלומרשטע סאָוועטישע פעלקער־פריינטשאַפט) האָבן יידן זיך געלאָזט פאַרנאַרן, פאַרבלענדן און פאַרפירן צום שחיטה־גרוב. דאָס מערקווירדיקסטע אין אַט דעם ליד, וואָס האָט, אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, געהייסן „על חטא״, איז געווען דאָס, וואָס דער דיכטער האָט זיך אַליין, און אויך זיינע איבעריקע חברים — יידישע דיכטער — באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געהאָלפן מיט זייער וואָרט און געזאַנג פאַרפירן זייערע ברידער צום גיפט פון דער שלאַנג. דאָס ליד האָט געגראַמט דאָס וואָרט „על חטא״ מיט דעם יאושפולן אויסרוף: „איצט איז שוין צו שפּעט״ און וואָס דאָס האָט געמיינט, האָט מען קיינעם פון אונדז נישט געדאַרפט פאַרטייטשן.

און נאָך געדענק איך אַ ליד, וואָס האָט געהאַט אַ רעפריין: „אויף מיין בראָך זאָלסטו קיינעם נישט פרעגן״. דאָס ליד איז געווען דאָס שטאַרקסטע

אין דעם גאַנצן ציקל און עס האָט באַזונדער געווירקט מיט דער אומעטיק־גרויליקער איבערחזרונג פון די דערמאָנטע ווערטער. אויף וויפל מען קען בכלל דעם אינהאַלט פון אַ ליד איבערדערציילן איז דער תמצית דערפון געווען מער־ווייניק אַזאַ: זאָלסט נישט פרעגן אויף אונדזער יידישן בראָך ביי די וואָס האָבן אונדז אַקטיוו געמאָרדעט. זיי וועלן דעם אמת נישט דערציילן. די וואָס האָבן מיט זייערע הענט אונדז געטויט, וועלן אונדזער טויט פאַרלייקענען און אים פאַרקלענערן. אַנדערע ווידער, די וואָס האָבן זיך גלייכגילטיק צו אים צוגעקוקט, וועלן אים צען מאָל פאַרגרעסערן, כדי צו דערפרייען זייערע הערצער דערמיט, וואָס מיר זענען שוין מער נישטאָ. דאָס איז געווען אַ רמז דערויף, וואָס די סאָוועטישע גדולים האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף מער נישט קיין יידישע קולטור־טעטיקייט, ווייל די מערהייט יידן זענען אומגעקומען און ס׳זענען אין רוסלאַנד מער נישט פאַראַן קיין יידישע מאַסן. דער אויספיר איז: אויף מיין בראָך זאָלסטו קיינעם נישט פרעגן, ווייל אַפילו וועגן אונדזער אומגליק וועט דיר קיינער דעם אמת נישט זאָגן.

דאָס לעצטע ליד וואָס ער האָט אונדז געלייענט, האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„באו מים עד נפש, גאָט,
און איך קען שוין מער נישט שווייגן.״

די לידער האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן און אַ פשיטא שוין — זייער טרויעריקע און זייער ווייַנענדיקע געדאַנקען.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע לידער האָט האָפשטיין נישט געקענט לייענען פון דער טריבונע אין שרייבער־פאַריין. ער האָט אויך נישט געהאַט קיין שום האָפענונג זיי ווען עס איז אָפּצודרוקן.

ער האָט זיי געשריבן „פאַר זיך״.

אַזוי אַרום האָט ער אַליין אויך געזינדיקט מיט דער „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע״.

און דווקא די דאָזיקע „זינד״ האָט אים אומגעקערט דעם אַמאָליקן דיכטערישן כוח, די אַמאָליקע פּאָעטישע קראַפט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן מיר זיך געזעגנט. איך האָב געהאַלטן ביים צוריקפאָרן קיין פוילן.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין פאַרלאַג „עמעס״, וווּ האָפשטיין האָט געהאַט איבערגעגעבן צום דרוק זיינס אַ ניי בוך לידער.

איך האָב אים דאָרט געפונען זייער צעטראָגן און זייער דערשלאָגן.

מיר איז נישט שווער געווען זיך צו דערוויסן די סיבה פון זיין דערשלאָגנקייט.

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בינטל מאַנוסקריפּטן. דאָס האָט אים דער פּאָליטישער רעדאַקטאָר פון „עמעס"־פאַרלאַג, אַלטשולער, צוריק־געגעבן אַ העלפט פון זיינע לידער, ווי אַזעלכע וואָס קענען צוליב צענזור־טעמים נישט אַריינגיין אין זיין נייעם בוך.

מיר זענען פון „עמעס" אַראָפּ צוזאַמען. אויף די מאָסקווער גאַסן האָבן די ביימער געלויכטן מיט זייער יונגער, אָנהייב־מאַי־גרינקייט.

האָפּשטיינס פּנים איז אָבער געווען האַרבסטיק־געל.

ער האָט נערוועז געראַלט דאָס בינטל מאַנוסקריפּטן און נאָך אַ לענגערן שווייגן זיך אָפּגערופן:

— נו, איצט פאַרשטייט איר שוין, וואָס עס הייסט זיין אַ יידישער דיכ־טער אונטער אַלטשולערס ממשלה?

— וואָס איז דען אַלטשולער שולדיק? — האָב איך זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר מיטאַמאָל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן.

ערשט אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איר פאָרט שוין, הער איך, צוריק קיין פּוילן. נו, פאָרט לחיים ולשלום. מיין צייט פאַר נסיעות האָט זיך שוין געענדיקט. איין נסיעה נאָך געבליבן. די לעצטע נסיעה.

אַ פייכטער גלאַנץ האָט זיך באַוויזן אין זיינע אויגן און ער איז ווידער שטיל געוואָרן.

מיר האָבן געשפּרייזט אויפן רויטן פּלאַץ. אויף דער אַנדערער זייט האָט זיך געפּונען דער קרעמל־מויער און אין דער מיט פּלאַץ האָט זיך לופטיק און גרינג געהויבן צום הימל דאָס שווערע אַרכיטעקטור־וווּנדער, וואָס הייסט: „די קירכע פון הייליקן וואַסיל".

נישט ווייט פון דער קירכע געפינט זיך דאָס לענין־מאַוזאָלעום.

אַ רגע איז האָפּשטיין געבליבן שטיין און איבערגעפירט זיין בליק פון דער קירכע צום מאַוזאָלעום און צוריק.

— כ'האָב אַמאָל געשריבן אַ ליד וועגן אָט די ביידע — האָט ער ווידער גענומען ריידן — כ'האָב געשריבן, אַז ווען די קינדער פון דער רעוואָלוציע וועלן קומען צום מאַוזאָלעום, וועלן זיי זיך חידושן אויף דער קירכע, נישט פאַרשטיין צוליב וואָס מען האָט זי געבויט, נישט וויסן צוליב וואָס מען האָט אַמאָל בכלל געבויט קירכעס, מעטשעטן און, להבדיל, קלויזן.

— כ'געדענק דאָס דאָזיקע ליד אייערס, חבר האָפּשטיין — האָב איך געזאָגט, כדי אונטערצוהאַלטן מיט וואָס עס איז דעם שמועס.

— כ'בין אָבער נישט געגעכט געווען — האָט ער מיר אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אין דער זייט פון דער קירכע — אָט זעט: מען האָט אַביסל לויזער געמאַכט די רייפן אַרום דער רעליגיע און קוקט אַקאָרשט וויפל מענטשן עס שטופן זיך ווייטער אין די טויערן פון „הייליקן וואַסיל"! די ריי אַריינצוגיין אין דער קירכע איז צען מאָל גרעסער ווי די ריי צום אַריינגאַנג אין מאַוזאָלעום.

דאָס איז געווען אמת. ביים מאַוזאָלעום איז געשטאַנען אַ שיטערע ריי פון אַ צוואַנציק מענטשן. דאַקעגן ביי דער קירכע האָבן הונדערטער געוואַרט אין דער ריי ביז מען וועט עפענען אירע טויערן.

האָפשטיין האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס איז געווען אונדזער אַלעמענס טעות. נישט בלויז מיינער. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די רוסישע שרייבער האָבן צוליבן מאַוזאָלעום מקריב געווען זייערע קירכעס און מיר, יידישע שרייבער, האָבן צוליב דעם זעלביקן מאַוזאָלעום מקריב געווען אונדזערע קלויזן. זיי, די רוסן, האָבן זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות און זיי האָבן כאָטש צוריקגעקריגן די געעפנטע טויערן פון „הייליקן וואַסיל". מיר, יידן, האָבן שוין אונדזער שול נישט צוריקגעקריגן. ניין, נישט צוריקגעקריגן.

ווידעראַמאָל האָב איך אויסנוצנדיק זיין אויפריכטיקייט אים אַ פרעג געטאָן:

— מיינט איר נישט, חבר האָפשטיין, אַז איך וועל דאָס דאַרפן דערציילן די יידן מיט וועלכע איך וועל זיך טרעפן אין דער וועלט?

ער איז אַ רגע געבליבן שטיין ווי אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף.

— ווי גאָט איז אייך ליב, זייט פאָרזיכטיק מיט אייערע רייד. איר ווייסט גאָרנישט וויפל מיר האָבן שוין געקריגן געשלאָגן פאַר פאַרשיידענע ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט קיין אויסלאַנד.

באַלד אָבער איז ער ווידער אַוועק צו זיינע פריערדיקע רעיונות.

— כאָטש, אייגנטלעך, וואָס קען שוין זיין ערגער? און יידן אין דער וועלט מוזן דאָך וויסן דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ איבערגעלעבט... דערציילט זיי... דערציילט זיי... אָבער פאָרזיכטיק, כ'מיין...

אַ גרויסער רחמנות צו אים האָט מיך אַרומגענומען און איך האָב מיט אַ כליפּ אין האַלדז געזאָגט:

— זייט זיכער, חבר האָפשטיין, מיר וועלן זיין, ווי ווייט מעגלעך, פאָרזיכטיק. נאָר אויב ס'וועט קומען די צייט, וועלן מיר דערציילן דער יידישער וועלט וועגן אייער ליד „באו מים עד נפש, גאָט, און איך קען שוין מער נישט

שווייגן"... ביז דעמאָלט אָבער וועלן מיר, צוליב אייער טובה וועגן, אַ סך, אַ סך פאַרשווייגן.

ער האָט פעסט אַ דריק געטאָן מיין האַנט און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך. איך גלייב, אַז איר וועט אונדז נישט קיין שלעכטס טאָן. און אַז ס'וועט, ווי איר זאָגט, קומען די צייט, וועט איר געדענקען סיי מיך, סיי מיינע לידער, אָט די לידער, וואָס ווער ווייסט צי זיי וועלן אַמאָל אָנקומען צו ייִדן אין דער וועלט.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ דריק געטאָן מיין האַנט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזע־נעם קאָפּ זיך גענומען דערווייטערן.

איך האָב אַ היפּשע ווײַלע אים נאָכגעקוקט, געזען ווי ער שפּאַנט אי־בער דער רחבותדיקער ניי־קוזניעצקער בריק און ווערט וואָס אַמאָל קלענער און קלענער. ווען ער איז שוין געהאַט פאַרשוווּנדן פון מיין בליק, האָב איך זיך איבערגעבויגן איבער דעם בריק־פּאַרענטש און געזען ווי אין די וואַסערן פון טייך „מאָסקוואַ" שפּיגלט זיך אָפּ דער פינף־שפּיציקער שטערן פון דער־נעבנדיקן קרעמל־טורעם. דערנאָך האָט די זון גענומען פאַרגיין. די קרעמלער קוראַנטן האָבן אויסגעקלונגען די זיבעטע שעה און דער מאָסקווער אָוונט האָט זיך געלייגט אויף די וואַסערן פון טייך מיט שווערע, אומעטיקע שאָטנס.

# איציק פעפער

איציק פעפער

— 1 —

וועגן איציק פעפערן פלעגט מען זאָגן:

— זיין כוח באַשטייט דערין, וואָס ער ווייסט אַ שעה פריער ווי אַזוי מען וועט דאַרפן ריידן אַ שעה שפּעטער. צוליב דעם איז ער — איציק פעפער.

יאָ, די פעיקייט באַצייטנס צו דערשמעקן יעדע ענדערונג אין דער פּאַרטיי־ליניע איז ווירקלעך געווען איציק פעפערס גרעסטער טאַלאַנט. מיט דעם דאָזיקן טאַלאַנט האָט ער זיך אַ צייט לאַנג אַרויסגעדרייט פון אַ סך געפאַרן, וואָס זענען געהאַנגען איבער זיין קאָפּ און אַדאַנק אים האָט ער דערגרייכט צו דער הויכער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען.

איציק פעפער — אַזוי האָט מען מיר אַ סך מאָל דערציילט — איז אַן אַ שיעור מאָל געשטאַנען פאַר דער סכנה „גערייניקט" צו ווערן פון דער פּאַרטיי. און וואָס דאָס באַטייט אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט דאַרף מען קיינעם נישט דערציילן.

ער האָט זיך אָבער ביזן יאָר 1948 פון אַלע סכנות אַרויסגעדרייט.

פון אַלע פייערן אַרויס אַ נישט־אָפּגעסמאַליעטער. פון אַלע וואַסערן אַרויס טרוקן.

די גרעסטע סכנה אין רוסלאַנד איז אָבער נישט דאָס אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי צוליב עפּעס אַ זינד, פיל גרעסער איז דאָרט די סכנה צו פאַלן אַ קרבן פון דער אַזוי גערופענער „לעסטניצאַ".

וואָס מיינט אַזוינס „לעסטניצאַ"?

אויף דעם פּשוטן רוסישן לשון מיינט עס — אַ לייטער.

אין דער שפּראַך פון די היינטיקע רוסישע פאַרהעלטענישן האָט אָבער דאָס פּשוטע רוסישע וואָרט אַן אַנדער מיין.

עס מיינט, אַז ווען דער דאָך פאַרזינדיקט זיך, דאַרף מען אויך באַשטראָפן די לייטער, וואָס האָט געפירט צו אים און פון אים.

למשל:

עס פאַרזינדיקט זיך אַ נאַרקאָם (נאַראָדני קאָמיסאַר — פאָלקס־קאָמי־

סאָר. הייסט: מיניסטער), דאַן נעמט מען אַראָפּ פונעם אַמט און מען פאַר־שיקט נישט בלויז אים אַליין, נאָר אויך זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער און יועצים.

דאָס זעלביקע געשעט ווען עס פאַרשוּלדיקט זיך אַן ערשטער סעקרע־טאַר פון אַ וויכטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, אַ פאָרזיצער פון אַ שרייבער־פאַריין, אַ רעזשיסאָר פון טעאַטער, וכדומה וכדומה.

דעמאָלט באַנוגנט מען זיך נישט בלויז מיט דעם, וואָס מען נעמט אַראָפּ דעם „דאַך", ס'הייסט: דעם פאַרזינדיקטן אָנפירער, נאָר אויך די „לייטער" — די אַלע וואָס האָבן געגאָסן פון זיין אַמטלעכער פריינטשאַפט און זענען געווען זיינע נאָענטסטע ראַטגעבער.

דער כלל איז: אויב דער באַלעבאָס ווערט טריף, זענען זיינע משרתים שוין אויך נישט כשר.

אַ סך מענטשן אין רוסלאַנד האָבן מיר אויף דעם דאָזיקן אופן געוואָלט דערקלערן די סיבה פון איזי כאַריקס אַרעסט.

איזי כאַריק איז געווען אַ מיטגליד אין דעם ווייסרוסישן „ציק" (צענ־טראַלני איספּאָלניטעלני קאָמיטעט — צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט) און אַז מען האָט ליקווידירט דאָס פּרעזידיום פון „ציק", האָט מען שוין אויך ליקווידירט די „ציק"־לייטער אין וועלכער כאַריק איז געווען אַ וויכטיקער שטאַפּל.

צי דאָס איז אמת, ווייס איך נישט. איך גיב איבער דעם קלאַנג אַזוי ווי איך האָב אים געהערט.

ס'איז אָבער יאָ אמת, אַז די סכנה צו פאַלן אַ קרבן פון דער „לעסטני־צאַ" איז אין רוסלאַנד די סאַמע גרעסטע.

זי פילט אַן דאָס לעבן פון דעם רוסישן מענטש מיט אומרו, שרעק און שפּאַנונג.

זי מאַכט דאָס גאַנצע לעבן אומזיכער.

מען שרעקט זיך נישט בלויז פאַר די אייגענע זינד, נאָר מען האָט אויך כסדר מורא, אַז דער באַלעבאָס, דער נאַטשאַלניק זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן, זאָל נישט אַריינפאַלן אין אומחן.

וואָרום ווען דער באַלעבאָס ווערט באַזייטיקט פון זיין הויכן אָנפירע־רישן אַמט, אַפילו ווען די זינד איז נישט אַזאַ שווערע, אַז מען זאָל אים און די „לייטער" צוליב דעם פאַרשיקן, איז דאָס אָבער שוין אויך אַ ביטערע מעשה, וואָס שמעקט מיטן פאַרלירן דעם פּאָסטן און די דערגרייכטע פּאָזיציע.

יעדער נייער אָנפירער ברענגט מיט זיך אויף דעם אַמט זיינע מענטשן, זיינע יועצים.

די אַלטע ווערן באַזייטיקט און זיי דאַרפן זיך זוכן, אָדער וואַרטן ביז מען וועט זיי באַשטימען אויף נייע פּאָסטנס.

און אויף נייע ערטער איז נישט גרינג צו פאַרנעמען די אַלטע פּאָזיציעס.

די מורא פאַר דער „לעסטניצאַ"־געפאַר שרעקט דעריבער אַלעמען.

זי איז דער פּערמאַנענטער פחד פון דעם רוסישן פּאַרטייער.

אין איין פאַל האָט אָבער „אַ שטאַפּל" פון דער אַלטער „לייטער" די אויסזיכט צו בלייבן אויף זיין אָרט, נישט ליקווידירט און נישט פאַרשיקט צו ווערן.

דאָס איז דעמאָלט, ווען ער האָט באַוויזן, כאָטש איין טאָג איידער דער אַלטער אָנפירער איז באַזייטיקט געוואָרן, צו האָבן מיט אים אַ שטיקל סיכסוך און צו ציִען אויף זיך זיין אומצופרידנקייט.

אַזאַ איינעם נישט בלויז עס געשעט אים גאָרנישט, נאָר ער איז אָפּט־מאָל נאָך עולה לגדולה.

**
*

איציק פעפער האָט אַ סך מאָל פאַרנומען אַזעלכע שטעלעס, צוליב וועל־כע עס האָט אים געדראָעט ליקווידירט צו ווערן צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים.

ליקווידירטע באַלעבאַטים האָט איציק פעפער געהאַט אַ סך.

ער אַליין איז אָבער נישט ליקווידירט געוואָרן.

פאַרקערט, ער איז כמעט תמיד נאָך אַ ליקווידאַציע אין זיין אַמט דער־הויבן געוואָרן.

ווייל איציק פעפער האָט תמיד אַ שעה פריִער געוווּסט וועגן זיינע נאַטשאַלניקעס עס וועט פאַלן מיט אַ שעה שפּעטער.

און עפּעס איז תמיד שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז ווען זיין נאַטשאַלס־טווע איז געפאַלן, איז איציק פעפער נישט געווען מיט איר שוה בשוה.

פונקט ווי ער איז אַלע דריי און צוואַנציק שעה פון זיין אַלטן נאַטשאַל־ניקס ממשלה געווען זיין בעסטער פריינט, אַזוי זענען זיינע באַציִונגען מיט אים, אין דער 24סטער שעה, געוואָרן אָנגעצויגן און אייז־קאַלט.

מענטשן, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט יאָרן לאַנג צוזאַמען, האָבן מיר געזאָגט, אַז ווען איציק פעפער פלעגט נעמען מאַכן קריטישע באַמערקונגען וועגן אַן אַרבעט אין וועלכער ער איז געווען באַטייליקט, איז דאָס געווען דער בעסטער סימן, אַז דאָס פּאָליטישע וועטער וועט זיך בייטן.

אין רוסלאַנד בייט זיך דאָס פּאָליטישע וועטער זייער אָפּט.

און אין אוקראַיִנע איז דער פּאָליטישער קלימאַט נאָך ווייניקער סטאַביל.

די פּאַרטיי־ישע ליניע בייט זיך דאָרטן נאָך אָפּטער.

ביי יעדן שאַרפן אויסבייג פון דער פּאָליטיש־פּאַרטיי־ישער ליניע פאַלן אַ סך, אַ סך פּאַרטייער אַראָפּ פונעם מאַכט־וואָגן.

איציק פעפער האָט איבערגעהאַלטן פיל ענדערונגען פון דער פּאָליטיש־פּאַרטיי־ישער ליניע און ער האָט איבערגעלעבט אַ סך אַראָפּגעפאַלענע נאַ־טשאַלניקעס.

ער וואָלט זיי געקענט ציילן אין די הונדערטער.

ער האָט זיי אָבער נישט געציילט.

ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט געדענקט די וואָס זענען געווען נעכטן.

קיינער האָט דערביי נישט געקענט אַזוי שנעל און גרינטלעך זיך אָפּ־קייטלען פון זיין נעכטן, ווי איציק פעפער.

און קיינער האָט נישט געקענט אַזוי באַצייטנס איבערייסן מיט זיינע נעכטיקע באַלעבאַטים און פריינט, ווי איציק פעפער.

געווען אַ צייט, ווען אברהם אַבטשוק איז געווען זיין בעסטער פריינט און צוזאַמען האָבן זיי געשטורעמט די אַלטע ליטעראַרישע פּאָזיציעס.

פעפער און אַבטשוק זענען געווען יד־אחת קעגן אַ ריי שרייבער, וואָס זענען שוין באַקאַנט געווען פון פריִער.

מיטאַמאָל איז פעפער אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן אַבטשוקן.

קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס ס'איז געשען און פאַרוואָס פעפער איז אַרויסגעטרעטן קעגן זיין בעסטן פריינט.

אַבטשוק אַליין האָט זיך אויך געחידושט. ער האָט מיט פעפערן נישט געהאַט קיין שום צוזאַמענשטויס, קיין מינדסטע קריגעריי.

די זאַך וואָלט אפשר געבליבן אַ סוד.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אַבטשוקן אַרעסטירט. מען האָט אין זיין דערציילונג „הערשל שאַמאַי" געפונען טראָצקיזם און מען האָט אים פאַרשיקט.

פעפערס נאָז האָט דערשמעקט דעם פּאָליטישן בר־מנן, ווען יענער איז נאָך אַרומגעגאַנגען צווישן די לעבעדיקע.

ער האָט דעריבער גענומען די לאָפּעטע אין האַנט צו גראָבן יענעמס קבר, ווען דער וועלכער האָט געדאַרפט באַגראָבן ווערן, האָט נאָך געטאַנצט אויף דער לעבנס־חתונה.

דאָס איז געשען נישט איין מאָל און נישט מיט איין פריינט זיינעם.

אויך מיט איזי כאַריקן איז ער אַמאָל געווען אין די בעסטע באַציִונגען און זיין פריינדשאַפט צו אים אַפילו אַרויסגעבראַכט אין גראַמען.

אָבער נאָך איידער כאַריק איז אין ווייסרוסלאַנד געוואָרן טריף, האָט פע־פער אין אוקראַינע שוין דערפילט, אַז עס טראָגט זיך פון אים אַ נישט „כשרער" גערוך.

וואָס עס האָט נישט געזאָלט געשען מיט אַ מענטש פון זיין קרייז, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז פעפער האָט דאָס געשעעניש שוין פאַרויס־געזען מיט חדשים צוריק.

דער אומגעקומענער שרייבער מאיר אראנסקי האָט מיר דערציילט דעם פאָלגנדיקן געַנוג אויסטערלישן פאַקט:

איציק פעפערס פרוי איז אין 37סטן יאָר באַזייטיקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי. אָבער דעמאָלט, ווען זי איז באַזייטיקט געוואָרן, האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז פעפער האָט אָנגעגעבן אין ציוויל־אַמט אַ בקשה וועגן אַ גט.

ס'איז נישט געווען קיין נייעס, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך גטן נאָך דעם ווי איינער פון זיי איז טריף געוואָרן אין די אויגן פון דער פּאַרטיי אָדער דער פּאָליציי.

פעפער האָט אָבער אָנגעגעבן אויף אַ גט, נישט נאָך דעם, נאָר אַ שטיק פאַר דעם.

און ערשט אין 38סטן יאָר, ווען די יעזשאָווטשטשינע איז ליקווידירט גע־וואָרן און עס איז געקומען די אָטעם־פויזע פון רויִקייט פאַר אַלע, וואָס זע־נען געשטאַנען אונטער אַ חשד, האָט פעפער צוריקגעצויגן די בקשה און דאָס הייסט פונקט אַזוי גוט ווי נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט זיין אייגן ווייב.

צי די דאָזיקע מעשה איז אמת, קען איך נישט קאַווירן. אָבער אויב זי איז אַפילו אויסגעטראַכט, האָט זי אויסגעטראַכט אַזאַ איינער, וואָס האָט פעפערן געקענט פונקט אַזוי גוט, און אפשר נאָך בעסער, ווי זיך אַליין...

**
*

עס איז געווען אַ כלל, וואָס אַלע יִדישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן אים געוווּסט:

עס איז שלעכט צו האָבן פעפערן פאַר אַ שונא, עס איז אָבער אויך נישט גוט אים צו האָבן פאַר אַ גוטן פריינט.

דווקא די גוטע פריינט האָבן אים געקוקט אין די אויגן, כדי צו זען צי אין זיין באַציִונג צו זיי האָט זיך נישט עפּעס געביטן.

וואָרום זיין געביטענע באַציִונג צו אַ חבר האָט באַדייט, נישט בלויז

דאָס פאַרלירן זיין פרייַנטשאַפט, נאָר אויך אַן אָנזאָג אויף דעם פאַרלירן די פּאָזיציע, די פרייהייט און אָפּטמאָל אויך — דאָס לעבן.

איציק פעפערס קאַלט ווערן צו אַ געכטיקן פריינט האָט אָנגעזאָגט, אַז מיט יענעם איז עפּעס דער מער, אַז יענער וואַקלט זיך, אַז יענעמס גורל ווערט ערגעץ געוויגן אויף אַ ביטערער וואָגשאָל.

און די וואָס האָבן מאָרגן געדאַרפט ווערן אומזיכער, די האָט פעפער שוין היינט נישט געוואָלט קענען.

פון די האָט ער זיך שוין היינט אָפּגעטרייסלט.

אין שייכות מיט קולבאַקן דערציילט מען וועגן פעפערן די פאָלגנדיקע מעשה:

ער האָט אַמאָל גערעדט, פעפער, אין אוקראַינע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד. ער האָט דערמאָנט נעמען פון פאַרשיידענע שרייבער, גרעסערע און קלענערע.

איין נאָמען האָט ער נישט דערמאָנט, דעם נאָמען פון משה קולבאַק.

זענען געווען צווישן די צוהערער אַזעלכע, וואָס האָבן געמיינט, אַז ער האָט דעם דאָזיקן נאָמען צופעליק פאַרגעסן און זיי האָבן אים געפּרוווט דערמאָנען.

פעפער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט דערמאָנען. ער האָט כסדר דעם דאָזיקן נאָמען פאַרגעסן.

אין וואָכן אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די שכחה פון קולבאַקס נאָמען איז נישט געווען סתם אַזוי.

מען האָט זיך דערוווּסט, אַז קולבאַק איז אַרעסטירט.

אַז פעפער פלעגט פאַרגעסן צו דערמאָנען אַ ייִדישן שרייבער, האָט מען געוווּסט, אַז ערגעצוווּ האָט מען זיך אין אים שוין דערמאָנט...

מען האָט זיך אין אים דערמאָנט דאָרט, ווו מען וויל, אַז ער זאָל פאַרגעסן ווערן.

און אַלץ האָט פעפער געקענט פאַרגעסן, נאָר דאָס וואָס מען וויל „דאָרט" — דאָס האָט ער שטענדיק געדענקט.

דאָס האָט ער געוווּסט מיט אַ זעקסטן חוש...

און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער אַ סך מאָל פאָרויסגעפילט, אַז מען וועט עמעצן אַרעסטירן, איידער די וואָס האָבן אים באַשלאָסן צו אַרעסטירן האָבן נאָך געוווּסט, אַז דער דאָזיקער איז שוין רייף פאַר דעם אַרעסט.

אין די ענינים פון אַרעסטירער און אַרעסטאַנט איז איציק פעפער געווען אַ חוזה, אַ רואה במסתרים...

— 2 —

כ׳געדענק: אַמאָל האָט מיר אַ יידישער שרייבער אין מאָסקווע, בסוד סודות, געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס איז שוין אַלט געווען ביי די 25 יאָר, ווייל זי האָט געשטאַמט פון די צייטן פון באַלד נאָך דער רעוואָלוציע.

אויף דער פאָטאָגראַפיע האָבן זיך געפונען ביי אַ טוץ מענטשן, צווישן זיי — אין סאַמע ווינקל — דאָס יוגנטלעכע פנים פון איציק פעפער.

— דאָס איז אַ שרייבער־גרופּע אין קיעוו — האָט מיר דער אייגנטימער פון דער פאָטאָגראַפיע אויפגעקלערט.

אַזוי ווי איך האָב געוווסט, אַז דער דאָזיקער שרייבער איז נישט קיין גרויסער חסיד פון פעפערן, האָב איך געמיינט, אַז ער איז אויסן מיר צו ווייזן אַ דאָקומענט פון אַ צייט אין וועלכער איציק פעפער איז נאָך נישט געשטאַנען אין צענטער פון דער שרייבערישער וועלט, נאָר האָט זיך נאָך אין דער דאָזיקער סביבה געפונען אין אַ ווייטן ווינקל.

דער פאָטאָגראַפיע־באַווייזער איז אָבער נישט דאָס אויסן געווען.

— איר זעט — האָט ער געזאָגט — פון די אַלע מענטשן אויפן בילד איז היינט לעבן געבליבן נאָר איין איציק פעפער. די איבעריקע — נאָר צוויי פון זיי זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט און די רעשט ווייסט איר דאָך: טשעקאַ, געפּעו, נקוו״ד אאַז״וו.

— איר ווילט זאָגן, אַז פעפער דאַרף גומל בענטשן, וואָס ער האָט צוליב עפּעס זיי אַלעמען איבערגעלעבט? — האָב איך געפרעגט דעם שרייבער.

— ווען פעפער זאָל וועלן גומל בענטשן, וואָלט ער דאָס געדאַרפט טאָן יעדן טאָג אין דער וואָך — האָט מיר דער בעל הפאָטאָגראַפיע געענטפערט — נישט דאָס איז אָבער דער עיקר. די אַלע שרייבער, וואָס איר זעט דאָ אויף דער פאָטאָגראַפיע זענען אַמאָל געווען פעפערס בעסטע פריינט. פון דעסטוועגן, ווען מען ווייזט אים היינט דאָס בילד, וואָלט ער, אַחוץ די צוויי נאַטירלעך געשטאָרבענע, קיין איינעם נישט דערקענט און ער וואָלט נישט דערקענט, ווייל ער געדענקט שוין קיינעם נישט פון זיי.

דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אמת.

פעפער האָט נישט געדענקט קיין מענטשן, וואָס זענען אַמאָל געווען.

ער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ מענטש, וואָס האָט פאַרגעסן די נעכטיקע.

און ער האָט זיי געמוזט פאַרגעסן, ווייל ער איז ראשו ורובו געווען אַריינגעטאָן אין דינען די היינטיקע.

און דערביי איז ער תמיד געשטאַנען מיטן פנים צו די מאָרגנדיקע.

יוחנן בן זכאי האָט, לויט דער אגדה, פאָרויסגעזאָגט אַספּסינוסן, אַז ער וועט ווערן רוימישער קיסר.

איציק פעפער האָט קיינעם נישט פאָרויסגעזאָגט זיין מאָרגנדיקע גדולה. פאַר זיך אָבער האָט ער זייער גוט געוווּסט ווער עס וועט מאָרגן דערהויבן ווערן.

און געוווּסט האָט ער דאָס נישט ברוח הנבואה, נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט געקענט דערשמעקן פאַר אַ מייל די נייע ווינטן אין דער פּאַרטיי.

ק׳עוועך שרייבער האָבן מיר דערציילט, אַז אַ טאָג פריִער איידער רוס־לאַנד האָט געשלאָסן איר טרויעריק־באַרימטן אָפּמאַך מיט היטלער־דייטש־לאַנד, האָט פעפער שוין גערעדט אין דעם נוסח, וואָס מאָלאָטאָוו מיט אַ טאָג שפּעטער, היינו: אַז פאַשיזם איז אַ געשמאַק־זאַך און דער עיקר — אַז דער ענגלישער אימפּעריאַליזם איז פאַר רוסלאַנד געפערלעכער, ווי דער נאַציזם.

און אַ טאָג פריִער איידער היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד, האָט פעפער שוין געלייענט פאַר אַרלאַנדן, פאַר גאַנטאַרן און פאַר נאָך אַנדערע שרייבער, אַ ליד וועגן די דייטשישע וואַנדאַלן, די אייביקע שונאים פון סאָוועטישן פאָטערלאַנד.

ער איז געווען אַ פּאָליטישער העלזעער.

און דערצו — אַ חכם.

***

אָבער אַ חכם איז איציק פעפער געווען נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער רואה את הנולד פון דער פּאַרטיי־טאַקטיק, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיין פאָרויסזעונג געקענט אַרויסברענגען אויף אַזאַ אופן, אַז זי זאָל אים היינט נישט שאַטן און דאָך מאָרגן ברענגען נוצן.

דאָס איז געווען דאָס סאַמע שווערסטע.

דאָס האָט מען געדאַרפט קענען.

וואָרום כל־זמן די פּאָליטישע ליניע האָט זיך נאָך נישט געביטן, האָט מען פאַר דער קלענסטער ווידערשפּעניקונג, פאַר דעם מינדסטן ווידערשטאַנד קעגן איר געקענט גיין אין כף הקלע אַריין.

כל־זמן אַ פּאַרטיי־אָנפירער איז נאָך געזעסן אין זאָטל, האָט מען אים בשום־אופן נישט געטאָרט זאָגן: דאָס וואָס דו טוסט געפעלט מיר נישט.

פאַר אַזאַ זאַך האָט מען זיך תיכף געזען מיט דער תפיסה.

און פון דער תפיסה איז מען שוין צוריק נישט אַרויס, האָט מען אַפילו געמעגט זיין טויזנט מאָל גערעכט.

ס׳איז געווען אַ וואָכעדיקער גאַנג אין רוסלאַנד, אַז איוואַן זאָל אַריינ־זעצן אין תפיסה וולאַדימירן דערפאַר וואָס ער, וולאַדימיר, האָט געזאָגט, אַז מען זאָל אויף די קאָלווירטישע פעלדער פאַרזעצן בוראַקעס, בעת איוואַן, דער פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי, האָט געהאַט אַ דירעקטיוו צו פאַרזעצן קאַרטאָפל.

ס׳האָט אָבער אַ סך מאָל פּאַסירט, אַז אין אַ יאָר אַרום איז איוואַן שוין געזעסן אין דער זעלביקער תפיסה, אָפטמאָל אויך אין דער זעלביקער קאַמער, וואָס וולאַדימיר.

— פאַרוואָס?

פשוט: אונטער דער צייט איז פון מאָסקווע אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל פאַרזעצן בוראַקעס און נאָר בוראַקעס. דערביי האָט די פּרעסע, לויט אַ צייכן, אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן די ביז איצטיקע קאַרטאָפל־פאַרזעצער און געזאָגט, אַז דערמיט וואָס זיי האָבן ביז איצט נישט געזעצט קיין בוראַקעס, זענען זיי אויסן געווען צו שעדיקן די סאָציאַליסטישעווירטשאַפט. די ליניע, הייסט עס, האָט זיך געביטן און איוואַן, ווי דער אויספירער פון דער אַלטער קאַרטאָפל־ליניע, איז געגאַנגען אין תפיסה אַריין ווי אַן אומזיכערער עלעמענט פאַר דער נייער בוראַקעס־פּאָליטיק. דאָס האָט אָבער גאָרנישט צו וולאַדימירן. כאָטש ער איז געווען גערעכט, האָט מען אים פון טורמע שוין נישט באַפרייט.

די קאַרטאָפל און די בוראַקעס זענען דאָ נישט מער ווי אַ משל. דער נימשל איז, אַז אויב מען איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה, האָט מען זיך פון דאָרט שוין נישט געקענט אַרויסקריגן, מען האָט אַפילו געמעגט זיין טויזנט מאָל גערעכט.

און היות אין רוסלאַנד איז נישטאָ עפּעס גרינגערס ווי אַריינפאַלן אין תפיסה, האָט פעפער געמוזט האָבן דעם אמתן מיניסטער־קאָפּ ביים אַרויסברענגען די אָנהענגערשאַפט פון דער מאָרגנדיקער פאַרטיי־שער ליניע בעת די הייַנטיקע איז נאָך געווען אין קראַפט.

וואָרום וואָלט ער דאָס נישט געטאָן פאַרזיכטיק און קלוג, וואָלט מען אים היינט אַרעסטירט און מאָרגן וואָלט ער נאָר געקענט שרייען: חי וקיים.

אַ געוויינלעכער מענטש אין רוסלאַנד ווייסט נישט פון קיין חכמות:
אַז מען הייסט אים, זאָגט ער היינט אויף ווייס אַז ס׳איז שוואַרץ און מאָרגן,
אַז מען הייסט אים אַנדערש, זאָגט ער אויף שוואַרץ אַז ס׳איז ווייס.

— נאַשע דיעלאָ מאַלענקאָיע — זאָגט ביי אַזאַ געלעגנהייט דער פּאָלקס־מענטש אין רוסלאַנד — נאַטשאַלסטוואָ כאַטשעט טאַק, פּוסט בודיעט טאַק. נאַטשאַלסטוואָ לוטשע זנאַיעט. (אונדזער דעה איז אַ קלייניקע. די נאַטשאַלסטווע וויל אַזוי, זאָל זיין אַזוי. די נאַטשאַלסטווע ווייסט בעסער).

איציק פעפער איז נישט געווען אין דער דאָזיקער „גוטער" לאַגע. ער האָט נישט אַלעמאָל געקענט נאָכזאָגן, וואָס מען הייסט. ער האָט אַמאָל געמוזט אַליין עפּעס זאָגן. ער האָט אָבער געקענט, בעת ער האָט פאַרויסגעזען אַן ענדערונג אין דער פּאַרטיי־ליניע, זאָגן אַזוי, אַז היינט זאָל מען זיך צו

דעם געזאָגטן נישט קענען טשעפּען, ווי צו קיין אָפּאָזיציע און מאָרגן זאָל ער דאָך קענען דערווייזן, אַז דאָס איז געווען אַ קעגנערשאַפט צו דער געפאַלענער ליניע.

ער האָט אַ סך מאָל געהאַט שכל צו בעטן מען זאָל אים באַפרייען פון אַ געוויסן אַמט. דערביי האָט ער אָנגעגעבן אַזעלכע מאָטיוון, וואָס זאָלן אויף אים קיין שום חשד נישט אַרויסרופן.

אָבער תמיד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַוועק פון זיין שטעלע אַ רגע פריִער איידער דער נאַטשאַלניק איז אַריינגעפאַלן אין אומחן און אַזוי אַרום האָט ער אויסגעמיטן דעם גורל פון דער דערמאָנטער „לייטער״.

מעגלעך, אַז ער האָט זיך באַוואָרנט אויף אַנדערע אופנים אויך...

אין דער ייִדישער פרעסע פון דער פריער וועלט לייענט מען אָפטמאָל, אַז איציק פעפער איז געווען אַ נאָענטער מחותן מיט דער געהיים־פּאָליציי.

מען שרייבט אַפילו, אַז ער האָט געהאַט דעם „טשין״ פון אַ פּולקאָווניק.

דעם אַרכיוו פון דער סאָוועטישער געהיים־פּאָליציי האָב איך נישט געזען. די רשימה פון אירע מיטאַרבעטער — אַוודאי נישט. נאָר אַז פעפער האָט געהאַט אַ שייכות צו דער דאָזיקער אינסטיטוציע לייגט זיך אויפן שכל.

יעדער דריטער מענטש אין רוסלאַנד האָט, אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן, אַ שייכות, מער אַ געצוואונגענעם ווי אַ פרייוויליקן, מיט דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

נאָר קיין קמעה און קיין שמירה קעגן אַ בייז אויג איז דאָס נישט. קאַרג אַקטיווע און אָפיציעלע געהיים־פּאָליציסטן ווערן פאַרשיקט?

איציק פעפערן האָבן ביזן יאָר 1948 נישט געראַטעוועט זיינע מחזקות מיט דער נקווו״ד. אים האָט געראַטעוועט זיין לעבנס־חכמה און זיין פּאָליטישע וויטזיכטיקייט.

**
*

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען פעפער איז אין אוקראַיִנע געווען איינער פון די זיילן פון דער אַזוי־גערופענער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־ריכטונג.

אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט מען אָבער שפּעטער אַנטדעקט קראַמאָלע און מען האָט זי פאַרביטן מיט דער ריכטונג, וואָס האָט געהייסן: סאָציאַליסטישער רעאַליזם.

אַ סך קעפּ פון „פּראָלעטניקעס״ זענען געפאַלן בעת דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם האָט איבערגענומען די ממשלה.

אָבער איציק פעפער, דער געקרוינטער „פּראָלעטניק״, דער וואָס איז געקומען אין דער פּאָעזיע אַריין מיט די לידער וועגן די דאָנבאַסער שאַכטיאָרן, דער וואָס האָט געמאַכט זיין ליטעראַרישע קאַריערע אַדאַנק זיינע הונדערט־

פראַצעגטיקע פּראָלעטאַרישע מאָטיוון אינעם ליד, איז מיט דער גיכקייט פון אַ הירש אַנטלאָפן פון זיין אייגן שאַפן און פון זיין אייגענער פּאָעזיע און ער האָט דעם ערשטן שטיין געוואָרפן אין דער ריכטונג דורך וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן און באַקאַנט געוואָרן.

אַ סך פון זיין חדר האָבן זיך געקלאַמערט אין דעם „פּראָלעטאַריזם", ווייל זיי האָבן אין אַן אַנדערן נוסח פּשוט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, און ס'האָט זיי געדראָט זיך צו באַווייזן אין זייער גאַנצער פּאָעטישער נאַקעטקייט.

האָבן זיי געוואָלט ראַטעווען זייער מערכה אין דער פּאָעזיע און זיי האָבן פאַרלוירן די קעפּ אָדער דאָס ביסל פרייהייט.

איציק פעפער האָט קיינמאָל אַזאַ נאַרישקייט נישט געטאָן. ער האָט קיינמאָל צוליב קיין פּרינציפּן און צוליב קיין ליד נישט איינגעשטעלט זיין קאָפּ.

— וואָס איז די נפקא מינה — פלעגט ער זאָגן, — וואָס מען שרייבט און ווי אַזוי מען שרייבט, אַבי עס זאָל טויגן, אַבי עס זאָל זיין צום לעבן.

דאָס וואָרט „צום לעבן" קענט איר צום אָפטסטן געפינען אין פעפערס לידער.

פעפערן האָט מען אַ צייט גערופן „דער רויטער פּראָפעסאָר", מחמת אַזוי יונג ווי ער איז דעמאָלט נאָך געווען, האָט ער שוין פאַרנומען די שטע־לע פון אַ ליטעראַטור־לערער אין אַ געוויסן יידישן אינסטיטוט אין אוקראַינע.

ער איז קיינמאָל נישט געווען בלויז אַ שרייבער, ער איז תמיד געווען, אַחוץ שרייבער, אויך אַ פּאַרטייאישע שישקע.

די פּאַרטייאישקייט האָט אים געהאָלפן צו זיין שרייבערישער קאַריערע און זיין שרייבן האָט אים געהאָלפן אין דער פּאַרטיי.

אין אַ בין הזמנים, ווען די ווינטן זענען נאָך נישט געווען זיכער און מען האָט נאָך נישט געקענט וויסן ווו זיי וועלן בלאָזן, האָט פעפער זיך גע־ראַטעוועט מיט זיין דאָפּלטער טעטיקייט.

אַמאָל פלעגט ער פון דער פּאַרטיי בעטן וואַקאַציע, מחמת ער האָט דרינגענדיקע אַרבעטן ביי זיין ליטעראַרישן שרייבטיש און אַמאָל פלעגט ער פון זיין שרייבטיש אַנטלויפן צו אַ שליחות פון דער פּאַרטיי.

תמיד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ווען ער איז געווען ביי זיין שרייבטיש, איז דערווייל אין דער פּאַרטיי פּאָרגעקומען אַ גאַנצע איבער־קערעניש.

און בעת ער איז פאַרנומען געווען ביי אַ שליחות פון דער פּאַרטיי, איז גראָד אין דער ליטעראַטור געשען אַ גרויסער שינוי.

אַז איציק פעפער איז פּלוצים פאַרשוווּנדן פון אַן אָרט ווו ער האָט גע־

דאַרפט זײַן, האָט איבער דעם אָרט דער הימל געמעגט זײַן ווי לויטער, איז דאָס אָבער געווען דער בעסטער סימן, אַז עס קלייבט זיך אַ געוויטער. זײַן צוריקקומען אויף דעם אָרט האָט אָנגעזאָגט, אַז דער שטורעם איז שוין אַריבער.

ער האָט עס אָבער געמאַכט אַזוי קלוג און געשיקט, אַז מען האָט זיך צו אים בשום אופן נישט געקענט טשעפּען.

אין דעם איז באַשטאַנען זײַן לעבנס־קלוגשאַפט.

איינמאָל, געדענק איך, האָט מען אין ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט גערעדט וועגן אויסלענדישע ייִדישע שרייבער. פעפער, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך, האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגערופן:

— פאַראַן אַ סך טאַלאַנטירטע ייִדישע שרייבער אין אויסלאַנד, אָבער ווען מען זאָל בײַ אונדז אַרײַנלייגן אַזויפיל טאַלאַנט אין דער שרייב־קונסט, וויפל חכמה מען לייגט אַרײַן אין דער קונסט צו לעבן, וואָלטן מיר געווען גרעסערע בריהס פאַר זיי.

נישט אַלע ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד זענען, וואָס אַן אמת, גע־ווען חכמים. ס'איז אָבער יאָ אמת, אַז איציק פעפער איז אַ צײַט לאַנג געווען דער גרעסטער לעבנס־חכם צווישן די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד און מיט דער דאָזיקער חכמה זײַנער האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען.

— 3 —

אין דער קונסט פון דערהאַלטן זיך אויף דער אויבערפלאַך פון די לעבנס־וואַסערן האָט איציק פעפער אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצן טאַלאַנט און אויף דעם געביט האָט ער, ביז דעם 48סטן יאָר, ווירקלעך דערגרייכט גרויס מייסטער־שאַפט.

צו דער דאָזיקער מייסטערשאַפט איז ער דערגאַנגען נישט בלויז מחמת דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטע נאָז, שאַרפע אויגן און אויערן פאַר די וועטער־בייטן פון פּאָליטישן קלימאַט, נאָר אויך אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט די חכמה זיך צוצופּאַסן צו די דאָזיקע וועטער־ענדערונגען אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל אַפילו נישט באַמערקן, אַז ער האָט זיך געביטן.

ער איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין בן־יחיד אין רוסלאַנד, אָדער ווי מען זאָגט: נישט דער איינציקער זכר אין מאָסקווע. פאַר אַ משל לאָמיר דאָ נאָר דערמאָנען איין דוד זאַסלאַווסקי, וועלכער האָט אויך תמיד פאַרויס־געזען, ווו די ווינטן וועלן בלאָזן און איז ווי יענע טשערעפּאַכע תמיד געווען פריִער אויף אַן אָרט, ווי דער פלינקסטער האָז.

אַזעלכע ווי זאַסלאַווסקי און פעפער זענען טאַקע אין רוסלאַנד נישט געווען קיין סך, אָבער זיי זענען געווען און זיי זענען אויך הײַנט דאָ.

פעפער איז אָבער געווען צווישן די געציילטע, וואָס האָבן געקענט, נישט בלויז זיך דערהאַלטן אויף דעם דינעם דראָט איבער דעם תהום פון סאָוועטישן טעראָר, נאָר ער האָט אויך באַוויזן די קונץ, גייענדיק אויף דעם דאָזיקן דראָט, נישט בלויז נישט אַראָפּצופאַלן, נאָר אויך צו שטייגן אַלץ העכער.

ווייטזיכטיקע פעלן נישט אין רוסלאַנד. זעלטן ווער ס׳האָט אָבער גע־קענט אַזוי אויסנוצן זיין ווייטזיכטיקייט, ווי איציק פעפער, ווייל זעלטן ווע־מען האָט דאָס מויל אַזוי געפּאַלגט דעם קאָפּ, ווי פעפערן.

אומעטום איז החיים והמות ביד הלשון, אָבער אין רוסלאַנד איז דאָס מער ווי אומעטום.

אין רוסלאַנד טאָר מען, נאַטירלעך, נישט ריידן קיין שלעכטס אויפן לאַנד און אויף דער רעגירונג, אָבער אויך מיט ריידן צופיל גוטס דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק.

זיין אַ סקעפּטיקער איז דאָרט געפערלעך, אָבער צופיל התלהבות איז אָפטמאָל אויך אַ סכנה.

אויב מען זאָל גלייבן די קלאַנגען, איז חיים גילדין ליקווידירט געוואָרן, ווייל ער האָט צו גוט גערעדט און צופיל התפעלות אַרויסגעוויזן פאַר דער פּאַרטיי און דער רעגירונג.

חיים גילדין איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט דערמאָנט יענעם אונ־טערהעלפער ביים שדכן, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו זאָגן: „פּש, פּש, שוין איינמאָל אַ חתן...״ וואָס די פּאַרטיי האָט נישט געזאָלט טאָן, האָט חיים גילדין די זאַך געמוזט צעלייגן אויף טעלערלעך, זיך באַלעקן און באַווייזן ווי גוט דאָס איז, ווי ווויל דאָס איז און וואָס פאַר אַ ישועות דערפון וועלן אַרויס־קומען, און אַלץ — מיט אַזאַ איבערגעטריבענער התלהבות, גלייך עס וואָלט אים געגאַנגען אין גאַנצן לעבן.

און נאָך אַ טבע האָט ער געהאַט, חיים גילדין: אויף יעדער נייער זאַך, אויף יעדן נייעם טאַט פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג האָט ער נישט בלויז געמאַכט קיין פרום־פּאַרגלאַצטן „שהחיינו״, נאָר ער האָט נאָך צוגע־געבן: איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מען דאַרף אַזוי טאָן.

נו, איז אונטערגעקומען די רוסיש־פינלענדישע מלחמה און דער גרוי־סער פיל־גערימטער מאַרשאַל וואָראָשילאָוו האָט זיך עפּעס נישט געקענט אַזוי גיך ספּראַווען מיט די פינער, וועלכע האָבן גאָר פאַרקערט געגעבן פול־ווער צו שמעקן דער רויטער אַרמיי.

דאַן האָט זיך אַרויסגערוקט דער מאַרשאַל טימאָשענקאָ, וואָס זיין טאַק־טיק איז געווען צו לייגן אַ הונדערט רויטאַרמייער אויף איין פינישן סאָל־

דאָט און אַזוי אַרום האָט ער, ווי נישט איז, געראַטעוועט דעם כבוד פון רוסלאַנד.

טימאָשענקאָ איז געוואָרן דער העלד פון טאָג און די סאָוועטישע רע־גירונג האָט אים באַשטימט אויף וואָראָשילאָווס אָרט. כ׳געדענק שוין נישט, צי אַלס פאָלקס־קריגס־קאָמיסאַר, צי אַלס שעף פון גענעראַל־שטאַב.

חיים גילדין האָט געמיינט אַז שוין... אַז וואָראָשילאָווס שטערן איז שוין אונטערגעגאַנגען... און ער האָט זיך ברייטמויליק צעדרשנט וועגן דעם, אַז די רעגירונג און די פּאַרטיי האָבן גוט געטאָן דערמיט, וואָס זיי האָבן אַזוי געטאָן, ווייל ער, חיים גילדין, האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז דער־אָ וואָ־ראָשילאָוו איז אַ טויגעניכטס, אַ שטיק גאָרנישט, און אפשר אויך אַ שטיק פאַרעטער.

ווערן דערקלערט אין רוסלאַנד פאַר אַ פאַרעטער איז לייכטער ווי אויפ־עסן אַ האַלבע ציבעלע.

אַ געוויינלעכער מענטש, אַז ער גליטשט זיך אויס האָט ער נאָך אַמאָל אַ שאַנס, אַז מען זאָל אים אָנרופן מיט דעם ליבלעכן וואָרט „זשוליק״. אַ הויכע פערזענלעכקייט אָבער, אַז זי ווערט נכשל, דאַרף מען זיך ריכטן, אַז זי וועט בלי מסקנה געשטעמפּלט ווערן ווי אַ פאַרעטער.

חיים גילדין איז דעריבער געגאַנגען מיט דעם געוויינלעכן גאַנג. דער דאָזיקער גאַנג האָט אים אָבער דאָס מאָל פאַרפירט.

וואָראָשילאָוו איז געבליבן זיצן אין זאָטל. ער איז נאָך אַלץ געווען אַ מיטגליד אין פּאָליט־ביוראָ.

סטאַלינס חסד האָט זיך פון אים נישט געהאַט אָפּגעטאָן.

און ריידן אויף אַ מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ האָט געשמעקט מיט לאַ־גער אין סיביר.

חיים גילדין איז טאַקע דעמאָלט פאַרשוווּנדן און מען ווייסט עד היום נישט, וווּ ער איז אַהינגעקומען.

***

דערפון איז צו זען, אַז אַפילו מיט גרויסער התלהבות פאַר דער פּאַר־טיי און דער רעגירונג האָט מען אויך געמוזט זיין פאָרזיכטיק.

און פאָרזיכטיק זענען אַלע געווען.

כאָטש גאַנץ אָפט האָט אויך די פאָרזיכטיקייט געטויגט אויף כפרות.

אַז די נקוו״ד האָט געדאַרפט, האָט זי געשלאָגן דווקא די פאָרזיכטיקע, די שווייגער.

„סאַמאָסטראַכאָוושטשיקי״ — האָט מען זיי גערופן, ס׳הייסט אַזעלכע וואָס סטראַכירן זיך (אַסעקורירן זיך) מיט זייער שווייגן און אויב זיי סטראַ־

כירן זיך איז דאָך אַ סימן, אַז ערגעצווו האָבן זיי נישט קיין גוטע כוונות.

רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט (די סאַטעליטן־לענ־דער, פאַרשטייט זיך, אַריינגערעכנט), ווו מען אַרעסטירט און מען פאַרשיקט מענטשן קיין סיביר צוליב אַ חשד, אַז זיי האָבן שלעכטע כוונות.

ס. פּ. ע. — הייסט די קאַטעגאָריע. דער טייטש: סאָציאַלני פּאָדאָזרי־טעלני עלעמענט — סאָציאַל־אומזיכערער עלעמענט. דאָס מיינט: אַן עלעמענט, וואָס אויב ער האָט אַפילו נאָך איצט נישט קיין שלעכטע געדאַנקען וועגן דער מאַכט, איז ער אָבער מסוגל זיי צו האָבן און דערפאַר איז בעסער, אַז ער זאָל זיך געפינען אין די טונדרעס פון סיביר.

פון דעם אַלעם איז אויסגעקומען, אַז וואָס מען האָט געטאָן און ווי מען האָט זיך געפירט, האָט נישט געטויגט.

האָט מען גערעדט, האָט נישט געטויגט; האָט מען געשוויגן, האָט אויך נישט געטויגט.

— די נקוו"ד דאַרף נאָר אַ מענטש, אַן אורטייל וועט זי שוין געפינען — האָט דאָס פאָלק געזאָגט.

דאָס האָט געהייסן, אַז ווי מען וועט זיך פירן וועט מען אַלצאיינס גיין אין תפיסה אַריין. די ריכטער פון דער געהיים־פּאָליציי וועלן שוין געפינען אַ פּאַראַגראַף מיט וועלכן צו באַרעכטיקן די טורמע.

האָט מען טאַקע קיינמאָל נישט געוווסט ווי אַזוי צו האַנדלען.

מען האָט נישט געוווסט און מען איז געווען צעטומלט.

אין דעם דאָזיקן צושטאַנד זענען די מאַכטהאָבער פון רוסלאַנד געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט.

אַ זיכערער מענטש קען זיך אַמאָל בונטעווען. אַן אומזיכערער, אַ צע־טומלטער — נישט.

דאָס דאָזיקע פּסיכישע געזעץ האָבן די נקוו"ד־פּסיכאָלאָגן גוט אויס־שטודירט און זיי האָבן עס אָנגעווענדט אויפן בירגער אין לאַנד.

פון דעם קען מען שוין פאַרשטיין וויפל חכמה, צי כיטרעקייט איציק פעפער האָט געדאַרפט פאַרמאָגן, כדי זיך צו האַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון אַזאַ משוגע־צעשטורעמטן ים.

ער האָט געדאַרפט ריידן, אַז ס'זאָל זיין דאָס זעלביקע, וואָס געשוויגן און ער האָט געדאַרפט אַזוי שווייגן, אַז מען זאָל עס קענען אָננעמען ווי גערעדט.

און דאָס טאַקע האָט ער צום בעסטן געקענט.

ער האָט געקענט זאָגן אַ זאַך, אַז ס'זאָל זיין אי אַזוי, אי אַנדערש.

און ער האָט געקענט שווייגן אַזוי, אַז ס׳זאָל זיין אי אַ הסכמה, אי אַ קעגנערשאַפט.

היינט האָט ביי אים דאָס וואָרט געמיינט אַזוי און מאָרגן האָט עס גע־מיינט עפּעס אַנדערש.

דער היינטיקער נאַטשאַלניק זיינער האָט געקענט טראַכטן, אַז זיין שתיקה כהודאה דמיא און דער מאָרגנדיקער נאַטשאַלניק האָט געקענט גע־פינען אין פּעפערס נעכטיקן שווייגן אַ סימן, אַז ער, פּעפער, איז מיט זיין נאַטשאַלסטווע געווען אומצופרידן און טאַקע דערפאַר האָט ער געשוויגן.

נאַטשאַלניקעס אין רוסלאַנד בייטן זיך זייער אָפט און אין אוקראַינע — נאָך אָפטער.

אין די אַמטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אוקראַינישער קולטור, ביל־דונג און ליטעראַטור קומט פאַר אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס פון עולים און יורדים אין דער אָנפירערשאַפט.

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי איז נישט שווער צו פאַרשטיין.

* * *

דער ענדציל פון די קרעמל־מושלים איז צו שאַפן איז גאַנץ רוסלאַנד איין איינהייטלעך סאָוועטיש פאָלק.

די עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע פּילצאָליקע פעלקער אין רוסלאַנד איז נאָך אַלץ אַ געפאַר פאַר די נייע רוסישע מאַכטהאָבער און אין איר האָט זיך אַנטפּלעקט רוסלאַנדס שוואַכקייט, נישט בלויז ביי דער לעצטער מלחמה, נאָר אויך אַ שטיק צייט פאַר דער מלחמה.

די קרעמל־מושלים ווייסן אָבער, אַז קיין סתם ניי פאָלק קען מען נישט שאַפן. מען קען די פאַראַנענע פעלקער אויסמישן, אַסימילירן, אַזוי אַז דורך דער דאָזיקער אַסימילאַציע זאָל געשאַפן ווערן אַ ניי פאָלק.

כדי אָבער די קלענערע פעלקער זאָלן זיך אַסימילירן און אויסמישן, מוז זיין אַ גרויס פאָלק און אַ גרויסע קולטור, וואָס זאָל זיין אַסימיליר־פעיק. דאָס איז אין רוסלאַנד דאָס רוסישע פאָלק און די רוסישע קולטור.

מען דאַרף נישט מיינען, אַז די הערשער פון רוסלאַנד זענען דורכויס גרויס־רוסישע שאָוויניסטן, דערפאַר וואָס זיי פירן אַ גרויס־רוסישע אַסימי־לאַציע־פּאָליטיק בנוגע אַלע אַנדערע פעלקער. זיי זענען נאָר רעאַל־פּאָליטי־קער און ווי רעאַל־פּאָליטיקער פאַרשטייען זיי, אַז דאָס רוסישע פאָלק און די רוסישע קולטור איז אין דעם פיל־פעלקערדיקן רוסלאַנד דער איינציקער ווירקזאַמער מאַגנעט וואָס קען צוציען און אַרום וועלכן מען קען אַרומוויקלען די אַנדערע פעלקער.

וואָלט אין רוסלאַנד געווען אַן אַנדער פאָלק, וואָס זאָל אַזוי מסוגל זיין צו ווערן דער שמעלצקעסל פאַר דער סאָוועטישער פעלקער־איינהייט, ווי דאָס רוסישע פאָלק, וואָלטן זיי געשטעלט דעם טראָפּ פון אַסימילאַציע אויף דעם דאָזיקן אַנדערן פאָלק. אַזוי ווי קיין אַנדער פאָלק קען אָבער זיך, אין דעם פּרט, מיט דעם רוסישן נישט פאַרגלייכן, זענען זיי במילא אָנהענגער פון רוסיפיקאַציע.

דאָס איז סטאַלינס תורה פון וועלכער די קרעמל־לייט וועלן זיך נישט אָפּזאָגן, אַפילו ווען זיי וועלן זיך טויזנט מאָל אָפּזאָגן פון סטאַלינען אַליין.

און נישט בלויז פון דער דאָזיקער תורה וועלן זיי זיך נישט אָפּזאָגן, נאָר אויך פון די מעטאָדן זי צו פאַרווירקלעכן אין לעבן, וועלן זיי נישט אָפּטרעטן.

אין די מעטאָדן שטעקט די גאַנצע כיטרעקייט און גרויזאַמקייט פון דער סאָוועטישער הערשאַפט.

וואָרום וואָלט מען אָפן געזאָגט, אַז אַלע פעלקער אין רוסלאַנד דאַרפן זיך לאָזן אַסימילירן דורך דעם רוסישן פאָלק, וואָלט די מאַכט אָן שום ספק געהאַט צו טאָן מיט אַ גאַנצער ריי אויפשטאַנדן קעגן זיך, וואָס ווער ווייסט מיט וואָס זיי וואָלטן זיך פאַרענדיקט.

זאָגט מען טאַקע דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס מען טראַכט. און מען טוט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס מען זאָגט.

אָבער אויך סתם טאָן אין דער ריכטונג פון די אָנגעצייכנטע כוונות איז זייער געפערלעך.

טוט מען דעריבער אַזוי, אַז ס׳זאָל זיין אי צוויי שפאַן פאָרויס, אי איין שפאַן צוריק.

אי מען פירט אָפּענערהייט אַ קולטור־אַרבעט אין דעם לשון פון די פעלקער, אי מען באַהערשט באַהאַלטענערהייט זייער דערציִונג און מען לייַדיקט אויס זייער קולטור פון די נאַציאָנאַלע ספּעציפישקייטן, וואָס אַדאַנק זיי האָט די פאָלקס־קולטור אַ קיום און אַ באַרעכטיקונג.

מען גיט טאַקע יעדן פאָלק דאָס רעכט אויף זיין לשון, אויף זיין ליטעראַטור און אויף זיין קונסט, אָבער אין אַלע לשונות דאָמינירט דער רוסישער גייסט, וואָס טרייבט אַרויס דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט פון דעם געגעבענעם פאָלק.

אין רוסלאַנד רעדט מען רוסיש אויף די פאַרשיידנסטע שפּראַכן.

**
*

עס זענען אָבער פאַראַן פעלקער אין רוסלאַנד, וואָס זיי איז נישט גרינג

בייצוקומען, און צווישן זיי פאַרנעמט דאָס אָנגעזעענסטע אָרט דאָס אוקראַי־נישע פאָלק, דאָס צווייט גרעסטע נאָך די רוסן.

לגבי די אוקראַינער פאָדערט זיך דעריבער אַ ספּעציעלע טאַקטיק.

די טאַקטיק פון גיין אַלעמאָל אַהין און צוריק, פון נעמען און געבן און ס׳זאָל דאָך יעדעס מאָל מער צוגענומען ווערן ווי צוריקגעגעבן ווערן.

יעדעס יאָר, אָדער צוויי יאָר קומט, בכן, אין דער קולטור־פּאָליטיק לגבי אוקראַינע, אַן אַנדערער קורס.

אַט באַשטראָפט מען שטרענג פאַר צו־הייסן אוקראַינישן נאַציאָנאַליזם און אַט באַשטראָפט מען ווידער פאַר צו־שטאַרקע רוסיפיקאַטאָרישע טענ־דענצן.

און יעדעס מאָל ווען דער קורס בייט זיך, בייטן זיך אויך די אָנפירער און די אויספירער פון דער געפּסלטער פּאָליטיק.

איציק פעפער האָט אַלע זיינע יאָרן, ביז צו זיין קומען קיין מאָסקווע, פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער אוקראַינער קולטור און בילדונגס־פּאָ־ליטיק.

ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט אין דער דאָזיקער פּאָליטיק נאָר געהאַט צו טאָן מיט דעם יידישן אָפּשניט.

אין פּרט פון יידן צוליב פּאָליטישע ענדערונגען זענען יידן אין רוס־לאַנד געווען פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט.

אומעטום האָבן יידן אין רוסלאַנד געהאַט דאָס פּראָבלעם פון זייער איי־גענעם נאַציאָנאַליזם, וועלכן מען האָט באַזונדערס אונטערגעדריקט.

יידן זענען אין רוסלאַנד געווען די ערשטע ציגן, וועלכע האָבן, צוליב די באַקאַנטע טעמים, אויפגעהערט געבן זייער נאַציאָנאַלע מילך.

אָבער בשעת מגיפה האָט מען יידן אויך פאַרעכנט אין דער טשערעדע און זיי האָבן אויך געדאַרפט געבן זייער צאָל קרבנות דעם מלאך המוות.

אַז מען האָט געשלאָגן פאַר אוקראַינישן שאָוויניזם, האָבן די יידן אין אוקראַינע אויך אַריינגעכאַפּט קלעפּ.

און אַז מען האָט געשטראָפט פאַר רוסיפיקאַטאָרישן אימפּעט, זענען די אוקראַינישע יידן אויך געווען צווישן די געשטראָפטע.

און איציק פעפער האָט צוליב זיין פּאָזיציע, פּונקט ווי חנניה מיט דער זשופּיצע, ביי אליעזר שטיינבאַרגן, תמיד זיך געדרייט אין דער מיט.

און קיין שום זכות־אבות וואָלטן אים נישט געהאָלפן זיך אַרויסצודרייען, ווען ער אַליין וואָלט נישט עפּעס געטאָן דערצו.

און ער האָט טאַקע געטאָן, געטאָן מיטן כוח פון זיין שכל.

ער איז ביז דעם 48סטן יאָר פון דעם דאָזיקן טייוולאָנישן מילראָד אַרויס גאַנץ.

און נישט בלויז גאַנץ, נאָר ער איז אויך געשטיגן מעלה, מעלה, העכער און העכער.

— 4 —

אין די יאָרן 1944־1946, ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, איז איציק פעפער געווען אויף דעם סאַמע העכסטן שפּיץ פון זיין קאַריערע.

ער האָט פאַר דער מלחמה שוין אויך פאַרנומען אַ הויכע פּאָזיציע אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט אין אוקראַינע.

ער איז געווען, אַזוי גוט, ווי פּאָלנער באַלעבאָס פון אוקראַינער ייִדיש־ליטעראַרישן לעבן.

בעסער געזאָגט: דער משגיח איבער דעם דאָרטיקן ייִדיש־ליטעראַרישן צענטער.

אָבער פאַר דער מלחמה זענען ייִדיש־ליטעראַרישע צענטערן אין רוסלאַנד געווען דריי: אין מאָסקווע, אין קיִעוו און אין מינסק.

און דער מאָסקווער צענטער איז פאָרט געווען דער חשובסטער.

דאָרט, אין מאָסקווע, איז דער ראש וראשון ביז דער מלחמה געווען פּרץ מאַרקיש.

און ס׳איז במילא אַזוי אויסגעקומען, אַז פּרץ מאַרקיש איז געווען דער ראש וראשון פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

אַפילו אַז די סאָוועטישע רעגירונג האָט געטיילט די ייִדישע שרייבער אָרדנס, האָט מאַרקיש באַקומען דעם העכסטן ציווילן אָרדן, דעם „אָרדען לענינאַ״, דעם לענין־אָרדן.

פעפער האָט באַקומען דעם אָרדן פון דער „רויטער פאָן״. אויך אַ בכבודיקער אָרדן, אָבער פאָרט פון אַ קלענערער מדרגה ווי מאַרקישעס.

און מאַרקישעס העכערקייט איז פעפערן אַלעמאָל געווען אַ דאָרן אין אויג.

יאָרן־לאַנג האָט זיך געצויגן די מחלוקה צווישן דעם ייִדיש־ליטעראַרישן צענטער אין מאָסקווע און דעם ייִדיש־ליטעראַרישן צענטער אין קיִעוו.

ריכטיקער — צווישן מאַרקישן און פעפערן.

און נישקשה — די דאָזיקע מחלוקה האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו דער איינשרומפּעניש פון ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד.

מען וואָלט אפשר געווּיסע גזירות אויף ייִדיש געקענט אָפּשרייען, דעם טעמפּאָ פון דער ייִדיש־ליקווידאַציע — פאַרפּאַמעלעכן, אָבער די צוויי גרעסטע ייִדיש־שעפערישע צענטערן זענען געווען צווישן זיך צעקריגט, האָבן גע־

טאָן איינער דעם אַנדערן אין דער גאַל אַריין און האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצע צייט און ענערגיע אויף דעם ביטערן שפּיל פון „ווער — וועמען"...

דאָס האָט גוט אויסגענוצט דער פּסוק השלישי, דער דרויסנדיקער צד, וועלכער האָט אין דער ליקווידאַציע פון יידיש און אין דער אַסימילאַציע פון די יידן געוואָלט זען די ערשטע פּרוכטן פון זיין פאַרזיי אויפן פעלד פון פעלקער־פאַרשווינדונג אין סאָוועטרוסלאַנד.

ס'איז שוין פון פריער געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס דערהאַלטן די נאַציאָ־נאַלע קולטורן ביי די סאָוועטישע פעלקער איז אַ מין עבירה שהזמן גורמה.

ס'איז אַ מין קאָנצעסיע, וואָס מען גיט די פעלקער, ווייל מען וויל נישט מיט זיי צופיל איינרייסן.

אָבער אַז די שאַפנדיקע מענטשן פונעם יידיש־פאָלק האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן, האָבן זיי דערביי אויפגעדעקט זייער שוואַכקייט... און אויף קיין זאַך קוקן די סאָוועטישע מאַכטהאָבער נישט מיט אַזאַ ביטול ווי אויף שוואַכקייט.

מיט כוח, ס'מעג זיין דעם ערגסטן, רעכענען זיי זיך אַלעמאָל.

יידישע שרייבער האָבן אָבער אין קריג צווישן זיך אַנטפּלעקט זייער מאַנגל אין כוח.

די מחלוקות זענען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט געמוזט אָנקומען צום גויישן דיין, ער זאָל פּסקענען ווער ס'איז גערעכט.

און דער גויישער דיין האָט אַלעמאָל געפּסקנט, ווי יענער פוקס פונעם משל, ביי וועלכן עס בלייבט דאָס גאַנצע שטיק קעז.

נאָך יעדן פּסק־דין איז די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד קלענער געוואָרן.

די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן אָבער דערפון גאָרנישט גע־לערנט.

אין געיעג צו שלאָגן איינער דעם אַנדערן, האָט זיי נישט געאַרט, וואָס זיי זענען אַליין געשלאָגן געוואָרן.

מען האָט אונטערגעצונדן די אייגענע הייזער אין נקמה־לוסט, אַז יענער זאָל ברענען.

דאָס יידיש־ליטעראַרישע קיעוו, אַ שטייגער, האָט תמיד געהאַט גרויסע אויגן אויף די יידישע שרייבער אין מאָסקווע און מען האָט אָנגעוויזן, ווי מען דאַרף, אַז דעם מאָסקווער צענטער לעבט זיך צו גוט, ער באַקומט צוגע־טיילט צופיל פּאַפּיר אויף אַרויסצוגעבן יידישע ביכער, אַ צו גרויסן בודזשעט צו צאָלן האָנאָראַרן אאַז"וו א"וו.

צי האָט „מאָסקווע" געטאָן דאָס זעלביקע בנוגע „קיעוו"? אויף מאָר־

קישן גלייבט זיך עס נישט, כאָטש ביי דער תורה וואָלט איך וועגן דעם נישט געשווירן.

דער סוף איז געווען, אַז דער פאַרלאַג „עמעס" אין מאָסקווע האָט טאַקע וואָס אַמאָל ווייניקער באַקומען פּאַפּיר און געלט אויף אַרויסצוגעבן ייִדי־שע ביכער.

און אַז ער האָט זיך געקלאָגט דערויף, האָט מען אים געוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז לויט די ראיות פון די קיִעווער חברים באַקומט ער נאָך אַלץ צופיל.

דאָס זעלביקע איז מסתמא געשען אין קיִעוו, ווו מען האָט זיך באַנוצט מיט די ראיות פון די מאָסקווער חברים.

און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז נאָך הערט פאַר דער מלחמה איז די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד געוואָרן ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק.

די שרייבערישע קנאה־שנאה, וואָס איר העכסטער אויסדרוק איז גע־ווען די קנאה־שנאה צווישן פרץ מאַרקיש און איציק פעפער, האָט ממש גע־אַרבעט איבער־שעהן כדי חרוב צו מאַכן דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע לעבן אין רוסלאַנד.

און אַ באַדן פאַר דעם דאָזיקן חורבן האָט די קנאה־שנאה־אַרבעט גע־האַט זייער אַ גוטן.

אויערן צו דערהערן דאָס קריגעריי צווישן ייִדישע שרייבער זענען געווען זייער שאַרפע.

אַז ייִדישע שרייבער האָבן זיך אַריינגעזאָגט איינער דעם אַנדערן און איינער דעם אַנדערן האָט אויפגעוויזן זיין זינדיקייט לגבי דער סאָוועטישער מאַכט, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן דערפון געמאַכט די געהערי־קע אויספירן.

די העץ־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן שאַ־שטיל, פאַרשטייט זיך, עס זאָל חלילה נישט דערגיין קיין אויסלאַנד.

מען האָט דעריבער ווייניק געשריבן וועגן שרייבער אין די בלעטער. מען האָט אָבער אַ סך געשריבן איינער וועגן אַנדערן אין די „דאָנאָסן", אין די געהיימע מסירות צו די געהעריקע אינסטאַנצן.

די אינסטאַנצן זענען געשוואָלן געוואָרן פון די פעק מסירה־פּאַפּירן און זייערע נאַטשאַלניקעס זענען גרעבער געוואָרן פון נחת פון דעם אינהאַלט אין די דאָזיקע פּאַפּירן.

אין יעדן רוסישן אַמט געפינט זיך אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט אָט דעם מין פּאַפּירן, און מיט דעם זאַמלען בעל־פּה־מאַטע־ריאַל, וועלכן מען זאָל קענען פאַרשרייבן אויף אַזעלכע מיני פּאַפּירן.

אַ מענטש, וועלכן מען האָט אַמאָל אַרויסגערופן אין אַזאַ מין אָמט ער זאָל דערציילן וועגן זיינע חברים, האָט זיך געפּרוווט מאַכן טאַמעוואַטע און דערציילן וועגן זיי לויטער גוטס.

דאָס ערשטע מאָל האָט מען אים אויסגעהערט און מען האָט אים גע־הייסן קומען נאָכאַמאָל.

ביים צווייטן מאָל, ווען ער האָט געפּרוווט מאַכן דאָס זעלביקע שפּיל, האָט אים דער סעקרעטאַר פון דעם דאַזיקן אָמט געזאָגט:

— נאַם פּאָלאָזשיטעלני מאַטעריאַל ניע נוזשען! — אונדז, הייסט עס, אינטערעסירט נישט דאָס גוטע, וואָס דו האָסט צו דערציילן וועגן דיינע חברים. אונדז אינטערעסירט נאָר דאָס שלעכטע.

די דאַזיקע אינסטאַנצן האָבן גענוג שלעכטס אָנגעזאַמלט וועגן יידישע שרייבער פונעם מלשינות־מויל און דער מסירה־פּעדער פון יידישע שרייבער...

***

ביי דער געלעגנהייט וואָלט אפשר כדאַי געווען צו זאָגן עפּעס מער וועגן די באַציִונגען צווישן די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.

ווי אומעטום, האָבן אויך יידישע שרייבער אין רוסלאַנד נישט געשמירט איינער דעם אַנדערן מיט האָניק.

מען האָט זיך היפּש פיינט געהאַט, נישט פאַרגינען זיך דאָס לעבן, ווער שמועסט נאָך — דעם דערפאָלג. מען האָט זיך באַרעדט און על־פּי נוסח־רוסלאַנד — איינער דעם אַנדערן געמסרט.

און ווי אומעטום האָבן זיך אויך דאָרט די שרייבער געהאַלטן אין קופּ־קעלעך, אין קרייזלעך און איין קופּקעלע, איין קרייזל האָט אויפן צווייטן אויסגערעדט כל דבר אסור.

דאָך איז געווען אַ שטיקל חילוק צווישן די שרייבערישע באַציִונגען אין רוסלאַנד און די זעלביקע באַציִונגען אין דער גאַנצער וועלט.

אין רוסלאַנד האָט מען געמוזט צוימען דעם טעמפּעראַמענט ביי אַלע אַנדערע זאַכן, במילא האָט מען אים געמוזט צוימען אויך אין דער באַציִונג צו אַ צווייטן שרייבער.

וואָרום, אויב לאָמיר זאָגן, דער שרייבער ראובן איז אין דעם מאָמענט געווען אַ חשוב ביי דער פּאַרטיי, האָט דער שרייבער שמעון שוין נישט גע־קענט קומען און זאָגן בפרהסיא, אַז ער איז אַ גראַפאָמאַן, אַזוי ווי דאָס גע־שעט, עס זאָל אונדז צו קיין בזיון נישט זיין, אין אַלע אַנדערע פרייע לענדער.

ריידן אויף אַ מענטש, וואָס איז חשוב ביי דער פּאַרטיי האָט געשמעקט מיט קראַמאָלע, מיט מרידה קעגן מלכות.

אַז די פּאַרטיי האָלט ראובנען פאַר אַ גוטן שרייבער, ווער זשע וועט דאָס זאָגן, אַז ער איז אַ שלעכטער?

פאַרקערט, די גאַל האָט אַפילו געמעגט צעזעצט ווערן, האָט מען ראובנען נאָך געמוזט עפנטלעך לויבן.

חוץ דעם האָט קיין שום שרייבער אין רוסלאַנד נישט געקענט שבת־מאַכן פאַר זיך. ער האָט נישט געקענט אַליין אַרויסגעבן קיין בוך אָדער זשורנאַל. זיינע פריינט האָבן אים נישט געקענט מאַכן אַליין קיין ליטעראַרישן אָוונט, פייערן קיין יובילייע, וכדומה. ער האָט וועגן די אַלע זאַכן גע־מוזט אָנקומען צום שרייבער־פאַריין, צום פאַרלאַג, וווּ ראובן איז אין דעם מאָמענט געווען דער גרויסער דעה־זאָגער.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל זיך מער רעכענען מיטן וואָרט, ווי אין אונדזערע מקומות.

שטילערהייט האָט מען זיך טאַקע פיינט געהאַט און זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן די מינוט, ווען דער שטאַרקער וועט פאַלן, אָבער פון אויבן־אויף האָט מען אָנגעשטעלט אַ פריינטלעך פּנים, געמאַכט אַ גוטע מי־נע צום בייזן שפּיל.

און מען האָט געמוזט מאַכן אַ גוטע מינע צום בייזן שפּיל, ווייל רע־וואָלטירן האָט מען נישט געקענט.

ביי אונדז, לאָמיר זאָגן, אַז וועלכן עס איז שרייבער ווערט נמאס דאָס געמויזעכץ אין דער ליטעראַרישער סביבה, הייבט ער זיך אויף, פאַרקאַשערט די קאַפּאָטע און זאָגט: אַ גוטן טאָג.

— עך וויל ניש — זאָגט ער — ענקער האָניק און עך וויל ניש ענ־קער ביס.

ער דאַרף נאָר האָבן פּערזענלעכן מוט דערצו.

און לעבט ער אַפילו פון שרייבערישער אַרבעט, קען ער זיך ביי אונדז אויסזוכן אַן אַנדערע אַרבעט.

נישט אַזוי איז דאָס אָבער אין רוסלאַנד.

דאָרט קען זיך דער שרייבער מיט זיין סביבה נישט גטן. דאָרט קען ער ווערן אויס שרייבער, נאָר ווען אַנדערע ווילן, אָבער נישט ווען ער אַליין וויל.

אַ שרייבער, וואָס וואָלט געוואָרפן דער שרייבערישער סביבה דעם גט צו די פיס, וואָלט תּיכף געהאַט צו טאָן מיט דער נקוו״ד.

— וואָס הייסט עפּעס, דו ווילסט ווערן אויס שרייבער? די סאָוועטישע ליטעראַטור געפעלט דיר נישט?

און אויב די סאָוועטישע ליטעראַטור געפעלט דיר נישט, ווער זשע קען וויסן צי די סאָוועטישע מאַכט געפעלט דיר יאָ?

דאָס דאַרפֿן ענטפֿערן אויף אַזעלכע שאלות ענדיקט זיך תּמיד זייער שלעכט.

האָט אַ שרייבער דאָרט נישט קיין ברירה און איינמאָל אַריין אין דער שרייבעריי, קען ער שוין פֿון איר נישט אַרויס, סיידן מען איז אים משלח.

***

די לית־ברירהדיקייט האָט דעריבער געצווונגען אַפֿילו דעם ערלעכסטן שרייבער אין רוסלאַנד מיטצומאַכן דאָס פֿאַלשע שפּיל און זיך צו האַלטן אין אַ געוויסער מדרגה.

דאָס האַלטן זיך אין דער מדרגה האָט געהאַט אי אַ מעלה, אי אַ חסרון.

די מעלה איז געווען דאָס, וואָס די שרייבערישע שנאה האָט זיך פֿאָרט נישט אַזוי צעגאַרטלט און האָט זיך פֿאָרט געמוזט האַלטן אין די ראַמען פֿון אַ געוויסער אויגנשיינלעכער לייטישקייט. מילא, וואָס אין האַרץ האָט זיך געטאָן, איז אַ באַזונדער זאַך, אָבער פֿון דרויסן האָט מען זיך געפּירט, על־פּי ענגלענדער אָדער פֿראַנצויזן: מיט אַ באַשטימטער העפֿלעכקייט און טאַקט.

דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס פֿון איין זייט האָט זיך געשאַפֿן אַן אַטמאָספֿער פֿון עקלדיקער חניפֿה צום שטאַרקן און פֿון דער צווייטער זייט האָבן די אונטערגעדריקטע געפֿילן געבושעוועט מיט מסירות צו די מאַכט־אָרגאַנען און זיי האָבן זיך באַזונדערס צעשפּילט אין דער סאַמע שרעקלעכסטער פֿאָרם, ווען דער שטאַרקער איז אַריינגעפֿאַלן אין אומחן און איז גע־גאַנגען אַ גאַנג.

כ׳האָב אין רוסלאַנד ווייניק געהערט, אַז ייִדישע שרייבער זאָלן באַ־דויערן זייערע ליקווידירטע קאָלעגן. די שנאה צו זיי האָט נישט אויפֿגעהערט אַפֿילו דעמאָלט, ווען זיי זענען שוין געווען אין די לאַגערן אָדער אויפֿן עולם־האמת.

געווען, פֿאַרשטייט זיך, אויסנאַמען אויך. געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט יאָ דערמאָנט צום גוטן.

איינער פֿון זיי איז געווען משה קולבאַק.

וועגן אים האָט מען אין מינסק און אין מאָסקווע געקענט הערן אַ סך גוטס.

די קיִעווער שרייבער האָבן אָבער אַפֿילו וועגן קולבאַקן קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט.

צווישן די ייִדישע שרייבער פֿון מינסק און מאָסקווע און די ייִדישע שריי־בער פֿון קיִעוו און כאַרקאָוו איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד.

— 5 —

צווישן די ייִדישע שרייבער אין קיִעוו און ייִדישע שרייבער אין מאָס־קווע איז געווען אַ חילוק ווי צווישן טאָג און נאַכט.

אין מאָסקווע איז די לופט צווישן די ייִדישע שרייבער אַ סך ריינער געווען.

אויך די מאָסקווער ייִדישע שרייבער האָבן זיך נישט באַצויגן איינער צום אַנדערן ווי יונתן צו דודן, אָבער געמסרט האָט מען זיך דאָרט אַ סך ווייניקער.

נאָכן 37סטן יאָר האָבן שוין די דאָרטיקע ייִדישע שרייבער פאַרשטאַ־נען, אַז די קעגנזייטיקע מסירות וועלן זיי אַלעמען אומברענגען.

ביז די קיִעווער זענען געקומען קיין מאָסקווע — דאָס איז געווען אין די יאָרן 1943־1946 — האָט צווישן די מאָסקווער ייִדישע שרייבער עקזיס־טירט אַ נישט־געריעדטער און נישט־געשריבענער אָפּמאַך, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, זאָל מען עס, ווי ווייט מעגלעך, האַלטן צווישן זיך.

געווען אויסנאַמען אויך און וועגן זיי וועט אויסקומען באַזונדער צו דערציילן. אָבער אין כלל האָט ביי די מאָסקווער ייִדישע שרייבער געלעבט דאָס ערבות־געפיל פאַר דער גאַנצקייט פון ליטעראַרישן צענטער.

אַוודאי זענען אַ סך שרייבער אין מאָסקווע נישט צופרידן געווען מיט מאַרקישעס ממשלה.

דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר י. נוסינאָוו — אַ מענטש פון מאַרקישעס לייב־גוואַרדיע — האָט זיך אַמאָל פאַרגינען אויף אַן אָוונט וועגן דער ייִדי־שער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, אָפּצורײדן צוויי שעה צייט וועגן די ווערק פון מאַרקישן און קוים מיט עטלעכע ווערטער צו דערמאָנען, כל הנערימדיק, די אַנדערע שרייבער: דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ, שמואל האַלקין, עזרא פינינבערג, וכדומה. די לעצטע האָבן זיך דערביי געפינען אין זאַל און כאָטש מען קען נישט זאָגן, אַז זיי האָט דאָס שטאַרק געשמעקט, איז אָבער צו קיין אָפענעם סקאַנדאַל פאַרט נישט געקומען.

אויך אין מאָסקווע האָבן זיך ייִדישע שרייבער געהאַלטן אין קרייזלעך און אין קלייזלעך און שטילערהייט האָט איין קרייזל פיינט געהאַט און מבטל געווען כעפרא דערעא די שרייבער פון צווייטן קרייזל. פאַר דעם „דרויסן״ אָבער האָט מען איינגעהאַלטן אַ געוויסע אייניקייט און מען האָט באַמיט זיך אַרויסצוטרעטן ווי אַ גאַנצקייט.

מאָסקווער ייִדישע שרייבער האָבן אַפילו געהאַט דעם מוט צו באַשטראָפן מיט שטילן חרם אַזעלכע, וואָס האָבן געפּרווווט אַ מסר טאָן.

די מאָסקווער ייִדישע שרייבער זענען, אגב, געווען בעסערע מענטשן און גרעסערע פערזענלעכקייטן.

מיט אַלע זייערע חסרונות האָט מען אין זייער סביבה דאָך געפילט, אַז מען געפינט זיך אין דער נאָענט פון שעפערישע מענטשן צו וועלכע מען דאַרף אַרויפקוקן.

סיי בערגעלסאָן, סיי מאַרקיש, סיי האַלקין, סיי קוויטקאָ, סיי קושניראָוו זענען געווען שרייבער פון אַ מדרגה. ס'איז נישט געווען קיין ערב רב. אויך די ייִנגערע שרייבער, ווי אלעווסקי, ראָסין, צי גאָר די ליטעראַטור־קריטי־קער ווי גורשטיין און ווינער, זענען געווען מענטשן פון אַ העכערן ניוואָ.

ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע האָבן אַ סך פריִער, ווי זייערע חברים ערגעץ אַנדערש אין רוסלאַנד, אָנגעהויבן דערזען פאַר וועמען זיי שטייען און וווּ זיי גייען.

דערביי האָבן זיי זיך שוין דערמאָנט פון וואַנען זיי קומען.

און די מאָסקווער ייִדישע שרייבער זענען פאַרט פון ערגעץ געקומען. זיי זענען נישט אויפגעוואַקסן אויפן באַרג מיסט פון דעם רעוואָלוציע־אי־בערקער.

די ייִדישע שרייבער־פּליטים פון פּוילן האָבן זיך אַ סך בעסער געפילט צווישן די מאָסקווער חברים, ווי צווישן די קיִעווער.

די קיִעווער — און אומעטום ווו איך רייד וועגן די קיִעווער מיין איך שוין אויך די כאַרקאָווער — זענען געווען אַ סך אַגרעסיווער. זיי האָבן תמיד געהאַלטן גרייט די ציין און די נעגל צום קאַמף.

אונטערשטעלן זיך פיסלעך און זיך אָפּן מסרן איז דאָרט געווען אַ וואָ־בעדיקער גאַנג.

בעת איך רייד וועגן די קיִעווער שרייבער, נעם איך, פאַרשטייט זיך, נישט אַריין אין חשבון דוד האָפשטיינען, איציק קיפּניסן, דעם נסתר, נח לור־ריע און נאָך אייניקע. איך מיין דאָ דעם פאַרשטאַרבענעם פייוול סיטא, גאָנ־טאַר, אברהם קאַגאַן, משה פינטשעווסקי, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי און איבער זיי אַלעמען — איציק פעפערן.

**
*

איציק פעפער איז געווען דער טאָן־געבער פון דער „קיִעווטשינע״, ווי מאַרקיש פלעגט זיך מיט פאַראַכטונג אויסדריקן.

די כאַראַקטעריסטיק פון דער „קיִעווטשינע״ איז געווען דאָס כסדרדי־קע רייסן זיך צו בעסערע פּאָזיציעס, דאָס גיין איבער טויטע און איבערהויפּט דאָס וועלן זיך באַפרייען פון דער מאָסקווער אויבער־ממשלה.

איציק פעפערן איז עס ממש געגאַנגען אין לעבן.

ער האָט פון קיִעוו אויס כסדר מלחמה געהאַלטן מיט מאַרקישן אין מאָסקווע.

די מלחמה איז דער עיקר באַשטאַנען אין טאָן זיך אין דער גאַל אַריין.

האָט מאַרקיש געהאַט כבוד פון זיין רוסישער נאַטשאַלסטווע אין מאָס־קווע, האָט שוין פעפער אַלץ געטאָן, כדי צו באַווייזן, אַז ער איז ביי זיין נאַטשאַלסטווע אין אוקראַיִנע נאָך מער חשוב.

האָט מען מאַרקישן איבערגעזעצט אויף רוסיש, האָט פעפער איינגע־לייגט וועלטן, אַז מען זאָל אים איבערזעצן אויף אוקראַיִניש.

דאָס איז אָבער נישט געווען דאָס ערגסטע.

פיל ערגער איז געווען, וואָס אויב מאַרקיש האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַ ייִדישן שרייבער, פלעגט פעפער טאָן אַלץ, אַז ער זאָל יענעם באַגראָבן.

מאַרקיש האָט געשטיצט די ייִדישע שרייבער אין אוקראַיִנע, וועלכע פע־פער האָט נישט ליב געהאַט און פעפער האָט געטאָן פאַרקערט, געשטיצט דווקא די מאָסקווער שרייבער, וועלכע האָבן ביי מאַרקישן נישט נושא חן געווען.

עס איז שיער נישט פאַרגעקומען קיין „דיפּלאָמאַטישער קאָנפליקט" צווישן דעם מאָסקווער שרייבער־פאַריין און דעם קיִעווער שרייבער־פאַריין, ווען מאַרקיש האָט געפּועלט, אַז מען זאָל פאַרבעטן אַ גרופּע ייִדישע שריי־בער פון לעמבערג, מיט אַלטער קאַציזנען בראש, קיין מאָסקווע.

דאָס איז געווען אין יאָר 1940. פעפער האָט פאַרבעטן קיין קיִעוו אַ גרופּע שרייבער־פּליטים פון די נייע געביטן, וואָס האָבן פריִער געהערט צו פּוילן. די נישט־פאַרבעטענע האָבן מסתמא זיך פאַרקלאָגט פאַר מאַרקישן, הלמאי מען האָט זיי פאַרשעמט. איז מאַרקיש געגאַנגען ווייזן פעפערן זיין כוח און האָט דווקא די פאַרשעמטע אַראָפּגעבראַכט אויף אַ וויזיט קיין מאָסקווע.

מאַרקישעס שטאַרקייט איז באַשטאַנען אין זיין גוטער פּאָזיציע ביים רוסישן פּריץ, דעם פאָרזיצער פון מאָסקווער שרייבער־פאַריין, פּונקט ווי פּע־פערס שטאַרקייט איז באַשטאַנען אין זיין גוטער פּאָזיציע ביים אוקראַיִנישן פּריץ, דעם פאָרזיצער פון אוקראַיִנישן שרייבער־פאַריין.

דורך די דאָזיקע צוויי גויִים האָט זיך עס געפירט די ייִדישע מלחמה.

און דורך דער דאָזיקער מלחמה מיט די הענט פון די צוויי גויִישע פּרי־צים האָט מען פאַרלוירן דאָס ייִדישע לעבן.

אנשטאָט אויסצונוצן דעם איינפלוס ביי די נאַטשאַלניקעס, כדי זיך איינ־צושטעלן, וויפל ס'איז מעגלעך געווען, פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ייִדי־

שער קולטור, האָט מען דעם דאָזיקן איינפלוס פאַרוועגדט אין פערזענלעכער קריגעריי.

און ס׳איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער רוסישער גוי האָט געטאָן אַ טובה זיין ייִד און האָט געשלאָגן די ייִדישע ליטעראַטור אין אוקראַיִנע און דער אוקראַיִנישער גוי האָט צוליב געטאָן זיין ייִד און געשלאָגן די ייִדישע ליטעראַטור אין מאָסקווע.

דער אָנגרייפער איז אָבער פאַרט געווען איציק פעפער.

ער איז געווען דער שטענדיקער מלחמה־אונטערצינדער.

פעפערס מלחמה קעגן מאַרקישן וואָלט אָבער גאָרנישט פועל געווען, ווען עס מאַכט זיך נישט די אמתע מלחמה, די מלחמה פון יאָר 1941.

די מלחמה האָט צעמישט אַלע יוצרות. דער פאַרויסגאַנג פון דייטש אויף דער רוסישער ערד האָט אַרויסגערופן אַ בהלהדיק אַנטלויפן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די קאַנטן פון טיף־רוסלאַנד. אַלע דריי ייִדיש־ליטעראַרישע צענטערן האָבן דעריבער, אַזוי גוט ווי אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

די שרייבער פון אַלע דריי צענטערן האָבן זיך פּלוצים געפינען אין גלות — אויף עוואַקואַציע.

און אין עוואַקואַציע־גלות זענען די שטאַרקע שוואַך געוואָרן און די שוואַכע זענען געוואָרן שטאַרק.

אַז מען האָט מאַרקישן אַרויסגעריסן פון דער מאָסקווער סביבה, פון זיינע רוסישע פריינט און פּראָטעקטאָרן, האָט ער שוין מער נישט געקענט שפּילן די ראָל וואָס אַמאָל.

דערצו איז אים געשען נאָך אַן אומגליק: זיין בעסטער ידיד און אונטערשטיצער, פאַדייעוו, איז געוואָרן אויס פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־פאַריין און אויף זיין אָרט איז געקומען דער לענינגראַדער ניקאָלאַי טיכאָנאָוו, אשר לא ידע את מאַרקיש.

אין פולן הסכם מיט דעם „לעסטניצאַ״־פּרינציפּ האָט דאָס פאַלן פון פאַדייעוון באַדייט אויך די מפּלה פון מאַרקישן.

דאָס האָבן אויסגענוצט די אַלע, וואָס זענען פריִער אומצופרידן געווען מיט מאַרקישן און מיכאָעלס האָט דאָס אויסגענוצט אין דער ערשטער ריי.

דער מקורב למלכות אין דער מלחמה־צייט איז געוואָרן מיכאָעלס.

מיכאָעלס האָט שוין פריִער אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין מאָסקווע, אָבער מאַרקיש האָט זיך נאָך אַלץ געקענט מיט אים פאַרגלייכן.

אָבער אַז פאַדייעוו איז געפאַלן און טיכאָנאָוו איז געקומען, האָט אין רוסישן שרייבער־פאַריין זיך גענומען שטאַרק אָנזען אַלעקסיי טאָלסטאָי.

און אַלעקסיי טאָלסטאָי איז געווען מיכאָעלס בעסטער גוטער־ברודער.
אַזוי אַרום האָט שוין מיכאָעלס געהאַט צוויי צדדים: אי אַ צד אין דער טעאַטער־וועלט, אי אַ צד אין דער שרייבערישער וועלט.
ער איז דעריבער געוואָרן דער יידישער אַדרעס אין רוסלאַנד.
דאָס מיינט: דער פאָרזיצער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

***

דערווייל האָט מען פון צפון־אַמעריקע פאַרבעטן אַ דעלעגאַציע פון רוסישן ייִדנטום. אין דער פאַרבעטונג, שמועסט מען, האָט זיך גערעדט וועגן בערגעלסאָנען און מאַרקישן.
בערגעלסאָנען איז אָבער די פאַרטיי נישט גרייט געווען אַרויסצולאָזן קיין אויסלאַנד. האָט מען דעריבער באַשלאָסן אויף זיין אָרט צו שיקן מיכאָעלסן.
מיכאָעלס איז אָבער נישט גרייט געווען צו פאָרן מיט מאַרקישן, מחמת אַ מחלוקה, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן — אָפּיציעל צוליב עפּעס אַ פּיעסע וואָס מאַרקיש האָט אָנגעשריבן און מיכאָעלס האָט זי נישט געוואָלט אויפפירן אין זיין טעאַטער.
דעמאָלט האָט זיך שוין אין קויבישעוו געהאַט באַוויזן איציק פעפער.
און ער האָט שוין געהאַט באַוויזן חבר צו ווערן מיט מיכאָעלסן אויף דער באַזע פון דער בשותפותדיקער שנאה צו מאַרקישן.
מיכאָעלס האָט דעריבער אַלץ געטאָן, אַז נישט מאַרקיש, נאָר פעפער זאָל ווערן זיין באַגלייטער קיין אויסלאַנד.
פּרץ מאַרקיש, וואָס איז אויך נישט געווען קיין נאַרישער ייִד, האָט אָבער געטאָן אַ זאָך, וואָס געווײנלעך טוט מען זי נישט אין רוסלאַנד.
אַז מען האָט מיכאָעלסן געמאַכט פאַר פאָרזיצער פון ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט ער זיך אָנגעברוגזט אויפן קאָמיטעט.
אין רוסלאַנד טאָר מען זיך אָבער נישט ברוגזן. דאָרט, אַז מען איז אַפילו בייז אויפן חזן, מוז מען אַלצאיינס שפּרינגען קדוש, קדוש.
ווייל אַלץ וואָס עס ווערט געטאָן אין רוסלאַנד ווערט דאָך געטאָן דורך דער פאַרטיי. נו, און אַז די פאַרטיי טוט, מוז מען זיין צופרידן.
מאַרקיש האָט אָבער אָפן אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט מיט מיכאָעלסעס גדולה.
אין אַן אַנדער צייט וואָלט עס אים נישט אָפּגעלאָפן גלאַט. ס'איז אָבער געווען מלחמה־צייט און דעמאָלט זענען פיל שרויפן לויזער געוואָרן.

ס׳האָט זיך נישט געלוינט צוליב דער גרויסער ייִדישער וועלט אין וועלכער מען איז דעמאָלט געווען פאַראינטערעסירט צוליב מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף, צו טשעפּען מאַרקישן.

קיין גוטס האָט זיך אָבער מאַרקיש מיט זיין ברוגז נישט געטאָן.

אַדאַנק דעם האָט מיכאָעלס גיך געקענט פּועלן, אַז מען זאָל אַנשטאָט מאַרקישן שיקן קיין אויסלאַנד פעפערן.

מאַרקיש האָט, הייסט עס, אַליין געבראַכט דערצו, אַז פעפער זאָל נאָך העכער שטייגן אויף זיין קאַריערע־לייטער.

אין מיין צייט איז טאַקע איציק פעפער געווען אין זייבע שענסטע פעדערן.

דער הויפּט־באַלעבאָס איבער די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד.

דער ראש פון די ייִדישע שרייבער איז ער דעמאָלט געווען, און ווו? אין מאָסקווע, אין פּרץ מאַרקישעס פעסטונג.

ער האָט דערגרייכט דאָס, צו וואָס ער האָט זיך געריסן אַ האַלב לעבן.

ער האָט אויסגעפירט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און אפשר נאָך פיל מער ווי דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

— 6 —

נישט באַלד און נישט מיטאַמאָל האָט איציק פעפער „איינגענומען״ מאַרקישעס פעסטונגען.

זיין ערשטער נצחון אין דער דאָזיקער לאַנג־דויערנדיקער שלאַכט, איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט קיבישעוו, ווו דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט זיך געפונען בעת זיין גרינדונג אין 1941סטן יאָר.

דאָרט, אין קויבישעוו, איז פעפער געוואָרן נישט נאָר פּרעזידיום־מיטגליד פונעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, נאָר זיין פאַקטישער באַלעבאָס.

אַהינצו זענען שפּעטער אַרויסגערופן געוואָרן אַ סך אַנדערע ייִדישע שרייבער פון זייערע עוואַקואַציע־ערטער.

איך ווייס נישט, צי פּרץ מאַרקיש איז אויך אַרויסגערופן געוואָרן קיין קויבישעוו פון זיין עוואַקואַציע־אָרט אין טאַשקענט, הגם אָפיציעל איז ער אויך געווען אַ מיטגליד אין „קאָמיטעט״. איך ווייס אָבער, אַז זיינע האָפענונגען אין קאַמף קעגן פעפערן זענען געווען פאַרבונדן מיט דעם אומקער קיין מאָסקווע.

ער האָט געגלייבט, אַז צוריקקומענדיק אין דער שטאָט, ווו ער האָט איבערגעלעבט אַזויפיל עליות, וועט זיין מזל ווידער אויפשיינען.

זיין האָפענונג איז אָבער נישט מקוים געוואָרן.

זיין תפילה „חדש ימינו כקדם״ האָט מען אָפּנים נישט דערהערט.

וואָרום ווען דער ייִדישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט איז שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע, איז פעפער סיי־ווי פאַרבליבן זיין וויצע־סעקרעטאַר זייל.

ער איז פאַרבליבן דער מושל אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און דאָס באַדייט: דער מושל איבער דעם ביסל ייִדישקייט, וואָס דער קאָמיטעט האָט, למראית עין, רעפּרעזענטירט, דער עיקר, פאַר אויסלאַנד.

פאָרמעל איז דער פאָרזיצער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט געווען שלמה מיכאָעלס און זיין פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר איז געווען שכנא עפּשטיין.

מיכאָעלס האָט זיך אָבער ווייניק געמישט אין די אינערלעכע קאָמיטעט־ענינים. ער האָט זיך איבערגעלאָזט די אַרבעט פון רעפּרעזענטאַנץ.

שכנא עפּשטיין, ווידער, איז נישט געווען דער מענטש, וואָס זאָל זיך מישן אין שרייבער־פּאָליטיק. דער עיקר האָט ער אַכטונג געגעבן נאָר אויף דער כשרות פון קאָמיטעט און אין אַלע אַנדערע ענינים איז ער תמיד געגאַנגען מיט דעם שטאַרקן.

און דער שטאַרקער אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז געווען איציק פעפער.

במילא איז אַזוי אויסגעקומען, אַז איציק פעפער איז געווען דער באַלעבאָס פון ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און צו אים האָט מען געמוזט אָנקומען וועגן יעדער זאַך.

אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ייִדישקייט אין רוסלאַנד איז געלעגן אין די הענט פון פעפערן.

וואָרום קיין ייִדיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, אַזוי ווי מען פאַרשטייט עס אין אונדזערע מקומות, איז שוין דעמאָלט אין רוסלאַנד נישט געווען. עס האָט טאַקע עקזיסטירט אין מאָסקווע אַ קהילה, אייגנטלעך — אַ סינאַגאָגע־ראַט אַרום דער שול אויף ספּאַסאָ־גלינישטשעווסקי פּערעולאָק, אָבער די גאַנצע טעטיקייט פון דעם דאָזיקן ראַט האָט זיך באַגרענעצט בלויז צו אַ צאָל רעליגיעזע פונקציעס, וואָס האָבן קיין גרויסע ווירקונג אויף דעם לעבן פון ייִדן אין רוסלאַנד נישט געהאַט.

געווען נאָך פיר ערטער אין מאָסקווע, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט ייִדיש־לעבן אין רוסלאַנד. דאָס מלוכה־טעאַטער פון מיכאָעלסן, די ייִדישע סעקציע ביים שרייבער־פאַריין, דער פאַרלאַג „עמעס" און די ייִדישע סעקציע ביים פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן.

וועגן דער ייִדישקייט פון טעאַטער און פון דער טעאַטער־סטודיע, וועט אפשר אויסקומען צו דערציילן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

די סעקציע ביים שרייבער־פאַריין איז געווען נאָר תורה און זייער ווייַ־ביק קמח.

דער פאַרלאַג „עמעס" האָט אין יענער צייט קיין ייִדישע ביכער כמעט נישט אַרויסגעגעבן מחמת ער האָט נישט געהאַט קיין ייִדישע לינאָטיפּן. ער האָט געקויפט מאַנוסקריפּטן פון ייִדישע שרייבער און זיי באַהאַלטן אין דער אייזערנער קאַסע.

די ייִדישע סעקציע ביים פאַרבאַנד פון פוילישע פּאַטריאָטן האָט גע־האַט צו טאָן בלויז מיט די ייִדן פון פוילן.

דאָס איינציקע מקום, ווו מען האָט געקענט געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, איז דעריבער געווען דער אַנ־טי־פאַשיסטישער קאָמיטעט.

די גאַנצע טעטיקייט פון קאָמיטעט איז אָבער באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן אַ פּראָפּאַגאַנדע־פאַרבינדונג מיט די ייִדן אין אויסלאַנד, כדי זיי זאָלן שיקן וואָס מער הילף פאַר רוסלאַנד.

דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן די צייטונג „אייניקייט". ער האָט אָרגאַניזירט די „פּאָסט", ד"ה די פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן, וועלכע זענען דורך דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־ביוראָ („סאָוואינפאָרמביוראָ") אַוועק־געשיקט געוואָרן צו די ייִדישע צייטונגען אין אויסלאַנד, צוויי און דריי מאָל אין חודש, און ער האָט אויך אָרגאַניזירט די ראַדיאָ־אוידיציעס קיין אויס־לאַנד אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ראַדיאָ־נעץ.

די ייִדישע ראַדיאָ־אוידיציעס זענען געווען האַלב־שעהדיקע און פלעגן געגעבן ווערן איין מאָל, צי צוויי מאָל א וואָך. אין רוסלאַנד גופא האָט זיי אָבער קיינער נישט געהערט.

דאָס איז געווען די גאַנצע אַרבעט פון ייִדישן אַנטי־סאָוועטישן קאָמיטעט.

עטלעכע מאָל אין יאָר פלעגט דער קאָמיטעט איינאָרדענען ביי זיך אין לאָקאַל, אויף קראָפּאָטקין־גאַס נומער 10, אונטערנעמונגען פון פאַרשיידנאַר־טיקן קולטור־ליטעראַרישן כאַראַקטער. אויף אָט די אונטערנעמונגען פלעגן קומען בלויז שרייבער און זייערע פרויען. אָפּטמאָל פלעגן אויך קומען אַק־טיאָרן און אַקטריסעס פון ייִדישן טעאַטער. די לעצטע פלעגן קומען איבער־הויפּט דעמאָלט, ווען מיכאָעלס, זייער דירעקטאָר, איז אַרויסגעטרעטן.

אויף אָט די אַלע אונטערנעמונגען וועגן וועלכע מען האָט עפנטלעך נישט געמאָלדן, פלעגט קומען אַ מנין „פּריוואַטע" מענטשן, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די מאַסן. הגם זיי אַליין זענען קיין שרייבער נישט געווען, זענען זיי אָבער שוין געווען צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער שרייבערי־שער משפּחה און ווען עמעצער פון זיי פלעגט פעלן, האָט מען עס מער באַ־

מערקט, ווי דעמאָלט ווען אַ וועלכער עס איז שרייבער האָט געפעלט. איינע פון אָט דעם 10־פערזאָניקן פובליקום איז געווען אַן עלטערע פרוי מיט אַ שיינעם גרויען קאָפּ, וואָס האָט אַלעמען געקענט און אַלע האָבן זי געקענט. דער צווייטער איז געווען אַ מאַן אין אַ שינעל פון אַן אייזנבאַנער, מחמת ער האָט אַמאָל געאַרבעט אין אַ קלוב פון די אייזנבאַן־אַרבעטער. די איבעריקע זענען געווען מענטשן, וואָס מען האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין זייער עקשנות כסדר זיך צו דרייען אין די ייִדישע שרייבער־קרייזן.

**
*

דער ייִדישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט האָט אויך איינגעאָרדנט אַליין, אָדער בשותפות מיט דער ייִדישער סעקציע ביים שרייבער־פאַריין, צוויי, צי דריי מאָל אַ יאָר עפנטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען אין גרעסערע זאַלן. מערסטן טייל פלעגן דאָס זיין פייערונגען פון יאָרצייט־דאַטעס פון די ייִדישע ליטעראַטור־קלאַסיקער. צוליב עפּעס אַ סיבה האָט מען די דאָזיקע פייערונגען גערופן „וויסנשאַפטלעכע סעסיעס". אין דעם דאָזיקן נאָמען איז געלעגן אַ ייִדיש הכשר־דריידל. דאָס האָט געהייסן, אַז אויב מען וויל קען מען די דאָזיקע פייערונגען אָננעמען ווי לעבעדיקע ייִדישע מאַסן־פאַראַנשטאַלטונגען און אַז מען וויל, אָדער אַז מ׳דאַרף, קען מען זיי אָננעמען ווי עפנטלעכע וויסנשאַפטלעכע באַראַטונגען וועגן עפּעס אַ נישט לעבעדיקן היסטאָרישן אָביעקט, וואָס צופעליק איז ער פאַרבונדן מיט ייִדן און מיט ייִדיש.

די עפנטלעכע יאָרצייט־פייערונגען אין די גרויסע זאַלן פלעגן צונויפ־קלייבן אַ גרעסערן עולם מענטשן. איך זאָג „מענטשן" און נישט „ייִדן", ווייל מען דאַרף אַ דריטל פון דעם עולם פאַרעכענען אויפן חשבון פון די געהיים־פּאָליציסטן, וואָס פלעגן תמיד זיין אין זאַל און זיי זענען דאָך נישט אַלע געווען קיין ייִדן.

אַזוי אַרום האָט די אַרבעט פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, בעיקר, נאָר געהאַט צו טאָן מיט די ייִדישע שרייבער און איז טאַקע דורך זיי אויס־געפירט געוואָרן.

געוויסע מענטשן פון קאָמיטעט פלעגן אַמאָל אינטערווענירן פאַר אַ סתם ייִד, אויב מען האָט געדאַרפט. זיי פלעגן דאָס אָבער נישט טאָן אין נאָמען פון קאָמיטעט און בכלל זענען אַזעלכע שתדלנותן פאַרגעקומען זייער, זייער זעלטן.

דער קאָמיטעט איז נישט געשאַפן געוואָרן, אַז ער זאָל עפּעס טאָן אָדער זיך פאַרנעמען מיט די ייִדן אין רוסלאַנד גופא. זיין אויפגאַבע איז געווען צו שאַפן שטימונג פאַר רוסלאַנד ביי די ייִדן אין אויסלאַנד.

אמת, דער קאָמיטעט האָט עטלעכע מאָל אינטערוועניִרט ביי הויכע פּער־זענלעכקייטן וועגן אַלגעמיינע יידישע ענינים אין רוסלאַנד. אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אונטערן אויסרייד אַז מען דאַרף דאָס האָבן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע און פאַר דער גוטער שטימונג פון די אויסלענדישע יידן.

מען דאַרף, הייסט עס, געוויסע ענינים רעגולירן אַזוי, אַז זיי זאָלן העלפן די פריינט און פאַרשטאָפּן די מיילער פון די שונאים.

אויף וויפל איך ווייס האָט מען מיט די אינטערווענצן קיינמאָל גאָרנישט געפּועלט.

תמיד, ווען עס איז געקומען צו יסודותדיקע ענינים, האָט מען אין די „הויכע פענצטער" געהייסן וואַרטן ביז די פּאַרטיי וועט האָבן צייט צו נע־מען שטעלונג צו די דאָזיקע זאַכן.

די ענטפערס פון די הויכע פּערזענלעכקייטן זענען געווען פאַרשיידן. טייל האָבן אָפּגעקלאַפּט די פליגל, אַנדערע האָבן געגעבן האָפענונג.

דערווייל האָט דער קאָמיטעט געטאָן איינס: ער האָט באַזאָרגט די יידישע וועלט אין אויסלאַנד מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן פון יידן אין רוסלאַנד.

ער האָט אַ סך געהאָלפן דערצו, אַז יידן אין אויסלאַנד זאָלן זיך דער־וויסן וועגן די רציחות פון די דייטשן.

ער האָט אָבער אויך אַ סך געטאָן דערצו, אַז די אויסלענדישע יידן זאָלן וואָס ווייניקער וויסן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועטנלאַנד.

די אַלע מאַטעריאַלן, אין דער פאָרעם פון טעלעגראַמעס, ידיעות, רע־פּאָרטאַזשן, דערציילונגען און אַפילו לידער, האָבן, פאַרשטייט זיך, געשריבן יידישע שרייבער.

דערפון האָבן זיי געלעבט.

דער קאָמיטעט האָט זיי געגעבן פּרנסה.

און דער פּרנסה־געבער איז געווען איציק פעפער.

פון אים, פעפערן, איז געווען געווענדט, צי מען זאָל די מאַטעריאַלן פון אַ געוויסן יידישן שרייבער אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד, צי נישט.

האָט ער געוואָלט, האָט די „פאָסט" אַוועקגעשיקט ראובנס דערציילונג; האָט ער נישט געוואָלט, האָט מען שמעונס לידער נישט אַוועקגעשיקט.

האָט ראובן פאַרדינט און שמעון איז געבליבן אָן פּרנסה.

ער האָט אויך איינגעשטעלט אַ סיסטעם פון פאַרדינסט־מדרגות: אַ שרייבער, וואָס איז דורך אים אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ העכערער קאַ־טעגאָריע האָט געקענט אַוועקשיקן מיט דער „פּאָסט" אַ צאָל מאַטעריאַלן אויף אַ האָנאָראַר־סומע פון דריי טויזנט רובל אַ חודש. אַ שרייבער פון אַ

קלענערער קאַטעגאָריע האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט פופצן הונדערט רובל אַ חודש און אויך מיט זיבן הונדערט רובל אַ חודש.
אָבער נישט בלויז אין פרנסה איז עס געגאַנגען.

***

שרייבער אין רוסלאַנד, ווי שרייבער אין דער גאַנצער וועלט, האָבן געחלשט געדרוקט צו ווערן, אויב נישט אין רוסלאַנד, איז כאָטש אין אויס־לאַנד.

אין רוסלאַנד גופא איז דעמאָלט די מעגלעכקייט פאַר אַ יידישן שריי־בער זיך צו דרוקן געווען זייער באַגרענעצט.

די „אייניקייט" האָט נישט געקענט דרוקן אַלע יידישע שרייבער. מען האָט געמוזט וואַרטן אין דער ריי חדשים און חדשים.

און אויך ביי דער דאָזיקער ריי האָט פעפער געהאַט עפּעס צו זאָגן, הגם אָפיציעל איז נישט ער געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „אייניקייט" און דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר איז גאָר געווען שמואל האַלקין.

דער פאַרלאַג „עמעס", ווי שוין געזאָגט, האָט טאַקע געקויפט כתב־ידן ביי יידישע שרייבער, אָבער אַרויסגעגעבן האָט ער זיי נישט.

די „פאָסט" פונעם אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז אַזוי אַרום געווען דער איינציקער וועג אויף וועלכן יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן גע־קענט קומען צו דרוקן זייערע שאַפונגען.

און איבער דער „פאָסט" איז, ווי געזאָגט, איציק פעפער געווען דער באַלעבאָס.

ער האָט געדאַרפט לייגן זיין חתימה אויף די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס זענען שוין געהאַט קאָנטראָלירט און באַאַרבעט געוואָרן דורך לייבל גאָלד־בערגן און אַרלאַנדן. אָן זיין אונטערשריפט האָט מען זיי נישט געקענט אָוועקשיקן.

און אַז מען האָט שוין אַוועקגעשיקט די מאַטעריאַלן און מען האָט זיי שוין, מיט מזל, אָפּגעדרוקט אין אויסלאַנד, איז ווידעראַמאָל געוועבדט גע־ווען אין פעפערן, צי מען זאָל מיט די אייגענע אויגן קענען זען אַ יידישע צייטונג פון אויסלאַנד, וווּ די שאַפונג איז געווען פאַרעפנטלעכט.

יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד זענען אָנגעקומען צום קאָמיטעט און נאָר צום קאָמיטעט. דאָרט זענען זיי געווען איינגעשלאָסן אין אַ באַזונדער קעמערל איבער וועלכן דער משגיח איז געווען דער טייערער ייִד אבא לעוו און אָן פעפערס דערלויבעניש האָט אבא לעוו אַפילו נישט געטאָרט אַריבער־לאָזן איבער דער שוועל פון דעם דאָזיקן קדשי קדשים.

עס איז ממש נישט צו גלייבן, וואָס יידישע שרייבער האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו קענען זען אַ יידישע צייטונג פון אויסלאַנד, ווו זייער זאַך איז געווען געדרוקט, אָדער ווו מען האָט וועגן זיי געשריבן עטלעכע ווערטער.

שטאָלצע מענטשן זענען אויסגעשטאַנען די גרעסטע דערנידעריקונגען.

אָרנטלעכע מענטשן האָבן געגנבעט פון פרעמדע טאַשן.

עטלעכע יונגע שרייבער האָבן אַמאָל אויספּלאַנירט אַן איינברוך פאַר וועלכן זיי זענען שיער נישט געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין.

פּרץ מאַרקישן האָב איך אַמאָל געזען מיט פייכט־פאַרלאָפענע אויגן. דאָס איז געווען דעמאָלט בעת ער האָט אונדז, עטלעכע יידישע שרייבער פון פוילן, דערציילט אַן אויפגעברויזטער, אַז פעפער האָט באַפוילן, מען זאָל אים נישט ווייזן גלאַטשטיינס אַרטיקל וועגן זיינע לידער.

און אַז פעפער האָט באַפוילן מען זאָל נישט ווייזן מאַרקישן דאָס אַר־טיקל, האָט מען נישט געוויזן; האָט מאַרקיש געמעגט חלשן עס צו זען. (אגב, „די קאַץ איז געקומען איבערן וואַסער" דורך דעם, וואָס מאַרקיש האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און אָנגעשריבן אַ בריוו קיין אַמעריקע צו אַ פריינט, צו אַפּאַטאָשו דוכט זיך, און יענער האָט אים דאָס אַרטיקל צוגעשיקט אויף זיין אַדרעס).

פעפער האָט געהאַט אין די הענט אַ סך מאַכט, אויף יעדן פאַל, אַ סך מאַכט איבער די יידישע שרייבער פון מאָסקווע, וועלכע האָבן אויף טריט און שריט געמוזט צו אים אָנקומען.

און נישט נאָר די יידישע שרייבער אין מאָסקווע האָבן צו אים געמוזט אָנקומען, סיי נאָך פּרנסה און סיי נאָך פאַרשיידענע פּאַפּירלעך אין אַ ריי אַמטן, נאָר אויך די שרייבער וואָס האָבן נישט געוווינט אין מאָסקווע האָבן אויך צו אים געמוזט אָנקומען.

זיינס אַ פּאַפּירל, אַז דער שרייבער איז באַשעפטיקט פאַרן אַנטי־פאַ־שיסטישן קאָמיטעט, האָט יענעם באַפרייט פון גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק אויף אַ הונגער־לוין און האָט אים באַרעכטיקט צו קריגן אַ ברויט־קאַרטל און אַ שפּייז־קאַרטל.

ער האָט דעריבער געוועלטיקט איבער אַלע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.

און אַלע יידישע שרייבער האָבן זיך פאַר אים געמוזט בייגן און טאָן זיין ווילן.

ס'האָט זיך דערפאַר פון אויבן אויך געקענט אויסדאַכטן, אַז זיין דער־גרייכונג איז פול מיט ליכט און ער האָט זיך מיט וואָס איבערצונעמען.

ס'איז אָבער נישט אַזוי געווען.

— 7 —

כמעט יעדן טאָג, פאַרמיטיק, פלעגן יידישע שרייבער אין מאָסקווע זיך טרעפן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. אי מען פלעגט דאָרט דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים און אי מען פלעגט דאָרט פאַרברענגען אין פאָדערזאָל, אַזוי ווי די שרייבער אין אַנדערע לענדער אין אַ קאַפע.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פאַרמיטיק, מיר שטייען און ריידן מיט דוד האָפשטיינען, וועלכער איז נאָר־וואָס אָנגעפאָרן פון קיעוו, קומט אַריין איציק פעפער און דערזעענדיק זיין בן־עיר, לאָזט ער זיך נישט גלייך גיין אין דעם חדר מיוחד, ווי זיין שטייגער איז, נאָר ער גייט־צו צו דעם גאַסט און גיט אים אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם.

נאָך די ערשטע ווערטער פון באַגריסונג און אויספרעגעניש וועגן פאַר־שיידענע מענטשן, זאָגט האָפשטיין מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל:

— אין קיעוו איז דער פראָסט קלענער ווי דאָ, אָבער מיר האָט זיך פאַרבענקט נאָך מאָסקווע.

— און מיר — הער איך ווי פעפער זאָגט זייער שטיל און באַהאַרצט — בענקט זיך כסדר נאָך קיעוו, נאָך אונדזער קיעוו.

— אונדזער קיעוו — ענטפערט האָפשטיין — איז שוין אָבער נישט דאָס וואָס אַמאָל.

פעפער שווייגט אַ רגע און דערנאָך פרעגט ער פאַרטראַכט:

— און וואָס, דוד, איז דען יאָ דאָס וואָס אַמאָל?

און אַזוי פאַרטראַכטערהייט דערווייטערט ער זיך פון אונדז און גייט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, כדי אויפצונעמען די מענטשן, וואָס וואַרטן שוין אויף אים אין דער ריי.

דער קורצער דיאַלאָג צווישן פעפערן און האָפשטיינען, איבערהויפּט דער טאָן פון פעפערס ווערטער און דער שאָטן, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיין פנים איידער ער האָט זיך פון אונדז דערווייטערט, האָט געברענגט דערצו, אַז איך זאָל מיט אַמאָל דערזען דעם האַר און הערשער איבער די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד אין אַ ניי ליכט.

מיט אַמאָל איז מיר דעמאָלט עפּעס קלאָר געוואָרן.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן אַ זייער פּשוטע זאַך, נעמלעך: אַז אַחוץ נאַ־טשאַלניק איז פעפער אויך אַ בשר ודם.

כ׳האָב מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, אַז הינטער אַלע זיינע בגדים פון אַמט און ראַנג, געפינט זיך... אַ מענטש.

אַ גוטער, אַ שלעכטער, אָבער פאָרט — אַ מענטש.

און האָב איך שוין איינמאָל אָנגעטאָפּט דאָס דאָזיקע מענטשלעכע פּינ־טעלע הינטער פּעפּערס קאַזיאָנעם נאַטשאַלניק־מלבוש, האָב איך עס שוין כסדר געזוכט און געפּאָרשט אויך ביי פאַרשיידענע אַנדערע געלעגנהייטן.

איך האָב דערוועגן געשמועסט מיט מיינע נאָענטע פריינט צווישן די ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע, וועלכע האָבן פּעפּערן בעסער געקענט ווי איך.

און פון אַלעם, וואָס איך האָב געזען און געהערט וועגן אים איז מיר קלאָר געוואָרן אַ באַנאַלער אמת: אַז נישט אַלץ וואָס בלאַנקט איז גאָלד און אַז אויך אַן אָפּגעפּוצטער גלאַנציקער שטיוול קען האָבן אַ לאָך אין דער פּאָדעשווע.

איציק פּעפּער איז געווען אַן אָפּגעפּוצטער שטיוול מיט אַ היפּשן לאָך אין דער פּאָדעשווע.

למראת עין האָט קיין שום ייִדישער שרייבער, ווי געזאָגט, צו אים זיך נישט געקענט גלייכן.

ער האָט זיך געפונען אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין דערגרייכונג. זיינע רויזן פון דערפאָלג האָבן געבליט מיט די שענסטע פאַרבן.

אַ קליינינקייט! באַזיגט פּרץ מאַרקישן און געוואָרן דער ראש וראשון פון די ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע!

איז אָבער, ווי עס זינגט זיך אין לידל, נישטאָ קיין זונען־ליכט אָן שאָטן און ס׳זענען נישטאָ קיין רויזן אָן דערנער.

און איציק פּעפּערס רויזן האָבן געהאַט אַ סך דערנער.

***

דער ערשטער דאָרן צווישן זיינע דערגרייכטע דערפאָלג־רויזן איז, בלי־ספק, געווען דער אייביק־מענטשלעכער תחום צווישן ווילן און דערגרייכונג, צווישן טרוים און דערפילונג.

אַפילו ווען איציק פּעפּער זאָל האָבן דערגרייכט פיל מער וויפל ער האָט געוואָלט, איז אָבער דאָס דערגרייכטע, אַפּנים, אַנדערש געווען פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט און ס׳האָט נישט געפרייט.

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך מענטשן: זיי יאָגן זיך נאָך עפּעס, גיבן דערפאַר אַוועק אַ האַלב לעבן און אַז זיי באַקומען דאָס געוואָלטע אין די הענט אַריין, בלייבן זיי אויסגעלאָשענע און אַנטוישטע און פרעגן מיט שטילער פאַרביטערונג: הזאת נעמי? צוליב דעם האָט עס געלוינט אַזויפיל כוח צו פּטרן?

איציק פּעפּער האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דער העכסטער טרעפּ פון

זיין לעבנס־אויפשטייג און אויף דער דאָזיקער טרעפּ, ווען קיין העכער איז שוין נישטאָ, הייבט מען אָן צוריק צו קוקן און ביים צוריק קוקן, מאַכט מען אַ חשבון הנפש.

און יעדער חשבון הנפש איז טרויעריק, ווייל מען דערזעט, אַז יאָגנדיק זיך צו דער אַמביציע־דערפילונג איז דערווייל דאָס לעבן פאַרשוווּנדן און מען קען שוין די יאָרן נישט צוריקכאַפּן.

ביים מאַכן אַ חשבון הנפש פון דעם אייגענעם לעבן, האָט פעפער שוין אויך דערזען דעם סך־הכל פון ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד, די מערכה פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און דאָס דאָזיקע איז געוואָרן דער צווייטער דאָרן צווישן זיינע רויזן פון דערפאָלג.

איך האָב אַ סך מאָל געהערט זאָגן, אַז פעפער אין מאָסקווע איז שוין נישט דאָס, וואָס פעפער אין קיִעוו.

וואָס פעפער איז געווען אין קיִעוו האָב איך שוין אַביסל דערציילט.

אין מאָסקווע איז פעפער נאָך אַ סך, אַ סך מאָל פאַרבליבן דער קיִעווער, ער איז אָבער פאָרט שוין געווען אַביסל אַנדערש.

די דאָזיקע אַנדערשקייט איז, ווי איך בין זיך משער, געווען אַ פּועל־יוצא פון אַ שטילן איבערברוך אין אים און דער איבערברוך איז אַחוץ פון אַנדערע סיבות אויך געווען אַ רעזולטאַט פון זיין צונויפטרעפן זיך מיט ייִדן אין דער וועלט.

דאָס אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד אין שליחות פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, זיין צווייטער צונויפטרעף מיט ייִדן און מיט ייִדישקייט מחוץ רוסלאַנד.

פעפער איז געווען דאָס נאַטירלעכע קינד פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז דורך איר אויסגעוואַקסן און ער האָט אין זיין דערוואַקסן לעבן קיין אַנדער ייִדישקייט, ווי די ייִדישקייט אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע, כמעט נישט געקענט.

און אויב אַפילו ער האָט יאָ געקענט דאָס ייִדישע לעבן פון שפּאָלע, דאָס אָרט פון זיינע קינדער־יאָרן, אָדער דאָס ייִדישע לעבן פון בערליז און וואַרשע, וואָס ער האָט געזען כאַפּ־לאַפּיק, האָט עס אים, ווי אַ זון פון די רעוואָלוציע־צייטן, קנאַפּ אימפּאָנירט.

זיין אַרויספאָר אין שליחות פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט קיין אויסלאַנד, האָט פאַר אים אַנטפּלעקט אַ ייִדיש לעבן פון וועלכן ער האָט פריִער נישט געוווּסט.

און דער פאַרגלייך פון דעם דאָזיקן ייִדישן לעבן מיט דעם לעבן פון די

ייִדן אין רוסלאַנד האָט ביי אים אויפגעוועקט פאַרשיידענע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט באַשעפטיקט.

ער האָט נאַטירלעך זיינע געדאַנקען קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט אָפן, אָבער מען האָט געקענט דערפילן, אַז זיי מאַטערן אים אין דער שטיל.

און פון דער דאָזיקער מאַטערניש זענען געבוירן געוואָרן ספיקות.

ספיקות, סיי וועגן די רעוואָלוציע־דערגרייכונגען פון רוסישן ייִדנטום, סיי וועגן זיינע אייגענע דערגרייכונגען אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטע־ראַטור.

דאָס לעצטע איז געווען דער דריטער דאָרן צווישן זיינע דערפאָלג־רויזן.

דאָס איז געווען זיין ווייטיקלעכסטער דאָרן.

דער דאָרן פון זיין אייגן שאַפן, ריכטיקער געזאָגט: די שטעכיקע באַ־ציִונג פון די קאָלעגן צו זיין אייגן שאַפן, האָט פעפערן, נאַטירלעך, צום מיינסטן וויי געטאָן.

ער איז טאַקע געווען גרויס און מעכטיק, איציק פעפער, אָבער אַז מען האָט צווישן ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער גערעדט וועגן ייִדישער פּאָעזיע אין רוסלאַנד, האָט מען גערעדט וועגן מאַרקישן, וועגן האַלקינען, וועגן פיני־בערגן, וועגן קושניראָוון און אַפילו וועגן ראַסינען.

פעפערס נאָמען האָט מען אין די דאָזיקע פאַלן כמעט נישט דערמאָנט.

נאַטירלעך האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים אין די אויגן גע־חנפעט און אים געמאַכט די זיסטע קאָמפּלימענטן, ער איז אָבער גענוג קלוג געווען צו וויסן, וואָס מען טראַכט וועגן זיינע לידער הינטער זיין פּלייצע.

און הינטער דער פּלייצע האָט מען פעפערן געהאַלטן פאַר אַ געשיקטן בעל־מלאכה, פאַר אַ פלינקן מאַכער, מען האָט אָבער נישט געהאַלטן פון אים ווי פון אַ פּאָעט.

איך דערוועג זיך צו זאָגן: מען האָט פון אים פיל מער געהאַלטן אין אויסלאַנד (ש. ניגער, למשל), ווי אין רוסלאַנד.

כ׳וויל דאָ ברענגען נאָר צוויי מיינונגען פון אָנגעזעענע ייִדישע שריי־בער אין רוסלאַנד, וועגן פעפערס פּאָעזיע.

דוד בערגעלסאָן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען מיט פעפערן יד אחת, האָט פון דעסטוועגן אין אַ פּריוואַטן שמועס כאַראַקטעריזירט זיינע לי־דער אויף אַזאַ אופן:

— פעפערס פּאָעזיע איז געגליכן צו... צו וואָס? — האָט בערגעלסאָן געפרעגט און אַליין געענטפערט — זי איז געגליכן צו די שיינע הילצערנע פערדלעך אין אַ קאַרוזעלע... זיי לויפן מיט אַ פרעמדן כוח און תמיד קומען זיי צוריק צו דעם זעלביקן אָרט...

— ס'איז אָבער פֿאַראַן אַ געזונטע פֿאָלקסטימלעכע מונטערקייט, אַ הייטערקייט און אַפֿילו אַ לירישע נאַטירלעכקייט אין זיינע לידער — האָט עמעצער דערויף באַמערקט.

— יאָ, הייטערקייט איז אין זיי פֿאַראַן, אָבער ס'איז די הייטערקייט פֿונעם טומל, וואָס עס מאַכן אָן די מעשענע טראָמפּייטן פֿון דער קאַרוזעלע־קאַטערינקע.

אַן אַנדער אַנגעזעענער יידישער פּאָעט אין רוסלאַנד, דער איידעלער ש. האַלקין, האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— פּעפּערס לידער האָבן נישט קיין שאָטן...

— איז דאָך גוט — האָב איך זיך געמאַכט נישט פֿאַרשטיין.

— אפשר יאָ און אפשר נישט — האָט האַלקין געענטפֿערט און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער צוגעגעבן — פֿאַראַן אַ פֿאָלקס־גלייבעניש, אַז אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין שאָטן וועט נישט מוציא שנתו זיין... בײַ מיר זענען לידער, ווי מענטשן... אַז זיי פֿאַרמאָגן נישט זייער אייגענעם שאָטן, בין איך נישט זיכער, צי זיי וועלן בלייבן לעבן.

דאָס איז געווען די הערשנדיקע, אומאָפֿיציעלע מיינונג אין דער יידישער שרייבער־וועלט וועגן פּעפּערס פּאָעטישן שאַפֿן.

דאָס איז געווען די פּאָקטישע, אָבער נישט־געשריבענע אָפּשאַצונג וועגן דער פּאָעטישער דערגרייכונג פֿון אַ מענטש, וואָס האָט אין דער ליטעראַטור פֿאַרנומען אַזאַ הויכע פּאָזיציע.

און בײַ זיין גאַנצער הויכער פּאָזיציע, בײַ זיין גאַנצער גרויסער דער־גרייכונג האָט פּעפּער געבענקט נאָך אַ גוט וואָרט דווקא וועגן זיינע לידער.

און נאָך אַן אויפֿריכטיק גוט וואָרט, ווייל אומאויפֿריכטיקע האָט ער געהערט גענוג.

ער האָט אָבער אומזיסט געבענקט.

וואָרום אין רוסלאַנד, ווי איך האָב שוין בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט דער־ציילט, האָבן שרייבער געפֿירט אַ מין „דאָפּלטע בוכהאַלטעריע" אין די ענינים פֿון ליטעראַטור. פֿון איין זייט האָט מען אָפּגעגעבן דעם קיסר זיינס, ד"ה, מען האָט געשריבן און געדרוקט אַזעלכע זאַכן, וואָס די פּאַרטיי און די רע־גירונג האָבן געפֿאָדערט, און פֿון דער צווייטער זייט האָט מען אויף די דאָ־זיקע שרייבערייען געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ און מען האָט געשאַצט אַ שרייבער דווקא לויט די שאַפֿונגען, וואָס זענען נישט באַשטימט געווען פֿאַרן עפֿנט־לעכן געברויך, אָדער, לכל הפּחות, לויט אַזעלכע שאַפֿונגען, ווו די פּאַרטיי־באַשטעלונג (די טעמע) איז קונציק אויסגענוצט געוואָרן, כדי אַרויסצוברענ־גען אייגענע אינדיווידועלע ליטעראַרישע קוואַליטעטן. אַזוי, למשל, האָט מען

אין מאַרקישעס, צי אין האַלקינס אַ ליד וועגן סטאַלינען געזען און געשאַצט דווקא די „זייטיקע" אָריגינעלע בילדער, מעטאַפאָרן און אויסדרוקן — אַלץ אַזעלכע אייגנשאַפטן מיט וועלכע פעפערס לידער האָבן זיך נישט שטאַרק אויסגעצייכנט. און טאַקע דערפאַר האָט מען וועגן זיינע לידער נישט גע־האַט קיין באַזונדערס גוטע מיינונג און מען האָט זעלטן וועגן זיי געהערט עפּעס גוטס.

*
**

אַלץ האָט אים דעריבער זיין הויכע פּאָזיציע געקענט געבן, נאָר די אויפ־ריכטיקע התפּעלות וואָס מען האָט געהאַט פאַר מאַרקישן, די אויפריכטיקע באַגייסטערונג פאַר האַלקינען, די אויפריכטיקע אָנערקענונג, אַפילו פאַר אַ רחל בוימוואָל — דאָס האָט פעפער דורך דער מאַכט־פּאָזיציע נישט געקענט דערגרייכן.

און דווקא נאָך דעם האָט ער זיך צום שטאַרקסטן געיאָגט.

און אין דעם האָט ער מאַרקישן נישט געקענט איבעריאָגן.

אַפילו זיינע חונפים, ווען זיי האָבן אים געוואָלט אָנטאָן אַ נחת־רוח, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז אַזאַ ליד ווי ער האָט אָנגעשריבן, וועט מאַרקיש נישט אָנשרייבן.

ער האָט נישט בלויז דערשפּירט דעם ליגן הינטער זייערע רייד, נאָר אויך זיין גאַנצע הינטערשטעליקייט לגבי מאַרקישן, מיט וועלכן מען פאַר־גלייכט אים, ווען מען וויל אים גרויסן.

צווישן די, וואָס האָבן אים געחנפעט האָבן זיך געפונען אַ סך שונאים פון מאַרקישן.

אָבער אויך זייער שנאה צו מאַרקישן איז נישט בכוח געווען צו פאַר־לייקענען מאַרקישעס טאַלאַנט.

וואָרום אין דעם פּרט האָבן ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד זיך דעראָר־בעט צו אַ גרעסערער אָביעקטיוויקייט אינעם אָפּשאַצן אַ ליטעראַריש ווערק, ווי זייערע חברים אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט.

אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, אַז דער שרייבער ראובן צעקריגט זיך מיט דעם שרייבער שמעון, מוז ער שוין זיין אַ גרויסער בעל־מדרגה, אַז יע־נעמס שאַפן זאָל דערפון נישט ליידן אין זיינע אויגן.

אין די מערסטע פאַלן געשעט עס אָבער נישט אַזוי.

אין די מערסטע פאַלן שפּילט דער מאָמענט פון פּערזענלעכער באַציִונג צום שרייבערישן חבר אַ גרויסע ראָל ביים אויפנעמען זיין שאַפן.

די באַדינגונגען פון פּערזענלעכן פריינטלעכן אָדער אומפריינטלעכן „זיין" באַשטימען דעם ליטעראַטור־קריטישן באַוווסטזיין.

און איר קענט גלייבן, אַז ווען ראובן איז צעקריגט מיט שמעונען, איז ער זייער אויפריכטיק ווען ער זאָגט אייך, אַז שמעונס שרייבן געפעלט אים נישט.

עס געפעלט אים טאַקע נישט. ער זאָגט נישט קיין ליגן.

אין רוסלאַנד איז אָבער די זאַך געווען אַביסל אַנדערש.

יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן גאָרנישט, גאָרנישט געהאַט אַחוץ זייער שרייבן.

די באַציונג צו דעם געשריבענעם וואָרט איז דעריבער דאָרט אַן איבער־געטריבן ערנסטע.

דער טייערער ייד, דער נסתר, האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— מיר זענען געבליבן אָן גאָרנישט... מיר האָבן נישט קיין גאָט און מיר האָבן נישט קיין תורה. מיר זענען געבליבן בלויז ביי די יידישע אותיות.

דאָס איז, אין אַ גרויסער מאָס, געווען אמת.

די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן זייער צובונד צום פאָלק ישראל אויפגעהיטן איינציק און בלויז דורך דעם שרייבן מיט יידישע אותיות.

אמת איז, אַז זיי האָבן מיט די דאָזיקע אותיות שטאַרק געזינדיקט.

אָבער אַפילו אין דער זינדיקייט האָבן זיי תמיד אָפּגעהיטן אַ ריין ווינ־קעלע און דאָס דאָזיקע ווינקעלע האָט ביי זיי געהייסן: די אמתע ליטעראַטור.

דאָס הייסט: די ליטעראַטור, וואָס מען שרייבט נישט פאַר דעם מושל, נאָר פאַר דעם אַנדערן שרייבערישן חבר.

זי, די דאָזיקע ריינע ליטעראַטור, איז געווען דער איינציקער אמת־אָנ־האַלט אין זייער פאַרליגנערט לעבן.

און זיי האָבן שטאַרק מגזם געווען די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער לי־טעראַטור, ווייל דורך דעם זענען זיי אַליין וויכטיקער געוואָרן.

די איבערגעטריבענע באַציונג צו דער ליטעראַטור און צו זייער אייגן שרייבן האָט זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלן זיין אַ סך אָביעקטיווער אין דער אָפּשאַצונג פון אַ צווייטן שרייבערס ווערק, ווי עס זענען דאָס זייערע חברים ערגעץ אַנדערש.

אַוודאי זענען אַרום אַ ריי גרעסערע פּאָעטן געווען קרייזלעך פון חסידים, וואָס זענען באַשטאַנען פון קלענערע פּאָעטן און די דאָזיקע האָבן געהאַלטן, אַז אמתע פּאָעזיע איז נאָר דאָס וואָס עס שרייבט זייער רבי און במילא — אויך דאָס וואָס זיי אַליין שרייבן.

אַזעלכע קרייזלעך זענען אין מאָסקווע געווען אַרום מאַרקישן און אַרום האַלקינען.

זיי זענען אָבער קיינמאָל נישט געווען אַרום פעפערן.

און אַפילו די וואָס האָבן אַרומגערינגלט פעפערן און האָבן אים געלויבט אין טאָג אַריין, האָבן זיך אויך באַמיט צו שרייבן אַזוי ווי מאַרקיש, אַזוי ווי האַלקין אָדער אַזוי ווי פינינבערג, אָבער קיינמאָל נישט אַזוי ווי פעפער.

און איציק פעפער האָט דאָס זייער גוט געזען און דאָס האָט אים זייער שטאַרק וויי געטאָן.

ער איז געווען אַ גרויסער נאַטשאַלניק, אָבער נישט קיין גרויסער פּאָעט.

און שטילערהייט, אַפילו אומבאַוווסטזיניקערהייט האָבן אַלע זיינע אונ־טערטעניקע דערמיט נקמה גענומען אין אים.

עס איז געווען די נקמה פון די עבדים אין זייער מלך, די נקמה פון די שוואַכע אין דעם שטאַרקן.

די נקמה האָט געשלאָגן אין דעם שוואַכן אָרט פון דעם שטאַרקן.

איציק פעפער האָט כסדר געזוכט צו דערמאָנען די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, אַז אַחוץ גרויסער נאַטשאַלניק איז ער אויך אַ פּאָעט.

דאָס לעצטע האָבן אָבער יידישע שרייבער ווי אויף להכעיס כסדר פאַרגעסן.

און אָט די שיכחה איז געווען דער געפערלעכסטער וואָרעם וואָס האָט געטאָטשעט דעם פון אויבן־אויף שיינעם, רויטן עפּל, איציק פעפער...

— 8 —

ס׳איז אַ דבר ידוע, אַז נאָענט צו די פופציקער הייבט יעדער מענטש אָן צוריק צו קוקן מיט בענקשאַפט צו זיינע יוגנט־יאָרן, מעגן די דאָזיקע יאָרן האָבן פאַרלאָפן נישט אין אַזאַ מין גוטס נאָך וועלכן ס׳איז כדאַי צו בענקען.

איציק פעפער האָט אין זיין „עצהדיקן" עלטער אויך גענומען בענקען נאָך די פאַרגאַנגענע יוגנט־יאָרן און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל דאָס איז די טבע פון יעדן מענטש און צווייטנס, ווייל מיט די דאָזיקע יאָרן איז געווען פאַרבונדן די שענסטע צייט פון זיין רום און אָנערקענונג אַלס פּאָעט.

אין יענע יאָרן, ווען איציק פעפער איז געווען יונג, האָט די יידישע פּאָעזיע אין רוסלאַנד נאָך געהאַט אַ מאַסן־לייענער און אַ יוגנטלעכן דערצו. איציק פעפער האָט דעמאָלט, סיי מיט זיינע פּראָלעטאַרישע און רעוואָלו־ציאָנערע מאָטיוון, סיי מיט זיין וווּליוונגעריש־צעשריגענער רעטאָריק און גע־שיקטער דעקלאַמאַטאָרישער ריטמיק שטאַרק אויסגענומען ביים מאַסן־לייע־נער און ווי יעדער שרייבער, וואָס האָט נישט קיין מזל צו שטאַרק אָנערקענט צו ווערן אין די אייגענע שרייבערישע קרייזן, האָט ער זיך געקענט טרייסטן

דערמיט, וואָס דאָס „פאָלק" איז מיט אים און דער לייענער גיט אים דאָס, וואָס די אָפּשאַצונג פון די חברים־שרייבער קאַרגט אים.

אויך אין דער יידישער וועלט, מחוץ רוסלאַנד, איז פעפער שטאַרק באַקאַנט געווען דאָרט, ווו ס'איז נאָך געווען אַ יידישער יוגנטלעכער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער לייענער. איבערהויפּט האָבן צו זיין דערפאָלג אין דער דאַזיקער יידישער וועלט מיטגעהאָלפן די אַקטיאָרן־רעציטאַטאָרן, וועלכע רעכענען זיך נישט מיט קיין פּאָעטישע קוואַליטעטן ביים אויסוואַל פון די לידער, וואָס זיי דאַרפן פאַרטראָגן פאַרן עולם און זיי זוכן מער אין ליד די אויסערלעכע רעטאָרישע עפעקטן, וואָס זאָלן ווירקן אויף צוהערער און ווייל פעפערס פּאָעזיע האָט פאַרמאָגט די דאַזיקע אויסערלעכע עפעקטפולקייט, האָט מען זיין נאָמען געקענט הערן אַ סך אָפטער, ווי די נעמען פון אַנדערע פּאָעטן אין רוסלאַנד, צו וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט גלייכן.

אָבער אַז די יידישע פּאָעזיע אין רוסלאַנד האָט פאַרלוירן איר מאַסן־לייענער און פּאָעטן האָבן אָנגעהויבן שרייבן נאָר פאַר זייערע חברים־שרייבער, וועלכע קענען דעם סוד פון ווערטער און די מאַגיק פון קלאַנגען, איז פעפערס מערכה געוואָרן אַ סך ערגער. שרייבער האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון זיין געשיקטער קלינגענדיק־געגראַמטער פּראָזע און פון זיין פלינקער בריהשער ריטם־טעכניק. דאָס וואָס ס'איז פאַר דעם גאַסן־ און מאַסן־לייענער אַמאָל געווען אַ מעלה, איז פאַר זיי געוואָרן אַ חסרון און פעפער האָט געמוזט צוזען, ווי מיט דעם פאַרשווינדן ווערן פון דעם נישט־איבער־קלייבערישן לייענער, פאַרשווינדט אויך זיין רום און פּאָפּולאַריטעט אַלס פּאָעט פון דער רעוואָלוציע.

זייענדיק אין אויסלאַנד האָט פעפער געהאַט די געלעגנהייט צו הערן ווי מען רעציטירט אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינע לידער, איבערהויפּט דאָס ליד „איך בין אַ ייד", וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען בכל תפוצות ישראל, טאַקע אַדאַנק די יידישע אַקטיאָרן־דעקלאַמאַטאָרן. און ער האָט אויך געהאַט די געלעגנהייט צו זען די רעאַקציע פון די צוהערער אויף דעם דאַזיקן ליד. ער האָט זיך נישט געפּרוּווט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון מחמת וועלכע טעמים און ביי וועמען דאָס ליד איז אַזוי נושא־חן. ער האָט די אָוואַציעס און האַנט־פּאַטשערייען אויפגענומען מיט טיפער סאַטיספאַקציע און כמעט תמיד, ווען ער פלעגט שמועסן מיט חברים אינטים, פלעגט ער דערמאָנען מיט גערירטער וואַרעמקייט די התפעלות, וואָס ער האָט אַרויסגעפילט ביי דעם אויסלענדישן יידישן פובליקום פאַר זיינע לידער און פאַר זיין שאַפן.

אין רוסלאַנד גופא האָט אָבער פעפער קיין יידיש פובליקום נישט געהאַט. זיינע לידער, אַפילו דאָס דערמאָנטע ליד „איך בין אַ ייד", צי אַפילו

„זאָג איך סטאַלין", פלעגט מען דאָרט קיינמאָל נישט רעציטירן און נישט פאַרברענגען פאַר קיין עולם. ערשטנס דערפאַר, ווייל קיין ייִדישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען זענען נישט געווען און צווייטנס דערפאַר, ווייל אין רוסלאַנד גופא איז אַזאַ מין דעקלאַראַציע פון ייִדישקייט נאָך אַלץ נישט געווען שטאַרק כשר און ס'האָט נישט געטויגט, נישט פאַרן אַקטיאָר־רעציטאַטאָר, ווען ער וואָלט שוין יאָ געווען, נישט פאַרן שרייבער אַז מען זאָל זי צופיל מפרסם מאַכן.

איז דעריבער איציק פעפער, פונקט ווי יעדער אַנדערער ייִדישער שרייבער, געווען אָנגעוויזן מיט זיין ביסל אָנערקענונג נאָר אויף די חברים־שרייבער. די לעצטע זענען אָבער געווען „מבין אויף אַ טשאַד" און זיי זענען, ווי שוין געזאָגט, פון פעפערן נישט שטאַרק נתפעל געוואָרן.

איציק פעפער האָט דעריבער געהאַט וואָס צו בענקען נאָך די אַמאָליקע יונגע יאָרן אין אוקראַינע, ווען ער האָט דער פאַרעווער באַציִונג מצד די שרייבער געהאַט קעגנצושטעלן דאָס התפעלות פון די לייענער. און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, האָט אויך איציק פעפער, דער קאָמוניסטישסטער פאָעט אין רוסלאַנד, אין די לעצטע יאָרן צוגעקריגן נאָך אַ בענקעניש: אַ בענקעניש נאָך דעם ייִדישן אויסלאַנד, ווו דער רויש פון די אָוואַציעס אויף זיינע לידער האָט אים געגעבן די באַפרידיקונג וועלכע עס זוכט יעדער פאָעט.

פאַרשטייט זיך, אַז פונקט ווי יעדער אַנדערער אויף זיין אָרט, האָט אויך איציק פעפער געהאַלטן, אַז די אומבאַציִונג צו אים אַלס פאָעט קומט פון דעם, וואָס מען איז אים מקנא און מען פאַרגינט אים נישט דאָס לעבן. ער איז געווען זייער קלוג, אָבער פון דער נאַרישקייט צו טראַכטן, אַז ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן געמאַכט קעגן אים אַ שטילע פאַרשווערונג, האָט ער זיך נישט געקענט אויסהיטן און ער האָט אַ סך מאָל געוואָלט באַווייזן מיט ראיות, אַז דאָס איז די אמתע סיבה פון דעם, וואָס מען פאַרשווייגט זיין נאָמען בעת מען רעדט וועגן דער ייִדישער פאָעזיע אין רוסלאַנד. יעדער מענטש וועט פאַר דער באַרעכטיקונג פון זיין אומדערפאָלג אויסבויען אַ ביז גאָר קאָמפליצירטע קאָנסטרוקציע פון פרעמדער שולדיקייט און ער וועט נישט וועלן דערזען די סאַמע פשוטסטע פאַקטן פון זיין אייגענער שולד. דאָס האָט געטאָן אויך איציק פעפער. ער האָט באַשולדיקט אַלע ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד, אַז זיי האָבן געמאַכט יד־אחת צו פאַרקלענערן זיין גרויסקייט. דאָס וועט זיי אָבער, לויט זיין מיינונג, נישט געלינגען, ווייל ער, פעפער, איז נאָך אַלץ דער סאַמע געלייענטסטער פאָעט פון רוסלאַנד אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט.

**
*

עס דערמאָנט זיך מיר אַ סצענע.

איך זיץ אין פאָדערזאַל פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און קוק אַריין

אין אַ נייעם נומער „אייניקייט“. אין נומער איז פאַראַן פעפערס אַ גרעסער ליד, וואָס איך האָלט אינמיטן לייענען. ווען איך ווער דערמיט פאַרטיק, און הייב־אויף די אויגן, זע איך, אַז פעפער שטייט הינטער מיר. איך בין דערי־בער אין אַ שטיקל פאַרלעגנהייט. איך פיל, אַז משום דרך־ארץ אַפילו, דאַרף מען אים זאָגן עפּעס אַ וואָרט וועגן דעם ליד זיינעם.

דאָס ליד גופא האָט אָבער אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך זאָל קענען עפּעס זאָגן דערוועגן עקספּראָמט. דאָ וואָלט מען געדאַרפט עפּעס צוטראַכטן און דערויף האָב איך נישט קיין צייט. פעפער שטייט אי־בער מיר און לויט זיין פּנים־אויסדרוק זע איך, אַז ער וואַרט.

בלית־ברירה דריי איך זיך אַרויס מיט אַ הלצה:

— איר האָט מיך געכאַפּט ביי דער עבירה, חבר פעפער.

זיין פּנים ווערט איבערגעצויגן מיט אַ גרינעם שאָטן. באַלד באַהערשט ער זיך און ער ענטפערט צוריק:

— אַבי מיינע שונאים זאָגן, אַז מען לייענט מיך נישט. מען לייענט מיך נאָך אַלץ מער ווי אַלע אַנדערע...

דער פאָדערזאַל פון ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט איז — ווי שוין דערמאָנט — געוווען אַ שטיקל במקום קלוב פאַר ייִדישע שרייבער. דאָרט פלעגן מיר זיך טרעפן אין די פאַרמיטיק־שעהן און בטלענען, אַזוי ווי דאָס טוען די שרייבער אין אַנדערע לענדער אין די קאַפעען.

און אָט זעען מיר איינמאָל, ווי פעפער גייט אַריין און אַרויס מיט עפּעס אַן אויסלענדישער צייטונג אין האַנט.

עפּעס גאָרנישט ווי זיין שטייגער שטעלט ער זיך אָפּ ביי די שמועסנדי־קע, זאָגט אַ חכמה, וואַרפט אַריין אַ וואָרט, גייט ווייטער אַריין צו זיך אין הדר־מיוחד און קומט ווידער פון דאָרט אַרויס צו אונדז.

ענדלעך, ער קען מער נישט אויסהאַלטן און רופט זיך אָפּ:

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? דער סאָוועטן־שונא זאָגט דאָך שוין אויך אַ גוט וואָרט וועגן דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור.

מיר ווערן שוין נייגעריק און בעטן ביי אים די צייטונג.

עמיצער, ניגער אָדער ד״ר מוקדוני, איך קען מיך נישט גענוי דערמאָ־נען ווער, — שרייבט דאָרט עטלעכע גוטע ווערטער וועגן פעפערס לעצטע לידער.

דאָס איז עס אינגאַנצן. נישט וועגן דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַ־טור, נאָר וועגן אים, פעפערן, זאָגט מען אין ניו־יאָרק אַ גוט וואָרט.

איך כאַפּ אויף אים אַ קוק: זיין פּנים שטראַלט מיט זיבן זונען.

איך דערשפּיר, אַז דאָס איז זיין גרעסטע הנאה.

פּעפּער כאַפּט זיך אָבער באַלד, אַז זיין נחת־רוח קען אים פאַראַטן און ער זאָגט:

— ס'איז סימפּטאָמאַטיש פאַר די שטימונגען פון דער ייִדישער אינטע־ליגענץ אין אויסלאַנד. פון דעסטוועגן... ער ווייסט וואָס צו ציטירן, דער אַלטער...

און אַפילו אַ בלינדער קען זען ווי ער איז מלא שמחה.

עס געדענקט זיך אָבער אַן אַנדערער פאַל אויך.

מיר זענען געזעסן אין דעם זעלביקן פאַדערזאַל פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און, ווי דער שטייגער איז, געשמועסט אויף דער שטענדיקער און אייביקער טעמע — ליטעראַטור. צווישן אונדז איז געווען זיאַמע טעלע־כין, אַ יונגער פּאָעט, אַ גרויסער לאַנד־חסיד, אָבער נאָר אויף להכעיס די פּליטים־שרייבער. פון דער גאַנצער ייִדישער פּאָעזיע אין דער דרויסנדיקער וועלט, האָט ער אָנערקענט נאָר איין איציק מאַנגער, וועלכן ער האָט נאָכגע־מאַכט. די איבעריקע האָט ער מבטל געווען, כאָטש ער האָט זיי נישט אָנגע־הויבן צו קענען. אָט דער זיאַמע, אַ ווילער בחור, האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו וועלכן דערוויַזן די „ביעזשענצעס", אַז מיט דער ייִדישער פּאָעזיע אין רוס־לאַנד קען זיך די אויסלענדישע ליטעראַטור נישט פאַרגלייכן.

זיאַמע איז אַריין אין התפעלות און ער רעכנט אויס:

— ווו האָט איר דאָרט אַזאַ פּאָעט ווי מאַרקיש, ווי האַלקין, ווי קוויט־קאָ, ווי פיניבבערג, ווי קושנירעאָוו, ווי רחל בוימוואַל (זיין פרוי), ווי ראַסין, ווי מאָטל גרוביאַן, צי אַפילו ווי ווערגעליס?

זיאַמע שטעלט זיך אַ רגע אָפּ און אין דער מינוט הערן מיר הינטער אונדזערע פּלייצעס פּעפּערס קול:

— דו האָסט פאַרגעסן, זיאַמע, אַז אין רוסלאַנד איז דאָ נאָך אַ פּאָעט...

מיר דרייען זיך ראַש אויס. פּעפּער שטייט הינטער אונדז. זיין פּנים, אי־בער וועלכן ער הערשט תמיד מוסטערהאַפט, איז דאָס מאָל שוואַרץ ווי ערד.

זיאַמע שטאַמלט אַ פאַרלוירענער:

— כ'האָב פאַרגעסן... טשעסטנאָיע סלאָוואָ, כ'האָב פאַרגעסן.

פּעפּערס קול איז ממש נישט צו דערקענען:

— ס'איז ביי אייך געוואָרן אַ מאָדע צו פאַרגעסן... ווי מאָדנע: איר געדענקט זייער גוט ווען צו פאַרגעסן...

ער גייט פּאַמעלעך אַוועק און איך זע צום ערשטן מאָל ווי זיין פּלייצע הויקערט זיך.

***

דעמאָלט האָב איך אין דער פולער מאָס דערזען זיין צער.
דעמאָלט האָב איך דערפילט וואָס אים פעלט.

עס האָט אים געפעלט דאָס, וואָס עס פעלט יעדן שעפערישן מענטש: אַביסל אויפריכטיקער ליוב פאַר זיין שאַפן.

און דעמאָלט האָב איך אויך דערזען, אַז דאָס שאַפן זיינס איז פאַר אים אָן ספק דאָס וויכטיקסטע אין זיין לעבן.

מיט גאָרנישט קען מען אים אַזוי דערפרייען, ווי מיט אַ גוט וואָרט וועגן זיינע לידער.

ער האָט אפשר קיין שום זאַך אַזוי נישט געוואָלט, ווי זיין אַ פּאָעט.

ער האָט זיין פּאָעטישע פּאָזיציע געוואָלט אויסקעמפן דורך דער פּאָזיציע פון מאַכט.

מאַכט האָט ער דערגרייכט, אָבער אויפריכטיקע פאַרערונג אַלס פּאָעט — בשום אופן נישט.

איך האָב געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע געלעגנהייטן צו באַמערקן אַז ער גיט זיך אָפּ אַ דין־וחשבון וועגן דעם און אין דעם דאָזיקן דין־וחשבון זעט ער דעם דורכפאַל פון זיין לעבן.

און דאָס איז געשען דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער הויך פון זיין לעבנס־דערגרייכונג.

עס זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל, אָבער דאָס איז דער טיפער אמת פון יעדן שעפערישן מענטשן: ער מעג זיין ווי באַרימט, עס מעג מיט אים קלינגען אַ האַלבע וועלט, ער אָבער — האַלט אַנגעשפּיצט זיין אויער צו דער אייגענער סביבה און קוים דערפילט ער, אַז אין דער אייגענער סביבה שאַצט מען אים נישט אָפּ, גייט אים דער גאַנצער כבוד נישט איין.

פעפער וואָלט, דאַכט מיר, אָפּגעגעבן אַ האַלבע מלוכה, אַז דער שלימ־מזלדיקער פּאָעט מענדל ליפשיץ זאָל אים נאָכלויפן, אַזוי ווי ער איז נאָכגעלאָפן האַלקינען, בעת יענער האָט אָפּגעדרוקט אַ ליד, וואָס ער, מענדל, פלעגט עס אין אַ שעה אַרום קענען כמעט פון אויסנווייניק.

ער וואָלט אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס, אַז מען זאָל אים אין דער סביבה פאַררעכענען פאַר אַן אייגענעם; מען זאָל אים אַוועקרופן אין אַ ווינקל, כדי אים איבערצולייענען אַ ניי ליד און ער זאָל אויך קענען אַוועקרופן אַ חבר און אים איבערלייענען אַ ליד, וואָס ער האָט נאָר־וואָס אָנגעשריבן.

איציק פעפער, דער אָפיציעלער ראש פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, איז אָבער צווישן די יידישע שרייבער אין מאָסקווע נישט געווען קיין אייגענער.

ער איז געווען אַ נאַטשאַלניק, אָבער נישט קיין חבר.

ער איז געווען אַ פרעמדער אין מאָסקווע.

ער האָט טאַקע איינגענומען מאַרקישעס שטאָט, אָבער באַזיגט האָט ער זי נישט.

ער האָט געלעבט אין דער שטאָט, ווי אַן אַקופּאַנט.

זיינע מחזקות מיט ייִדישע שרייבער האָבן זיך פאַרענדיקט אין קאָמי־טעט. אין די שטובן צו זיך האָבן זיי אים נישט גערופן.

היימיש מיט אים זענען זיי נישט געוואָרן.

און די פרעמדקייט האָט אים געדריקט און נאָך שווערער געמאַכט דאָס געמיט.

כ׳בין אַמאָל געווען ביי אַ געשפּרעך צווישן אים און נאָטע לוריע, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען פון קיִעוו.

לוריע האָט געזאָגט:

— אין פאַרגלייך מיט קיִעוו איז מאָסקווע איצט אַן עיר ואם בישראל.

פעפער האָט אים זייער מעלאַנכאָליש געענטפערט:

— איי נאָטע, נאָטע, וואָס רייסט איר זיך אַלע אַזוי אַהער? גלייב מיר, כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן כ׳וויס אַליין נישט וואָס, פאַר איין באַרדיטשעווער גאָס... פאַר יענער גאָס, וווּ מיר האָבן אַמאָל געלייענט אונדזערע זאַכן פאַר די קאָמסאָמאָלישע ייִנגלעך און מיידלעך...

— די קאָמסאָמאָלישע ייִנגלעך און מיידלעך פון באַרדיטשעוו האָט אָבער היטלער אויסגעהרגעט און די וואָס זענען געבליבן לעבן, גיט מען נישט צו לייענען קיין זאַכן פון ייִדישע שרייבער — האָט לוריע טרויעריק גע־ענטפערט.

פעפער האָט אַ לאַנגן קוק געטאָן אויף לוריען און געזאָגט:

— נו מילא, מיר וועלן טאָן, וואָס מיר קענען... מיר וועלן שרייבן... עמיצער וועט שוין לייענען... אויב נישט היינט, איז אין הונדערט יאָר אַרום און אויב נישט אין באַרדיטשעוו, איז ערגעץ אַנדערש...

נאָטע לוריע האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט די אייגן און אַ שווערן זיפץ געטאָן.

— 9 —

אַז פעפער האָט אין מאָסקווע געהאַט שווערע איבערלעבונגען, דאָס האָט מען געקענט באַמערקן. און אַז די דאָזיקע איבערלעבונגען זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס עפּעס אין אים האָט זיך געביטן און ער איז מער נישט געווען דער איציק פעפער פון אַמאָל, דאָס האָבן פעסטגעשטעלט כמעט אַלע ייִדישע שרייבער, וועלכע האָבן אים געקענט פון זיינע קיִעווער יאָרן.

פון דעסטוועגן איז איציק פעפער אַפּילו אין מאָסקווע נאָך אַ סך מאָל געווען דאָס, וואָס אַמאָל אין קיִעוו.

איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען דעם אַמאָליקן איציק פעפער אַזוי ווי מען האָט אים געשילדערט אין זיין קיִעווער היים.

דאָס איז געווען אויף אַ שרייבער־פאַרזאַמלונג פון דער יידישער סעקציע, בעת מען האָט פּרץ מאַרקישן אַראָפּגעוואָרפן פון זיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער סעקציע און אויף זיין אָרט איז „אויסגעקליבן" געוואָרן לייב קוויטקאָ.

די פאָרזיצערײ פון דער יידישער סעקציע ביים שרייבער־פאַריין איז געווען פּרץ מאַרקישעס לעצטע אָפיציעלע פּאָזיציע אין יידיש־סאָוועטישן לעבן.

קיין גרויסן כוח האָט אים די דאָזיקע פּאָזיציע שוין נישט געגעבן.

זיינע שונאים, מיט פעפערן אין דער שפּיץ, האָבן אים אָבער אַפּילו דאָס קליינע ביסל מאַכט און כבוד אויך נישט פאַרגינען.

און זיי האָבן לאַנג, לאַנג געאַרבעט און באַאַרבעט די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, אַז מען זאָל אים פון דעם דאָזיקן אַמט אויך באַזייטיקן.

די פּאַרטיי האָט זיך אָבער נישט געאײַלט דאָס צו טאָן.

די פּאַרטיי איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אין קיין שלום צווישן יידישע שרייבער.

פאַרקערט, זי איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז יידישע שרייבער זאָלן זיך האָבן איבער וואָס צו קריגן.

וואָרום אַז מען האָט זיך געקריגט האָט מען אויסדערציילט סודות פון חדר.

די מסירות פון איינעם קעגן צווייטן זענען געוואַקסן.

און די ספּעציעלע אָפּטיילונג ביים שרייבער־פאַריין איז שטאַרק להוט געווען נאָך די דאָזיקע מסירות. זי האָט געקליבן פּעק מיט מאַטעריאַלן קעגן די יידישע שרייבער, קעגן דער יידישער ליטעראַטור, קעגן דעם יידישן לעבן.

כ'קען זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז די אַלע מסירות, וואָס האָבן געהאָלפן פּרץ מאַרקישן אַראָפּוואַרפן פון זיין אַמט אין יאָר 1946, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ליקווידאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור אין צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1948.

זיי האָבן די ליקווידאַטאָרן, וואָס האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו שליסן דאָס מויל פון דער יידישער ליטעראַטור, איבערגעצייגט, אַז מען קען דאָס שוין טאָן.

די קאַמפּאַניע קעגן מאַרקישן איז דורך פעפערן און זיינע נאָענטסטע

מענטשן געפירט געוואָרן אַזוי אייפערדיק, אַז די פּאַרטיי האָט לסוף באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו זיין ממשלה אין דער יידישער סעקציע פון שרייבער־פאַריין.

לפנים וועגן איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון שרייבער, וועלכע האָבן געדאַרפט מאַרקישן אָראָפּוואַרפן פון זיין אַמט. די שרייבער גופא האָבן אָבער אין דעם ענין געהאַט די קלענסטע דעה. די זאַך איז שוין געווען באַשטימט און די שרייבער האָבן דאָ גאָרנישט געקענט ענדערן.

און כאָטש גייענדיק צו דער פאַרזאַמלונג, האָבן מיר שוין געוווסט, אַז מאַרקיש גייט אַראָפּ און אויף זיין אָרט קומט קוויטקאָ, האָט מען אָבער אויף דער פאַרזאַמלונג נאָך געקענט זען אַ טייל פון דעם שנאה־ספּעקטאַקל, וואָס האָט צוגעהאָלפן חרוב מאַכן דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד.

ווער עס האָט געזען איציק פעפערן אויף יענער פאַרזאַמלונג, האָט גע־קענט באַקומען אַ באַגריף, ווי שלעכט עס איז אים צו האָבן פאַר אַ שונא און אויף וואָס ער איז פעיק, ווען ער דאַרף דורכפירן זיינע אַמביציעס און זיינע אינטערעסן.

יענער אָוונט אין שרייבער־פאַריין האָט געגעבן אַ שטיקל באַגריף ווי אַזוי איציק פעפער איז געוואָרן איציק פעפער.

איצט, ווען ער איז שוין נישטאָ, וואָלט איך שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט בעת יענער פאַרזאַמלונג.

און איך וואָלט אויך שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן דאָס קרבן־עולה־פנים פון מאַרקישן, דאָס איינציקע מאָל ווען איך האָב אים געזען אַזאַ נעבעכדיקן.

***

בכלל אָבער האָט פעפער אין מאָסקווע זיך באַמיט צו באַהאַלטן זיינע נעגל און זיינע בייס־ציין.

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער וויל מען זאָל וועגן אים נישט טראַכטן דאָס, וואָס מען טראַכט.

דאָס אַליין איז אויך שוין געווען אַ פועל־יוצא פון זיין אינערלעכער גע־ביטנקייט, וואָרום פריער האָט ער קיינמאָל אַפילו נישט געוואָלט זיך אַרויס־שטעלן פאַר קיין צדיק.

קיין צדיק איז פעפער אויך אין מאָסקווע נישט געוואָרן. זיין איינציקע צדקות איז אפשר נאָר געווען דאָס געפיל פון שעמען זיך מיט רשעות.

ער האָט טאַקע געהאַט שווערע מאָמענטן אין זיין מאָסקווער לעבן, אָבער בכלל איז ער געווען דורכגענומען מיט דער חשיבות־באַוווסטזיין פון זיין שטאַנד.

אַנגעטאָן איז ער געווען תמיד זויבער און אַפּילו מיט אַ געוויסער עלע־גאַנץ פאַר די סאָוועטישע באַדינגונגען.

העפלעך און קאָרעקט צו מענטשן, וועלכע זענען אים געקומען עפּעס בעטן.

דאָס פּנים כּמעט תּמיד רויִק און באַהערשט, האָט ווייניק דערציילט וועגן די מחשבות אין קאָפּ.

אפשר וואָלטן זיינע אויגן עפּעס דערציילט, האָט ער זיי אָבער פאַר־שטעלט מיט ברילן.

זייט ער איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, האָט ער אַ טבע געהאַט אַריינ־צוּוואַרפן אַ צוויי־דריי ענגלישע ווערטער אין יעדן געשפּרעך.

די ווערטער, וואָס ער האָט צום מערסטן באַנוצט זענען געווען „יעס" און „אָלרייט".

געזאָגט האָט ער זיי אַזוי, אַז ס'האָט געקענט אויסזען ווי אַ חנדל, אַ היימישקייט און אויך אַן איראָניע.

איבערהויפּט האָט ער געהאַט אַ טבע צו ריידן מיט מענטשן, וועלכע זענען צו אים אָנגעקומען, מיט אַ טאָן אין וועלכן עס איז געווען אי צוגע־לאָזנקייט, אי איראָניע.

אַ מין טאָן וואָס אַן עלטערער באַנוצט צו אַ יונגערן.

אַ טאָן פון אַ באַלעבאָס ווען ער וויל ריידן העפלעך מיט זיינס אַן אָנ־געשטעלטן, אָבער דאָך אים געבן צו פילן, אַז ער איז דער באַלעבאָס און יע־נער — דער אָנגעשטעלטער.

פלעגט מען אים עפּעס בעטן, פלעגט ער נישט תּיכּף זאָגן יאָ אָדער ניין, נאָר פלעגט ענטפערן בלשון „מיר":

— מיר וועלן עס פּרוּוון איינאָרדענען.

מען האָט אָבער נישט געקענט זאָגן אויף זיכער, אַז דער דאָזיקער „מיר" איז אַ גאַווהדיקער, פאַרקערט, עס איז אין אים געווען אויך אַ סך פריינט־לעכקייט.

ס'איז דערין געווען דער גאַנצער פעפער, דער וואָס האָט געקענט אַזוי ריידן, אַז מען זאָל אים קענען פאַרשיידן טייטשן.

און נישט צוליב די ווערטער, נאָר — דער עיקר — צוליבן טאָן.

זיין טאָן האָט אַביסל פאַרדראָסן און דאָך האָט מען אויף אים זיך נישט געקענט באַליידיקן.

נאָר איין משה אַלטמאַן, דער פּליט פון רומעניע, וואָס איז געווען טויב ווי די וואַנט, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן און זיך געכעסט אויף פעפערס אופן פון ריידן.

אַזוי טויב ווי ער איז געווען, משה אַלטמאַן, האָט ער דאָך אַרויסגעפילט די איראָנישע נאָטקע פון יענעמס פּראַטעקטאַרישן און גלייכצייטיק פאַמי־ליאַרן טאָן.

— ער רעדט דאָך צו מיר אַזוי, ווי איך וואָלט געווען זיין טאַטנס משרת — פלעגט אַלטמאַן שרייען מיט קולות פון אַ חרש.

משה אַלטמאַן האָט בכלל אויסגענוצט זיין טויבקייט צו שרייען בקולי־קולות. ערשטנס דערפאַר, ווייל עס איז אים כסדר געווען אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן און צווייטנס דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט דערוויזן זיין חבר, יעקב שטערנבערג, וואָס איז שוין געווען צופיל דערשלאָגן, רעזיגנירט און אונטערגעגעבן, אַז ער, משה, גיט זיך נישט אונטער, ער האָט קיין מורא נישט.

אַ מאָדנע זאַך: גראָד די צוויי שרייבער־פּליטים פון רומעניע, יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן, וועלכע זענען שוין אין זייערע היים־לענדער געווען נאָענט צום קאָמוניזם, האָבן קיין מזל נישט געהאַט אין רוסלאַנד און דערהויפּט האָבן זיי קיין מזל נישט געהאַט, נישט ביי שכנא עפּשטיינען און נישט ביי איציק פעפערן.

צו די שרייבער־פּליטים פון פּוילן האָט זיך פעפער באַצויגן אַ סך בעסער.

ער איז מיט קיינעם פון זיי נישט געוואָרן נאָענט, אַזוי ווי אַ שטייגער אַנדערע יידישע שרייבער, אָבער ער איז צו זיי אַלעמען געווען ביז גאָר פריינטלעך.

נאָר פון איין יידישן שרייבער־פּליט פון פּוילן האָב איך געהערט, אַז פעפער האָט אים אַ גרויסע עוולה געטאָן. פון די איבעריקע האָב איך קיין־מאָל נישט געהערט, אַז ער זאָל זיך האָבן באַגאַנגען מיט זיי שלעכט.

עס דערמאָנט זיך אַ פאַל פון אונדזערע ערשטע טעג אין רוסלאַנד.

דאָס איז געווען אין יאָר 1939, אין סאַמע באַגינען פון אונדזער סאָוועטישער פּראַקטיק אין ביאַליסטאָק, וווּ מיר זענען אָנגעקומען אַנטלויפנדיק פון דייטש. פעפער, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע שרייבער פון אוקראַי־נע זענען געקומען אונדז מחנך זיין אין קאָמוניסטישן לעבן. ביי זייער אָוועק־פאָר איז פאַרגעקומען אַ גרויסע מסיבה אויף וועלכער עס האָט זיך אויך גע־פונען איינער אַ יונגער און שלעכטער ווינקל־שרייבער פון פּוילן, וואָס זיין נאָמען איז ש. לאַסטיק. דער דאָזיקער לאַסטיק איז פאַר דער מלחמה געווען דווקא נישט קיין קאָמוניסט, ער איז אָבער געווען מיט די קאָמוניסטן דער־פאַר, ווייל זיי זענען געווען קעגן אַלע אָנגעזעענע און אָנגענומענע יידישע שרייבער. אין רוסלאַנד האָט לאַסטיק געוואָלט צעפירן די הענט און זיך אָפּ־רעכענען מיט די אַלע, וואָס האָבן אים אַמאָל נישט צוגעלאָזט צו דער גדולה. ער האָט דעריבער אויסגענוצט די ערשטע מסיבה מיט סאָוועטישע שרייבער,

כדי צו פאַרמסרן זיינע פּליטים־חברים פון פּוילן. זיי — האָט ער געטענהט אין זיין רעדע אויף דער דערמאָנטער מסיבה — זענען דאָך נישט געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר זיי זענען אַנטלאָפן פון דייטש. לא די אָבער וואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט זיי געראַטעוועט, האָבן זיי שוין טענות און וואָלטן שוין וועלן, אַז מען זאָל זיי אָנערקענען ווי שרייבער. דערנאָך איז ער אַריבער צו קאָנקרעטער מסירה און דערמאָנט די חטאים פון עטלעכע יידישע שרייבער וואָס זענען געזעסן ביים טיש, באַזונדערס האָט ער געטייטלט אויף לעאַ פינקעלשטיינען און אויף אפרים קאַגאַנאָווסקין, וועמענס פּאָזיציעס עס זענען דעמאָלט טאַקע געווען זייער שווערע. ווען ער איז אָבער אַריין אין רעכטן ברען און געמיינט, אַז ער האָט שוין געשאָסן דעם פויגל און זיך איינגעקויפט אין סאָוועטישן יחוס, האָט פעפער מיטאַמאָל זיך צוגעבויגן צום פאַרזיצער און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. תיכף האָט דער פאַרזיצער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— בירגער לאַסטיק, איך נעם אייך צו דאָס וואָרט. קיין איין וואָרט נישט מער.

דער „בירגער" לאַסטיק האָט זיך אָוועקגעזעצט אַ ווייסער ווי קרייד און אַ פּנים האָט ער געהאַט, ווי איינער וואָס שפּילט זיך מיט אַ קעצל און דערזעט פּלוצים, אַז דאָס איז אַ טיגער. עס איז נישט בלויז דער אומגעריכטער דערשרעק, נאָר אויך די פאַרווונדערונג אויף אַזאַ אוממעגלעכער פאַרוואָנדלונג. אַ גאַנץ לעבן האָט ער געהערט, אַז אין רוסלאַנד האַלט מען פון קריטיק, איבערהויפּט פון קריטיק אויף בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע שרייבער און דאָ נעמט מען אים גאָר צו דאָס וואָרט און מען הייסט אים שווייגן, ווען ער קריטיקירט און דענונצירט די פעדער־משרתים פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע!

אָבער מיט דעם האָט עס זיך נאָך נישט געענדיקט. עס האָט אים ערשט דערוואַרט דער אמתער גאָב פון פעפערן גופא, פון דעם פון וועלכן ער האָט דערוואַרט דעם גרעסטן לויב. האָט ער דען נישט נאָכגעזאָגט אַלץ וואָס פעפער פלעגט זאָגן וועגן יידישע שרייבער אין אויסלאַנד? אָרעמער לאַסטיק, נעבעכדיקער טייוול! ער האָט נישט געוווּסט, אַז אין רוסלאַנד זענען נישטאָ קיין אמתן וואָס גילטן אַלעמאָל. אין רוסלאַנד איז פאַר יעדן טאָג פאַראַן אַ נייער אמת און דאָס וואָס האָט נעכטן געטויגט, טויג שוין נישט היינט און דאָס וואָס טויג היינט, וועט שוין נישט טויגן מאָרגן. ער האָט זיך דאָס דערוווּסט אַ סך שפּעטער, אָבער דערווייל האָט אים זיין אייפער און זיין אומוויסן געבראַכט די גרעסטע רעה אויף גאָר אַ לאַנגער צייט אַרויס. מען האָט אים אין רוסלאַנד צו גאָרנישט נישט צוגעלאָזט און ער האָט נאָך באַדאַרפט ליידן אַ

שטראָף נאָך דעם ווי ער איז אין יאָר 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן און איז געמשפּט געוואָרן דורך אַ געריכט פון יידישע שרייבער ביים לאָדזשער ליטעראַטן־פאַריין.

דעמאָלט, בעת זיין ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די שרייבער־פּליטים פון פוילן, האָט פעפער גערעדט וועגן דעם, אַז „וואָס געווען איז געווען". די סאָוועטישע מאַכט — האָט ער געזאָגט — וועט פאַרשטיין און וועלכע באַדינגונגען איר האָט געלעבט און געשאַפן און זי וועט אייך נישט פאַררעכענען פאַר קיין חטא אייערע אידעאָלאָגישע בלאָנדזשענישן. ער האָט טאַקע גוט אויסגעמוסרט לעאָ פינקעלשטיינען דערפאַר, וואָס יענער האָט דערמאָנט אין זיין רעדע אַ וואָרט פון דעם דייטשן פילאָזאָף שפּענגלער, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז דער עיקר איז, מיר זאָלן פון היינט אָן און ווייטער זיין גוטע סאָוועטישע פּאַטריאָטן, נישט פרעגן קיין נאַרישע קשיות און אַרבעטן איבער זיך, כדי מיר זאָלן קענען ווערן סאָוועטישע שרייבער.

**
*

אמת איז, אַז דאָס וואָס פעפער האָט דעמאָלט געזאָגט איז געווען אין פולן הסכם מיט דער אַקטועלער פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג. דאָס פאַרנעמען די פוילישע מזרח־געביטן איז געווען דער ערשטער שריט צו דער ווייטערדיקער סאָוועטישער עקספּאַנסיע מיט דער הילף פון דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ אָפּמאַך. רוסלאַנד האָט זיך געגרייט צו „באַפרייען" די באַלטישע מלוכות, ווי אויך בעסאַראַביע און בוקאָווינע און זי איז געווען פאַראינטערעסירט זיך צו ווייזן פאַר דער באַפעלקערונג אויף די ערטער פון דער סאַמע בעסטער זייט און נישט צו שאַפן ביי זיי קיין פּאַניק. מען האָט דעריבער כסדר פּראָפּאַגאַנדירט, אַז קיינער דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר קיין אַלטע חטאים, ווייל די סאָוועטישע מאַכט וועט אַלץ מוחל זיין. (די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגעהאַלטן אויך דעמאָלט, ווען מען האָט שוין פון די נייע געביטן אַרויסגעשיקט טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ נישט־כשרע פּאָליטישע פאַרגאַנגענהייט). איציק פעפער האָט דעריבער גערעדט אַזוי ווי עס האָט דיקטירט די פּאַרטיי און רעגירונגס־פּאָליטיק אין יענעם מאָמענט.

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, האָט ער אונדז, די פּליטים־שרייבער, געראַטעוועט אויף אַ לאַנגער צייט. נאָך זיין אָוועקפאָר האָט זיך די שרייבערישע אַטמאָספער אין ביאַליסטאָק אַביסל אויסגעלייטערט און אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט לאַסטיקס געדאַנקען, זענען נאָך דעם לעצטנס מפּלה אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן אַ צייט שוין מער נישט אַזוי־

אפן אַרויסגעוויזן זייער לוסט זיך אָפּצורעכענען מיט די „בורזשואַזע״ שרייבער.

אַזוי אַרום האָט אונדז פעפער, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, געטאָן נישט קיין קליינע טובה. אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן, אין די מאָסקווער יאָרן, ווען ווען וועלכע איך דערצייל, האָט זיך פעפער באַצויגן צו די שרייבער־פּליטים פון פּוילן מיט אַ מאַקסימום קאָרעקטקייט. ער האָט זיך אין אונדז נישט נוקם געווען דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיך אָפּן געחברט מיט מאַרקישן, אַ זאַך וואָס ער פלעגט זייער נישט וועלן ליידן ביי די יידישע שרייבער פון רוסלאַנד. ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרדינען ביי דער „פאָסט״ פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און איז אונדז אַ סך מאָל נאָכגעקומען, ווען מיר האָבן ביי אים געבעטן פאַרשיידענע אַמט־פּאַפּירלעך צו לעגאַליזירן אונדזער אויפהאַלט אין מאָסקווע.

זיין באַציִונג צו די שרייבער־פּליטים פון פּוילן איז כדאַי פאַרצייכנט צו ווערן צוליב צוויי טעמים. ערשטנס דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פון מענטשלעכקייט און אפשר אויך יידישער מיטפילנדיקייט ביי אַ מענטש, וואָס האָט אָט די צוויי אייגנשאַפטן ווייניק אַרויסגעוויזן און צווייטנס דערפאַר, ווייל אויך אין איר איז געלעגן פעפערס חכמה און ווייטזיכטיקייט. אין דער צייט, ווען געוויסע אַנדערע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן געהאַלטן, אַז מיר זענען שוין אויף אייביק רוסלענדישע און ס׳איז זיך דעריבער נישטאָ מיט אונדז וואָס צו צערעמאָניען, האָט ער, פעפער, געוווּסט, אַז אונדזער דאַליע וועט זיך נאָך בייטן און מיר וועלן נאָך, אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן, אַרויס פון רוסלאַנד. און היות ער האָט געהאַט אַ באַזונדער גרונט זיך צו רעכענען מיט דער יידישער מיינונג אין אויסלאַנד, האָט ער מיט אונדז, „די קומענדיקע אויסלענדער״, געפירט אַן אַנדער חשבון, הגם דער דאָזיקער חשבון האָט שטאַרק נישט געשמעקט זיינע מקורבים, די יידישע שרייבער פון אוקראַיִנע, וועלכע ער האָט געהאַט ביי זיך אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

אין מיין צייט האָט בערל מאַרק זיך געהאַט פאַרזינדיקט אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט מיט אַ טעלעגראַמע קיין אויסלאַנד. ער האָט נעמלעך פון אַן אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ״ וועגן אויסגעצייכנטע אינדוסטריע־אַרבעטער, אַרויסגענומען אַלע יידישע נעמען און געמאָלדן קיין אויסלאַנד, אַז די און די יידן זענען באַלוינט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג מיט מעדאַלן. זאָלן, הייסט עס, אויסלענדישע יידן וויסן וואָס פאַר אַ מלכות חסד מיר האָבן און זאָלן זיי טאַקע מחמת דעם שיקן וואָס מער הילף פאַר דעם דאָזיקן מלכות.

אין יענער צייט האָט אָבער אַזאַ מין ייִדישער סעפּאַראַטיזם — דאָס אויסטיילן ייִדישע אויסגעצייכנטע פון נישט־ייִדישע — שוין צוריק אַנגע־הויבן ווערן נישט כשר, מחמת נאַציאָנאַליזם. כאָטש אין דער ערשטער צייט פון דער עקזיסטענץ פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען דאָס יאָ גע־מעגט. בערל מאַרק איז מיט אַן עפּנטלעכער מעלדונג אַראָפּגענומען געוואָרן צוליב דעם חטא פון זיין רעדאַקטאָר־אַמט און דערמיט האָט זיך דער ענין פאַרענדיקט. אברהם קאַהאַן — פּעפּערס לייב־גוואַרדיסט — האָט אָבער גע־וואָלט, אַז מען זאָל מאַרקן באַשטראָפן אויפן סאָוועטישן שטייגער און ער האָט געטענהט צו פּעפּערן, אַז ס'איז נישט כדאַי צו ריזיקירן און נישט צו מעלדן וועגן דעם ענין ווו מען דאַרף. דער זעלביקער קאַהאַן האָט שפּעטער, בתכלית הפּשטות, דערציילט, אַז פּעפּער האָט אים דערויף געענטפערט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— דער ענין מיט מאַרקן איז נישט אַזוי פּשוט. ער האָט ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. מיט די פּאָליאַקן צאַצקעט מען זיך איצט. וויפל מיר וועלן אים באַגראָבן, וועט זיך תמיד געפינען עמיצער וואָס וועט אים אויפ־גראָבן. זאָל ער זשע לעבן אַ גוטן טאָג און נישט אַוועקפירן קיין פּוילן קיין בייז האָרץ אויף די היגע ייִדישע שרייבער און אויף איציק פּעפּערן.

— 10 —

איציק פּעפּער האָט זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געקענט, ווי מען זאָגט אין רוסלאַנד, „אָרגאַניזירן אַ פּלייצע", דאָס הייסט: זיך שאַפן אַ פּראָטעקטאָר אין דער פּאַרטיי אָדער אין דעם אַמט, ווו ער איז געווען טעטיק.

דאָס האָבן אַן אָננעמער און אַן אונטערשטיצער מיט מאַכט און אייב־פלוס איז אין ערגעץ נישט קיין איבעריקע זאַך און ס'איז אומעטום אַ סגולה צום דערפאָלג. אין רוסלאַנד אָבער איז דאָס אַ נויטווענדיקייט פון ערשטן געברויך און ס'איז זיך דאָרט בכלל נישט מעגלעך פאַרצושטעלן עמיצנס אַרויפשטייג אויף דער קאַריערע־לייטער, אָדער דאָס דערהאַלטן זיך אַ לענ־גערע צייט אויף אַן אָנפירנדיקער פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע, אַן אַ גוטן ברודער אין די העכערע אינסטאַנצן און אַן אַ באַשיצער אין די אויבערשטע מאַכט־עטאַזשן.

פּעפּערס פּראָטעקטאָר אין מאָסקווע איז געווען דער וויצע־אויסערן־מי־ניסטער ס. י. לאָזאָווסקי, דער פאַקטישער באַלעבאָס פון „סאָווינפאָרמביור־

רא״ און דער אָנפירער פון דער פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד, וואָס האָט זיך געפירט אונטערן מאַנטל פון די כלערליי אַנטי־פאַשיסטישע קאָמיטעטן, וואָס רוסלאַנד האָט געשאַפן בעת דער מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד.

מיט וואָס און צוליב וואָס פעפער האָט אַזוי נושא־חן געווען ביי לאָזאָווסקין איז נישט באַקאַנט. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז לאָזאָווסקי איז געוואָרן זיין בעסטער ידיד און ער האָט פעפערן נישט בלויז געהאָלפן שטייגן אין זיין אייגענער קאַריערע, נאָר ער האָט אים אויך געהאָלפן באַקעמפן זיינע שונאים און צווישן זיי — אין דער ערשטער ריי — פּרץ מאַרקישן.

נאָך דעם פּלוצימדיקן און סודותדיקן טויט פון שטשערבאַקאָוון, דעם מיטגליד פון דער פּאָליט־ביוראָ און דעם אָפיציעלן פירער פון דער סאָוועטישער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, איז לאָזאָווסקי נתעלה געוואָרן און האָט געקריגן פריי הענט אין דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־ביוראָ, צו וועלכן עס איז אָמטלעך געווען אָנגעשלאָסן דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט. שטשערבאַקאָווס טויט האָט בכלל אַ סך לייכטער געמאַכט די מערכה פון דעם קאָמיטעט און במילא אויך בעסער געמאַכט די פּאָזיציע פון פעפערן. וואָרום עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז שטשערבאַקאָוו איז געווען אַן אָפענער אַנטיסעמיט און זיין איינפיר איז עס געווען, אַז מען זאָל אין דער סאָוועטישער פּרעסע נישט שרייבן וועגן די דייטשע אכזריותן איבער יידן און מען זאָל בכלל די יידן וואָס ווייניקער דערמאָנען אין דער דאָזיקער מלחמה. דער אָפיציעלער תירוץ זיינער איז געווען אַז מ׳דאַרף נישט מאַכן דעם איינדרוק, אַז רוסלאַנד פירט „אַ יידישע מלחמה״, ווייל די דייטשן נוצן אויס דעם דאָזיקן אַרגומענט אין זייער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס נעמט זיך זייער אָן. צי דער דאָזיקער מאָטיוו איז יאָ געווען אַ באַרעכטיקטער אָדער נישט, אַלצאיינס האָט מען געוווּסט, אַז שטשערבאַקאָוו האָט יידן נישט שטאַרק ליב און האָט זיי אַפילו גאַנץ אָפן פיינט און דאָס האָט שאָדן געבראַכט סיי דעם קאָמיטעט, סיי פעפערן און סיי אַפילו לאָזאָווסקין.

שטשערבאַקאָווס פּלוצימדיקער טויט איז אויפגענומען געוואָרן אין די קרייזן פון די יידישע שרייבער מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג און אַזוי אָפן איז געווען די שמחה ביי די יידישע שרייבער צוליב דעם נס מיט דעם נייעם המן, אַז זיי האָבן זיך אַפילו דערוועגט נישט אָנטייל צו נעמען אין זיין לוויה און צו ריידן צווישן זיך וועגן זיין מיטאָמאַליק „אויסגעכאַפּט ווערן״ מיט דעם טאָן פון כן יאבדו כל הרשעים אַנטיסעמיטן.

נאָך דעם טויט פון שטשערבאַקאָוון איז דער ייד לאָזאָווסקי געוואָרן אַ סך זיכערער ביי זיך און הגם ער האָט אין ערגעץ נישט אַרויסגעוויזן זיין

ייִדישקייט, האָט מען אָבער אין קאָמיטעט דערפילט אַ געבעסערטע שטימונג און ס'זענען אויפגעשוווּמען פאַרשיידענע אומקלאָרע האָפענונגען בנוגע דער צוקונפט. געגנוי אויף וואָס די דאָזיקע האָפענונגען באַזירן זיך האָט קיינער נישט געקענט זאָגן. מען האָט אָבער שטאַרק געוואָלט גלייבן, אַז לאָזאָווסקיס גוט־ברודערישקייט מיט פעפערן וועט עפּעס ברענגען פאַרן כלל. דעם דאָזיקן בטחון האָט דורך רמזים אונטערגעהאַלטן פעפער אַליין און דערווייל, ביז וואָס און ביז ווען, איז פעפערס אַנזען געוואַקסן און האָבנדיק לאָזאָווסקין פאַר „אַ פּלייצע" האָט קיינער שוין אַפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן ווי־דערשפּעניקן קעגן אים אָדער וועגן שאַפן שטימונג פאַר אַ צד שכנגד.

לאָזאָווסקי אַליין איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ צו גרויסער נאַטשאַל־ניק, אַז ער זאָל האָבן צו טאָן מיט אַנדערע ייִדישע שרייבער אָדער בכלל מיט דעם קאָמיטעט. נאָר אין געציילטע פאַלן האָט ער אויפגענומען ייִדישע שריי־בער, וועלכע זענען געקומען צו אים אין דער געזעלשאַפט פון פעפערן און מיכאָעלסן. איינמאָל האָט ער אויך אויפגענומען דעם דיכטער אברהם סוצ־קעווער און דווקא נישט אין פעפערס באַגלייטונג. דאָס האָט געבראַכט דער־צו, אַז פעפער זאָל אויף סוצקעווערן ווערן אָנגעשטויסן, וואָרום ס'האָט נישט געטויגט, אַז אַ ייִדישער שרייבער זאָל אַליין האָבן אַ דריסת הרגל צו לאָ־זאָווסקין און מיט אים שמועסן ווען פעפער געפינט זיך נישט דערביי. פון יענעם מאָמענט אָן האָט מען זיך אין ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט גענומען „טשעפּען" צו סוצקעווערן אויף אַן אומדירעקטן אופן און פעפערס משרתים האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצודינגען פון זיין פּאָעטישער גרויסקייט.

***

לאָזאָווסקין האָב איך נאָר איינמאָל געזען אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט. דאָס איז געווען אויף שכנא עפשטיינס לוויה. שכנא עפשטיינס גוף איז געבערענגט געוואָרן אין פאָדערזאַל פון קאָמיטעט און פון דאָרט האָט מען אים אַרויסבאַגלייט צו זיין אייביקער רו, אויב אַזעלכע ווי ער האָבן טאָקע רו נאָך זייער טויט. ביי דעם ארון זענען געשטאַנען ערן־וואַכן און עס האָבן געברענט ליכט. מיטאָמאָל איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג אין דעם קליינעם האַלב־טונקעלן זאַל. עס האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ מחנה אומבאַקאַנטע מענטשן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן עולם צעטריבן אין די ווינקלען. דורך אַ קייט פון שומרים איז צום ארון צוגעגאַנגען אַ נישט אָנזעעוודיק מענטשל מיט אַ גרוי ייִדיש בערדל און מיט אַ סך מעדאַלן אויף דער ברוסט. ער האָט זיך אָוועק־

געשטעלט צוקאַפּנס פון דעם מת, איז אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע מינוט אין שווייגן און האָט גיך פאַרלאָזט דעם זאַל. מיט אים צוזאַמען איז אויך אַוועק די גרויסע מחנה פון שומרים און נאָך זייער אַוועקגאַנג איז דער נישט גרויסער זאַל פּלוצלינג פּוסט געוואָרן און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט הקדש. אַ געמורמל, ווי דער רויש פון אַ פּלוצים באַפרייטן טייך, האָט זיך צעטראָגן פון איינעם צום אַנדערן און די ערשט־פאַרשטומטע מענטשן האָבן אָנגעהויבן פליסטערן:

— לאָזאָווסקי, דער וויצע־אויסערן־מיניסטער לאָזאָווסקי.

שפּעטער האָט מען זיך אויך אָפּגעגעבן חשבון, אַז פעפער און מיכאָעלס זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען דורך די שומרים נישט אַוועקגעטריבן געוואָרן אין די ווינקלען און זיי זענען געשטאַנען אין דעם עיגול וואָס די לייב־גוואַרדיע פון נקוו״ד־וועכטער האָבן געשלאָסן אַרום לאָזאָווסקין. זיי זענען געשטאַנען נישט שטאַרק נאָענט פון אים, אָבער דאָך אין זיין קרייז און דאָס איז געווען אַ גרויסע זכיה.

נאָך יענער לוויה האָט שוין אַפילו פּרץ מאַרקיש געמוזט איינזען, אַז זיין קאַמף קעגן פעפערן איז אַ פאַרשפּילטער, וואָרום אויב פעפער האָט אַזאַ מעכטיקן פּראָטעקטאָר ווי לאָזאָווסקי, איז אַוודאי שוין נישט שייך מיט אים זיך צו פאַרמעסטן און מיט אים זיך צו ראַנגלען. וועגן אַלע אַנדערע ייִדי־שע שרייבער איז שוין אָפּגערעדט. זיי האָבן שוין לאַנג זיך מיאש געווען פון יעדן פּרווו אויסצודריקן אומצופרידנקייט מיט אים, וואָרום דאָס האָט גע־שמעקט מיט גאָר, גאָר אומאָנגענעמע קאָנסעקווענצן.

פון דעסטוועגן, ווי מעכטיק איציק פעפער איז נישט געווען אין קאָמי־טעט און וויפל שטאַרקייט ער האָט נישט געזאָלט פאַרמאָגן צוליב זיין חשי־בות ביי לאָזאָווסקין, זענען אָבער דאָך געווען אין פעפערס סביבה אַזעלכע, פאַר וועלכע ער אַליין האָט זיך געשראָקן און די דאָזיקע זענען געווען דווקא זיינע שאַלאַטן־שמשים, איבער וועלכע ער איז געווען באַלעבאָס און וועלכע ער האָט ספּעציעל באַזעצט אין קאָמיטעט, אַז זיי זאָלן היטן מיט טויזנט אויגן זיינע אינטערעסן.

געהיטן האָבן אָבער די דאָזיקע צוויי שרייבער נישט בלויז פעפערס אינ־טערעסן, נאָר אויך אים, פעפערן אַליין, און ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מער נאָך ווי פאַר זיינע שונאים האָט איציק פעפער געציטערט פאַר זיינע צוויי פריינט, וועלכע זענען אָפיציעל געווען זיינע אונטערגעאָרדנטע.

פאַרוואָס דאָס איז געווען אַזוי איז נישט שווער צו פאַרשטיין. די שאַ־לאַטן־שמשים ס. און ג. זענען טאַקע געווען פעפערס קנעכט. זיי זענען אָבער אויך געווען די אויגן און אויערן פון אַן עמיצן, וואָס האָט געדאַרפט וויסן,

וואָס פּעפער טוט און אַפילו דאָס וואָס ער טראַכט צו טאָן. און ווער נאָך ווי פּעפער האָט אַזוי גוט געוווּסט וועגן דער ראָל פון זיינע משרתים־פריינט און וועגן דעם דין־וחשבון, וואָס זיי גיבן אָפּ וועגן אים אין אַ געוויס אָרט פאַר וועלכן ער האָט, ווי אַלע אַנדערע, שטאַרק מורא געהאַט?

דאָס דאָזיקע איז שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר רוסלאַנד. דאָרט היט דער באַלעבאָס זיינע אָנגעשטעלטע און די אָנגעשטעלטע היטן זייער באַלע־באָס. ביידע האָבן זיי באַשטימטע טעג און שעהן ווען זיי אינפאָרמירן וועגן זיך קעגנזייטיק דאָרט ווו מען דאַרף אַלץ וויסן.

דערביי איז כדאַי צו זאָגן, אַז וואָס גרעסער עס איז די פּאָזיציע וואָס דער מענטש פאַרנעמט, וואָס העכער עס איז דער אַמט מיט וועלכן ער פירט אָן, אַלץ מער שומרים האָט ער אַרום זיך און אַלץ מער אינפאָרמאַטאָרן באַ־שעפטיקן זיך מיטן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זיינע רייד און זיינע מעשים.

***

פּעפער האָט גוט געוווּסט וועגן די אויפגאַבן פון זיינע משרתים און ער האָט אויך געוווּסט, אַז מעגן זיי זיין זיינע בעסטע פריינט, מוזן זיי וועגן אים אינפאָרמירן און דווקא נישט קיין גוטע זאַכן, ווייל קיין גוטע זאַכן אינ־טערעסירן נישט די דאָזיקע וועלכע נעמען־אויף די אינפאָרמאַציעס. ער איז דעריבער אין אַ געוויסן זין געווען זייער געפאַנגענער און האָט זיך פאַר זיי נישט בלויז שטאַרק געהיטן, נאָר האָט אויך זיך צוגעהערט צו זייער דעה און ביים טאָן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז נישט געווען אינגאַנצן כשר, האָט ער זיך באַמיט צו האָבן זיי אַלס שותפים אין דער דאָזיקער נישט כשרקייט.

כ׳וועל עס אילוסטרירן מיט אַ קליינעם פאַקט: איינמאָל האָב איך גע־בעטן ביי פּעפערן עפּעס אַ באַשטעטיקונג פאַר מיינעם אַ חבר, אַ פּליט פון פּוילן, נישט קיין שרייבער. איך האָב אים געזאָגט דעם אמת און ער האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פּאַפּירל וואָס וואָלט דעם דאָזיקן חבר געקענט באַפרייען פון אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן. די דאָזיקע זאַך איז געווען נישט שטאַרק כשר, אָבער נישקשה, מען האָט אַזעלכע זאַכן גאַנץ אָפט געמאַכט אין רוסלאַנד. פּעפער האָט געהייסן די מאַשין־שרייבערין, אַז זי זאָל אָנשרייבן דעם טעקסט אויף אַ בלאַנק פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט און דערנאָך זאָל איך דאָס פּאַפּירל אַריינברענגען אים אונטערצושרייבן. כ׳האָב אַזוי געטאָן. ווען איך בין אַריין צו אים דאָס צווייטע מאָל אונטער־שרייבן דאָס פּאַפּירל, האָט זיך ביי אים געפונען דער שרייבער ג. פון אוקראַי־

נע. איך בין באַגאַנגען אַ נאַרישקייט דערמיט, וואָס איך האָב נישט אויסגע־וואַרט ביז יענער וועט אַוועק און איך האָב דאָס פּאַפּירל אַוועקגעלייגט ביי אים אויפן שרייבטיש. דער דאָזיקער שרייבער האָט דאָס פּאַפּירל תיכף גע־נומען לייענען. ווען ער האָט געענדיקט, האָט פעפער אים געפרעגט: נו, וואָס זאָגסטו? יענער האָט געענטפערט: פאַרוואָס נישט? פעפער האָט דאָס פּאַ־פּירל אונטערגעשריבן, אָבער בעת מעשה האָט ער עפּעס אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט צו יענעם שרייבער: נאַ, שרייב דו עס אויך אונטער. דער דאָזי־קער שרייבער האָט אָבער נישט געוואָלט חתמענען דאָס פּאַפּירל. אַ רגע האָט געדויערט דאָס דינגעניש צווישןביידע און דאַן האָט פעפער צעריסן דאָס פּאַפּירל און מיר זייער העפלעך איבערגעבעטן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך, זאָגט ער, איבערגעלייגט און איז געקומען צום אויספיר אַז ער קען מיר די דאָזיקע טובה נישט טאָן.

ביי דער געלעגנהייט — נאָך אַ קליינעם קוריאָז:

פעפער האָט אַ קליין שטיקל צייט געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע אַן איי־גענעם אויטאָ מיט אַן אייגענעם שאָפער. דער שאָפער זיינער איז געווען אַ יידישער בחור מיט אַ פּנים פון אַ זאַמד־שגץ. ער האָט געשטאַמט פון פוילן, נאָר ער איז שוין זייער לאַנג געווען אין רוסלאַנד. געווען איז ער אַ מוראדי־קער שווייגער און געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן. צי פעפער האָט געוווסט ווער דער שאָפער זיינער איז, ווייס איך נישט און דאָס איז אויך נישט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס שוין זייענדיק אין פוילן, בין איך אַמאָל געגאַנגען מיט אַ חבר, אַ שרייבער, אויף די וואַרשע־ווער גאַסן. מיר זענען גראַד געגאַנגען דערליידיקן אין אויסערן־מיניסטעריום אונדזערע אַרויספאָר־פּאַפּירן. מיטאַמאָל איז מיר אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס אַנטקעגנגעקומען אַן אָפיציר פון דער פוילישער „אובע״ (זיכערקייטס־פּאָליציי) און ווער מיינט איר איז געווען דער הויך־ראַנגיקער „אובע״־אָפי־ציר? נישט קיין אַנדערער ווי פעפערס געוועזענער שאָפער, וואָס האָט דאָרט אין רוסלאַנד אויסגעזען ווי אַ תם און האָט דאַכט זיך קיין מויל נישט גע־קענט עפענען.

בעת איך בין אים פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך זיך געמאַכט ווי איך דער־קען אים נישט. איך האָב אָבער געזען, אַז ער האָט מיך דווקא יאָ דערקענט און איך האָב אַ פליסטער געטאָן צו מיין באַגלייטער:

— נו, אויב ער איז שוין אויך דאָ, דאַרפן מיר שוין טאַקע וואָס גיכער אַוועקפאָרן פון דאַנען.

מיין חבר האָט נישט פאַרשטאַנען מיינע רייד און די אויפקלערונג האָב איך אים געגעבן ערשט דעמאָלט, ווען מיר זענען שוין געווען אין פּאַריז.

— 11 —

קיין נאָענטע גוטע פריינט האָט פּעפער צווישן די מאָסקווער ייִדישע שרייבער נישט געהאַט און אַפילו זיינע פריינט צווישן די ייִדישע שרייבער פון אוקראַיִנע זענען מיט אים נישט געווען אין אַזאַ נאָענטקייט, אַז זיי זאָלן קענען עפּעס דערציילן וועגן זיין אינטים לעבן, וועגן זיין היים אָדער וועגן זיין פאַמיליע.

דאָ און דאָרט האָט עמיצער עפּעס דערציילט וועגן „אַ ראָמאַנטישער" פּאַסירונג אין זיין לעבן און דער אַלץ און אַלעמען באַריידנדיקער שרייבער מאיר אראנסקי האָט אַפילו פאַרזיכערט, אַז אַזעלכע פּאַסירונגען זענען געווען אַ סך. אָבער די אַלע ריידערייען זענען נישט געווען מער ווי באַריידערייען און מען האָט זיך אויף זיי ווינציק וואָס געקענט סומך זיין.

אין דער צייט, ווען ער איז געווען דער באַלעבאָס פון דעם ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט מען געמורמלט, אַז צווישן אים און דער סעקרע־טאַרשע פון דער רעדאַקציע „אייניקייט", אַ פרוי פון אַ מלחמה־אומגעקומע־נעם ייִדישן שרייבער, געשעט עפּעס. צי די מורמלעריי איז געווען מער ווי רכילות איז שווער צו זאָגן. מען האָט אין מאָסקווע געוווּסט וועגן דעם אינ־טימען לעבן פון האַלקינען, פון מאַרקישן און פון נאָך אַנדערע, וועגן פּעפערן אָבער האָט מען זיך נאָר משער געווען. אויף זיכער האָט קיינער גאָרנישט געוווּסט.

זיין אינטים לעבן איז געווען פאַרשלאָסן אויף טויזנט שלעסער.

דערביי איז ער דווקא געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן: אַ געזעלשאַפט־פעיִקער מענטש. ער האָט פאַרמאָגט הומאָר, האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ ווערטל, צו מאַכן אַ חכמהדיקן וואָרט־שפּיל און אַ זינג צו טאָן אַ לידל. ער איז בשום אופן נישט געווען קיין „מרוק" און מען האָט מיט אים אַפילו גע־קענט מאַכן אַ הלצה וועגן ענינים, וואָס געוויינלעך רעדט מען אין רוסלאַנד וועגן זיי נישט מיט קיין לייכטן טאָן. ער האָט דעריבער געהאַט אַ סך אייגנ־שאַפטן היימיש און נאָענט צו ווערן מיט מענטשן און דער וווּנדער איז, וואָס ער איז דאָס קיינמאָל נישט געוואָרן.

כ'געדענק אַ פאַרנאַכט אין רעדאַקציע „אייניקייט". די מיטאַרבעטער זענען שוין געהאַט אַוועק פון דער אַרבעט און געבליבן איז דאָרט נאָר די דערמאָנטע רעדאַקציע־סעקרעטאַרין, וועלכע האָט נאָך דערליידיקט עפּעס אַן ענין מיט דעם יונגן ליטעראַטור־קריטיקער נאָטאָוויטש, ווי אויך די מאַשינ־

שרייבערין, וועלכער איך האָב דיקטירט מיינס אַן אַרטיקל פאַרן נאָענטסטן נומער „אייניקייט". צו אונדז פיר איז שפּעטער אַרויפגעקומען איציק פעפער און איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי ס'איז געשען, וואָס מיר האָבן דעמאָלט פאַרבראַכט אַ היימלעכע פּאָר שעה, וואָס זענען געווען אַ זעלטנקייט אין מיין מאָסקווער לעבן.

מיר האָבן זיך צעזעצט אויף די רעדאַקציע־טישן און פעפער האָט אונדז דערציילט כלערליי מעשות. ער האָט אימיטירט פאַרשיידענע יידישע שריי־בער און דערהויפּט בערגעלסאָנען און שכנא עפּשטיינען. די דאָמען האָבן דער־ביי געקוויטשעט פון געלעכטער און פעפער האָט זיי געוויילט און אַליין גע־לאַכט מיט אַן אָפן און אַנשטעקנדיק געלעכטער. ווען דער יונגער נאָטאָוויטש וואָס איז אויך געווען אַ גוטער אימיטאַטאָר, האָט נאָכגעמאַכט דאָברושינען און מיכאָעלסן.

פעפער האָט געזונגען לידלעך און אויסגעשפּילט פאַרשיידענע טיפּן מיט דער מייסטערשאַפט פון אַן אויסגעדינטן אַקטיאָר.

עס איז פון אים אַראָפּ דער גאַנצער לאַק־פאַנצער פון חשיבות.

איך האָב אים דעמאָלט דערזען אַזאַ, ווי ער האָט געדאַרפט זיין אין זיינע יונגע יאָרן. אַ פריילעכער יאַט, וואָס האָט געקענט נושא־חן זיין ביי אַלעמען און באַזונדערס ביי פרויען.

אָבער אויף צומאָרגנס ווען איך האָב אים ווידער געטראָפן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, איז שוין קיין שפּור פון דעם נעכטיקן פעפער נישט געווען. ער איז צוריק געווען דער זעלביקער, וואָס תמיד און אפילו צו דער סעקרעטאַרשע פון דער „אייניקייט" האָט ער גערעדט מיט דעם זעלביקן טאָן פון פאַמיליאַרקייט און פּראָטעקטאָרישקייט צוזאַמען.

די דאָזיקע סעקרעטאַרשע איז געווען אַ שיינקייט פון דער רוסישער פאַ־ראַדע. זי האָט געהאַט גרויסע ציגיינעריש־מאַניענדיקע אויגן, פול מיט טרויער און אַ טונקל־אַליוון־ברוין פנים מיט לאַכנדיקע ווייסע ציין. די טרויעריקע אויגן און דאָס לאַכנדיקע מויל האָבן אי צוגעצויגן צו זיך, אי אָוועקגעשראָקן פון זיך. חוץ דעם איז זי געווען גרויס און מאַסיוו. דער רבונו של עולם וואָלט פון איר געקענט אויסשניידן צוויי פראַנצויזקעס און ס'וואָלט נאָך אַלץ פאַר־בליבן אַ היפשער יתור.

איר מאַן, אַ באַוווסטער יידישער שרייבער, איז ווי געזאָגט, אומגעקו־מען אין דער מלחמה אין יאָר 1941.

אַ סך יידישע שרייבער זענען דעמאָלט אומגעקומען. צווישן זיי גאָדי־נער, ראָסין, ווינער, גורשטיין און נאָך אַנדערע.

**
*

ס'איז געווען אין די ערשטע טעג פון דייטשן איבערפאַל אויף רוסלאַנד. די סאָוועטישע רעגירונג, אַ געפּלעפּטע דערפון, וואָס דער נעכטיקער גוטער פריינט איז מיטאַמאָל געוואָרן דער געפערלעכסטער שונא, האָט זיך היפּש פאַרלוירן און ס'איז אַנטשטאַנען אַ כאַאָס, וואָס האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט, ווען די דייטשן האָבן זיך גערוקט נענטער צו מאָסקווע.

ווען די שוועלן פון מאָסקווע זענען שוין געוואָרן באַדראָט, האָט מען אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן דער „אָפּאָלטשעניע", דאָס הייסט: וועגן דעם, אַז אַלע, יאָ מיליטער־פּליכטיקע צי נישט מיליטער־פּליכטיקע, זענען מחויב זיך צו מאָביליזירן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט. ייִדישע שרייבער, צווישן זיי עלטערע מיליטעריש־אומפעיִקע מענטשן, האָבן זיך אויך מאָביליזירט און זענען תיכף אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף דער פראָנט־ליניע, ווו זיי זענען געפאַלן אין דעם ערשטן פייער.

ווי נאָר דער באַפעל וועגן דער „אָפּאָלטשעניע" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז תיכף נאָכגעקומען אַן אַנדערער באַפעל און אין דעם באַפעל האָט זיך געזאָגט, אַז שרייבער, וויסנשאַפטלער, קינסטלער און אַקטיאָרן זענען באַפרייט פון דער פליכט צו גיין אויפן פראָנט. רוסישע שרייבער און וויסנשאַפטלער האָט מען תיכף אַרויסגענומען פון די מיליטערישע אָפּטיילונגען און מען האָט זיי אַהיימגעשיקט. מיט די ייִדישע שרייבער האָט מען אָבער נישט אַזוי געטאָן. מען האָט זיך בנוגע זיי וועגן דעם צווייטן באַפעל נישט געמאַכט וויסן און איידער וואָס און איידער ווען זענען זיי שוין געווען אויפן פראָנט און דאָרט געלייגט זייערע קעפּ. עס איז דעריבער אַזוי אויסגעקומען, אַז די קאַמפּן הינטער מאָסקווע האָבן דער ייִדישער ליטעראַטור געקאָסט אַ היפּש ביסל לעבנס, אין דער צייט ווען קיין רוסישע שרייבער זענען אין די דאָזיקע קאַמפּן כמעט נישט געפאַלן.

און הגם אָפיציעל האָט מען זיך אין די ייִדישע שרייבער־קרייזן געגרויסט דערמיט, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד האָט געגעבן אַ גרויסן בלוט־צושטייער צום קאַמף קעגן היטלעריזם, האָט מען אָבער אין דער שטיל וועגן דער דאָזיקער זאַך גערעדט מיט אַ סך ווייטיק. מען האָט אויך געהאַט טענות צו פּרץ מאַרקיש, וואָס איז דעמאָלט געווען דער פאַרזיצער פון דער ייִדישער סעקציע, הלמאַי ער האָט נישט גענוג אַקטיוו געהאַנדלט ביים באַפרייען די ייִדישע שרייבער באַצייטנס. און כאָטש דער אמת איז, אַז פּרץ מאַרקיש האָט דאָ גאָרנישט געקענט אויפטאָן, ווייל די גאַנצע זאַך איז פאַרגעקומען בליץ־שנעל און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט זענען די שרייבער שוין געהאַט געפאַלן, איז אָבער ביי די אלמנות און יתומים פון די געפאַלענע שרייבער געבליבן אויף אים אַ בייז האַרץ און קיין שום לאָגישע אויפקלע־

רונגען האָבן נישט געקענט אַרויסנעמען פון זייערע הערצער דאָס געפיל פון צעוויטיקטקייט איבער דעם, וואָס מאַרקיש האָט כלומרשט פאַרשפּילט דאָס לעבן פון זייערע מענער, אין דער צייט ווען ער אַליין האָט זיך אַנגעטאָן אַ מונדיר פון אַ פלאָט־אָפיציר און איז געפאָרן, ניין, אַנטלאָפן קיין טאַשקענט.

ס׳זענען געווען אַ סך ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געזאָגט, אַז דאָס כאַפּלאַפּדיקע אַוועקשיקן די ייִדישע פען־מענטשן אויפן פראָנט און דאָס נישט וועלן זיי באַפרייען פון דער מיליטער־פליכטיקייט, אין דער צייט ווען רוסישע שרייבער האָט מען יאָ באַפרייט, איז געווען אַן אַנטיסעמיטיש שטיקל אַרבעט. אויף יעדן פאַל איז עס געווען אַ שטיקל אַרבעט אין וועלכן דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך בולט מאַניפעסטירט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון כיוון שניתן רשות למשחית.

די געשיכטע מיט די געפאַלענע ייִדישע שרייבער האָבן אויסגענוצט מאַרקישעס שונאים, כדי צו העצן קעגן אים. די זעלביקע שרייבער האָבן אָבער עפנטלעך גערעדט און געשריבן וועגן דער גרויסער געטריישאַפט פון דעם ייִדיש־שעפערישן מענטש צום סאָוועטישן היימלאַנד, וואָס אַן אויסדרוק פון איר זענען געווען די קרבנות פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר דער באַשיצונג פון דער רוסישער הויפּטשטאָט. ס׳איז דערייבער אַזוי אויסגעקומען, אַז די זעלביקע, וואָס האָבן עפנטלעך זיך געגרויסט מיט די העלדישע ייִדישע שרייבער, וועלכע זענען געפאַלן אויפן פראָנט, האָבן אין דער שטיל געצערנט קעגן מאַרקישן, הלמאַי ער האָט נישט אויסגענוצט זיין איינפלוס און זיין פּאָזיציע פון מאַכט ביים שרייבער־פאַריין, אַז זיי זאָלן נישט פאַלן און נישט ווערן קיין העלדן.

פעפער, וואָס האָט צוגעהערט זיך, ווי נאָר אַ פונקעלע פון אומצופרידנקייט קעגן מאַרקישן, האָט אויך די אלמנות און יתומים פון די געפאַלענע ייִדישע שרייבער געהאַלטן אַרום זיך און צום נאָענטסטן האָט ער טאָקע געהאַלטן ביי זיך די סעקרעטאַרשע פון דער „איינִיקייט“.

***

נאָך איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען פעפערן אין אַ היימישער אינטימער סביבה.

ס׳איז געווען אין אַ ניי־יאָר. עטלעכע מענטשן זענען מיר פאַרבעטן געוואָרן צו דעם דירעקטאָר פון פאַרלאַג „עמעס“, סטראָנגין, כדי צו באַגעגענען דאָס נייע יאָר. צווישן די פאַרבעטענע איז אויך געווען פעפער און זיין פרוי.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, ווען איך האָב פעפערן געזען אין

אַ מאָסקווער שטוב, מחמת בכלל האָבן מאָסקווער יידישע שרייבער אים צו זיך נישט אָפט פאַרבעטן.

סטראָנגין איז נישט געווען קיין שרייבער. ער איז געווען אַ דרוקער־אַרבעטער פון ווייסרוסלאַנד, אַ טייערער ייִד און דערביי זייער אַן ערלעכער פאַרטייער און אַ סאָוועטישער פאַטריאָט. ס׳וועט ווערן אים נאָך אויסקומען צו דערציילן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. דערווייל אָבער וועט כדאַי זיין צו באַמערקן, אַז ער איז גראָד געווען מאַרקישעס אַ גרויסער חסיד און אין דעם פאַרלאַג „עמעס״, וואָס ער האָט אָנגעפירט, האָט מאַרקיש נאָך אַלץ געהאַט אַ גרויסע דעה. ער איז אָבער אויך געווען אַ מיטגליד פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און דער יידישער הויפּט־צענזאָר אין מאָסקווע. צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט ער געמוזט אָנהאַלטן גוטע באַציונגען מיט פעפערן און דערפאַר אפשר האָט ער אים, כדי יוצא צו זיין, איינמאָל פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אויף אַ היימישער שמחה.

אויך ביי סטראָנגינען אויף דער שמחה איז מיר אויסגעקומען צו זען אַן אַנדערן פעפער, ווי אַלעמאָל. געווען דאָרט אויך האַלקין און ביידע האָבן זיי געזונגען יידישע פאָלקס־לידער ביז אין וויסן טאָג אַריין. ווען מען האָט זיך דערוואָרעמט מיט עכטן קאַווקאַזער ווייַן, האָט פעפער געזונגען חזנישע זאַכן און אַלעמען איבעראַשט מיט זיין קענטשאַפט פון אַלט־יידישן נוסח און מיט זיין קול נגינה, וואָס האָט פאַרמאָגט די באַוווסטע קאָלאָראַטור־דריידלעך פון יידישער חזנות. ביי דעם לידל „ס׳האָט זיך מיר די זיפּ צעזיפּט״ איז ער אַריין אין אַזאַ חסידישן ברען, אַז ער האָט רק געוואָלט מיר זאָלן מיט אים טאַנצן אין אַ רעדל. צי מיר האָבן געטאַנצט געדענק איך שוין נישט, כ׳געדענק אָבער, אַז ער האָט געזונגען און געזונגען און ביי דעם לידל „ר׳ דודל פון טאַלנע״ איז ער זיך פאַרגאַנגען מיט אַזאַ התלהבות, ווי אַ חסיד ביים רבין צו שלוש־סעודות.

האַלקין איז אויף דער שמחה געוואָרן זייער שנעל שיכור און ער האָט זיך דווקא געוואָלט און טאַקע געקושט מיט אַלעמען און מיט די פּרויען אי־בערהויפּט. נאָך איינער איז געווען אויף דער שמחה, אַ ספּעץ פון פינאַנץ־ענינים און אַ הויכער באַאַמטער אין אַ מיניסטעריום, האָט ער אויף דעם רו־סישן שטייגער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, געשריגן, אַז קיינער פאַרשטייט אים נישט, געוויינט און געוואָלט רק צעברעכן דעם נישט גרויסן שפּיגל ביי סטראָנגינען אין קאָרידאָר. ער האָט געוואָלט אונדז דערווייזן, אַז קיין שום שמחה איז קיין שמחה נישט וויבאַלד מען צעברעכט נישט כאָטש אַ פּאָר גלעז־זער, פלעשער און שפּיגלען. ער האָט זיך אויך געזידלט און געשריגן, אַז די היינטיקע דורות זענען שוין נישט מער דאָס וואָס אַמאָל און אַז דער רוסי־

שער מענטש פֿאַרלירט די נשמה און ווערט ענלעך צו דעם פֿאַרשיוון געדמאַ־ניעץ. פעפער איז אָבער נישט שיכור געוואָרן, כאָטש ער האָט אַ סך געטרונ־קען. ער איז נאָר געווען אַביסל מכוסמדיק און ס׳האָט פֿון אים אַרויסגעזעצט אַ פֿריילעכקייט, וואָס איז ערגעץ ווו לאַנג געלעגן פֿאַרקנוילט און איז פּלו־צים באַפֿרייט געוואָרן פֿון אירע פּענטעס.

אין פֿאַרטאָג, ביים אַהיימגיין, איז ער שוין געווען אינגאַנצן ניכטער. שוין לאַנג זיך נישט אַזוי נאַריש געמאַכט — האָט ער געזאָגט בעת מיר האָבן זיך געזעגנט אין גאַס. ס׳איז מיר אָבער אויסגעקומען, אַז אין דעם דאַזיקן „זיך נאַריש מאַכן" האָב איך דערזען אַ טייל פֿון זיין טעמפּעראַמענט און אַז דורך דער דאָזיקער „נאַרישקייט" האָט ביי אים אויפֿגעלעבט אַ שטיק פֿון זיין יוגנט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט אַלעמאָל געווען דאָס וואָס ער איז געוואָרן און ער קען אַפֿילו איצט נאָך אַ סך מאָל ווערן אַנדערש ווי דער וואָס ער איז.

אינגאַנצן צוויי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט פעפערן אין אַ היימישער סביבה, אָבער איז די דאָזיקע צוויי מאָל האָב איך דערזען, אַז ער האָט געמוזט אַ סך אַרבעטן איבער זיך, כדי צו ווערן דער פעפער וועלכן מיר האָבן געקענט.

ער איז בלי ספק, אַמאָל אין זיין יוגנט, געווען אַ פֿריילעכער נאַש־בראַט.

דאָס געיעג נאָך מאַכט אין די האַרטע באַדינגונגען פֿון דער סאָוועטי־שערווירקלעכקייט האָט אָבער אויפֿגעפֿרעסן די פֿרייד אין אים און די היי־טערקייט אין אים.

איצט פֿלעגט די יוגנטלעכע פֿרייד און די אַמאָליקע הייטערקייט שוין זייער זעלטן באַזוכן זיין עלטער.

— 12 —

נאָך איידער איך האָב איציק פעפערן געקענט פּערזענלעך, האָב איך וועגן אים שוין אַ סך געהאָט געהערט. אַז איך האָב אים שפּעטער באַקענט און דערקענט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס וואָס מען האָט וועגן אים דערציילט איז אמת. כ׳האָב זיך אָבער אויך איבערגעצייגט, אַז נישט אַלע אמתן וועגן אים זענען דערציילט געוואָרן און גראָד צווישן די אמתן, וואָס זענען נישט דערציילט געוואָרן, האָבן זיך געפֿונען אַ סך, וואָס זענען געווען לטובת אים און האָבן אים געוויזן פֿון דער זייט, וועלכע זיינע שונאים האָבן נישט געוואָלט און אפשר אויך נישט געקענט זען.

איציק פעפער איז דערגאַנגען צו זיין הויכער פּאָזיציע דורך זיין באַזונ־דערן טאַלאַנט זיך צוצופּאַסן צו די האַרטע און סכנותדיקע באַדינגונגען פֿון

סאָוועטישן לעבן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען, ווו צוגעבונדנקייט צו פּריינט־שאַפטן און צו פּרינציפּן זענען געפּערלעך, האָט איציק פעפער באַוויזן די קונץ צו זיין אַ לייכטער פּאַסאַזשיר, אַן מאָראַלישן און אָן עמאָציאָנעלן באַגאַזש. ער האָט געהאַט גענוג שכל צו וויסן וועלכער וואָגן עס וועט בלייבן שטעקן אין בלאָטע און האָט פאַרמאָגט גענוג פלינקייט זיך באַצייטנס אַרויפּ־צוכאַפּן אויף אַן אַנדערן וואָגן, כדי מיט אים ווייטער צו פאָרן אויף דעם זיג־זאַגישן שליאַך פון אַ סאָוועטישער קאַריערע. דאָס אַריבערשפּרינגען אין אַן אַנדערן וואָגן איז אין ערגעץ נישט קיין גרינגע זאַך און אין רוסלאַנד איז עס שוין גאָר אַ שווערער ענין. מען מוז דערביי פאַרגעסן אין אַלץ און אין אַלעמען און קאָנצענטרירן אַלע כוחות און אָנשטרענגונגען, כדי שפּרינגענ־דיק נישט צו פאַלן צווישן די רעדער פון די וועגענער, וואָס איינער פאָרט באַרג־אַרויף און דער צווייטער — באַרג־אַראָפּ. יעדער מאָראַליזירנדיקער געדאַנק, יעדע העמונג פון די כוחות, דער מינדסטער אַפּלענק אין דער זייט פון געוויסן שמעקט מיט סכנה און אויב איציק פעפער האָט די אַלע סכנות אויסגעמיטן, האָט ער זיי אויסגעמיטן נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט תמיד געדענקט און געטראַכט וועגן איין מענטש און דער דאָזיקער מענטש איז גע־ווען: איציק פעפער.

דאָס איז די שילדערונג פון פעפערן, וואָס איך האָב געהערט פון די אַלע, וואָס האָבן אים געקענט אין משך פון אַ סך יאָרן און אַזאַ האָב איך אים אַ סך מאָל געזען אין מאָסקווע, ווען ער האָט זיך שוין געפונען אויפן העכסטן שפּיץ פון זיין דערגרייכונג. אויף דעם דאָזיקן העכסטן שפּיץ זענען אָבער צוליב אַ סך טעמים פאָרגעקומען געוויסע ענדערונגען אין אים און די דאָזיקע ענדערונגען האָבן מיר דערלויבט צו זען אויך אַנדערע זייטן פון זיין כאַראַקטער און אַנדערע שטריכן פון זיין געשטאַלט.

די ענדערונגען אין אים זענען פאָרגעקומען מחמת אַ סך סיבות. דאָס עלטער ווערן און דאָס מידער ווערן איז געווען די ערשטע סיבה. די צווייטע סיבה איז געווען דאָס, וואָס אויף דער העכסטער טרעפּ פון זיין קאַריע־רע־לייטער, ווען קיין העכער איז שוין נישט געווען, האָט ער גענומען קוקן אויף צוריק און אין דעם דאָזיקן צוריק־קוק האָט זיך פאַר אים, ווי פאַר יעדן מענטש, אַנטפּלעקט די הבל־הבלימדיקייט פון דעם גאַנצן נישטיקן לעבנס־גייעג און ס׳האָט זיך געשטעלט פאַר אים די חשבון־הנפשדיקע שאלה: אַט צוליב דעם האָט דאָס אַלץ געלוינט? דערצו איז אים צוגעקומען נאָך איין ביטערע לעבנס־דערקענטעניש וואָס האָט געבראַכט דעם באַוווסטזיין, אַז מיט זיין גאַנצער מאַכט־דערגרייכונג האָט ער נישט באַוויזן צו קריגן דאָס, וואָס ער האָט צום שטאַרקסטן געוואָלט: די אָנערקענונג פון חברים־שרייבער ווי־

אַ פּאָעט. דאָס לעצטע האָט אים באַזונדערס פּאַראומערט און האָט אים געבראַכט צו פאַרשיידענע, פּאַר אים געפערלעכע, געדאַנקען — געפערלעכע דערפאַר, ווייל אין זיי האָט ער שוין נישט אַלעמאָל געזען זיך אַליין מיט זייַנע אויגן, נאָר מיט די אויגן פון אַנדערע און דאָס עצם דערלאָזן צום געדאַנק דאָס וואָס אַנדערע טראַכטן וועגן אים איז שוין נישט געווען אין סטיל פון דעם אַמאָליקן פעפער און איז געוואָרן דער סימן פון די אויפגעוואַכטע מענטשלעכע שוואַכקייטן אין דעם פעפער פון די טעג אין מאָסקווע.

ס׳זענען אָבער געווען נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן געברענגט אַן איבערבייט אין פעפערן. סיבות וואָס זענען שוין נישט געווען פאַרבונדן מיט אים פערזענלעך, נאָר מיט עפּעס וואָס איז שטאַרקער און טיפער געווען ווי זיין פאַרשפּיצטע „איך״־עמפינדונג, וואָס האָט אים באַשעפטיקט אַלע ביז דעמאָלטיקע יאָרן. דאָס איז געווען דאָס געפיל פון קאָלעקטיוויטעט־אָנגעהעריקייט, וואָס האָט אויפגעוואַכט ביי אַלע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד און האָט אויך זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צו פעפערס האַרץ. דאָס דאָזיקע יידישע ציבור־געפיל, וואָס איז ביי אַנדערע געוואָרן שטאַרק ניכר, האָט ביי פעפערן לאַנג־לאַנג זיך געבויערט אַ וועג צו דער אויבערפלאַך פון באַוווסטזיין און הגם ער האָט זיך קעגן דעם דאָזיקן געפיל זייער געראַנגלט, ווייל ער האָט מיטן שכל פאַרשטאַנען אַז דאָס וועט ווערן זיין גרעסטער אומגליק, האָט ער עס אָבער נישט געקענט גובר זיין און ס׳האָט זיך וואָס אַמאָל מער גענומען אַרויסרוקן און אָנזען, דווקא דעמאָלט ווען מען האָט עס געדאַרפט אויפסניי באַהאַלטן.

**
*

פעפערן האָט אַמאָל די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע, ווי בכלל דער גורל פון יידן אין רוסלאַנד און אין דער וועלט, גאַנץ ווייניק פאַראינטערעסירט. צי ער האָט ווירקלעך געגלייבט אין דער סאָוועטישער לייזונג פון דער יידן־פראַגע איז נישט באַוווסט. ער האָט אגב גאָרנישט געזוכט קיין לייזונגען פאַר פראַגן, וואָס זענען נישט פאַרבונדן דירעקט מיט פעפערן און די פראַגן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אים גופא האָט ער געזוכט צו לייזן אויף זיין אייגענעם וועג און מיט זיינע אייגענע מיטלען. ער איז טאַקע געווען אַ יידישער שרייבער, ער האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט געהאַלטן און נישט באַטראַכט ווי קיין שליח פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער פאָלקס־שעפערישקייט. דאָס איז געווען זיין שמשון־שטאַרקייט אין דעם סאָוועטישן פלשתים־לאַגער און אַדאַנק דעם האָט ער אַזוי נושא־חן געווען אין די אויגן פון די סאָוועטישע הער־

שער, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, אַז פּעפּער שרייבט ייִדיש. נאָר דערפאַר, וואָס ער שרייבט נישט קיין רוסיש אָדער אוקראַיִניש. די דאָזיקע סאָוועטישע הערשער האָבן אָבער צוליב זייערע צייטווייליקע אינטערעסן געמאַכט פון פעפערן אַ מין פאָלקס־פאָרשטייער און האָבן אים בידים אַריינגעשטויסן אין אַזאַ ווינקל, ווו ער האָט געמוזט זיך אָנשטעקן מיט דעם געפערלעכן באַציל פון נאַציאָנאַליזם בכלל און ייִדישן בפרט.

וויפל פעפער האָט נישט געזאָלט וויסן און טאַקע אַכטונג געבן, אַז דער ייִדישער קאָמיטעט זאָל נישט ווערן קיין אַדרעס פאַר די ייִדן אין רוסלאַנד גופא, איז אָבער דער קאָמיטעט דאָך דאָס צוביסלעך געוואָרן, אַפילו קעגן פעפערס ווילן און קעגן דעם ווילן פון זיינע באַלעבאַטים. דער אויפגעוואַקסענער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, וואָס האָט צוריק געקריגן זיינע פינצטערע פליגל מיט דעם אויפגעפאָך פון רוסישן נאַציאָנאַליזם און כלערליי אַנדערע נאַציאָנאַליזמען, וועלכע זענען אַרויסגעקומען אין דער מלחמה־צייט, האָט געברענגט דערצו, אַז די רוסישע ייִדן זאָלן אויפסניי דערפילן זייער ייִדישקייט ווי אַ מין פאַטאַלן הויקער אויף די פלייצעס, וואָס מען קען פון אים אַפילו מיט דער הילף פון דער רעוואָלוציע נישט פטור ווערן. דאָס באַנייטע געשריי: „ספאַסײַ ראָסיו" — ראַטעווע רוסלאַנד, וואָס האָט אויפגעקלינגען אין דער פאָטערלענדישער מלחמה און נאָך אַ סך פריִער, האָט מיטגעבראַכט דעם עכאָ פון דעם צווייטן האַלבן פסוק: „אי בעי זשידאָוו!" די רעגירונג האָט טאַקע דעמאָלט דערוויילנאָר געזאָגט דעם ערשטן טייל פונעם פסוק, אָבער די גויִישע אומצופרידנקייט האָט שוין אַליין צוגעשטעלט דעם באַקאַנטן אויספיר און פון דעם דאָזיקן אויספיר איז די ייִדן אין רוסלאַנד געוואָרן זייער ענג און אין זייער ענגשאַפט האָבן זיי אויפגעהויבן די אויגן צו דעם ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און געמיינט, אַז פון אים קענען זיי דערוואַרטן אַוועלכע עס איז הילף. די לאַגע איז געוואָרן נאָך ערגער ביים סוף פון דער מלחמה, ווען מען האָט אָנגעהויבן צוריק אָפּנעמען ביים דייטש די אָקופּירטע געגנטן און די רוסישע ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן רייסן צוריק צו די ערטער פון וועלכע זיי זענען אין מורא פאַרן דייטש געהאַט אַנטלאָפן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון דיסקרימינאַציעס און ייִדישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, וואָס זענען עוואַקויִרט געוואָרן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע קיין טיף רוסלאַנד, האָבן געמוזט צוזען, ווי אַלע נישט־ייִדן ווערן צוריק רעעוואַקויִרט אויף די פריִערדיקע ערטער און נאָר די ייִדן הייסט מען בלייבן אין אוראַל אָדער אין מיטל־אַזיע. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע פון די דאָזיקע ייִדן וועלכע האָבן זיך פאָרט אַרויסגעריסן פון

די אוראַלער און מיטל־אַזיאַטישע געביטן און זענען, אויף אַ וואָסער עס איז אופן, צוריקגעקומען אין די פריערדיקע וווין־ערטער. עס האָט זיי דאָרט באַגעגנט אַן אָפענע שנאה קעגן וועלכער די מאַכט האָט נישט בדעה געהאַט צו קעמפן און האָט נאָך אַרויסגעוויזן געוויסע טענדענצן זי צו באַגינסטיקן, כדי זיך איינצוקויפן אין די הערצער פון די שונאי ישראל. דאָס איז פאַר יידן געווען די גרעסטע און ווייטיקלעכסטע אַנטוישונג. זיי האָבן געמיינט, אַז היות זיי האָבן צום שטאַרקסטן געליטן פון דעם היטלעריסטישן שונא, וועט די מאַכט זיי באַטראַכטן ווי קרבנות מיט געוויסע פּריווילעגיעס. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַז די מאַכט גופא האָט זיי, די קרבנות פון היטלעריזם, אַרויסגעוויזן פיינטלעכקייט און זי האָט זיך גאָר געהנדלט צו די, וועלכע האָבן זי, אין די שווערע טעג, פאַראַטן און געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם שונא.

אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי און די אין שנאה־דערטרונקענע יידן פון רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער שטרוי פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און האָבן אים פאַרפלייצט מיט בריוו און מיט פערזענלעכע אינטערווענצן. דער קאָמיטעט איז געווען מאַכטלאָז און די דאָזיקע מאַכטלאָזיקייט האָט ביי זיינע מיטגלידער געשאַפן פאַרביטערונג. וויפל פעפער האָט זיך נישט געזאָלט ווערן קעגן דעם, זענען אָבער די יידישע צרות פאַרט געקומען צו אים און האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַ רייף. ער האָט געמוזט דערשפירן, אַז טויזנטער און טויזנטער אויגן קוקן צו אים און בעטן ער זאָל זיי העלפן. ער איז מיט געוואַלד געמאַכט געוואָרן פאַר אַ יידישן שליח און דער דאָזיקער שליחות־באַוווסטזיין האָט אים סוף־כל־סוף געמוזט דורכבעמען און אַרומנעמען, כאָטש מיטן קלאָרן, פעפערישן שכל האָט ער נאָך אַלץ געוווסט און געדענקט, אַז די דאָזיקע שליחות איז זייער אַ געפערלעכע און זי קען ברענגען צו זיין סוף.

— די יידישע צרות — האָט ער איינמאָל געזאָגט — גייען צו אונדז פון אַלע זייטן ווי די טייכן אין קריג־גאַנג. דער קאָמיטעט וועט די יידישע צרות נישט אויסטריקענען. די צרות וועלן אָבער דעם קאָמיטעט דערטרינקען.

יאָ, ער האָט נאָך אַלץ געהאַט „דעם קאָפּ אויפן קאַרק”. איציק פעפער, און מיט זיין שאַרפער נאָז דערשמעקט דאָס אומגליק וואָס טראָגט זיך אויף אים. ער האָט שוין אָבער נישט געקענט אַריבערשפּרינגען אויף קיין אַנדערן וואָגן, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַ שטיקל געוויסן־באַגאַזש, וואָס האָט אים צוגענומען די אַמאָליקע פלינקע מאַנעווריר־פעיקייט און ס׳האָט אים שוין אפשר, אויף רגעס בלויז, פאַרפעלט חשק און אימפעט ווייטער צו שפּרינגען אויף די נייע וועגענער פון סאָוועטישן לעבנס־גאַלאָפּ.

דאָס געזיפץ פון די בני ישראל אין רוסלאַנד האָט זיך דערווייל גע־

שטאַרקט. אויך אין מאָסקווע גופא האָט מען שוין אויפגעהערט אָננעמען יידישע סטודענטן אין פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן. אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציעס זענען געוואָרן אַ פאַקט, וואָס מען האָט זיי מער נישט געקענט אָפּפטרן מיט אַ ווערטל אָדער מיט אַ ציטאַט פון דער לעניניסטיש־סטאַליניסטישער תורה. פעפער איז אַרויסגעפאָרן קיין קיִעוו. ער האָט געהאַט פאַרשיידענע כוונות מיט דעם דאָזיקן אַרויספאָר. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק איבערצולאָזן די מאָסקווער גדולה און זיך צו ראַטעווען אין דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט, ווו דער באָדן איז צו אים אַמאָל געווען פריינטלעכער און בעסער. אָבער קיִעוו איז שוין נישט געווען דאָס וואָס אַמאָל. די יידישע צרות האָבן אים אויפגעזוכט אויך אין קיִעוו און זיי האָבן אין אים געוואָלט האָבן אַ שתדלן. ער איז פון קיִעוו צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, אָבער צוריקגעקומען איז ער אַ צערודערטער און ס׳האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט ביז ער האָט זיך באַוויזן אין קאָמיטעט מיט דעם שטענדיקן פעפער־פּנים און מיט דעם שטענדיקן פעפער־טאָן. אָבער אויך הינטער דער שטענדיקער פעפער־מאַסקע האָט מען איצט דערקענט, אַז עפּעס אין אים האָט זיך איבערגעבראָכן און ער מאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען דעם דאָזיקן „עפּעס״ צו באַהאַלטן.

***

אָט די אָנשטרענגונג צו באַהאַלטן דעם עפּעס, וואָס איז אויפגעקומען אין אים, פאַר די וואָס האָבן וועגן דעם „עפּעס״ נישט געדאַרפט וויסן און האָבן דאָך וועגן אים זייער גוט געוווּסט, דערביי אויך דער באַוווּסטזיין ביי פעפערן, אַז ער שפּילט אַן אומזיסטע שפּיל און מען ווייסט סיי־ווי דאָס וואָס ער וויל באַהאַלטן, האָט אים אַרויסגעבראַכט פון זיין שטענדיקער גלייכגילטיקייט און האָט אים געברענגט, אַז ער זאָל אָט זיין אַזאַ און אָט אַן אַנדערער. ער איז נאָך אַלץ געווען דער זעלביקער פעפער, ווען מ׳האָט געבלאָזן אין האָרן פון קאַמף קעגן מאַרקישן. ער איז אָבער שוין געווען אַן אַנדערער, ווען דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך איינגעשטילט און ער איז געבליבן אַליין אַנטקעגן דעם שטראָם פון יידישעליידן, וואָס האָבן צו אים געפלייצט פון אַלע זייטן. אין דער דאָזיקער אַליינקייט האָט ער אָפּטמאָל אַנטפּלעקט פאַרשיידענע שטריכן פון זיין טעמפּעראַמענט, וואָס זענען ביז איצט נישט קאַנטיק געווען. און דווקא די דאָזיקע שטריכן — אויפבליצן פון זיין אַמאָליקער יוגנט און סמנים פון זיין פריִער געעלטערטקייט — האָבן אים געוויזן אין אַ ניי ליכט, אין אַ טראַגיש ליכט, אין אַ ליכט, וואָס האָט נישט געלויכטן פון אים אַליין, נאָר וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אים פון דער גורלדיקער טראַגיק פון רוסישן יידנטום.

דער אמת איז, אַז פעפער האָט מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער ייִדי־שער שרייבער אין רוסלאַנד, זיך געווערט קעגן דעם דאָזיקן טראַגישן ליכט־אָרעאָל אַרום זיין קאָפּ. אַנדערע ייִדישע שרייבער האָבן אים מקבל באהבה געווען, אי מיט אַ רעזיגנירטן פאַטאַליזם, אי מיט אַ מאַזאָכיסטישער סאַטיס־פאַקציע. פעפער איז אָבער נישט אַזוי גרינג געוואָרן אויס פעפער. ער האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט, נאָך אַלץ געשפּרונגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן ייִדיש און אָט אָנגעשריבן אַן אַנדער ליד וועגן רוסיש. אָט געשריבן וועגן וועלט־ייִדנטום און אָט ווידעראַמאָל באַפאַלן די ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד. ער האָט אָבער בעסער ווי יעדער אַנדע־רער געוווּסט, אַז די דאָזיקע שפּרונגען וועלן אים שוין מער נישט ראַטעווען, ווייל דאָרט ווו מען דאַרף, ווייסט מען, אַז ער האָט שוין ערגעץ ווו אַ באַ־האַלטן פּינטעלע פון וועלכן ער קען נישט אַוועקשפּרינגען און ער איז שוין נישט מער קיין „טאַבולאַ ראַסאַ" אויף וועלכן מען קען שרייבן וואָס מען וויל און וואָס ס'איז נייטיק. און דאָס האָט פאַרצערט די לעצטע כוחות פון אַמאָ־ליקן פעפערישן לעבנס־קאַמף און אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל וואָס אַמאָל מער רעזיגנירן פון דעם דאָזיקן קאַמף און אַנטקעגנגיין זיין אייגענער עקידה.

אין אָנהייב מלחמה, ווען רוסלאַנד איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער ייִדישער הילף פון אויסלאַנד, האָט פעפער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ייִדישע שרייבער, באַדאַרפט שפּילן אויף דער נאַציאָנאַלער סטרונע, וואָס איז צום ליבסטן געווען די אויסלענדישע ייִדן. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן זיין באַרימט געוואָרן ליד „איך בין אַ ייִד". אין דעם דאָזיקן ליד האָט אָבער די פעפערישע וואָרט־קלינגעוודיקייט און די פעפערישע גראַם־ און ריטם־טעכ־ניק פאַרשטעלט דעם מאַנגל פון אויפריכטיקן געפיל. און דווקא דער דאָ־זיקער מאַנגל פון אַביסל האַרץ אין פעפערישן ליד האָט שטאַרק אויסגענומען ביי זיינע באַלעבאַטים. אין דער שפּעטערדיקער צייט, ווען מען האָט דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם אין רוסלאַנד צוריק אָפּגערופן, האָט פעפער אָנגעווענדט זיין גאַנצע בריהשקייט בכדי מיט זיין צעהילכט וואָרט צו פאַרשטעלן די ייִדישע און פּאָעטישע אויפריכטיקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעשריבן אין די „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ". דאָס איז אים אָבער שוין נישט געלונגען. די וואָס האָבן געדאַרפט וויסן, האָבן געוווּסט אַז אין דער דאָזיקער פּאָעמע האָט שוין נישט גערעדט דער פעפער, וואָס האָט אויסגעפּירט אַ פרעמדע באַשטעלונג, נאָר דער פעפער וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער פרעמדער באַשטעלונג, כדי דורך איר צו זאָגן דאָס, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרץ און דאָס, וואָס האָט אויף קיין אַנדער אופן נישט געקענט געזאָגט ווערן.

מיט וואַקלדיקע זיג־זאַג־טריט איז פעפער געגאַנגען אויף זיין נייעם וועג און זיין טראַגעדיע איז געווען דאָס, וואָס אויך אויף דעם נייעם וועג איז ער נאָך זייער אָפט געווען און פאַרבליבן דער אַלטער פעפער.

***

אַ טאָג פאַר מיין אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד קיין פוילן בין איך אַריין אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, כדי זיך צו געזעגענען מיט חברים און פריינט. די געזעגענונג מיט פעפערן איז געווען אַ קורצע, אַ קאַלטע און אַן אָפיציעלע. מיר האָבן זיך געזאָגט אַ פּאָר באַנאַלע, גאַרנישט מיינענדיקע ווערטער און נאָך דעם געוויינלעכן האַנט־דרוק, האָב איך זיך געלאָזט צו דער טיר. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב, שוין ביי דער טיר שטייענדיק, אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט, וואָס מען זאָגט געוויינלעך אין רוסיש ביי אַזעלכע פאַלן — „ניע פאָמינאַיטיע ליכאָם!“ (דערמאָנט נישט צום שלעכטן). ווען כ׳האָב אַ זאָג געטאָן אָט די געוויינלעכע באַנאַלע פראַזע, האָט פעפער מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ פונעם שרייבטיש און איך האָב אויף זיין פנים דערזען דעם שאָטן פון מידער דערשלאָגנקייט. ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב־געטאָן פון בענקל און איז צוגעגאַנגען צו מיר, נעמענדיק מיין האַנט אין זיינער. „ניע פאָמינאַיטיע ליכאָם“ — האָט ער איבערגעחזרט מיינע ווערטער און דערביי מיר אַ לאַנגן קוק געטאָן אין די אויגן. כ׳האָב דערפילט, אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן און האָב שטיל געוואַרט. ס׳האָט געדויערט אַ רגע, דאַן האָט ער פלוצים מיך אַ פרעג געטאָן:

— מיט האַלקינען האָט איר זיך שוין געזעגנט?

— ניין. דאָס גיי איך איצט אַרויף אין „אייניקייט“ זיך מיט אים גע־זעגענען — האָב איך געענטפערט.

— קומט, איך גיי מיט אייך — האָט ער געזאָגט און איך האָב זיך אָב־געשטויסן, אַז אים איז נישט באַקוועם צו ריידן אין דעם דאָזיקן צימער, אפשר צוליב טעמים, וועלכע ער האָט בעסער געוווּסט ווי איך.

די רעדאַקציע פון דער „אייניקייט“ האָט זיך געפונען אין דעם זעלביקן בנין, וואָס דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט, אָבער אויפן ערשטן שטאָק. מיר זענען אַרויס פון זיין צימער צוזאַמען און דורכשפּרייזנדיק דעם פאָ־דערשטן וואַרט־זאַל האָבן מיר זיך געלאָזט מיט די טרעפּן אַרויף צו דער רע־דאַקציע. מיר זענען געגאַנגען פאַמעלעך און פעפער האָט אָנגעהויבן עפּעס ריידן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן אַרויסצורײדן קיין דריי ווערטער, ווי זיין סעקרעטאַרשע, מילאַ, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר און אים אַ רוף געטאָן:

— איסאַק סאָלאָמאָנאָוויטש, אַ טעלעפאָן צו אייך.
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:
— ווער איז?
— אַנדרעי מאַקסימיטש...

דערהערנדיק דעם נאָמען האָט פעפערס פּנים זיך מיטאָמאָל געביטן. ער האָט געגומען גיין צוריק אַראָפּ. אָפּגייענדיק אַ צווייט טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ בלאַסן שמייכל געזאָגט:

— נו, פאָרט לחיים ולשלום... כ'האָב געוואָלט מיט אייך אַרויפגיין צו ייִדן, נאָר איר זעט דאָך, די גויִים רופן צוריק אַראָפּ...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גענומען פּאַמעלעך אַראָפּגיין. כ'האָב דערזען, ווי זיין פּלייצע הויקערט זיך ייִדישלעך און די פּיס באַוועגן זיך אַזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען קעגן ווינט... דאָס אַלץ האָט געדויערט אפשר אַ האַלבע מינוט און דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן... כ'האָב אינסטינקטיוו אַ טראַכט געטאָן, אַז דעם דאָזיקן מאָמענט וועט מען, צוליב עפּעס, דאַרפן געדענקען. און ס'איז ווירקלעך אַזוי געשען: דאָס בילד פון פעפערס גאַנג־אַראָפּ איבער די טרעפּן, שטייט מיר נאָך עד־היום פאַר די אויגן.

מער האָב איך אים שוין נישט געזען. אַלדאָס איבעריקע וועגן אים האָב איך שוין נאָר געהערט, — און געהערט דעמאָלט, ווען ס'איז געשען דאָס דאָזיקע וואָס איז אונדז, ייִדן אויף דער וועלט, אַזוי ביטער באַוווּסט. פעפער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם דאָזיקן אומקום דערציילן, אַז ער האָט אַפילו ביי די טויערן פון גיהנום נישט תשובה געטאָן. מען זאָגט אַז בעתן פּראָצעס קעגן אים און זיינע חברים, האָט ער נאָך אַלץ געזינדיקט און איז אויפגעטרעטן, ווי זיין און זייער קטיגור... אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט יאָ חוזר בתשובה געווען און איז גאָר געפאַלן אַ קרבן בעת ער האָט געוואָלט ראַטעווען דוד בערגעלסאָנען... ווער קען דאָ וויסן וואָס ס'איז אמת און וואָס ס'איז שקר?

און אָט אַזוי אין דער דאָזיקער פינצטערניש פון סוד האָט זיך געשלאָסן דער טראַגישער קרייז פון אַ שרייבעריש לעבן, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין זינד און איז אומגעקומען אין פּיין און אין פאַרשעמונג.

— כ'האָב געוואָלט אַרויפגיין צו ייִדן, נאָר די גויִים רופן צוריק אַראָפּ — די דאָזיקע ווערטער זיינע קלינגען אין מיינע אויערן און איך באַגרייף וואָס אַמאָל מער זייער סימבאָלישן זין, בעת איך טראַכט וועגן דעם קרבן פון סאָוועטישן לעבן און סאָוועטישן טויט — איציק פעפער...

לייב קוויטקאָ

לייב קוויטקאָ

אויב צווישן די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד איז געווען אַ מענטש, וואָס זיין טריישאַפּט צום סאָוועטישן רעזשים איז געשטאַנען אויסער יעדן ספק, איז דאָס געווען דער דיכטער לייב קוויטקאָ.

איך האָב אין מיינע וואַנדערונגען איבער די לענגען און ברייטן פון רוסלאַנד — פון בוג ביז אַמו־דאַריאַ און פון די פּאָלעסיער בלאָטעס ביז צו די וואָלגער סטעפּעס — באַגעגנט זייער ווייניק מענטשן, וואָס זאָלן אין פּרט פון אויפריכטיקער איבערגעגעבנקייט צו דער סאָוועטישער ממשלה זיך קענען פאַרגלייכן מיט דעם מחבר פונעם באַרימטן ליד „אַ בריוו צו וואָראָשילאָוון״.

לייב קוויטקאָ האָט זיך צווישן דעם רוב ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער אויסגעטיילט מיט צוויי זאַכן: ער איז געווען אַן אַנהענגער פון קאָמוניסטישן רעזשים נישט באונס, נאָר ברצון, און ער איז געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר דעם סאָוועטישן לעבנס־סיסטעם נישט נאָר בפרהסיא — ווען ער איז מיט וואָרט און שריפט אַרויסגעטרעטן אין דער עפנטלעכקייט, נאָר אויך בצינעא — ווען ער איז געבליבן אַליין אין די חדרי־חדרים פון משפחהדיקער אינטימיטעט.

שלמה מיכאָעלס, וועלכער האָט צוליב זיין הויכן מעמד זיך געקענט דערלויבן צו מאַכן אַ גלייכוועדטל, האָט אַמאָל געזאָגט:

— כ׳בין זיכער, אַז קוויטקאָ טראָגט זיין „רויט־פּאַניקן״ סאָוועטישן אָרדן אַפילו אויף דער נאַכט־וועש און דעם נומער פון זיין פּאַרטיי־לעגיטימאַציע געדענקט ער אויך אין שלאָף.

אין דער דאָזיקער הלצה איז געווען אַ שטיק אמת: קוויטקאָ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין יראת־הקרעמל נישט נאָר אין גאַס און נישט נאָר אין זיין אַרבעטס־צימער, נאָר אויך אין די פיר ווינקלען פון זיין היים און אַפילו אין זיין שלאָפצימער.

אין דעם שווערן ווינטער פון יאָר 1944, ווען דער מאָסקווער שטאָטי־

שער סאָוויעט האָט אַפּעלירט צו די איינוווינער, אַז זיי זאָלן שפּאָרן עלעק־טריש ליכט און נישט באַנוצן קיין עלעקטרישע אייוועלעך, איז לייב קוויט־קאָ געזעסן אין זיין אַרבעטס־צימער אַן אָנגעפּעלצטער, ווי אַ סיביריאַק, און אַ בלויער פון קעלט געשריבן זיינע לידער וועגן דער גליקלעכקייט פון סאָ־וועטישן לעבן.

דאָס עלעקטרישע קיכל האָט ער באַנוצט נאָר איין מאָל אין טאָג: אין דער דערלויבטער שעה פון פיר ביז פינף, כדי אויפצוקאָכן טיי.

מען דאַרף האָבן געווען אין רוסלאַנד און קענען דאָס סאָוועטישע לעבן און די באַציִונג פונעם סאָוועטישן מענטשן צו אָט די פּאַראַרדענונגען פון שטייגער־כאַראַקטער, כדי צו פאַרשטיין, וואָס פּאַר אַ מין יוצא מן הכלל קוויטקאָ איז געווען אין דעם דאָזיקן לאַנד, וווּ יעדער מענטש האָט געמוזט מאַכן אַ לאָך אין געזעץ כדי צו קענען עקזיסטירן.

לייב קוויטקאָ איז געווען אַ סאָרט פיש, וואָס מען האָט אים אַפילו אין אַזאַ גרויס וואַסער, ווי ס'איז דאָס רוסישע לעבן, אויך זייער זעלטן באַגעגנט.

ער האָט געהערט צו דעם דאָזיקן מין געטרייע בירגער, וואָס מען האָט זיי אַפילו אין אַזאַ ריזיקן קאָך־קעסל, ווי עס איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד, אויך זייער זעלטן געטראָפן.

ער איז געווען אַן עבד הקרעמל אַלע פיר און צוואַנציק שעה פון זיין מעת־לעת און ער האָט אָפּגעהיטן אַלע סאָוועטישע דינים בגופו ובנפשו.

***

וואָס אַן אמת, האָט אויך קוויטקאָ אין זיין ביאָגראַפיע, אַלס סאָוועטי־שער אונטערטאַן, געהאַט אַ טונקעלן פלעק.

דאָס איז געווען זיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד אין די יאָרן פון בירגער־קריג.

און נישט נאָר דאָס אַנטלויפן אַליין, נאָר אויך די לידער וואָס ער האָט דעמאָלט געשריבן.

לידער מיט דייטלעכע אַקצענטן קעגן די מענטשן פון אָקטאָבער־אי־בערקער.

די דאָזיקע זינד האָט, ווי באַוווּסט, געהויערט איבער אַ סך, אַ סך ייִדי־שע און נישט ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד.

קיינער פון זיי האָט אָבער פון דער דאָזיקער עבירה זיך נישט ריינגע־וואַשן אַזוי גרינטלעך, ווי קוויטקאָ און קיינעם פון זיי האָט די סאָוועטישע מאַכט נישט מוחל געווען דעם דאָזיקן חטא מיט אַזאַ מחילה גמורה ווי אים.

אין דער צייט ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, איז קוויטקאָ געווען

דער סאַמע כשרסטער מענטש אין דעם אָרטיקן אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער־פֿאַרײַן.

זײַן פּאָזיציע בײַ דער פּאַרטײ און דער רעגירונג איז געװען די סאַמע זיכערסטע.

װאָרום די דאָזיקע אינסטאַנצן פֿון סאָװעטישן מאַכט־אַפּאַראַט, װאָס האָבן געשנאָפּט און רעקאָרדירט די פֿאַרבאָרגנסטע מחשבות פֿון יעדן מענטש, האָבן גוט געװוּסט, אַז קװיטקאָ רעדט נישט בלויז װי אַ פֿרומער סאָװעטישער בירגער, נאָר אַז ער טראַכט אויך װי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אָנהענגער פֿון דעם קאָמוניסטישן סיסטעם.

די דאָזיקע האַרמאָניע צװישן רעדן און טראַכטן, צװישן זאָגן און מײנען, איז אין רוסלאַנד געװען און געבליבן אַ גרויסע זעלטנקייט.

זי איז געװען אַ זעלטנקייט בײַם פּראָסטן פֿאָלק און זי איז געװען באַך מער יקר במציאותדיק בײַ דער אינטעליגענץ, אַפֿילו בײַ דער דאָזיקער אינטעליגענץ װאָס האָט אין סאַמע תוך צו פֿאַרדאַנקען אירע בעסערע לעבנסבאַדינגונגען דער סאָװעטישער מאַכט און װעלכע איז אין לעצטן סך־הכל פֿאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פֿון דער דאָזיקער מאַכט.

***

אַ סך, אַ סך — ריכטיקער: כמעט אַלע ייִדישע שרײַבער האָבן געדינט דער סאָװעטן־מאַכט, זי געלױבט, רעקלאַמירט און באַזונגען.

זײ האָבן זי באַזונגען מיט אַזאַ אײפֿער און התלהבות, אַז מען האָט געקענט מײנען, אַז דאָס געזאַנג קומט פֿון די סאַמע טיפֿענישן פֿון זײערע הערצער.

זײ האָבן געזמרט און געהללט װעגן דער גרויסקייט פֿון לאַנד און װעגן דער אויסדערװײלטקייט פֿון אירע פֿירער מיט אַזעלכע גלויביקע קולות, אַז מען האָט געדאַרפֿט האָבן דאָס האַרץ פֿון אַ טאַטער, כדי צו ספֿקן אין זײער אויפֿריכטיקייט.

װי פֿרום און װי הײס־פֿאַרגלייבט עס האָט אָבער נישט געזאָלט זײַן זײער התלהבותדיקער געפּרעפּל, האָבן די יודע נסתרות־מאַכטהאָבער דאָך גוט געװוּסט, אַז זײ טוען עס מחמת כמה וכמה טעמים.

דער עיקר: װײַל אַנדערש קען מען נישט, װײַל אַזוי מוז מען און קײן אַנדערע ברירה איז נישט פֿאַראַן.

לייב קװיטקאָ — דאָס האָבן געװוּסט די דאָזיקע, װאָס זײער אויפֿגאַבע איז געװען צו װיסן אַזעלכע זאַכן — האָט עס געטאָן נישט בלויז װײַל ער האָט געמוזט, נאָר אויך װײַל ער האָט געװאָלט.

און ער האָט געוואָלט, ווייל ער האָט דעם סאָוועטישן רעזשים ליב געהאַט.

ער איז מיט אים געווען ביז גאָר צופרידן.

און קיין שום זאַך, דאַרף מען וויסן, איז אין די אויגן פון די סאָוועטישע הערשער נישט אַזוי חשוב ווי די דאָזיקע צופרידנקייט.

אַ צופרידענעם מענטש איז מען אין רוסלאַנד אַ סך זאַכן מוחל.

דאַקעגן אויף אַן אומצופרידענעם קוקט מען תמיד מיט אַ היפּש ביסל חשד.

די געוויינלעכע פּאַנאָראַמע פון סאָוועטישן שרייבער־לעבן האָט אויסגעזען אַזוי:

שרייבער, ייִדישע און נישט־ייִדישע, האָבן בקולי־קולות געשריגן, אַז זיי זענען גליקלעך דערמיט, וואָס זיי לעבן אין דעם לאַנד פון דער „גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציע" און זיי האָבן נישט פאַרפעלט קיין שום געלעגנהייט אונטערצושטרייכן, אַז זיי וואָלטן זיך מיט זייערע קאָלעגן אין אויסלאַנד נישט געטוישט פאַר קיין כל הון דעלמא.

אָבער...

נאָך די אַלע הויכקלינגענדיקע דעקלאַראַציעס און דעקלאַמאַציעס האָבן די מושלים פון דעסטוועגן גוט געזען, ווי דער רוב פון זיי גייט אַרום פאַרביטערט און פאַרזויערט, פול מיט כלערליי טענות און תרעומות, אַז מען באַעוולט זיי.

נאַטירלעך זענען די דאָזיקע טענות נישט געווען, חלילה, געווענדט קעגן די אָנפירער פונעם לאַנד, אָדער קעגן די הויכע נאַטשאַלניקעס, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די פּאַרטיי צי די ממשלה, נאָר זענען געריכט געוואָרן קעגן דעם אָדער קעגן יענעם קלענערן באַאַמטן אין שרייבער־פּאַריין, אין פאַרלאַג, צי אין דער נאָמינירטער רעדאַקציע פון דעם ליטעראַרישן זשורנאַל.

אומעטום, בכל קצוי תבל, האָט מען נישט ליב קיין מענטשן מיט פאַרזויערטע פּנימער, קיין פאַרשווינען מיט קלאָגעדיקע געמיטער, קיין לייט וואָס תמיד מאַכן זיי דעם איינדרוק, ווי אַ שיף מיט זויערמילך וואָלט זיי אונטערגעגאַנגען, ס'הייסט: תמיד פעלט זיי עפּעס און תמיד זענען זיי אין שלעכטע שטימונגען.

און פאַרקערט: אומעטום האָט מען ליב מענטשן מיט שמייכלענדיקע פּנימער, מענטשן וואָס פילן זיך אַליין גוט און ברענגען אויך אַנדערע אַריין אין גוטן געמיט.

אין רוסלאַנד ווערט אָבער די באַציִונג צו די דאָזיקע צוויי כאַראַקטערטיפּן געפורעמט נישט בלויז דורך דער סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע פון דער

סביבה, נאָר פון אַ שטאַטלעכן אינטערעס און פון אַן אינסטאַנץ, וואָס האָט די אויפזיכט איבער בירגערלעכער פאַרלאָזלעכקייט און פּאָליטישער כשרות.

דאָרט איז אַן אומצופרידענער מענטש, אַן אומרויִקער כאַראַקטער, אַ שטימונגס־פּאַרשוין, נישט בלויז קיין פּראָבלעם פאַר דער פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך פאַר דער פּאָליציי.

איז דאָס דערפאַר, ווייל דאָרט ווייסט מען, אַז אויף דעם באָדן פון כאַראַקטער־אומצופרידנקייט קענען געדייען אַזעלכע אָפּאָזיטאָרישע פּלאַנצן, וואָס זענען געפערלעך פאַר דער מאַכט?

איז דאָס דערפאַר, וואָס די מושלים פון רוסלאַנד ווילן, ווי אַלע טיראַנען, אַז זייערע אונטערטאַנען זאָלן פאַר זיי נישט בלויז מורא האָבן, נאָר אויך ליב האָבן?

דערפאַר, וואָס זיי ווילן, הייסט עס, אַ געטריישאַפט נישט מיראה, נאָר מאהבה?

די דאָזיקע פראַגעס וועלן מיר דערווייל לאָזן אָפן, ווייל די ענטפערס אויף זיי זענען נישט קיין גאַנץ זיכערע. זיכער איז אָבער יאָ, אַז לייב קוויטקאָ האָט געדינט דער סאָוועטישער מאַכט מאהבה און אַז די דאָזיקע אהבה האָט אים געגעבן דאָס אילוזאָרישע גליק פון יעדער גרויסער פאַרליבטקייט.

***

קוויטקאָ איז געווען אַ סאָוועטישער חסיד נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט ביי עמיצן נושא־חן זיין, נאָר ווייל דאָס סאָוועטישע לעבן האָט ביי אים נושא־חן געווען.

עס איז איםווירקלעך געפעלן געוואָרן.

ער האָט זיך געפילט דערין גוט.

און דאָ קומט אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס, וואָס מוז אומבאַדינגט אונטערגעשטראָכן ווערן.

אין תוך גענומען האָבן אַלע, און אויך די סאָוועטישע פּאַרש־אינסטאַנצן, געוווסט אַז ווען אין רוסלאַנד וואָלט געווען אַן אַנדער מאַכט, וואָלט קוויטקאָ זיך אויך געפילט גוט.

נאָך מער: אַפילו ווען ער געפינט זיך נישט אין רוסלאַנד, נאָר אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואָלט אים דאָרט אויך אַלץ געפעלן געוואָרן.

ווי אומוואָרשיינלעך דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דאָס אָבער כלל נישט געווען קיין חסרון אין די אויגן פון די סאָוועטישע מאַכטהאָבער.

וואָרום די מושלים פון רוסלאַנד — דאָס איז כדאַי צו וויסן און צו געדענקען — זוכן שוין לאַנג נישט ביי זייערע בירגער קיין לאָיאַליטעט און איבערגעגעבנקייט, וואָס קומט פון קאָפּ, ס׳הייסט: פון טעאָרעטישער איבערצייגונג. זיי זוכן און ווילן אַ לאָיאַליטעט און אַ געטריישאַפט, וואָס קומט פון בלוט, בעסער געזאָגט: פון כאַראַקטער.

טאַקע דערפאַר האָט מען דאָרט אַזוי פיינט געהאַט די אַלערליי קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע היימלענדער און זוכן שוץ אין רוסלאַנד.

די דאָזיקע בונטאַרן, וואָס זייער אומרויִקער כאַראַקטער האָט זיי געטריבן צו רעוואָלוציאָנערער, דיווערסיווער טעטיקייט אין זייערע לענדער, זענען אויך אין רוסלאַנד באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אומזיכערער עלעמענט און זייער סוף איז געווען: מאַסנהאַפטע ליקווידאַציע אין די קעלערן פון דער געהיים־פּאָליציי, אָדער אין די אַרבעטס־לאַגערן פון סיביר.

רעוואָלוציאָנערן, קאָמוניסטישע בונטאָווטשיקעס, האָט רוסלאַנד געוואָלט האָבן אין דרויסן, אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אָבער נישט ביי זיך.

ביי זיך האָט זי געוואָלט האָבן רויִקע סטאַטעטשנע בירגער, בירגער וואָס זייער באַציִונג צו דער ממשלה איז נישט קיין פּראָדוקט פון טעאָרעטישע איבערצייגונגען און פּראָגראַמען, נאָר פונעם ווילן צו לעבן אונטער אַלע באַדינגונגען.

זי האָט געוואָלט האָבן בירגער, וואָס זייער אימתא דמלכותא זאָל זיין אַזוי גרויס, אַז זיי זאָלן די דאָזיקע אימה אַפילו סובלימירן אין אַ מין ליבשאַפט צום האַר, אין אַ מין אהבתי את אדוני, ס׳הייסט: אין אַן אמתער שקלאַפן־פּסיכיק.

לייב קוויטקאָ איז געווען אַזאַ מין בירגער. ער איז דאָס געווען מיט אַלע רמ״ח אברים פון זיין גוף און מיט אַלע נשמה־פעדעם פון זיין כאַראַקטער.

***

קוויטקאָ איז אין זיין כאַראַקטער געווען אַ מענטש וואָס פילט זיך אורמעטום גוט.

אַפילו אין דער ביטערסטער לעבנס־סיטואַציע האָט ער געקענט אַרויסזויגן אָפּטימיסטישן האָניק פאַר זיין געמיט־צופרידנקייט.

אים איז נישט לייכט געווען אַריינצוברענגען אין מרה־שחורה און אין צווייפל און אים איז שוין גאָר שווער געווען אַרויסצושטויסן פון זיין זאַטן, אָפּטימיסטישן גלייכגעוויכט.

ער האָט זיך געהאַט זײַן אײגענע טעאָריע מיט װעלכער ער איז אױס־געקומען זײַן װעלט.

װען עס איז געשען עפּעס אַן אומאָנגענעמע זאַך, װאָס מען האָט מורא געהאַט, אַז זי װעט ברענגען נאָך ערגערע קאָנסעקװענצן, פלעגט ער טענהן:

— װאָס דאַרף מען זיך אױסלײגן אַלץ צום שלעכטן? עס איז דאָך אַ סך בעסער, אַז מען לײגט זיך אױס דאָס געשעענע צום גוטן.

ער האָט, אַפּנים, נישט אָנערקענט, אַז געשעענישן קענען האָבן זײער אײגענעם אָביעקטיװן אינהאַלט. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אינהאַלט פון די געשעענישן װערט באַשטימט דורך דעם פּירוש װאָס מיר מאַכן אױף זײ.

און װיבאַלד אַזױ, איז דאָך שױן קלאָר, אַז „ס׳איז בעסער״ צו מאַכן אַ גוטן פּירוש.

מען דאַרף דערפון נישט דרינגען, אַז קװיטקאָ איז, חלילה, געװען אַ נאַר, אַ לײכטזיניקער, אָדער אַ מענטש, װאָס אים גײט גאָרנישט אָן און יע־נעמס צרות דערגײען אים נאָר ביז צום קנעפּל פונעם זשילעט.

דאָס איז ער בשום־אופן נישט געװען.

ער איז געװען אַ קלוגער מענטש און אַ גוטער מענטש און האָט פאַר־מאָגט אַ סך האַרץ פאַר יענעמס לײדן.

ער איז אָבער געװען אַ מענטש מיט אַ סך בטחונדיקער אמונה און ער האָט געגלײבט, אַז װי שלעכט עס זאָל איצט נישט זײַן, װעט אַלץ זיך אױס־לאָזן צום גוטן.

די דאָזיקע אמונה האָט אים געראַטעװעט.

פאַרטשעפּעט מיט צײן און נעגל אין דעם דאָזיקן אמונה־ברעט איז ער געשװוּמען אױף דעם צעשטורעמטן ים פון סאָװעטישן לעבן מיט אַזאַ גוט געמיט, װי ער װאָלט געמאַכט אַ לוסטרײזע אױף אַ שיף, װאָס איז באַװאָרנט קעגן אַלע בײזע װינטן און איז דערצו נאָך פול מיט קאָמפאָרט און די בעסטע באַקװעמלעכקײטן פאַרן מענטשן.

— 2 —

ס׳זענען דאָ אַזעלכע װאָס זאָגן, אַז דער גורל פון יעדן מענטש ליגט אין זײַן כאַראַקטער. אױב מען נעמט אָן די דאָזיקע הנחה װערט שױן קלאָר פאַר־װאָס לײב קװיטקאָ איז זײַן גאַנץ לעבן — ביז צו די טרױעריקע געשעענישן אין יאָר 1948 — געװען דאָס װאָס מען רופט אָן: אַ בר־מזל.

די ראָל פון די „װאָזװראַשטשענצעס״, די שרײַבער װאָס זענען בעתן בירגער־קריג אַנטלאָפן קײן אױסלאַנד און זענען שפּעטער צוריקגעקומען קײן רוסלאַנד, איז אַ לאַנגע צײַט געװען גענוג שװער. און הגם מען האָט זײ פאַר־

לאָקט מיט דעם צוזאָג, אַז מען וועט פאַרגעסן אַלע זייערע חטאים, האָט מען זיי דאָך געהאַלטן אויפן אויג און מען האָט זיי ביי יעדער געלעגנהייט דער־מאָנט זייער אַנטלויפן פון דער רעוואָלוציע.

און האָט מען עס נישט געטאָן דירעקט, האָט מען עס זיי געגעבן צו פילן אויף אַן אומדירעקטן אופן.

פּרץ מאַרקיש פלעגט אַלעמאָל ליב האָבן צו דערציילן, אַז ליטוואַקאָוו האָט זיך געטשעפּעט אַפילו צו די בענדלעך פון זיינע שיך. ס'הייסט: אַפילו אין דעם אופן ווי ער, מאַרקיש, האָט זיך געקליידט, האָט ליטוואַקאָוו אויס־געפונען השפעות פון דער בורזשואַזער דעקאַדענץ.

אַפילו דעמאָלט ווען מאַרקיש האָט זיך שוין געדרוקט אין דער „פּראַוו־דאַ", אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז ער איז דער פּאָעטישער אָפּיציאַז פון דער ראַטלענדישער מלוכה, האָבן נאָך אַ סך געטענהט, אַז מען פילט אין זיין שאַפן דעם „דוך" פון די וואַרשעווער קאַפעען און פון די קאַפּיטאַליסטישע קיבעצאַרניעס.

איין קוויטקאָן האָט מען זיין אַנטלויפן קיין אויסלאַנד קיינמאָל נישט פירגעהאַלטן און מען האָט עס כמעט ווי פאַרגעסן.

מען האָט אים, נאַטירלעך, פון צייט צו צייט אַביסל געשמיסן, אָבער מען האָט אים קיינמאָל נישט געטרייבערט די אָדערן אַזוי ווי אַ סך אַנדערע.

און אַפילו אַז מען האָט אים געשמיסן, האָט מען אים אָבער קיינמאָל נישט אָפּגעשמיסן און וואָס נאָך וויכטיקער — מען האָט אים קיינמאָל נישט דערבראַכט צו דער לאַגע, אַז ער זאָל זיך אַליין דאַרפן אָפּשמייסן.

קוויטקאָ האָט זיך זייער זעלטן געפונען אין אַ מצב אין וועלכן ער זאָל געצוווּנגען זיין זיך אַליין צו געבן מלקות.

דאָס איז געווען אַ פּריווילעגיע, וואָס נאָר געציילטע האָבן צו איר זוכה געווען.

**
*

לייב קוויטקאָ איז אויך געווען איינער פון די ערשטע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, וואָס איז גאָר גיך באַרימט געוואָרן ביים נישט־יידישן לייענער.

באַרימט געוואָרן איז ער מיט זיינע קינדער־לידער.

זיין ליד „אַננאַ וואַננאַ בריגאַדיר" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שבעים לשונות פון סאָוועטישן פעלקער־געזעמל.

זיין ליד „אַ בריוו צו וואָראָשילאָוון" איז אַריין אין אַלע סאָוועטישע שול־כרעסטאָמאַטיעס. מען האָט עס געלערנט אין סיי וועלכער שול אין רוס־לאַנד און אין אַ געוויסן זין איז עס געוואָרן דער סאָוועטישער „מודה אני", וואָס יעדעס שול־קינד אין סאָוועטרוסלאַנד האָט אומבאַדינגט געדאַרפט קענען.

סיי די קינדער פון דעם פיל־פעלקערדיקן סאָוועטנפאַרבאַנד, סיי זייערע לערער האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז די דאָזיקע לידער זענען אָנגעשריבן געוואָרן אויף ייִדיש. זיי האָבן אָבער יאָ געוווּסט, אַז די דאָזיקע לידער האָט געשריבן דער דיכטער לעוו קוויטקאָ.

קוויטקאָס קינדער־לידער פלעגן דערשיינען אין צענדליקער שפּראַכן, אילוסטרירט פון די בעסטע צייכענער און מיט מעלאָדיעס וועלכע ס׳האָבן צו זיי אָנגעשריבן די באַקאַנטסטע מוזיקער.

זייער זעלטן פלעגן אָבער די דאָזיקע לידער דערשיינען אויף ייִדיש.

ווען קוויטקאָ האָט עולה לגדולה געווען מיט זיינע קינדער־לידער זענען אין רוסלאַנד שוין כמעט נישט געווען קיין ייִדישע שולן.

אין ייִדיש פלעגן דערשיינען קוויטקאָס לידער פאַר דערוואַקסענע. די אָ לידער האָבן אָבער שוין נישט געהאַט דעם דאָזיקן דערפאָלג, וואָס זיינע קינדער־לידער.

**
*

ס׳איז אפשר כדאַי עפּעס צו זאָגן וועגן דעם אופן ווי קוויטקאָ האָט געשריבן.

ער האָט געהאַט אַ טבע צו שרייבן מיט אַ בלייער אויף קליינע שטיקער־לעך פּאַפּיר. די שטיקעלעך פּאַפּיר האָבן געהאַט די פאַרשיידנסטע פאָרמען און זענען געווען פון די פאַרשיידנסטע סאָרטן.

זיין פרוי, בעטי, פלעגט שפּעטער די שטיקלעך פּאַפּיר צונויפקלייבן, דורכלייענען און אָפּקלייבן. דאָס וואָס איז לויט איר מיינונג געווען גוט, פלעגט זי איבערגעבן די רוסישע איבערזעצער. דאָס וואָס איז נאָך נישט ראוי גע־ווען געדרוקט צו ווערן, פלעגט זי אים צוריק געבן צום איבעראַרבעטן.

אויף דעם באָדן פלעגן תמיד צווישן זיי פאָרקומען קליינע אַמפּערייען. קוויטקאָ האָט נישט ליב געהאַט זיך אומצוקערן צו אַן אָנגעשריבענער זאַך און ער פלעגט איר וועלן דערווייזן, אַז דאָס אָנגעשריבענע איז גוט און פאַ־דערט נישט קיין באַאַרבעטונג. בעטי איז אָבער געווען אומברחמנותדיק און זויפל קוויטקאָ האָט זיך נישט געבלאָזן און געברוגזט, האָט עס אים גאָר־נישט געהאָלפן: ער האָט געמוזט די אָנגעשריבענע שורות נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערמאַכן.

בכלל האָט דאָס פּאָרפאָלק געלעבט צווישן זיך זייער גוט און איינער האָט געקוקט דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. אין פרט פון קריטיק איז אָבער בעטי געווען זייער שטרענג. איר געשמאַק און איר אורטייל איז געווען דע־צידירנדיק. קוויטקאָ פלעגט זיך בעטן: בעטי, וואָס ווילסטו? ס׳איז דאָך אַ

ווייל ליד. בעטי אָבער האָט זיך נישט געלאָזט דערבעטן און זי האָט אויס־געפירט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט.

אין תוך אַריין איז אָבער קוויטקאָ געווען זייער צופרידן פון בעטיס שטרענגשאַפט און פון איר עקשנות.

— ווען נישט בעטי — פלעגט ער זאָגן — וואָלט איך קיינמאָל נישט געקענט צונויפשטעלן קיין בוך צום דרוקן.

***

קוויטקאָ האָט געהאַט איינעם, אָדער צוויי שטענדיקע רוסישע איבער־זעצער, וועלכע בעטי פלעגט געבן דעם ייִדישן כתב־יד, אַן איבערגעשריבענעם דורך איר האַנט, און זיי פלעגן די ייִדישע לידער איבערזעצן אויף רוסיש. פון רוסיש פלעגט מען די לידער שוין שפּעטער איבערזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן, נישט אָנגעבנדיק, פאַרשטייט זיך, פון וועלכן אָריגינאַל.

אין דער צייט וועגן וועלכער איך שרייב איז קוויטקאָ געווען איינער פון די דריי־פיר גרויסע שרייבער פאַר קינדער אין רוסלאַנד.

ס'איז אַפילו אומגעגאַנגען אַ וויץ, אַז די צוויי רוסן, קאָרנעי טשוקאָווסקי און סערגיי מיכאַלקאָוו, האָבן נישט געקענט צווישן זיך דורכקומען ווער פון זיי ס'איז דער גרעסטער, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דערווייל זאָל דער ייִד קוויט־קאָ בלייבן דער גרעסטער.

ביי זיין גאַנצער גרויסער פּאָפּולאַריטעט איז אָבער קוויטקאָ נישט גע־ווען קיין גאָלדשפּינער און ער האָט אין אַ געוויסן זין געלעבט זייער באַשיידן.

ער האָט געוווינט אין אַ דירה אויף דער געדיכט־באַפעלקערטער און שמוציקלעכער מאַלאָראָסעיקאָ. אין דער דירה האָבן געוווינט נאָך צוויי משפּ־חות. די קיך און דער טואַלעט זענען געווען בשותּפותדיקע.

אין דער דאָזיקער טונקעלער דירה האָט קוויטקאָ פאַרנומען צוויי צי־מערן: איינס אַ גרעסערס, וואָס איז געווען אי זיין אַרבעטס־קאַבינעט, אי זיין שלאָפצימער, און איינס אַ קלענערס, וואָס האָט ביי־טאָג געדינט ווי אַן עס־צימער און ביינאַכט האָט עס זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שלאָף־שטוב פאַר זיין טאָכטער, די שיינע עטעלע.

אַ געוויסע צאָל ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע האָט געהאַט בעסערע דירות פאַר קוויטקאָן.

די מערסטע האָבן אָבער אַפילו אַזעלכע דירות אויך נישט געהאַט.

סיי ווי — פאַר מאָסקווע איז קוויטקאָס דירה געווען אַ גאַנץ נישקשה־דיקע.

דער עיקר — קוויטקאָ איז מיט איר געווען ביז גאָר צופרידן.
און נישט בלויז מיט דער דירה, נאָר מיט זיין גאַנץ לעבן.

**
*

קוויטקאָ האָט געהאַט אַ טייערע טבע: ער האָט קיינמאָל נישט געקוקט צו די וועלכע ס׳איז בעסער, נאָר צו די וועלכע ס׳איז ערגער.

ער איז דעריבער פּטור געווען פון דעם קנאה־געפיל, וואָס פאַרסמט אַ סך מענטשן די נשמה.

ווי יעדער מענטש מיט אַזאַ כאַראַקטער האָט ער זיך איינגעשפּאָרט אַ סך ליידן, צרות און האַרץ־עסענישן.

זיין צופרידן מיט דעם וואָס מען האָט איז אומעטום אַ גרויסע ברכה.

קוויטקאָ איז אָבער נישט געווען דאָס וואָס מען רופט אָן: אַ מסתפּק במועט. ער איז נאָר געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַזוי הנאה געהאַט פון דעם וואָס ער האָט, אַז ער האָט זעלטן געטראַכט פון דעם וואָס אַנדערע האָבן.

דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער באַקוועם, בפרט אין רוסלאַנד.

אויב זיין אשת־חיל, בעטי, פלעגט אַמאָל, ווי ס׳איז דער דרך פון געווי־סע פרויען, אַ מורמל טאָן וועגן דער אויפטוערישקייט פון זיינע אַנדערע קאָלעגן, פלעגט ער זיך ביי איר בעטן:

— בעטי, וואָס דאַרפסטו זיך אָנמאַכן עגמת נפש? ס׳איז דאָך אונדז קיין עין הרע גאַנץ ווויל. אַ סך איז ערגער פאַר אונדז און זיי שווייגן פון דעסטוועגן.

קוויטקאָ האָט כסדר געדענקט, אַז אַנדערע איז ערגער פאַר אים.

האָט ער דעריבער תמיד געלעבט מיטן געפיל פון דאַנקשאַפט דערפאַר וואָס אים איז נישט ערגער, נאָר בעסער.

קוויטקאָס צופרידנקייט האָט געהאַט אין זיך סיי די זאַטע באַגרענעצט־קייט פון דער פליג, וואָס שפּאַצירט אַרום איבער דעם שטיק קעז און איז פול מיט בענטשונג פאַר די העכערע כוחות, וועלכע האָבן איר באַשערט אַזאַ מחיה, סיי די פילאָזאָפישע דערהויבנקייט פון אַ דיאָגענעס, וואָס איז גליק־לעך מיט זיין פאַס, ווייל ער ווייסט אַז אויב מען האָט נישט קיין אינערלעכע רו העלפן קיין פּאַלאַצן אויך נישט.

**
*

קוויטקאָ איז געווען זייער אַ גראַדליניקער מענטש און ער האָט זיך איינ־געשטעלט זיין לעבן פונקט אַזוי גראַדליניק און נישט קאָמפּליצירט ווי ער אַליין איז געווען.

דווקא אין רוסלאַנד איז דאָס געווען זייער אַ שווערע זאַך. דווקא דאָרט האָבן נישט קיין סך דאָס געקענט.

אין רוסלאַנד, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע לענדער פון דער היינטיקער וועלט, ווערט דער מענטש כסדר געטריבן אַרויף אָדער אַראָפּ.

ער קען נישט שטיין אויף אַן אָרט, ער איז אין דער כסדרדיקער באַוועגונג פון די עולים ויורדים־כוואַליעס.

אין ערגעץ איז אָבער דאָס אַראָפּפאַלן פון די מענטשן, וואָס רייסן זיך אַרויף, נישט אַזוי גרויזאַם ווי אין רוסלאַנד.

דאָרט האָט מען דרך־ארץ פאַר מענטשן מיט אַקטיווע נאַטורן, מען האָט אָבער פאַר זיי אויך צוביסלעך מורא.

מען דערמוטיקט זיי ביז אַ געוויסן גראַד, מען סטימולירט זייער ענער־גיע, אָבער מען גיט אויף זיי באַזונדערס אַכטונג און ביי דעם קלענסטן דורכ־פאַל שיקט מען זיי צום טייוול.

אין ערגעץ צאָלט דער מענטש נישט אַזוי טייער פאַר זיינע דורכפאַלן ווי אין רוסלאַנד.

ער צאָלט אָפטמאָל מיט יאָרן־פאַרשיקונג פאַר עטלעכע חדשים גדולה אויף אַן אַנפירנדיקן אַמט.

בכלל האָט מען דאָרט מורא פאַר די טעמפּעראַמענטן, וואָס ווילן זיך און וואָס מוזן זיך אַרויסהייבן.

מען שרעקט זיך דאָרט זייער שטאַרק פאַר די וואָס ווילן איבערשטייגן אַנדערע.

וואָרום אַ גרויסע מאַסע פון אימפּעטיקע איבערשטייגערס קען באַשאַפן אַן אומזיכערע סיטואַציע, קען שפּיזן כלערליי אָפּאָזיציעס און קען אַמאָל זיך אויך פאַרוואַנדלען אין אַן אָרגאַניזירטן בונט.

דערפאַר ציטערט מען אין רוסלאַנד צום שטאַרקסטן.

היט מען דאָרט דעם אַמביציעזן כאַראַקטער מיט טויזנט אויגן.

אַזאַ איינעם וואָס די אַמביציעס שטופּן אים אַרויף, העלפט מען אין אַ געוויסן זין בכיוון צו צו זיין אויפשטייג. מען לאָזט אים אָבער אַרויס אויף אַ גליטש, כדי ער זאָל וואָס גיכער פאַלן.

זיין פאַלן ווערט אויסגענוצט, אי אויף אָפּצושרעקן זיין סביבה, אי אויף

צו געבן איר די דאָזיקע סאַטיספאַקציע, וואָס יעדע דורכשניטלעכקייט האָט, ווען זי זעט ווי דער נישט־דורכשניטלעכער ברעכט רוק און לענד.

דאָך איז דאָס לעבן פון דער מערהייט דאָרט אַזוי גרוי א ו ן  ש װ ע ר, אַז מאַסן יחידים שטעלן באַדיי איין זייערע קעפּ, כדי זיך אַביסל אַרויסצו־הייבן איבער דעם רבים.

און הייבט זיך איינער אַרויס, מוז ער שוין גיין העכער.

אויב נישט פאַלט ער נאָך נידעריקער ווי ער איז פריִער געווען.

***

לייב קוויטקאָ איז אין דעם פּרט געווען אַ גליקלעכער אויסנאַם.

ער האָט נישט געדאַרפט קלעטערן אַרויף, אין דער מורא, אַז אויב נישט וועט ער פאַלן אַראָפּ.

ער האָט געקענט הנאה האָבן פון זיין דערגרייכונג און נישט ציטערן, אַז מען וועט זי אים צונעמען.

דאָס האָבן נישט געקענט, נישט מאַרקיש, נישט פעפער, נישט אַ סך אַנדערע.

זיי, אַז זיי האָבן אַ טאָג נישט געבליצט, האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זענען שוין פאַרלאָשן.

האָבן זיי זיך אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט און געזוכט כלערליי תחבו־לות, כדי מען זאָל זיי נישט פאַרגעסן.

קוויטקאָ האָט דאָס אַלץ נישט געדאַרפט. זיין דערפאָלג האָט געברענט מיט אַ גלייכמאָסיק ליכט.

מיט דעם ליכט פון אַ בר־מזלדיקן מענטשן.

מיט דעם ליכט פון אַ מענטשן, וואָס זיין מזל איז געווען זיין אייגענער כאַראַקטער.

— 3 —

פון די אַלטע, אַלטע צייטן איז צו אונדז דערגאַנגען אַ משל וועגן אַ פוקס, וואָס אַז ער קען נישט דערגרייכן די וויינטרויבן צו וועלכע ער האָט שטאַרק חשק, טענהט ער איין מיט זיך אַליין, אַז די וויינטרויבן טויגן נישט, ווייל זיי זענען מסוכן זויער.

דעם דאָזיקן משל האָט אויסגעטראַכט אַ מענטש, וואָס איז גאָרנישט געווען קיין נאַר.

דער בעל משל האָט גוט געקענט די בן־אדמדיקע טבע און ער האָט גע־וווּסט, אַז עס זענען פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס אַז זיי קענען נישט דער־

גרייכן דאָס וואָס זיי ווילן, ריידן זיי זיך איין, אַז זיי ווילן גאָרנישט דערגרייכן.

אַנדערע ווידער, אַז זיי קענען נישט ענדערן זייער לעבן, ריידן זיי זיך איין, אַז זייער לעבן איז גוט און עס טאָר גאָרנישט געענדערט ווערן.

אַ סך, אַ סך מענטשן אין רוסלאַנד זאָגן אַזוי אַרום „יאָ" צום אָרטיקן לעבן, ווייל זיי קענען דערצו נישט זאָגן קיין „ניין", דאָס מיינט: זיי זאָגן „יאָ", ווייל זאָגן „ניין" איז זייער געפערלעך. זיי זאָגן אָבער בשום אופן נישט דאָס, וואָס זיי טראַכטן און אַז זיי טראַכטן, טראַכטן זיי נישט דאָס וואָס זיי ווילן, נאָר דאָס וואָס אַנדערע ווילן.

זאָגן איינס און טראַכטן עפּעס אַנדערש איז אומעטום פאַלשקייט, גניבת הדעת, צופּאַסלעריי.

לייב קוויטקאָ האָט געזאָגט אַ הויכן „יאָ" צום סאָוועטישן לעבן, ער איז אָבער בשום אופן נישט געווען קיין צופּאַסלער, קיין פאַלשער מענטש.

ער האָט קיינעם נישט גענאַרט.

אויב ער האָט עמיצן גענאַרט, האָט ער גענאַרט נאָר זיך אַליין.

אָבער דאָס איז געווען אַזאַ מין אָפּנאַרעריי, וואָס קען נישט קוואַליפיצירט ווערן ווי קיין פאַלשקייט, וואָרום אין סאַמע תוך האָט ער דאָך געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געגלויבט.

עס איז געווען אַן אָפּנאַרעריי פון פאַרבלענדטקייט. אַן אָפּנאַרעריי פון פאַרנאַרטקייט.

מיט דער דאָזיקער אָפּנאַרעריי לעבט דער שכיב מרע אין זיין טויטלעכער קראַנקייט.

דורך דער דאָזיקער בלינדקייט זעט נישט דער פאַרליבטער ווי ער ווערט פאַראַטן.

אָך און ווי וואָלט געווען דעם קראַנקן, ווען ער ווערט מיטאַמאָל באַוווסטזיניק וועגן דער געפערלעכקייט פון זיין קרענק.

וויסט און טרויעריק וואָלט געווען דעם פאַרליבטן ווען ער דערוווסט זיך מיטאַמאָל דעם אמת וועגן זיין געליבטע.

אַ סך, אַ סך מענטשן אין רוסלאַנד האָבן דעם דאָזיקן אמת יאָ געזען. זיי האָבן אים געזען און שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז אַנדערש קען נישט זיין.

קוויטקאָ וואָלט מיט אַזאַ געדאַנק קיינמאָל נישט שלום געמאַכט.

ער איז געווען צו ערלעך דערויף.

ווען ער, קוויטקאָ, וואָלט דערזען דעם אמת, וואָלט ער בשום אופן נישט געקענט לעבן אין פאַלשקייט. ער וואָלט אומגעקומען.

מיליאָנען זענען אַזוי אַרום אומגעקומען.

זײַן גליק איז אָבער געװען דאָס, װאָס ער האָט נישט דערזען דעם אמת און ער האָט דעם שװאַרצן ליגן אָנגענומען פֿאַר אַ פֿאַרביקער גאָלדענער װאָר. דאָס האָט אים אַ לאַנגע צײַט געראַטעװעט.

*****

פֿאַרװאָס אָבער האָט קװיטקאָ, װעלכער איז געװען גאָרנישט קײן נאַרישער ייִד, נישט דערזען דעם אמת?

דערין איז שולדיק געװען זײַן כאַראַקטער, װאָס האָט נישט פֿאַרטראָגן קײן קאָנפֿליקטן מיט זיך און מיטן אַרום און װאָס האָט געהאַט אַ גװאַלדיקן אָפּשײַ פֿאַר יעדער מאַכט און פֿאַר יעדן כוח.

מען זאָגט, אַז דער װילן איז דער פֿאָטער פֿונעם געדאַנק. װאָס אָבער איז די מאַמע פֿונעם װילן, װאָס געבוירט די געדאַנקען?

בנוגע קװיטקאָן קען איך זאָגן, אַז די מוטער פֿון זײַן װילן צו באַרעכטיקן דאָס אַלץ, װאָס ס'איז געשען אין רוסלאַנד, איז געװען דער באַװוסטזײַן, אַז די דאָזיקע געשעענישן װערן דיקטירט פֿון אַ מאַכט, װאָס איז שטאַרקער פֿון אים.

װאָרום שטאַרקײַט האָט פֿאַר קװיטקאָן אױך געמײנט: גערעכטיקײַט.

מען קען האָבן טענות צו קװיטקאָן פֿאַר דעם דאָזיקן טעות, אָבער מען מוז מודה זײַן, אַז דער דאָזיקער טעות איז דורך אים געמאַכט געװאָרן ערגעצװו אין די קעלערן פֿון זײַן אונטערבאַװוסטזײַן, באַגײַסטיקט דורך זײַן כאַראַקטער און דורך זײַן אינסטינקט צו לעבן אַ זאַט און צופֿרידן לעבן. מען דאַרף דערבײַ געדענקען, אַז אין די העכערע שטאָקן פֿון זײַן באַװוסטזײַן איז ער אין זײַנע טראַכטונגען און געדאַנקען געװען ערלעך און אים זענען דערבײַ פֿרעמד געװען די סתירות, װעלכע האָבן צעריסן די נשמות פֿון די אַנדערע סאָװעטישע שרײַבער.

קװיטקאָס ערלעכקײַט, אין דער ספֿערע פֿון זײַן באַװוסטזיניק לעבן, האָט קײנער נישט געקענט לײקענען.

די דאָזיקע ערלעכקײט האָט אַ סך זאַכן פֿאַרענטפֿערט און זי האָט אױף אַ סך טװונגען זײַנע מכפּר געװען.

צוליב דער דאָזיקער ערלעכקײַט האָבן מיר אַ סך, גאָר אַ סך אים מוחל געװען.

*****

כ'געדענק די שװערע טעג פֿון יאָר 1942 אין אַלמאַ אַטאַ. דער דײַטש איז געגאַנגען פֿאָרױס אױף אַלע פֿראָנטן און ער איז שױן געװען בײַם קאַס-

פּישן ים — ביי די שוועלן פון דער געגנט, ווו מיר האָבן זיך דעמאָלט גע־פונען.

אָוודאי זענען מיר אַלע געווען פאַרצווייפלט און אונדז האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז דער הימל וועט זיך אָט־אָט אַראָפּלאָזן צו דער ערד.

טויזנטער קילאָמעטערס זענען מיר אַנטלאָפן אין בהלה פאַר היטלערס חיילות און די דאָזיקע חיילות האָבן אונדז נאָכאַנאַנד נאָכגעיאָגט.

און אָט שטייען זיי שוין פאַר די טויערן פון קאַווקאַז. נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און זיי וועלן אַ פלייץ־טאָן איבער די שטרעקעס פון צענטראַל־אַזיע.

פון דאָרט וועט שוין נישט זיין ווו צו לויפן.

פון דאָרט וועט שוין קיין אַנטרינונג נישט זיין.

צוויי הונדערט קילאָמעטער זענען מיר דעמאָלט געווען פון דער כינע־זישער גרענעץ.

אָבער אויף יענער זייט פון די הויכע גרענעץ־בערג האָט מען געדאַרפט וואַנדערן זעקס הונדערט קילאָמעטער דורך אַ טויטן מדבר ביז צום ערשטן מענטשלעכן ישוב אויף דער כינעזישער ערד.

און כדי צו דערגיין פון דעם דאָזיקן ישוב ביז צו אַ כינעזישער שטאָט, האָט מען געדאַרפט האָבן אָנגעגרייט צען פאַר רעזערוו־פיס.

אין אָנבליק פון אָט די טרויעריקע פערספעקטיוון זענען מיר טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, נערוועזע, פאַרצווייפלטע.

איין קוויטקאָ האָט זיך געהאַלטן אייזן־פעסט.

ער האָט נישט געשטעקט די נאָז אין די לאַנד־קאַרטעס, נישט געציטערט איבער די קילאָמעטער פון דייטשן פאַרויסמאַרש. ער האָט אויסגעהערט די מיטטיילונג פון דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־ביוראָ און געזאָגט:

— איר וועט זען, קינדער, ס׳וועט זיין ווויל.

„ווויל" איז געווען קוויטקאָס באַליבטסטע וואָרט. אַ ליד אַז עס איז אים געפעלן געוואָרן, איז עס געווען אַ ווויל ליד. אַ מאכל, אַז ס׳האָט אים געשמעקט, איז עס געווען אַ ווויל מאכל. אַ מענטש, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, איז געווען אַ וווילער מענטש און אַ סיטואַציע, ווען דער חלף איז נאָך נישט געלעגן אויפן האַלדז, איז געווען ווויל און אַפילו זייער ווויל.

און אַז די לאַגע איז אויפן מאָמענט שוין נישט געווען אַזוי ווויל, האָט קוויטקאָ זיך נאָך אַלץ געטרייסט און געטענהט, אַז ס׳וועט זיין ווויל.

אַזוי איז דאָס געווען אויך דעמאָלט אין אַלמאַ אַטאַ.

ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן וואָס קוויטקאָס צופרידנקייט און גלייכ־

געוויכטיקייט האָט באַטייט פאַר יענער צייט און ווי לויג לרשדיק ער האָט געשפּילט אויף אונדזערע צעטרייסלטע נערוון.

אַן אַנדערן האָבן מיר פאַר אַזאַ קאַזיאָנע אָפּטימיזם געוואָלט קורע כדג זיין, וואָרים מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל צו פאַרבלענדן די אויגן.

קוויטקאָן אָבער האָבן מיר אַלץ מוחל געווען, וואָרים ס׳איז אונדז גוט געווען צו זען אַ מענטשן, וואָס גלייבט אַזוי הייליק אין דעם וואָס ער זאָגט.

זיין גלויבן האָט אונדז דעמאָלט נישט איבערגעצייגט, ער האָט אונדז אָבער געטרייסט, באַרויִקט און געמונטערט. עס איז גוט געווען צו וויסן. אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ מענטש מיט אַזאַ טיפער אמונה אינעם גוטן.

צום גליק איז ער מיט זיין אמונה דעמאָלט געווען גערעכט און מיר זענען געווען די אומגערעכטע.

***

איך דערמאָן זיך אויף מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים אין ביאַליס־טאָק, אין יאָר 1940.

פון מאָסקווע איז דאַן אַראָפּגעקומען צו אונדז אַ בריגאַדע פון ייִדישע שרייבער, צווישן וועלכע קוויטקאָ האָט פאַרנומען זייער אַ חשוב אָרט.

די מאָסקווער שרייבער־בריגאַדע איז געקומען, כדי אונדז, די שרייבער־פּליטים פון פּוילן, וואָס האָבן זיך איצט געפונען אויף דער „באַפרייטער" סאָוועטישער ערד, מחנך צו זיין אין דעם נייעם לעבן.

אַלע שרייבער, וואָס זענען צו אונדז געקומען, האָבן אָנגעהויבן זייער „איבערדערציִערישע" אַרבעט מיט געבן אונדז צו פאַרשטיין די גרויסקייט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, די געניאַליטעט פון סטאַלינען און די מעכטיקייט פון דער סאָוועטישער שטראָפלעכער האַנט.

אין זייערע רייד האָבן מיר בעיקר געפילט די מורא פאַרן לעצטן און דאָס אַליין האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַן אימה.

קוויטקאָס ערשטע רייד צו אונדז זענען געווען פון אַן אַנדערן מין.

ער האָט געזאָגט:

— איצט האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע אייערע צרות און איר דאַרפט זיין צופרידן, וואָס איר געפינט זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

מיר האָבן דערווייל נאָך נישט געזען קיין שום סיבה פאַר דער דאָזיקער צופרידנקייט, עס האָט אָבער אויף אונדז געווירקט, ווי אַ באַלזאַם, דער איינ־דרוק, אַז קוויטקאָ גלייבט אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט צו זיין צופרידן.

יעדער איינער פון אונדז האָט פאַר זיך געמאַכט דעם שטילן אויספיר:

— אויב אין רוסלאַנד איז מעגלעך, אַז אַ ייִדישער שרייבער זאָל זיין

אַזוי אויפריכטיק צופרידן מיט דעם סאָוועטישן לעבן, איז נאָך אפשר נישט כלו כל הקצין? קען מען נאָך אפשר דאָ לעבן און דערלעבן בעסערע צייטן?

קוויטקאָס אויפריכטיקייט, קוויטקאָס ערלעכקייט, וואָס מיר האָבן דער־פילט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים, האָבן אין אונדז אָנגעצונדן בלערליי אילוזיעס. און די דאָזיקע אילוזיעס האָבן שטאַרק פאַרגרינגערט די לאַסט, וואָס האָט געהויערט אויף אונדזער געמיט אין יענע ערשטע טעג פון אונדזער „גרינקייט" אויף דער סאָוועטישער ערד און אונטער דער סאָווע־טישער ממשלה.

***

שוין ביי יענער ערשטער באַגעגעניש מיט קוויטקאָן האָבן מיר, קוקנדיק אויף זיין שיין־לויכטנדיק פנים, מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז פון דעם אַמאָ־ליקן יונגן דיכטער, וואָס האָט אַזוי געפּאַנגען בעל־מחשבותן מיט זיין „טויבן אומרו אינעם האַרצן" און האָט אַזוי געררייצט ש. ניגערן מיט זיין נאַטור־קרעפטיקער און פאָלקסטימלעכער סטיכיע, איז שוין לאַנג קיין זכר נישט גע־בליבן און אַז דער קוויטקאָ וועלכן מיר זעען איצט, איז נישט בלויז לויט זיין הלבשה — דעם ברייטן טכוירענעם טוליפּ און דער פוטערנער קוטשמע אויפן קאָפּ — נאָר אויך לויט זיין גאַנץ אינערלעך וועזן, אַ זאַטער בר־מזלדיקער מענטש, וואָס האָט ליב דאָס לעבן מיט דער ליבשאַפט פון אַ באַלעבאַטישן קליינבירגער.

אוודאי איז אונדז זיין זאַטע צופרידנקייט אויסגעקומען אַ היפּש ביסל פּריקרע און גאָרנישט אין הסכם מיט אונדזערע פאַרשטעלונגען וועגן אַ דיכ־טער און דערצו נאָך אַזאַ וואָס דאַרף העלפן בויען אַ נייע וועלט, וואָס אירע חבלי־לידה זענען אַזוי בלוטיק און אַזוי גרויזאַם. אָבער קוויטקאָ האָט סיי ווי ביי אונדז שטאַרק אויסגענומען, ווייל פון זיין אָפנהאַרציקער גוטסקייט און ערלעכקייט האָבן מיר געוואָלט דרינגען, אַז ס'איז מעגלעך פאַר אַ ייִדישן שרייבער אין רוסלאַנד צו זיין צופרידן און ס'איז אויך מעגלעך, אַז אַ ייִדי־שער שרייבער זאָל זיך דאָ פילן אויף אַן אמת גוט.

אין פּרץ מאַרקישן האָבן מיר שוין דעמאָלט געזען דעם פּאָעטישן אגוס.

אין נוסינאָוון און אין דאָברושינען — די סאָוועטישע פּאַפּוגאַיעס.

אין שמואל האַלקינען — דעם מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אַ וועלט פון אילוזיעס, וועלכע ער האָט אָפּגעשלאָסן מיט טויזנט ליד־שלעסער פאַר דער אמתערווירקלעכקייט.

נאָר איין קוויטקאָן האָבן מיר, אין אונדזער נאַיווּויטעט אַלס „גרינע" אינעם סאָוועטישן לעבן, אָנגענומען פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ביי אונדז געהייסן: די אמתע געשטאַלט פון אַ סאָוועטישן שרייבער, דעם שרייבער,

וואָס האָט ליב זיין לאַנד און וואָס דאָס לאַנד צאָלט אים צוריק מיט דער זעלביקער ליבשאַפט.

***

עס געדענקט זיך אַ קליינער עפּיזאָד:

ווי נאָר די ייִדישע שרייבער פון מאָסקווע זענען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, אין זייער האָטעל, אַזוי האָבן זיי זיך תיכּף טעלעפאָניש פאַרבונדן מיטן שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, מעלדנדיק וועגן זייער אָנקום. פון דאָרט האָט מען זיי געזאָגט, אַז מאָרגן, 9 אַזייגער אינדערפרי, וועט זיי דער סעקרעטאַר פאַר פּראָפּאַגאַנדע ביים פּאַרטיי־קאָמיטעט אויפנעמען, כדי מיט זיי איבערצורעדן וועגן זייערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. דערווייל איז אָנגעקומען דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון „ביאַליסטאָקער שטערן", הירשל סמאָליאַר, און ער האָט די מאָסקווער שרייבער פאַרבעטן אויף אַן אינטימען „לחיים" אין רעדאַקציע אַריין. פּרץ מאַרקיש, האַלקין, ראַסין און אַלע אַנדערע זענען גרייט געווען צו גיין. דער איינציקער וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט איז געווען לייב קוויטקאָ.

— מיר קענען זיך נישט טרעפן מיט קיינעם אויף קיין אָפיציעלן צוזאַמענטרעף — האָט ער געזאָגט — איידער מיר ווערן אויפגענומען פון דער פּאַרטיי.

מאַרקיש האָט אומצופרידן אַ ברום געטאָן:

— מיר זענען דאָ אַהער געקומען ווי ייִדן צו ייִדן.

באַלד האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— כ'מיין, מיר זענען געשיקט געוואָרן פון שרייבער־פאַריין און נישט פון דער פּאַרטיי.

קוויטקאָ האָט דערויף געענטפערט:

— אָבער די פּאַרטיי קען זיך פילן באַליידיקט אויב מיר וועלן איר נישט אָפּגעבן דעם ערשטן וויזיט.

און ער האָט כמעט בעטנדיק צוגעגעבן:

— צו וואָס זאָלן מיר באַליידיקן די פּאַרטיי. מיר האָבן זי דאָך אַלע ליב און זי איז דאָך ביי אונדז אַלעמען טייער.

פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקיש האָט שוין גאָרנישט געזאָגט און ס'איז געבליבן אַזוי ווי קוויטקאָ האָט געוואָלט.

כ'דערמאָן זיך:

מיר, די פּליטים פון פּוילן, וועלכע האָבן בייגעוווינט די דאָזיקע סצענע, זענען זיך צעגאַנגען מיט אַ געפיל פון דערדריקטקייט צוליב מאַרקישעס צו שנעלער רעזיגנאַציע, אין וועלכער מיר האָבן דערפילט די אומהיימלעכקייט

פון דער דורותדיקער יידישער אימה פאַר גויישן מלכות. מיר האָבן זיך אָבער אַביסל געטרייסט דערמיט, וואָס אין רוסלאַנד איז מעגלעך אַזאַ אמתע און אַזאַ אויפריכטיקע ליבשאַפט פון אַ יידישן שרייבער צו דער דאָזיקער פאַרטיי, וואָס איר באַציונג צו דער יידישער קולטור מיר האָבן שוין צייט געהאַט קענען צו לערנען אויף גאָרנישט קיין פריילעכן אופן.

מיר האָבן פון דער דאָזיקער אויפריכטיקער ליבשאַפט געוואָלט מאַכן אַלגעמיינע הנחות, ווייל מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז קוויטקאָ איז אין סאָוועטישן לעבן געווען אַ גרויסער אויסנאַם. דאָס דאָזיקע האָבן מיר זיך דערוווסט ערשט אַ סך שפּעטער.

— 4 —

ביאַליסטאָק, נאָוואָזינעסק, אַלמאַ אַטאַ, מאָסקווע — דאָס זענען די פיר שטעט, אין וועלכע דער גורל האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט דעם דיכטער לייב קוויטקאָ, בעת מיינע וואַנדערונגען איבער רוסלאַנד אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. אין די דאָזיקע פיר שטעט — די פיר עטאַפּן אין מיין דאָר־טיקן פּליטים־לעבן — האָב איך געטראָפן קוויטקאָן אין פאַרשידענע סיטואַ־ציעס און אין פאַרשידענע באַדינגונגען. און הגם דאָס לעבן אַרום אונדז האָט זיך, פון איין שטאָט ביז דער אַנדערער, מוראדיק געביטן, האָב איך אין אים גופא קיינמאָל נישט באַמערקט קיין שום וועזנטלעכע ענדערונג. ער איז אור־מעטום געווען דער אייגענער קוויטקאָ: דער גוטמוטיקער, גלייביקער, הילף־גרייטער און גלייכגעוויכטיקער מענטש, וואָס זיין אומפאַרענדערלעכקייט און סטאַבילקייט האָבן עדות געזאָגט אויף זיין גראַדליניקן און פעסטן כאַראַקטער.

אין ביאַליסטאָק איז קוויטקאָ געווען אַ שליח און אַ גאַסט. אַ מענטש אין געסטלעכע באַדינגונגען אין תמיד אַנדערש ווי אין דער היים. קוויטקאָ איז אָבער אין ביאַליסטאָק געווען פונקט אַזאַ ווי איך האָב אים שפּעטער געטראָפן אין זיין היימשטאָט מאָסקווע. מאַרקיש האָט, בעת זיין באַזוך ביי אונדז אין ביאַליסטאָק, מיט פיל פייערלעכקייט אויסגעהערט די לידער, וועל־כע מיר האָבן אים געלייענט און ער האָט מיט נאָך מער פייערלעכקייט גע־האַלטן שיינע, בליציקע אימפּראָוויזאַציעס וועגן דעם וואָס ער האָט געהערט לייענען. שמואל האַלקין האָט ביי יעדער געלעגנהייט אונדז רעציטירט זיינע אייגענע לידער פון אויסנווייניק און אַפילו ווען ער האָט שוין פאַרלאַנגט. אַז אויך מיר זאָלן אים עפּעס לייענען, האָט ער, ביז דאָס איז געשען, דערווייל זיך דערמאָנט נאָך אַ ליד און נאָך אַ ליד זיינס, וואָס ער האָט אויפן אָרט פאַרגעלייענט, און דערביי זיך אַזוי פאַרלייענט, אַז מיר זענען זעלטן ווען געקומען צום פּסוק. גוסינאָוו און דאָברושין, האָבן אונדז געגעבן עצות און

אונדז מדריך געווען אין דער, פאַר אונדז נייער, עבודה, וואָס הייסט: סאָ־ציאַליסטישער רעאַליזם. איין קוויטקאָ האָט אונדז נישט געלייענט זיינע לי־דער, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צו הערן אונדזערע לידער, האָט אונדז אויך נישט געגעבן קיין שום עצות און אָנווייזונגען וועגן אונדזער ווייטער־דיקן שאַפן, נאָר האָט זיך אינטערעסירט מיט אונדזער לעבן, מיט אונדזערע וווינונגס־באַדינגונגען. אויף וויפל דאָס איז געווען אין זיינע מעגלעכקייטן האָט ער אונדז געהאָלפן און האָט געטאָן אַלץ, אַז אונדז זאָל ווערן גרינגער. פּונקט אַזוי האָט ער זיך געפירט אין נאָוואָזענסק, אין אַלמאַ אַטאַ און אין מאָסקווע, ווו ער האָט זיך זייער זעלטן נאָכגעפרעגט אויף דעם וואָס מיר שרייבן און האָט זיך כסדר אינטערעסירט מיט די באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן.

אין יאָר 1941, ווען דער דייטש איז באַפאַלן רוסלאַנד און מיר זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין נאָוואָזענסק, פאַרלירנדיק דערביי יעדע פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער שרייבער־וועלט, איז קוויטקאָ געווען דער איינציקער, וואָס האָט אונדז באַזוכט אין דעם דאָזיקן ליימיקן סטעפּ־שטעטל און אונדז גע־בראַכט אַ געוויסע געלט־סומע, באַשטעלנדיק ביי אונדז מאַטעריאַלן וועגן די דייטשע אכזריותן פאַר אַ זאַמלבוך, וואָס דער פאַרלאַג „עמעס" האָט גע־דאַרפט אַרויסגעבן. (דער דאָזיקער זאַמלבוך, „דאָס בלוט רופט צו נקמה", איז טאַקע שפּעטער דערשינען אין דעם דערמאָנטן פאַרלאַג). מיט דעם גע־בראַכטן געלט האָט קוויטקאָ אונדז אַ גרויסע טובה געטאָן, אָבער נאָך מער ווי מיט דעם געלט האָט ער אין אונדז אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה מיט זיין עצם קומען, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ סימן, אַז די ייִדישע שרייבער אין מאָסקווע האָבן אין אונדז נישט פאַרגעסן. און כאָטש די ייִדישע שרייבער פון מאָסקווע האָבן זיך גאָר גיך אַליין געפינען אין אַ לאַגע פון פּליטים און היימ־לאָזע און האָבן אונדז דעריבער שוין ווייניק וואָס געקענט העלפן, איז אָבער קוויטקאָס באַזוך אין נאָוואָזענסק געווען פאַר אונדז אַ גרויסע מאָראַלישע הילף און אין אַ געוויסן זין האָט זי אויך געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף אונדזער ווייטערדיק לעבן אין סאָוועטנרוסלאַנד.

די ראָל פון אַ בעל־טובה פאַר די פּליטים־שרייבער פון פּוילן אין קוויט־קאָן אויסגעקומען צו שפּילן אויך שפּעטער, בעת מיר זענען פאַרוואָרפן גע־וואָרן קיין אַלמאַ אַטאַ, ווו אויך ער אַליין האָט אַ שטיק צייט געלעבט אַלס פּליט פון מאָסקווע. דאָס זעלביקע איז געשען אויך אין מאָסקווע, ווו אַ סך פון אונדז האָבן זיך געפונען ערב זייער אַהיימפאָר קיין פּוילן. אומעטום האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ פאַר אונדזערעליידן און זיך מער געזאָרגט פאַר אונדזער קמח ווי פאַר אונדזער תורה, הגם — און דאָס דאַרף מען געדענקען

— בנוגע די פֿאָדערונגען צו אונדזער תּורה האָט ער קיינמאָל נישט געמאַכט די מינדסטע הנחות אויף וועלכע עס זענען אײַנגעגאַנגען די אַנדערע ייִדיש־סאָוועטישע שרײַבער און ער האָט פֿון אונדז פֿאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן פּונקט אַזוי געטרײַ זײַן דער סאָוועטישער מאַכט און ליב האָבן אירע פֿירער, ווי געטרײַ ער אַליין איז איר געווען און ווי ליב ער אַליין האָט זי געהאַט.

***

דאָ וויל איך מאַכן אַ שטיקל אָפּנויג און בקיצור דערציילן וועגן אונדזער שרײַבער־לעבן אין די פֿיר שטעט, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען קוויטקאָן צו באַגעגענען.

אין ביאַליסטאָק האָבן זיך געפֿונען אַ סך שרײַבער־פּליטים פֿון פּוילן. אין הסכּם מיטן טרויעריק־באַרימטן מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך האָט די שטאָט געהערט צו די אַזוי גערופֿענע, באַפֿרײַטע סאָוועטישע געביטן. די פֿריִערדיקע פּוילישע מזרח־ערד האָט באַקומען דעם נאָמען: מערב־ווײַסרוס־לאַנד און מיר ייִדן פֿון פּוילן זענען מיטאַמאָל געוואָרן בירגער פֿון דער ווײַס־רוסישער רעפּובליק. אויף די דאָזיקע נײַע סאָוועטישע געביטן האָט מען מחמת אַ ספּעציעלער פּאָליטיק דערלויבט געוויסע זאַכן, וואָס זענען שוין אין אַלטן רוסלאַנד לאַנג נישט פּראַקטיצירט געוואָרן. צווישן זיי האָט מען אויך דער־לויבט אַ געוויסע מאַסן־קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש און דערהויפּט האָט מען דערלויבט דעם ביי־אָרגאַניזירטן שרײַבער־פֿאַריין אַ לעבהאַפֿטיקע טעטיקייט אין דעם ייִדישן לשון און דערצו אין אַזעלכע פֿאָרמען, וואָס מען האָט שוין אין רוסלאַנד נישט באַנוצט.

דער ביאַליסטאָקער שרײַבער־פֿאַריין איז אָפֿיציעל געוואָרן אַן אָפּטיי־לונג פֿון דעם ווײַס־רוסישן שרײַבער־פֿאַריין אין מינסק און מיר, די מיטגלי־דער פֿון פֿאַריין, זענען אָפֿיציעל געווען ווײַסרוסישע שרײַבער, וואָס שרײַבן אויף ייִדיש. פֿאַקטיש אָבער איז אין דער ביאַליסטאָקער אָפּטיילונג געווען אפֿשר איין ווײַסרוסישער שרײַבער, דער באַרימטער קאָמוניסטישער דיכטער מאַקסים טאַנק, וואָס האָט פֿריִער געלעבט אין פּוילן, ווי אויך אַ צען פּוילישע שרײַבער פֿון דער צענטער מדרגה. די רעשט זענען געווען ייִדן.

ווער ס'האָט געזען די ייִדישע שרײַבער־משפּחה פֿון ביאַליסטאָק אין יענע ערשטע חדשים פֿון אונדזער זײַן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט געקענט קריגן דעם אײַנדרוק, אַז דאָ ווערט פֿאָרגעזעצט אַ שטיק וואַרשע, אָדער ווילנע. דאָס האָט טאַקע אַזוי שטאַרק געצויגן די אַלט־סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער צו קומען צו אונדז אין געסט און ביי אונדז זיך אָנצוּוואַרעמען. ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און אויך מיר אין ביאַליסטאָק האָבן אָנגעהויבן „גלײַכגעשאַל־

טעט" ווערן. מען האָט איינציקווייז אָנגעהויבן פאַרמאַכן יידישע שולן, פאַר־באָטן גרויסע יידישע אונטערנעמונגען פון קולטור־כאַראַקטער און חוץ דעם — אָפּצוקלייבן צווישן די שרייבער די דאָזיקע, וואָס זענען ראוי צו בלייבן אין אַ סאָוועטישן שרייבער־פאַריין. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז פון קנאַפּע צוויי הונדערט שרייבער־פּליטים, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען אין אָנהייב, זענען אין יאָר 1940 געבליבן אַן ערך 40 שרייבער און דערביי זענען נישט אַלע פון זיי געווען קיין פולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון פאַריין.

אין אָנהייב האָבן אין ביאַליסטאָקער שרייבער־פאַריין געפירט דאָס רעדל די יידישע קאָמוניסטן פון וואַרשע, בראש מיט הערשל סמאָליאַר, בונעם הע־לער, משה לעווין, דוד ריכטער, בער מאַרק, דוד ספאַרד און אַנדערע. זיי האָבן עס דורכגעפירט די סעלעקציע און געמשפּט ווער עס איז יאָ ראוי צו זיין אַ מיטגליד אין סאָוועטישן שרייבער־פאַריין און ווער נישט. די וועלכע זענען דורך זיי נישט אָנערקענט געוואָרן, האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון שטאָט און זיך באַזעצן אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווייל אַלס געוויינלעכע פּליטים האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין ביאַליסטאָק, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער גרענעץ. נישט אַלע אויסגערעכנטע יידישע קאָמוניסטן פון פוילן האָבן געהאַט אַ גלייכע דעה און נישט אַלע האָבן זיי זיך באַצויגן מיט דער זעלביקער שטרענגקייט צו זייערע קאָלעגן, די פּליטים פון פוילן, אָבער אַלע האָבן זיי אויף אַ געוויסן אופן געהאַט אַ חלק אין דעם גורל פון די, וועלכע האָבן געזוכט רעטונג אויף דער סאָוועטישער ערד און זיך אָנגעטראָפן אויף די האַרטע געזעצן פון סאָוועטישן לעבנס־סיס־טעם, מיט דעם צוגאָב פון אַלטע קאָמוניסטישע חשבונות, וועלכע האָבן זיך נאָך געפירט פון וואַרשע אָן.

דאָס גליק פון אַ סך געראַטעוועטע שרייבער־פּליטים איז געווען דאָס, וואָס אין דער פירונג פון ביאַליסטאָקער שרייבער־פאַריין האָבן זיך אָפּט אַריינגעמישט די שרייבער פון „אַלטן" רוסלאַנד. פּרץ מאַרקיש, האַלקין, קוויטקאָ, און דער עיקר זעליק אַקסעלראָד האָבן נישט געהאַט מיט די שריי־בער־פּליטים די זעלביקע חשבונות, וואָס די יידישע קאָמוניסטן פון פוילן און זיי פּלעגן זיך אָפּט איינשטעלן פאַר אַזאַ שרייבער, וועלכן די אָנפירונג פון ביאַליסטאָקער שרייבער־פאַריין האָט פאַרמשפּט אויף נישט אָנגענומען צו ווערן ווי קיין מיטגליד און אַזוי אַרום נישט געניסן פון די אַלע זכיותן, וואָס אַ מיטגליד האָט גענאָסן. דאָס איז געווען די סיבה וואָס אין ביאַליסטאָק זענען געבליבן אַ ריי שרייבער פון פוילן, וועלכע די יידיש־קאָמוניסטישע אָנפירונג האָט שטאַרק חשק געהאַט משלח צו זיין פון אירע דלת אמות. דאָס איינשטעלן זיך פאַר אָט דעם מין שרייבער האָט שפּעטער זעליק אַקסעל־

ראַדן אַ סך געקאָסט און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זייַן ליקווידאַציע.

צווישן די ייִדישע שרייבער פון מאָסקווע, וועלכע האָבן זיך איינגע־שטעלט פאַר אָט דעם מין שרייבער אין ביאַליסטאָק, האָט זיך אויך געפונען לייב קוויטקאָ, וואָס הגם ער איז געווען אַ געטרייער קאָמוניסט, האָט ער אָבער דאָך נישט געהאַלטן, אַז די נישט קאָמוניסטישע שרייבער פון פוילן, דאַרפן איצט צאָלן פאַר זייערע אַמאָליקע פּאָליטישע חטאים און אַז דווקא די קאָמו־ניסטישע שרייבער פון פוילן דאַרפן איצט אויפעסן די גאַנצע סמעטענע פון סאָוועטישן כבוד און סאָוועטישן דערפאָלג.

⁂

די דאָזיקע שרייבער־פּליטים, וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די מעג־לעכקייט צו בלייבן אין ביאַליסטאָק ביזן יאָר 1941, האָבן געהאַט אַ שאַנס זיך צו ראַטעווען און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך טאַקע געראַטעוועט און נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט קיין פוילן. אמת איז, אַז צווישן די געראַטעוועטע געפינען זיך אויך אַ סך, וואָס זענען דורך דער סאָוועטישער מאַכט פאַרשיקט געוואָרן אין יאָר 1940 קיין סיביר און אַנדערע מקומות. און אמת איז אויך, אַז אַ סך פון די וועלכע האָבן אין 41טן יאָר זיך עוואַ־קויִרט פון ביאַליסטאָק, זענען שפּעטער אומגעקומען אין צענטראַל־אַזיע. אַ פאַקט איז אָבער, אַז דער גרעסטער טייל פון די געראַטעוועטע שרייבער באַ־שטייט פון די, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָק ביזן אויסברוך פון דער רוסיש־דייטשער מלחמה. די דאָזיקע, וואָס די ייִדיש־קאָמוניסטישע אָנ־פירונג האָט נישט אָנגענומען אין ביאַליסטאָקער שרייבער־פאַריין און זיי האָבן געמוזט אַוועק פון ביאַליסטאָק אין די קלענערע שטעטלעך, זענען אַלע אַריינגעפאַלן אין די הענט פונעם דייטש און זענען אומגעקומען.

אַזוי אַרום קען מען מיט דער גאַנצער זיכערקייט זאָגן, אַז אין דעם אומקום פון אַן ערך זעכציק־זיבעציק ייִדישע שרייבער מיט זייערע משפּחות, איז שולדיק געווען די אָנפירונג פון שרייבער־פאַריין אין ביאַליסטאָק. ווען די אָנפירונג פון דעם פאַריין וואָלט די דאָזיקע שרייבער נישט אָפּגעזאָגט דאָס רעכט צו ווערן מיטגלידער פון פאַריין, וואָלטן זיי געקענט בלייבן וווי־נען אין שטאָט. וווינענדיק אין שטאָט, וואָלטן זיי זיך אפשר געראַטעוועט פון נישט אַריינפאַלן צום דייטש אין די הענט. אין די קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעך ווו זיי האָבן געמוזט וווינען, האָבן זיי נישט געהאַט מיט וואָס צו אַנטלויפן און דער דייטשער בליץ־מאַרש האָט זיי פאַרכאַפּט אויף די ערשטע קילאָמעטערס וואָס זיי האָבן געפּרוווט מאַכן צופוס.

ווי אַזוי האָבן זיך געראַטעוועט די ייִדישע שרייבער, וועלכע זענען יאָ

געבליבן אין ביאַליסטאָק? וועגן דעם איז כדאַי עפּעס צו דערציילן אין שייכות דערמיט, וואָס די ייִדיש־קאָמוניסטישע פּרעסע אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך אַזויפיל צעשריבן וועגן דעם חסד פון דער סאָוועטישער מאַכט ביים אָרגאַניזירן די עוואַקואַציע פון די ייִדישע שרייבער און פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון די פאַרלאָזענע געביטן.

דעם 22טן יוני 1941 פאַרטאָג, האָבן זיך איבער ביאַליסטאָק אַ שאָט געטאָן די דייטשע באָמבעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט, אַז צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן די מלחמה. צען אַזייגער אינדערפרי זענען מיר שוין געווען אין שרייבער־פאַריין. אַ דעלעגאַציע פון שרייבער־פאַריין איז אַוועק אין שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט פרעגן, וואָס מיר דאַרפן טאָן. דאָרט האָט מען געענטפערט, אַז מיר, אַלע שרייבער, דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אין פאַריין און וואַרטן ביז מען וועט אונדז געבן ביקסן צו פאַרטיידיקן די שטאָט.

האָבן מיר געוואַרט. וואַרטנדיק האָבן מיר אָבער געזען ווי די „וואָסטאָטשניקעס” (אַ באַצייכענונג פאַר די סאָוועטישע באַאַמטע און מיליטער־לייט, וואָס זענען געקומען קיין ביאַליסטאָק פון די „אַלטע” סאָוועטישע מזרח־געביטן) אַנטלויפן מיט זייערע פאַמיליעס אין בהלה פון דער שטאָט. אויך צווישן אונדזערע שרייבער האָבן זיך געפונען צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געשעמט מיט זייער שרעק און מחמת זייער פאַניק, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן צו אַנדערע, האָט די אָנפירונג פון פאַריין זיך נאָך אַמאָל געווענדט מיט אַן אָנפראַגע צו אַ העכערער אינסטאַנץ פון דער פאַרטיי, צום סעקרעטאַר פון פראָפּאַגאַנדע ביים געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט, עלמאַן. דער דאָזיקער עלמאַן, אַ יורד אין דער פאַרטייאישער יעראַרכיע, דערצו אַ מענטש, וואָס מען האָט געהאַט אַ חשד, אַז ער איז אַ ייִד, האָט דער פירונג פון שרייבער־פאַריין געענטפערט, אַז ער קען איר נישט געבן קיין שום אינסטרוקציעס. שטרענג פריוואַט האָט ער אָבער צוגעגעבן, אַז לויט זיין מיינונג דאַרפן מיר אַוועקגיין אויפן וואָקזאַל, ווו עס שטייען צוגן, וועלכע וועלן געוויס אָפּגעפירט ווערן אין הינטערלאַנד און מיט די דאָזיקע צוגן זיך עוואַקויִרן קיין מינסק.

***

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר האָבן זיך אין פאַניק געלאָזט לויפן צום וואָקזאַל און אויפן וועג האָבן אונדז צעשראָקענע ייִדן אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן געפרעגט, וואָס זיי זאָלן טאָן. מיר האָבן זיי געענטפערט: טוט דאָס זעלביקע וואָס מיר. ווייניק האָבן זיך אָבער צוגעהערט צו אונדזער עצה און אַפילו די שרייבער פון ביאַליסטאָק, זישע באַגיש און טשאַצקי, האָבן אויך נישט געוואָלט מיטפאָרן מיט אונדז אין דער אומבאַקאַנטקייט אַריין.

מיר זענען אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל און קיינער האָט אונדז גאָרנישט געפרעגט און גאָרנישט געזאָגט. נאָך אַ שטיקל קאַמף מיט די „וואָסטאָטש־ניקעס", וועלכע האָבן מיט זייערע פאַמיליעס און מיט זייער מעבל פאַרנומען גאַנצע וואַגאָנען און אונדז אין זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן, האָבן מיר זיך פונדעסטוועגן יאָ אַריינגעקריגן אין באַן. שפּעט ביינאַכט האָט דער צוג גע־רירט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אַנטלויפן פון דייטש אונטער אַ האָגל פון דייטשע באָמבעס און דייטשע קוילן. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן דערפאָרן ביז מינסק און דאָרט וועלן מיר בלייבן, ווייל ווי ווייט וועט דען די רויטע אַרמיי לאָזן גיין פאָרויס דאָס דייטשע מיליטער? ווען מיר זענען אָבער אויפן דריטן טאָג אָנגעקומען קיין מינסק, האָט די שטאָט שוין געברענט און מיר זענען ווייטער אַוועק אין וועג. ערשט אין סמאָלענסק האָט די מאַכט זיך פאַרינטערעסירט מיט אונדזער הפקרדיקן עשאַלאָן און אים געגעבן אַ דירעקטיוו צו פאָרן קיין טאַמבאָוו, אויסמיידנדיק מאָסקווע. פון טאַמבאָוו האָט מען אונדזער צוג שוין געשיקט קיין נאָוואָוזענסק, אין סאַראַ־טאָווער געגנט.

ביז סמאָלענסק האָט די מאַכט אַפילו נישט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער צוג פירט פּליטים. ס'איז געווען אַזאַ בהלה, אַזאַ צעמישעניש, אַז איינער האָט נישט געוווּסט וואָס דער אַנדערער טוט. אין דער דאָזיקער בהלה האָבן מיר זיך אַרויסגעגליטשט פון דער סכנה־סטרעפע, צו דער בפירושער איבעראַ־שונג פון דער סאָוועטישער מיליטערישער מאַכט, וואָס האָט אין אַנדערע פונקטן פון די נייע סאָוועטישע געביטן בשום אופן נישט דערלויבט דער באַ־פעלקערונג, אַז זי זאָל זיך עוואַקוירן.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען די סאָוועטישע אָרגאַניזירונג פון אונדזער עוואַ־קואַציע, דורך וועלכער מיר האָבן זיך געראַטעוועט דאָס לעבן.

— 5 —

וועגן קוויטקאָס קומען צו אונדז קיין נאָוואָוזענסק, האָב איך שוין דער־מאָנט. עס וועט אָבער נישט שאַטן צו דערציילן, אַז קומענדיק אין דעם קליינעם ראַיאָן־שטעטל אַריין, איז ער, נאָך איידער ער האָט זיך געזען מיט עמעצן פון אונדז, אַוועק אין דעם ראַיאָנעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און דאָרט זיך געמאָלדן ביים סעקרעטאַר, וועלכן ער האָט איבערגעגעבן דעם ציל פון זיין באַזוך. מען קען מיינען, אַז דאָס איז געווען אַ מוז און אַז אַזוי האָבן זיך געפירט אַלע שרייבער אין רוסלאַנד. דאָס איז אָבער נישט אַזוי. ס'איז נישט געווען קיין שום אָפיציעלער דין, אַז קומענדיק אין אַ געוויס אָרט מיט אַזאַ מין שליחות, זאָל מען זיך מוזן מעלדן אין די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. לייב

קוויטקאָ האָט אָבער געהאַנדלט לפנים משורת הדין, ווי אַ פרומער אָפּגעהי־טענער ייִד טוט אָפּטמאָל זאַכן, וואָס ער איז מדאוריתא ומדרבנן גאָרנישט מחויב צו טאָן. נאָך מער: קוויטקאָ, דער באַרימטער שרייבער, נישט נאָר אויף דער ייִדישער, נאָר אויך אויף דער נישט־ייִדישער גאַס, דער אָרדנטרעגער און דער מיטגליד פון סאָוועטישן שרייבער־פאַריין, איז לויט זיין מעמד געשטאַ־נען פיל העכער אין דער סאָוועטישער יעראַרכיע, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם פאַרוואָרפענעם ראַיאָן־קאָמיטעט אין אַזאַ שטעטל ווי נאָוואָזיבקאָוו. אָבער ווי אַ כשרער סאָוועטישער בירגער האָט ער פאַרבויגן זיין כבוד פאַר דעם כבוד פון דער פּאַרטיי און איז געגאַנגען צום ראש פון דער שטאָט, פּונקט ווי אַ פרומער ייִד וואָלט אין די אַמאָליקע ציטן געגאַנגען נעמען שלום צום מרא דאתרא, כאָטש ער אַליין וואָלט געמעגט זיין אַ סך אַ גרעסערער למדן און גדול בתורה פאַר יענעם.

קוויטקאָס קומען קיין נאָוואָזיבקאָוו איז פאַר אונדז געווען אַן אומגע־ריכטע זאַך. ווען מיר האָבן אים פלוצים דערזען זענען מיר געווען ביז גאָר אָנגענומען איבעראַשט. נאָך וויכטיקער איז פאַר אונדז געווען דער ציל פון זיין וויזיט. קנאַפּע צוויי יאָר האָבן מיר אין רוסלאַנד געמוזט האַלטן פאַרשטשע־מעט די ציין און נישט געטאָרט אויסשרייען אונדזער ווייטיק און אונדזער צאָרן איבער די מעשים פון די נאַציס אין פוילן. עס איז דאָך געווען די צייט פון דעם גוט־באַקאַנטן היטלער־סטאַלין שותפות, ווען יעדעס וואָרט, יעדער רמז וועגן די גרויליקע מעשים פון די היטלעריסטן איז געווען פאַרבאָטן און האָט נישט געטאָרט געדאַכט ווערן. אין יענער צייט האָט דער יונגער דיכטער מאָטל גרוביאַן, דער אָנפירער פון דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה אין מינסק, שיער נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ צוליב דעם, וואָס ער האָט אין זיינער אַ ראַדיאָ־אוידיציע דורכגעלאָזט דאָס וואָרט „נאַצי" און ער האָט זיך געראַטעוועט בלויז דורך דעם, וואָס דאָס איז געשען עטלעכע טעג פאַר דעם אָנגריף פון דייטש־לאַנד אויף רוסלאַנד, אַזוי אַז מען האָט אים שוין נישט באַוויזן צו אַרעסטירן און מען האָט אים בלויז באַזייטיקט פון זיין אַמט. קלאָר, אַז אין יענער צייט האָבן מיר אַפילו נישט געטאָרט רעדן וועגן דעם גורל פון די ייִדן, וואָס זענען געבליבן אין פוילן אונטער דער נאַצישער הערשאַפט און דאָס אייניציקע וואָס מען האָט אונדז דערלויבט, און אַפילו ביי אונדז געפאָדערט, איז געווען צו שרייבן וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון די אַמאָליקע פוילישע הערשער... איז דעריבער פאַרשטענדלעך אונדזער סאַטיספאַקציע ווען קוויטקאָס קומען צו אונדז האָט אויף אַ ממשותדיקן אופן אַראָפּגענומען דעם שלאָס פון אונדזער מויל און מיר האָבן דערפילט, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט צו דערציילן, אי וועגן דעם פיין פון פוילישן ייִדנטום, אי וועגן די אכזריותן פון די נאַציס.

דאָס דאָזיקע האָט אונדז ווי צוריק צונויפגעבונדן מיט אונדזער היים, מיט אונדזערע פּוילישע ייִדן און עס האָט גלייכצייטיק אַראָפּגענומען פון אונדזערע הערצער דעם שטיין פון געצוווּנגענעם שווייגן, וועלכן מיר האָבן איצט גע־וואָרפן דער גרויזאַמער היטלעריסטישער מאַכט, וואָס האָט שוין אויך באַוויזן צו ווערן דער שונא נומער איינס פון דער סאָוועטישער ממשלה.

ווי תמיד ביי אַזעלכע פאַלן אין רוסלאַנד, איז די נעכטיקע עבירה גאָר גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מצווה. און די דאָזיקע ייִדיש־קאָמוניסטישע שרייבער צווישן אונדז, וועלכע האָבן ערשט נעכטן אונדז געמוסרט דערפאַר וואָס מיר שטייען מיטן פּנים צו דער פינצטערניש אין פּוילן, אָנשטאָט צו שטיין מיטן געזיכט צו דער ליכטיקייט פון ראַטנפאַרבאַנד, ד"ה: מיר טראַכטן וועגן די היטלעריסטישע אכזריותן, אָנשטאָט מיר זאָלן אין זין האָבן די ווילטוערישקייט פון דער סאָוועטנמאַכט, האָבן אונדז איצטער שוין געמוסרט דערפאַר, וואָס מיר שרייבן נישט גענוג גיך וועגן די אכזריותן, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום איז אויסגעשטאַנען דורך די נאַצי־אָקופּאַנטן. איצט איז געקומען די צייט פון וכל המרבה הרי זה משובח, ווער עס שרייבט מער וועגן און קעגן דייטשלאַנד איז ראוי געלויבט צו ווערן און, פאַרשטייט זיך, אַז די ייִדישע קאָמוניסטן, וועלכע זענען פון אייביק אָן געווען געשיקטע מאַכערס, אויסגעלערנט נאָכצוקומען יעדן באַפעל מיט דער גרעסטער שנעלקייט, האָבן אויך איצט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זריזים ביים אויספירן די נייע פאַרטיי־באַשטעלונג. דאָס האָט אונדז אָבער שוין נישט געאַרט, ווייל אויך פון זייער שלא לשמה האָבן מיר געקראָגן די געלעגנהייט צו זאָגן דאָס, וואָס מיר האָבן ביז איצט געוואָלט און נישט געקענט. מיר האָבן זיך דערביי געטראַכט: זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צו לעבן און זאָל זיין אויפן באַפעל פון דער קאָמור־ניסטישער ממשלה, אַבי צו קענען שרייבן וועגן די ייִדן אין פּוילן און וועגן זייערע ליידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

***

קוויטקאָ האָט נישט לאַנג געווײַלט אין נאָוואָזיבסק. זיין קומען האָט אָבער ביי אונדז נאָך שטאַרקער אויפגעוועקט דעם חשק זיך אַרויסצורייסן פון דעם דאָזיקן מקום, ווו מיר האָבן פאַר זיך נישט געזען קיין שום תכלית און ווו עס האָט אונדז דערוואַרט די ערגסטע נויט.

נאָוואָזיבסק געפינט זיך אויף דער מזרח זייט פון דער וואָלגע, אין מיטן פון אַ גאָלדענעם סטעפּ, וואָס איז באַרימט מיט זיין ווייץ־שפע אין גאַנץ רוסלאַנד. צו דעם שטעטל גייט צו אַן איין־ליניעדיקע באַן, וואָס פאַר־פאַרט נאָך איין סטאַנציע און קערט זיך אום קיין סאַראַטאָוו. נאָך דער דאָ־

זיקער לעצטער טופּיק־סטאַנציע הייבט זיך שוין אָן דער מערב־קאַזאַכישער מדבר, דורך וועלכן די אַזיאַטישע לאַנדשאַפט שניידט זיך אַריין מיט אַ זאַמדיקן, הונגעריקן און וויסטן קליין אין דער טעריטאָריע פון אייראָפּע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס נאָוואָוזענסק ליגט אין מיטן פון דעם גאָלדיק־ווייצענעם סטעפּ, איז אָבער דאָס שטעטל גופא אַ שוידערלעך אָרעמס און עס דערמאָנט די קללהדיקע מדבר־ישובים, אָדער די אָריענטאַלע מצורעים־שטעט. ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אין דעם דאָזיקן שטעטל און מיר האָבן דערזען די ליימענע קיביטקעס, די נאַקעטע זון־פאַרברענטע פּאַנאָראַמע און די פאַרחושכטע מענטשן אין זייער שמאַטעדיקער הלבשה, האָבן זיך אונדז געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַ סך פון אונדזערע פרויען האָבן פאַרבראָכן די הענט און געשלוכצט: ווו האָט עס אונדז פאַרוואָרפן? דאָס איז דאָך אַן אָרט פאַר פאַרשיקטע! ווי נאַיִוו מיר זענען דעמאָלט געווען! זייענדיק עטלעכע וואָכן אין דעם דאָזיקן שטעטל, האָבן מיר זיך ערשט דערוווּסט, אַז אין נאָוואָוזענסק גופא איז כמעט נישט פאַראַן קיין איין שטוב, פון וועלכער מען זאָל נישט האָבן אַרויסגענומען קיין מענטש אויף פאַרשיקונג. אפנים, אַז פאַר דער סאָוועטישער מאַכט איז דער דאָזיקער גיהנום נאָך אַלץ געווען צופיל גן־עדן און דעריבער האָט זי פון אים אַרויסגעשיקט די דאָזיקע, וועלכע זי האָט געדאַרפט און געוואָלט באַשטראָפן.

שוידערלעך שווער און ביטער איז געווען דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן „גן־עדן". קיין ירקות זענען דאָרט כמעט נישט געוואַקסן און אויפן מאַרק האָט מען פאַרקויפט קאַרטאָפל, קליינע ווי די וועלטשענע ניסלעך פאַר אַ פרייז, וואָס האָט גורם געווען אַ קאָפּ־שווינדל. דערצו האָט מען זיי נישט פאַרקויפט אויפן קילאָ, אָדער אויפן פונט, נאָר צו צען אין אַ קופּקעלע. קיין פלייש איז דאָרט נישט געווען, ווייל כמעט אַלע בהמות האָט מען אויסגעקוילעט אינעם יאָר פון דער געצוווּנגענער קאָלעקטיוויזאַציע (פון יענער צייט איז דעם שטעטל געבליבן דער זכר פון די מאַסן־פאַרשיקונגען) און קיין בייע בהמות אויף פיר פיס זענען שוין נישט געבראַכט געוואָרן. אַרום שטעטל האָבן זיך געשפרייט פעלדער מיט גאָלדענעם ווייץ, אָבער די שפע איז נישט געווען פאַר דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געאַרבעט אין די קאָלעקטיוון און אין די סאָווכאָזן און האָט פאַר איר פראַצע באַקומען אַ נישטיקן לוין, פאַר וועלכן מען האָט גאָרנישט געקענט קויפן.

די אָרטיקע איינוווינער האָבן זיך אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן מיט זייערע פריוואַטע גאָרטן־ווירטשאַפטן, וועלכע זענען געווען זייער מאָגער. זיי האָבן אָבער זייערע פראָדוקטן געמוזט פאַרקויפן פאַר אַ מלוכהש־פעסטגעשטעלטן פרייז און האָבן פאַר די זעלביקע פראָדוקטן געמוזט צאָלן אַ צענפאַך העכערן

פרייז, ווען זיי האָבן זיי געוואָלט צוריק קויפן. דאָך איז זיי פּאַרט בעסער געווען ווי אונדז, די פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין געלט און נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט ערגעץ ווו צו פאַרדינען, אַ חוץ אין די קאָל־כאָזן, ווו די אַרבעט איז געווען אַן אוממענטשלעך שווערע און דערצו אַ ניש־טיק־באַצאָלטע. דאָס האָט אונדז געבראַכט דערצו, אַז מיר זאָלן טראַכטן וועגן אַרויספאָרן פון נאָוואָזיבנסק אין עפּעס אַ גרעסערער שטאָט. חוץ אַלעם איז נאָך דער קלימאַט דאָרט געווען אַ קאָנטינענטאַלער, זומער שרעקלעך הייס און ווינטער מוראדיק קאַלט, און מיר האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר דעם אָנקומענדיקן ווינטער, ווייל מיר זענען אַנטלאָפן פון ביאַליסטאָק אין די זו־מערדיקע מלבושים און וועגן קריגן ווינטערדיקע האָט מען אין נאָוואָזיבנסק אַפילו נישט געטאָרט חלומען. דאָס אַרויספאָרן פון נאָוואָזיבנסק איז אָבער נישט געווען קיין גרינגער ענין און ס׳איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם ביז מיר האָבן זיך פּאָרט דערשלאָגן די דערלויבעניש דערצו און מיר זענען מיט מזל אַוועקגעפאָרן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען מיט די באַרימטע רוסישע „טעפּ־לושקעס" איבער אַ שטיק אַזיע, זענען מיר אָנגעקומען קיין אַלמאַ אַטאַ, וואָס האָט אונדז באַזונדערס געלאָקט מיט זיין וואַרעמען קלימאַט און וועגן וועלכן מיר האָבן געהערט, אַז דאָרט איז גאָר קיין ווינטער נישטאָ.

קוויטקאָס קומען צו אונדז אין נאָוואָזיבנסק, זיין ברענגען אונדז אַ ביסל געלט און זיין איינשטעלן זיך פאַר אונדז ביי דער מאַכט, שוין בלויז דורך דעם, וואָס די מאַכט האָט געזען, אַז מען אינטערעסירט זיך מיט אונדז אין מאָסקווע, האָט אומדירעקט צוגעהאָלפן צו אונדזער אַרויספאָר און האָט אונדז אַזוי אַרום געראַטעוועט. אַ ראיה: די דאָזיקע חברים אונדזערע, וועלכע זענען צוליב פאַרשידענע סיבות מיט אונדז נישט אַרויסגעפאָרן פון דאָרט און זענען געבליבן אין נאָוואָזיבנסק, האָבן שפּעטער געליטן מוראדיקע צרות און זענען פון דאָרט אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן, דערביי איז אַ גרויסער טייל פון זיי טאַקע נישט געבליבן לעבן, נאָר איז אומגעקומען אין מיטל־אַזיע פון הונגער און עפּידעמיעס, וואָס האָבן דאָרט געבושעוועט.

**
*

נאָוואָזיבנסק איז געווען דאָס ערשטע אמת־סאָוועטישע מקום, ווו מיר האָבן פּנים אל פּנים זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכ־קייט, ווען מיר זענען נאָך געווען אין ביאַליסטאָק און מיר האָבן געפרעגט קשיות אויף דעם יושר פון סאָוועטישן לעבן, האָבן אַ סך אונדז געענטפערט: וואָס וווּנדערט איר זיך? דאָ איז דאָך אַ נייער סאָוועטישער געביט, דאָ זענען דאָך די מענטשן נאָך נישט איבערדערצויגן און נאָך נישט אַריינגעוואַקסן אין

סאָציאַליזם. אין רוסלאַנד גופא איז אָבער אַנדערש. דאָרט איז דער סאָציאַ־ליזם שוין אַ פאַקט און מען דאַרף אים נישט ערשט איינפירן אַזוי ווי אין די נייע געביטן.

מאָלט אייך, אַז מיר האָבן שוין פריִער געוווסט, אַז דאָס זענען תירוצים פאַר די בענטש־ליכט, וואָרום מיר האָבן גוט געזען ווי אַזוי עס זעען אויס די „איבערדערצויגענע" מענטשן, וואָס זענען צו אונדז, קיין ביאַליסטאָק, אָנגעקומען פון די ערטער וווּ דער סאָציאַליזם האָט שוין געבליט און גע־וואַקסן איבער צוואַנציק יאָר. מיר האָבן געזען זייער גייציקייט, זייער ביטרע־קייט, זייער אויסגעהונגערטקייט און זייער סקרופולאָזיקייט ביים פאַרשאַפן זיך אַ ביסל אַ בעסער לעבן — זיי זענען ממש געגאַנגען איבער טויטע, אַבי זיך איינצושאַפן אַ בעסער מלבוש, אַ בעסערע דירה און אַ בעסער שטיקל מעבל. חוץ דעם האָבן אויך נישט געפעלט צווישן אונדז קיין מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין טיף־רוסלאַנד און זענען פון דאָרט אַנטלאָפן, אַנדערציילנדיק זיך שוידערלעכקייטן וועגן דעם דאָרטיקן לעבן און וועגן דער רעכטלאָזיקייט פונעם סאָוועטישן בירגער, ווי אויך וועגן דער נויט אין וועלכער עס לעבט דער רוב פון די פויערים אין די קאָלכאָזן. ס'איז אַפילו אומגעגאַנגען אַ כאַראַקטעריסטישער וויץ: אַ קליין סאָוועטיש קינד, וואָס איז מיט זיין פאָטער געקומען אין די נייע געביטן, האָט, דערזעענדיק אַ בעטלער אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן, געפרעגט דעם פאָטער: טאַטע, דאָ זענען אויך פאַראַן קאָלווירטן? מען האָט אויך זיך געחכמעט, אַז יעדעס מאָל, ווען מען זאָגט „כל", עסט מען נישט קיין ברויט, אַז מען זאָגט „כל נדרי" עסט מען אַ מעת־לעת נישט קיין ברויט. אַז מען זאָגט „כל חמירא" עסט מען אַכט טעג נישט קיין ברויט. אַז מען זאָגט „כל־כאָז" עסט מען אַ גאַנץ יאָר נישט קיין ברויט. פון די דאָזיקע וויצן און חכמות איז צו זען, אַז מיר האָבן שוין עפּעס, און מער ווי עפּעס, געוווסט וועגן דעם גליקלעכן, פריידיקן סאָ־וועטישן לעבן, אומשטיינס געזאָגט, אָבער אַז דאָס לעבן זעט אויס אַזוי ווי מיר האָבן עס דערזען אין דעם שטעטל נאָוואָזיבקאָ, דאָס האָבן מיר זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטעלן. דאָ האָבן אוודאי שוין נישט געגאָלטן קיין שום תירוצים. דאָ האָבן מיר דערזען די סאָוועטישע וואָר אין איר גאַנ־צער נאַקעטקייט. דאָ האָבן מיר דערזען דעם סאָוועטישן מענטש אין זיין ווירקלעך געשטאַלט און דאָס סאָוועטישע לעבן אין זיין פולן אמת.

קוויטקאָ, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ האַלב לעבן אין דעם סאָוועטישן גן־עדן, האָט דעם אמת נישט געזען און ער האָט אַפילו אין דעם ליימיק־הונגעריקן נאָ־וואָזיבקאָ הנאה געהאַט דערפון, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעבויט אַ גרויסן מאַגאַזין פאַר תבואה. ער האָט נעבעך נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן,

אַז דער דאַזיקער מאַגאַזין איז געווען די קללה פונעם שטעטל, וואָרום אין אים האָבן זיך געזאַמלט די אַלע תבואה־רעזערוון, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן פון דער נויטליידנדיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיי אַרויסגעבראַכט פון דער ערד מיט אַ שווידערלעך־שקלאַפישן בזיעת אפּם.

***

איין קליינער פּרט דאַרף דערציילט ווערן:

צוויי שרייבער פּליטים האָבן געוווינט אין אַ ליימענער קיביטקע, וואָס איר באַלעבאָס איז געווען פאַרשיקט און די באַלעבאָסטע איז געוואָרן מאָביליזירט אויף פעלד־אַרבעט. נעבן די שרייבער האָט געוווינט אַ רוסישער בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. ער איז געווען אַ קאַרליק און אַ הויקער, איז געגאַנגען אויף צוויי קוליעס און האָט געהאַט אַ שפּיציק פּנים פון אַ שד. ווי אַן אינוואַליד פון אַזאַ מדרגה האָט ער געהאַט רעכט צו אַרבעטן אַלס קוסטאַר און האָט טאַקע בײַ זיך אין דער קאַנורע געהאַט אַ ווערקשטעל צו פאַריכטן פּרימוס־מאַשינקעס, זייגערלעך און כדומה מעכאַניזמען. פאַרשטייט זיך, אַז אַלס קוסטאַר איז אים געגאַנגען אַ סך בעסער ווי די אַנדערע וואָס האָבן געאַרבעט אין די קאָלכאָזן און די שטעטלדיקע לייט האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן עושר און האָבן אים מקנא געווען.

דער דאָזיקער בעל־מום האָט זעלטן שיין געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע און צוליב דעם האָבן מיר זיך מיט אים פאַרחבֿרט. ער פלעגט אָפט קומען צו אונדז, זיצן אויף אונדזער ליימענער פּריזבע און מיט אונדז שמועסן. ער האָט זייער ליב געהאַט אונדז אויסצופרעגן וועגן דעם ווי אַזוי מיר האָבן געלעבט אין דעם ווייטן פּוילן. מיר האָבן געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל, ווײַל מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז קיין סך דערציילן איז נישט כדאַי. איינמאָל האָט ער אונדז געבעטן מיר זאָלן אים דערציילן וואָס מיר האָבן, למשל, געגעסן בײַ זיך אין פּוילן אויף אַ מיטיק. מיין חבֿר האָט גענומען שילדערן אַ מיטיקעסן אין דער היים: צום ערשט — אַ שטיקל הערינג, דערנאָך אַ זופּ פון קאַרטאָפל, קאַשע, רייז אָדער לאָקשן, אָפּטמאָל אויך אַ שטיקל פלייש און אַזוי ווייטער. מיין חבֿר האָט חלילה נישט מגזם געווען, נאָר פאַרקערט, ער האָט נאָך אַראָפּגענומען אַ ביסל פון דעם אַמאָליקן מעניו, כדי אים מאַכן נענטער צום אויפנעם פון דעם נאָוואָוזענסקער תושב. בײַ אים, דעם קוסטאַרישן בר־מזל אָבער, האָבן זיך די אויגן צעלויכטן און די סלינע האָט אים אָנגעהויבן רינען איבער דער גאָמבע. ער האָט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים אויסרעכענען די מאַכלים פון וועלכע עס איז באַשטאַנען אַ געוויינלעכער מיטיק אין פּוילנלאַנד און מיין חבֿר האָט עס געטאָן. ענדלעך

אָבער האָט זיך דער בעל־מום צעלאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער און ווען ער האָט זיך שוין אויסגעקייכט פון זיין לאַך־אַנפאַל, האָט ער געזאָגט:

— יאַ סאָווסיעם זאַביל טשטאָ טי פּיסאַטיעל... (איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ שרייבער). דערביי האָט ער דאָס וואָרט „שרייבער" אַרויסגערעדט מיט אַזאַ אינטאָנאַציע, ווי מ׳זאָגט אַמאָל: כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ ליגנער, אַן אויסטראַכטער, אַ בעל־גוזמא און אַ מענטש, וואָס קיין וואָר וואָרט גייט נישט אַרויס פון זיין מויל.

אַ פאַקט איז, אַז דער מעניו פון אַ פּוילישן מיטיק האָט אים אויסגעזען אַזוי ווילד און ס׳איז אים אַזוי אוממעגלעך געווען צו גלויבן, אַז אַזעלכע געוויינלעכע מענטשן, ווי מיר, האָבן אַזאַ מיטיק געגעסן, אַז ער האָט די שילדערונג אָנגענומען פאַר אַ שרייבערישער פאַנטאַזיע און דערצו נאָך פאַר אַ גראָטעסק, מיט וועלכער מען איז אויסן אים צו פאַרוויילן.

נישט אַזוי האָט מען אָבער אויף דער דאָזיקער שילדערונג געקוקט אין די אָרטיקע ממשלה־קרייזן. ווען דער אינוואַליד האָט איבערדערציילט זיינע באַקאַנטע, וואָס פאַר אַ הומאָריסטן מיר זענען און וואָס פאַר אַן אויסטערלישע זאַכן מיר קענען אַלץ אויסטראַכטן, האָט מען פון די „הויכע פענצטער" אונדז מודיע געווען, אַז מיר זאָלן דעם דאָזיקן סאָרט „הומאָר" מער נישט פּראַקטיצירן, וואָרים עס קענען זיך געפינען נישט באַוווסטזיניקע בירגער, וואָס וועלן די דאָזיקע פאַנטאַזיע וועגן אַ מיטיק אין פּוילן נאָך אָננעמען פאַר אַן אמת...

— 6 —

מערערע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַטאָנען, אַז קוויטקאָ איז געווען אַ גוטמוטיקער, און טאַקע — אַ גוטער מענטש.

ער איז געווען חבריש, פריינטלעך און ווייך אין זיין באַציִונג צו די קאָלעגן און גאַנץ באַזונדערס צו אונדז, די פליטים פון פּוילן.

ער האָט אָבער געקענט זיין צו מענטשן פונקט אַזוי שטרענג און האַרט אין זיין בייזקייט, ווען מען האָט אים מיט עפּעס דערצערנט, ווי גוט און ווי ווייך ער איז געווען אין זיין גוטסקייט, ווען מען איז אים געווען צום האַרצן.

און דערצערנט האָט מען אים ווען מען האָט זיך נישט געפירט אַזוי ווי ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך פירן, אָדער ווען מען האָט געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט געהאַלטן אַז דאָס דאַרף נישט געטאָן ווערן.

דערהויפּט ווען מען האָט מיט דער אויפפירונג אַרויסגעוויזן אומבאַציִונג צום סאָוועטישן לעבן, אָדער ווען מען האָט מיט דער טוונג זיך אַרויסגעבראָכן פון דעם איינגעשטעלטן סאָוועטישן לעבנס־סדר.

דעמאָלט איז דער לאָם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָקס.

די מילדע שאָף — אין אַ ווילדן ביק.

ווען דער גורל האָט אונדז אַלעמען פאַרוואָרפן אין דער קאַזאַכישער הויפּטשטאָט, אַלמאַ אַטאַ, האָט קוויטקאָ געטאָן אַלץ, כדי צו פאַרגרינגערן אונדזער לעבן און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער אַליין איז שוין דעמאָלט געווען אַ פּליט, ווייט פון דער היים, אַרויסגעריסן פון זיין סביבה און מטופל מיט כלערליי זאָרגן וועגן זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ, האָט ער, פון דער ערשטער רגע אָן, געדאגהט וועגן אונדז און זיך פאַר אונדז איינגעשטעלט אומעטום, ווו דאָס איז נאָר געווען נייטיק.

דערביי האָט ער אונדז אָבער אויך כסדר געלערנט הלכות התנהגות אַלס סאָוועטישע שרייבער.

אים איז למשל נישט געפעלן געוואָרן וואָס מיר, די פּליטים־שרייבער פון פּוילן, האָבן געהאַט אַ טבע זיך צוזאַמענצוקומען אין דעם קאָרידאָר פון שרייבער־פאַריין אין אַלמאַ אַטאַ און דאָרט צו פאַרברענגען די פאַרמיטיק־שעהן אין שמועס און אין גערייד.

ער האָט צו אונדז געטענהט:

— סאָוועטישע שרייבער בטלענען נישט קיין צייט אין די פאַריין־קאָרי־דאָרן. סאָוועטישע שרייבער זאַמלען זיך וואָס ווייניקער צונויף אין קופּקע־לעך. זיי זיצן אין דער היים און אַרבעטן.

ער איז געווען גערעכט, קוויטקאָ. צי סאָוועטישע שרייבער זענען טאַקע געזעסן אין דער היים און געאַרבעט, ווייס איך נישט, אָבער אמת איז, אַז זיי האָבן ווירקלעך אויסגעמיטן אַזעלכע מיני אומאָפיציעלע צוזאַמענטרעפן און זיי האָבן בכלל זיך צו אָפט נישט פאַרגינען אַזעלכע סאָרטן פרייע שמועסן אויפן נוסח פון די שרייבער אין אויסלאַנד, אין קלובן אָדער אין קאַפעען.

ס׳איז נישט געווען געזונט פאַר דער פּאָליטישער כשרות פון אַ מענטש, אַז מען זאָל אים צו אָפט זען ביי אַזעלכע אונטערהאַלטונגען.

ער איז אויסן געווען אונדזער טובה, קוויטקאָ.

מיר, די פּליטים־שרייבער, זענען אָבער דעמאָלט געווען אין אַ ספּעציע־לער לאַגע: מיר האָבן געוווינט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען, מיר האָבן נישט געהאַט קיין היימען און קיין טישן, ביי וועלכע מיר זאָלן קענען אַרבעטן און מיר זענען בכלל געווען צופיל צערודערט און אָנגעשראָקן פון די געשעע־נישן, אַז מיר זאָלן קענען פראַווען שרייבערישע התבודדותן און זיך נישט צוזאַמענקומען, כדי צו הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

קוויטקאָ האָט אָבער דאָס נישט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט נאָר געזען, אַז מיר פירן זיך נישט לויט דעם סאָוועטישן אורח חיים, לויט דעם סאָווע־טישן לעבנסשטייגער.

איז ער אויף אונדז אין כעס געוואָרן און האָט מיט אונדז גערעדט זייער שטרענגע רייד.

ס'האָט שיעור געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל זיך מיט אונדז צעקריגן אויף אייביק.

***

ס'איז אָבער דערצו נישט געקומען און די סיבה איז געווען דאָס, וואָס קוויטקאָ האָט איינמאָל באַשלאָסן אונדז צו באַזוכן אין אונדזערע היימען.

ווען קוויטקאָ איז אין אַ האַרבסטיקן טאָג געקומען צו אונדז איז ער אַזוי אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם מעמד, וואָס ער האָט ביי אונדז געטראָפן, אַז ער האָט שוין מער נישט פאַרלאַנגט פון אונדז קיין סאָוועטישע אויסגע־האַלטנקייט.

ער האָט שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיר זיצן נישט אין אונדזערע שטובן און פאַרוואָס עס יאָגט אונדז אַרויס אין גאַס אַריין, בכדי כאָטש עטלעכע שעה זיך צו געפינען אין אַ מענטשלעכער וווינונג.

אַלמאַ אַטאַ איז געווען אַ וווּנדערשיינע שטאָט. זי איז געלעגן צופוסנס פון הויכע בערג. ניין חדשים אין יאָר האָט אויף די בערג געבלענדט אַ ווייַ־סער שניי און אַז מען האָט געזען די דאָזיקע בערג אין די צעשפּילטע פאַרבן פון דער אָוונטיקער שקיעה, האָט דאָס האַרץ גענומען צאַפּלען אין עקסטאַז פון אַנטפּלעקונג און עס האָט זיך געוואָלט זינגען אַ לויב־געזאַנג צו גאָט פאַר זיין ווערק און פאַר דער כישופדיקער פּראַכט וואָס ער האָט באַשאַפן.

ווי יעדע סאָוועטישע שטאָט איז אָבער אַלמאַ אַטאַ באַשטאַנען פון צוויי טיילן: פון אַ נייעם צענטער מיט אויסברוקירטע ליכטיקע גאַסן, ווו עס האָבן זיך געפונען די מלוכהשע בנינים און ווו עס האָבן געוווינט די פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער מאַכט, און פון אַ גרויסער צאָל פעריפעריע־שטעטלעך, ווו ס'האָט געוווינט און געלעבט די מאַסע, דער המון־עם. די דאָזיקע פּעריי־פעריע־שטעטלעך זענען ביינאַכט געווען איינגעטונקען אין שטאָק פינצטער־ניש. די גאַסן אין זיי — נישט ברוקירט און די זומפּיקע בלאָטע אויף זיי — אַזוי גרויס און געדיכט, אַז מען האָט געמוזט קריכן ממש אויף אַלע פיר, כדי זיך פון איר אַרויסצוקאַראַבקען. די הייזער זענען געווען הילצערנע, אָן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן און דערצו אַזוי געדיכט באַוווינט, אַז אין יעדער הייזקע פון צוויי דלת על דלת שטיבלעך האָבן געלעבט דריי משפחות אין די ערגסטע אומהיגיענישע און אומסאַניטאַרע באַדינגונגען. דערביי אָן עלעק־טריש ליכט און אָן דעם נייטיקסטן מעבל אין שטוב.

קוויטקאָ, ווי אַ שרייבער פון מאָסקווע האָט, נאַטירלעך, באַקומען אַ שטיקל דירה אין דעם נייעם טייל פון שטאָט. מיר, די פּליטים־שרייבער, זענען

געווען צופרידן, ווען מיר האָבן זיך אַליין אויסגעזוכט נעבעכדיקע דירות אין די שטאָטישע פּעריפעריעס.

און אָט איז קוויטקאָ, אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטיק, אַרויס פון זיין וווינונג אין צענטער־שטאָט, כדי צו באַזוכן אונדז אין די שטאָטישע פּעריפע־ריעס. ער איז אַרויס אין אַ פּאָר ברוינע פּאַנטאָפל, וואָס זענען גוט געווען פאַר דעם טריבן וועטער אויף די ברוקירטע שטאָטישע גאַסן. צען מינוט גאַנג פון שטאָטישן צענטער איז ער אָבער אַריינגעפאַלן אין דעם בלאָטיקן זומפּ פון די פּעריפעריעס און ער האָט געטאָפּטשעט אין די בלאָטעס ביז דער קני. אַזוי האָט ער זיך דערקליבן צו אונדזערע וווינונגען און ווען ער האָט דערזען, ווו און אין וועלכע באַדינגונגען מיר לעבן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ צעווייטיקט האַרץ זיך פאַר אונדז אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז געמוסרט באשר מיר זיצן נישט אין דער היים, נאָר אין דעם קאָרידאָר פון שרייבער־פאַריין. ער האָט דערזען אונדזער נויט און האָט אונדז פאַרשטאַנען. ער האָט מער אונדז קיין פאָרוואורף נישט געמאַכט און האָט נאָך מער זיך איינגעשטעלט פאַר אונדז, סיי ביי דער אָנפירונג פון שרייבער־פאַריין און סיי אין די העכערע פּאַרטייאישע אינסטאַנצן.

די דאָזיקע איינשטעלעניש זיינע האָט אונדז אָבער נישט קיין סך גע־האָלפן און אים אַליין האָט זי געבראַכט אַ גרויסע רעה.

**
*

קיין אַלמאַ אַטאַ זענען זיך דעמאָלט צוזאַמענגעקומען אַ היפּשע צאָל שריי־בער, רוסישע, אוקראַינישע און יידישע. צווישן די יידישע האָבן זיך געפונען די פּליטים־שרייבער פון פּוילן און אויך פּליטים־שרייבער פון אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, לעטלאַנד און מאָסקווע.

צווישן די רוסישע שרייבער, וואָס זענען עוואַקויִרט געוואָרן קיין אַלמאַ אַטאַ האָבן זיך געפונען גאַנץ אָנגעזעענע מענטשן. געווען דאָ קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש מאַרשאַק, מיכאַיִל זאָשטשענקאָ, דער אַל־טיטשקער סערגייעוו־צענסקי, וו. י. אילין, סערגיי מיכאַלקאָוו, ק. פּאַוסטאָוו־סקי און נאָך אַ סך אַנדערע.

צווישן די יידישע שרייבער פון רוסלאַנד האָט זיך דאָ געפונען, אַ חוץ קוויטקאָ, מ. פּינטשעווסקי, מ. אַראַנסקי, י. גערשענזאָן, רבקה רובין מיט איר מאַן דעם מאָלער, מאיר אַקסעלראָד (אַ ברודער פון זעליק אַקסעלראָד), ה. בלאָשטיין און נפתלי הערץ קאָן געווען דאָ אויך דער שרייבער יאָשע ראָזענ־בוים און דער פּראָפעסאָר שאַץ־אַנין פון ריגע, אָשעראָוויטש, לאַצמאַן פון קאָוונע און אלחנן וואָגלער, פון ווילנע.

געווען דעמאָלט אויך אין אַלמאַ אַטאַ אַ גרויסע צאָל סאָוועטישע געלערנטע, מענטשן מיט גרויסע נעמען, ווי אויך אַ גרויסע צאָל אַקטיאָרן, רעזשיסאָרן, מוזיקער און מאָלער פון קיעוו, כאַרקאָוו, לעניגראַד, מאָסקווע און אַנדערע שטעט, וואָס זענען פאַרנומען, אָדער באַדראָט געוואָרן דורכן דייטש.

אין אָנהייב זענען מיר אַלע עוואַקווירטע אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין איין פּליטים־קעסל און סיי מיר, די ייִדישע שרייבער פון פּוילן, סיי די באַרימטע סאָוועטישע געלערנטע, האָבן געגעסן אין איין פּליטים־קיך און זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער זעלביקער אומפּריינטלעכער און אַפילו שנאהדיקער באַציִונג מצד די קאַזאַכישע גאַסטגעבער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די „פּראַוודאַ‟ אין מאָסקווע האָט געפונען פאַר נייטיק צו שרייבן אַ לייט־אַרטיקל וועגן דער שלעכטקייט פון די קאַזאַכן צו די פּליטים. דאָס האָט געווירקט ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין קאַזאַכסטאַן האָט זיך געשלאָגן על חטא און די באַציִונג צו די פּליטים האָט זיך ראַדיקאַל געביטן. זייער מערכה האָט זיך שאַרף און גרינטלעך געענדערט.

נישט געענדערט האָט זיך אָבער די באַציִונג פון די קאַזאַכישע שרייבער צו די ייִדישע פּליטים און דערהויפּט — צו די פּליטים־שרייבער פון פּוילן. די שנאה וואָס די קאַזאַכן האָבן מער נישט געקענט אַרויסווייזן צו די רוסישע און אוקראַינישע שרייבער־בעזשענצעס, האָבן זיי מיט נאָך מער פאַרביסנקייט אַרויסגעוויזן צו די ייִדישע שרייבער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום אָנעמער און וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט ווי דאָס פינפטע ראָד צום וואָגן. די רוסישע שרייבער האָבן אין אַלמאַ אַטאַ געהאַט אַ רוסישע טאָג־צייטונג, אין וועלכער זיי האָבן געדרוקט זייערע זאַכן. זיי האָבן אויך געהאַט אַ מאַסע וועלכע האָט פאַרשטאַנען רוסיש און פאַר וועלכע זיי האָבן פון צייט צו צייט געקענט פאָרלייענען זייערע שריפטן. רוסיש איז דערצו נאָך אין אַלע ווינקלען פון רוסלאַנד די הערשנדיקע שפּראַך און עס איז זייער געפערליך צו דיסקרימינירן קעגן דער דאָזיקער שפּראַך און קעגן אירע שעפער. אַנדערש איז אָבער געווען אונדזער לאַגע, די לאַגע פון די ייִדישע שרייבער. נישט בלויז אין קאַזאַכסטאַן, נאָר אויך אין גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט נישט געפינען קיין איין ייִדישע צייטשריפט אין וועלכער מיר זאָלן זיך קענען דרוקן. אַזאַ ווי קוויטקאָ האָט נאָך געקענט, צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט, געפינען אַן איבערזעצער. מיר אָבער האָבן קיין בעלנים אויף איבערזעצן אונדזערע זאַכן נישט געקריגן. מיר זענען דעריבער געווען אין אַ לאַגע פון געצוווּנגענער אומפּראָדוקטיוויטעט און, לויט דעם כלומרשטן כלל אין רוסלאַנד, אַז ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט, איז אונדזער רעכטלעכע לאַגע געווען זייער אַ

ביטערע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו באַווייזן זיך אין דער עפנטלעכקייט מיט אונדזער פּאַקטישער שרייבערישער אַרבעט און דעריבער האָבן די קאַזאַכן געקענט טענהן, אַז מיר זענען אומזיסטיקע פרעסער.

אמת, מיר האָבן זיך באַמיט צו פאַרדינען אונדזער שטיקל ברויט דורך זייטיקע, אָפט פיזישע אַרבעטן און אויך אונדזערע פרויען האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַבריקן און אַרטעלן. מיר וואָלטן אָבער בשום אופן נישט גע־קענט אויסקומען, ווען מיר זאָלן נישט געניסן פון די זכיותן, וואָס עס האָבן געניאָסן די מיטגלידער פון שרייבער־פאַריין. די דאָזיקע זכיותן — אַ ברויט־קאַרטע און אַ מאָגערע צוטיילונג אין מאַגאַזין אויף פּראָדוקטן — האָבן אונדז אָבער די קאַזאַכישע שרייבער נישט פאַרגינען און ס׳איז כסדר אויסגעקומען צו פירן מיט זיי אַ קאַמף, אַז זיי זאָלן אונדז נישט אָפּזאָגן די דאָזיקע שפּייז־צוטיילונגען צו וועלכע מיר זענען אַלס מיטגלידער פון סאָוועטישן שרייבער־פאַריין געווען באַרעכטיקט.

***

דער דאָזיקער קאַמף איז געווען זייער אַ שווערער און עס האָט אים גע־פירט קוויטקאָ מיט דער הילף פון אייניקע רוסישע שרייבער, ווי זאָשטשענקאָ און פּאַוסטאָווסקי.

אַלע פאַר וואָכן האָט אונדז די אָנפירונג פון קאַזאַכישן שרייבער־פאַריין אָפּגעשטעלט די צוטיילונגען, וואָס דאָס האָט באַטייט, אַז מיר פאַרלירן אויך די רעכט צו וווינען אין שטאָט. אייניקע ייִדישע שרייבער, ווי בלאָשטיין, נפתלי הערץ קאָן, זענען טאַקע אַוועק אין די קלענערע שטעטלעך אַרום אַלמאַ אַטאַ. פאַר אונדז, די פּליטים פון פּוילן, האָט אָבער אַזאַ פאַרלאָזן די שטאָט באַטייט פשוטער אומקום אין די ווילדענישן פון מיטל־אַזיאַטישן דאָרף. האָט קוויטקאָ, מיט דער הילף פון אונדזערע רוסישע פריינט, גענומען אָפּשרייען די גזירה און פועלן, אַז מ׳זאָל אונדז נישט צונעמען די רעכט אויף דער צוטיי־לונג. דאָס האָט זיך געצויגן כמעט ביז אונדזער אַוועקפאָר פון אַלמאַ אַטאַ און ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער לעבן איז דורך דעם געווען אַזוי שווער, אַז מיר האָבן שוין נישט געגלייבט, אַז מיר וועלן זיך אַרויסקריגן פון דאָרט מיט גאַנצע ביינער.

אין דעם שווערן קאַמף פאַרן לעבן, אין דעם כסדרדיקן גערַאַנגל מיט די קאַזאַכישע שרייבער, איז טאַקע אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט דער ליבער מענטש יאַשע ראָזענבוים פון ריגע. אַ צייט לאַנג האָט ער צוזאַמען מיט אונדז פאַר־דינט אויף אַ שטיקל ברויט, אַלס סטאַטיסט אין דער אָרטיקער פילם־סטודיע. ס׳איז געווען אַ צער צו זען, ווי ער, דער בכבודיקער מענטש, מיט אַ קראַנק האַרץ און אויפגעשוואָלענע פיס, איז נעבעך געלאָפן אויף דער אָנווייזונג פון

די רעזשיסאָרן איבער שטאָק און שטיין. ער האָט אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרדינען די פּאָר נישטיקע רובל. די רעזשי־סאָרן, וואָס האָבן געוווּסט ווער מיר זענען, האָבן אונדז על פּי רוב באַהאַנדלט ברוטאַל, מיט אַנטיסעמיטישער אָבער אויך סתם גראָביונגערישער פּיינט־שאַפט. זיי האָבן געשריגן, אַז זיי דאַרפן נישט האָבן קיין ייִדישע פּנימער אין זייערע רוסישע פילמען און אַפילו ווען מען האָט שוין געמאַכט אַ פילם וועגן די אכזריותן פון די דייטשן איבער דער סאָוועטישער באַפעלקערונג און מען האָט שוין יאָ פילמירט אַ סצענע, ווי די דייטשן דערשיסן עטלעכע ייִדן, האָט דער רעזשיסאָר איוואַן פּיריעוו, דער שפּעטערדיקער מיניסטער פאַר דער פילם־פּראָדוקציע אין גאַנץ רוסלאַנד, זיך איבער אונדז אַזוי איזדיעקעוועט און אונדז אַרויסגעוויזן אַזאַ ווילדע ייִדן־שנאה, אַז מיר האָבן בלית ברירה זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן פאַרדינסט. אין דעם דאָזיקן אַמביענט, האָט ראָזענ־בוים געהונגערט און געליטן ביז ער איז אויסגעגאַנגען אַן עלנטער אין אַ שפּיטאָל און מ׳האָט אים מקבר געווען אויף דעם קאַזאַכישן בית־עולם צווישן די קברים פון אַ סך אַנדערע פליטים, וועלכע האָבן געזוכט רעטונג אין קאַ־זאַכסטאַן און געפונען דעם טויט אין איר פּרעכטיקער באַרג־שטאָט אַלמאַ אַטאַ.

יאַשע ראָזענבוים איז, וואָס אַן אמת, געווען אַ קנאַפּער שרייבער. ער איז אָבער געווען אַ מזג טוב און אַ ליבהאַרציקער מענטש. פאַר דער מלחמה האָט ער סימפּאַטיזירט מיטן קאָמוניזם און איז אַפילו געפאָרן פון ריגע קיין ביראָבידזשאַן זען, ווי אַזוי דער ראַטנפאַרבאַנד האָט „געלייזט די ייִדן־פראַ־גע״. מיר איז נישט באַוווּסט, צי ער איז טאַקע דעמאָלט דערפאָרן ביז ביראָ־בידזשאַן, אָבער, אַז ער האָט אין מאָסקווע געהאַט אַ שיינע אויפנאַמע — דאָס ווייס איך אויף געוויס. דאָס איז אָבער געווען דעמאָלט, ווען ער איז געקומען קיין רוסלאַנד אַלס טוריסט. אין די יאָרן, וועגן וועלכע איך דערצייל, איז ער אין רוסלאַנד געווען אַ ביעזשעניעץ — אַ פליט, און ער האָט מיר תמיד געזאָגט, אַז איצט זעט ער אין איין טאָג מער ווי פיל ער האָט דעמאָלט געזען אין אַ חודש. ער איז געשטאָרבן אין אַן אַלמאַטינער שפּיטאָל בייגאַכט, רופנדיק נאָך הילף בעת אַ האַרץ־אַטאַקע. די הילף איז אָבער נישט געקומען, ווייל דער דיזשורירנדיקער דאָקטער האָט געהאַט בילכערע זאַכן אויפן קאָפּ, ווי זיצן אין שפּיטאָל טאָמער וועט אים אַ קראַנקער באַדאַרפן. אויף מיין גורל איז דעמאָלט אויסגעפאַלן צו גיין אין מתים־שטיבל אים „דערקענען״ און אים אַרויסנעמען צו באַגראָבן. נאָך דעם ווי איך האָב געגעבן מיין אונטערשריפט, אַז איך האָב אים „אָפּגענומען״ און האָב דערמיט ערוב געווען, אַז קיינער וועט אים מער נישט פאָדערן, האָבן מיר אים אַרויפגעלייגט אויף אַן אָפענעם לאַסט־אויטאָ און זענען מיט אים פאָרפאָרן צום שרייבער־פאַריין. דאָרט האָט אָבער

קיינער נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק זיך צו פאַרנעמען מיט אַ געשטאָר־בענעם פּליט, אַ ייִדישן שרייבער און דער שאַפער פון אויטאַ האָט דערצו נאָך געגוואַלדעוועט, אַז מיר זאָלן עס מאַכן גיכער, ווארים ער מוז נאָך היינט ערגעץ אָפּפירן אַ טראַנספּאָרט סאַקסאַול־האָלץ. זעגען מיר טאַקע אַ מאַן פיר, ייִדישע שרייבער פון פּוילן, געווען זיינע איינציקע באַגלייטער און די טרערן וואָס זענען געפאַלן פון אונדזערע אויגן אין זיין אָפענעם קבר אַריין, האָבן באַווייזט נישט בלויז אים, נאָר אויך אונדז גופא, אונדזער מערכה און דעם שייגעם תכלית צו וועלכן מיר זענען דערפירט געוואָרן.

אויף צוריקוועגס פון בית־עולם האָבן מיר געטראָפן קוויטקאָן. ער האָט זיך שפּעט דערוווּסט פון דער גאַנצער מעשה. ער איז געווען שרעקלעך צע־וויטיקט, אי פון ראָזענבוימס טויט, אי פון דעם, וואָס דער פאַריין האָט אים אַפילו קיין לוויה נישט איינגעאָרדנט. ער האָט געטרייסט דער אלמנה אַ חוץ מיט געוויינלעכע ווערטער, אויך מיט דער ידיעה, אַז ער האָט פאַר איר אויס־געפועלט, אַז זי זאָל אַ חודש צייט באַקומען די שפּייז־צוטיילונג פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. ווי אומהיימלעך די דאָזיקע „טרייסט" איז נישט גע־ווען, איז אָבער נאָך ערגער געווען דאָס, וואָס זי איז נישט מקוים געוואָרן. ראָזענבוימס אלמנה האָט די צוגעזאָגטע שפּייז־צוטיילונג נישט באַקומען און אין 6 חדשים אַרום האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די דאָזיקע צוטיילונג האָבן „אַראָפּגעשלונגען" די באַאַמטע פון קאַזאַכישן שרייבער־פאַריין.

— 7 —

דאָס רשעות, וואָס די קאַזאַכן האָבן אַרויסגעוויזן צו די ייִדישע שרייבער האָט קוויטקאָן זייער געטראָפן און הגם ער, פּערזענלעך, האָט פון דער דאָזי־קער שלעכטער באַציִונג נישט געליטן, ווייל ער איז געווען אַ צו גרויסע פיגור אין דער סאָוועטישער שרייבער־וועלט, אַז די קאַזאַכישע פאַריין־אָנפירונג זאָל זיך דערלויבן קעגן אים דירעקט צו דיסקרימינירן, האָט אים אָבער די דאָזיקע עוולה שטאַרק צערודערט, אי צוליב אונדזערע ליידן און אי צוליב דעם שאָטן, וואָס זי האָט געוואָרפן אויף זיין אומפגימהדיקן גלויבן אין דער גוטסקייט און גערעכטיקייט פון סאָוועטישן לעבן.

— כ'האָב אָפּגעלעבט אין מאָסקווע אַזויפיל יאָרן — האָט ער געטענהט — און כ'האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז ביי אונדז, אין ראַטנ־פאַרבאַנד, איז אַזוינס מעגלעך.

דאָס, וואָס איז ווייטן אַלמאַ אַטאַ איז יאָ מעגלעך געווען דאָס דאָזיקע, וואָס איז, לויט אים, כלומרשט נישט מעגלעך געווען אין מאָסקווע האָט קוויט־קאָ זיך אויסגעטייטשט מיט דעם, וואָס די קאַזאַכישע שרייבער זענען נאָך

נישט געגנוג איבערדערצויגן. בעל כורחו איז ער אויך גרייט געווען מסכים צו זיין, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס זיי זענען שלעכטע מענטשן, פול מיט אַ מין אַזיאַטישער ביטערקייט און דזשינגיס כאַנישער שנאה צו אַזעלכע, וואָס שטייען פון זיי גייסטיק העכער. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט צוגעבן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּשוטער אַנטיסעמיטישער דערשיינונג און אַז דער קוואַל פון דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטיזם איז די אומצופרידנקייט און דער ווידערשטאַנד פון די קאַזאַכן קעגן דער אָנגעוואָרפענער רוסישער הערשאַפט, וואָס פאַרבאַהאַלט זיך אונטערן נאָמען פון דער אַזוי גערופענער סאָציאַליסטישער פעלקער־פריינטשאַפט.

דער אמת איז אָבער, אַז די שנאה צו אונדז מצד די קאַזאַכישע שרייבער איז געווען אַן אָפן־אַנטיסעמיטישע און זי איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, שטאַרק אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ גאַנצער ריי רוסישע פּאַרטיי־טוער אין די העכסטע אינסטאַנצן פונעם לאַנד. די מעשה איז, וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי־טוער האָבן גוט געשפּירט די פיינטלעכע געפילן פון די קאַזאַכישע שרייבער און פון דער קאַזאַכישער באַפעלקערונג צו די רוסן, וואָרים דער קאַזאַך האָט כסדר געזען אינעם רוס דעם הערשער איבער זיין לאַנד. און כאָטש דער רוס האָט איצט געהערשט אויף אַ נייעם אופן און האָט דערצו זיין ממשלה געטיילט מיט די פּאַרטייאישע קרייזן פון דער קאַזאַכישער באַפעלקערונג, זענען אָבער כסדרדיקע אַנטאַגאָניסטישע צוזאַמענשטויסן צווישן די אָרטגעבירטיקע און די פרעמדע נישט געווען קיין זעלטנהייט און די סטימולן צו די דאָזיקע געשעענישן האָבן אַרויסגעשטראָמט פון די רייען פון דער קאַזאַכישער אינטעליגענץ, וואָס האָט געמוזט צוזען, ווי איר שפּראַך און קולטור ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרדרענגט דורך דער רוסישער שפּראַך און רוסישער קולטור. די רוסן האָבן, ווי דער שטייגער איז, רעגירט דורך טעראָר פון איין זייט און דורך חניפה און געוויסע נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּריווילעגיעס פאַר דער קאַזאַכישער אינטעליגענץ פון דער צווייטער זייט. דאָס איז געווען גאָרנישט קיין לייכט רעגירן און היות די באַפעלקערונג אין קאַזאַכסטאַן באַשטייט נישט בלויז פון קאַזאַכן, נאָר אויך פון טאַטערן, אויגורן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן די רוסן דאָרט גאַנץ אָפט געזוכט אַרויסצורופן רייבונגען צווישן די קאַזאַכן און די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, בכדי אַזוי אַרום אי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון זיך, אי צו האָבן אַ תירוץ זיך אַריינצומישן, ווי דער פּסוק השלישי, וואָס גלייכט אויס די צעקריגטע. זיי, די רוסן, האָבן בכן גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז די קאַזאַכישע שנאה צו זיי זאָל איצט אָפּגעווענדט ווערן אויף די ייִדן, וואָס דער האַס צו זיי האָט זיך סיי ווי אין דער צייט געשטאַרקט אין גאַנץ רוסלאַנד. מיר, די ייִדישע

שרייבער־פּליטים, האָבן דעריבער, ווי ס׳איז אַלעמאָל אין אונדזער ייִדישן גורל, געשפּילט די ראָל פון אַ בליץ־אָפּלייטער פון דער שנאהדיקער סטיכיע. די קאָזאַכישע שרייבער ווידער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דעם אונטערגערוקטן שעיר לעזאזל און אויף אַזאַ אופן געקילט זייערע פאַרביטערטע הערצער און זיך פאַרשאַפט די סאַטיספאַקציע פון מאַכט־העכערקייט איבער אונדז, וואָס זיי האָבן לגבי די רוסישע שרייבער נישט געקענט צו בולט אַרויסווייזן.

ווי געזאָגט, זענען שפּעטער געקומען געשעענישן, וואָס האָבן אויך קוויטקאָן באַוויזן דעם הינטערגרונט פון דער דאָזיקער שנאה צו אונדז און אַפילו דעמאָלט האָט ער דעם דאָזיקע הינטערגרונט נישט דערזען, (ווייל ער האָט נישט געוואָלט אים דערזען), אין גאַנצן און אין פולן ליכט. דערווייל אָבער האָט ער לחלוטין נישט פאַרשטאַנען וואָס אַרום אים געשעט און ער האָט דאָס געשעענע געהאַלטן אין איין אויסטייטשן און פאַרענטפערן מיט פוילע תירוצים, וועלכע האָבן נישט פאַרענטפערט די זאַכן גופא, נאָר זיי האָבן בלויז פאַרענטפערט זיין אייפער פאַר דער סאָוועטישער מאַכט און פאַר דעם סאָוועטישן לעבן.

***

די צייט, די נייע לעבנס־באַדינגונגען אין וועלכע קוויטקאָ האָט זיך, אָפּטער ווי אין מאָסקווע, געמוזט צוזאַמענטרעפן מיט דער האַרטער סאָוועטישער וואָר, האָבן אים געשטעלט אַ סך קשיות און זיין אמונה אין דער גוטסקייט פון סאָוועטישן לעבן איז אָפּטמאָל געשטאַנען פאַר אַ סך נסיונות. ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און מיט אַלע כוחות געקעמפט קעגן דעם ווערעמל פון ספק. זיין קאַמף מיט זיך אַליין איז געווען אַ טראַגישער און די מיטלען אין דעם דאָזיקן קאַמף זענען מער ווי אָפט געווען קאָמישע.

מיט קוויטקאָס גלויבן, אַז דער גאַנצער אמת געפינט זיך נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד און אַז דער גאַנצער יושר ווערט פאַרווירקלעכט נאָר דורך דעם סאָוועטישן לעבן, איז נישט לייכט געווען אויסצוקומען אין באַדינגונגען, ווו אויף טריט און שריט האָט געבליט אומרעכט, געוואַלט, קאָרופּציע און שקר. מילא, אַז מען האָט זיך אָנגעטראָפן אויף גנבה, גזלה, צביעות און ליגן אין טאָגטעגלעכן מאַסנלעבן, האָט מען עס נאָך געקענט פאַרענטפערן. עס האָט געקענט הייסן, אַז נאָך אַלעמען דערציִט מען דאָך נישט קיין מאַסע אין משך פון איבער צוואַנציק יאָר. דאָס דאַרף דויערן יאָרהונדערטער. אָבער אַז די זעלבע דערשיינונגען האָבן זיך אַנטפּלעקט אין די העכסטע שפּיצן פון דער פּאַרטיי און האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ טייל פון דעם ממשלה־סיסטעם, דאָס איז שוין נישט גרינג געווען אַראָפּצושלינגען און קוויטקאָ האָט זיך אַ סך מאָל געוואָרגן מיט די דאָזיקע ביינער ביז ער האָט זיי אַדורכגעקריגן דורך זיין

האַלדז, כדי ווייטער צו קענען אָטעמען מיט דער לופט פון זיין געטריישאַפט צום סאָוועטישן לעבן.

אָט דערמאָן איך זיך איינעם פון די דאָזיקע שווערע מאָמענטן פאַר אים.

אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געוויילט דער באַוווּסטער נאָרד אַמעריקאַנער פּאָליטישער טוער ווענדל ווילקי. אַלס איינפלוסרייכער מענטש אין די פּאַרייניקטע שטאַטן, אין וועלכער דער קרעמל איז דעמאָלט געווען זייער פאַרינטערעסירט, האָט ער נאַטירלעך באַקומען אַ געהעריקע אויפנאַמע, ווייל מען האָט דעם דורכגעפאַלענעם פּרעזידענט־קאַנדידאַט געוואָלט ווייזן דאָס רוסישע לעבן פון דער סאַמע בעסטער זייט, וויסנדיק, אַז זיין באַריכט אין ניו־יאָרק אָדער אין וואַשינגטאָן קען האָבן אַ גרויסע השפּעה.

אין אַ שיינעם טאָג דערוויסט מען זיך, אַז וועגדל ווילקי וועט אויך באַזוכן דעם ווייטן מזרח און צענטראַל־אַזיע. צווישן די שטעט, וואָס מ׳איז פאַרינטערעסירט געווען אים צו ווייזן, האָט זיך אויך געפונען אַלמאַ אַטאַ. קלאָר, אַז די ממשלה־אינסטאַנצן פון אַלמאַ אַטאַ האָבן גענומען צוגרייטן די שטאָט, אַז זי זאָל ווויל־געפעלן ווערן אין דעם גאַסטס אויגן.

און אָט קומען איינמאָל פאַרנאַכט אַהיים אונדזערע פרויען, וועלכע האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון קליידער און זיי דערציילן די דאָזיקע מעשה שהיה: ביי זיי אין פאַבריק האָט זיך נאָכמיטיק באַוויזן אַ קאָמיסיע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און די קאָמיסיע האָט פאַרביי זיך געלאָזט דורכדעפילירן אַלע פרויען אַרבעטערנס. אונדזערע פרויען האָבן געזען, אַז מען מבינט זיי דאָ אָפּ נישט לויט זייער אַרבעטס־קראַפט, ווי דאָס איז אָפטמאָל געווען דער שטייגער, נאָר לויט גאָר אַנדערע מאַסשטאַבן. זיי האָבן אָבער בשום אופן זיך נישט געקענט כאַפּן וואָס דער דאָזיקער „סמאָטר” איז אויסן. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן זיך דערוווּסט איז געווען, אַז מען האָט פון אַלע אַרבעטערנס אויסגעקליבן אַ צען שיינע און גוט־אויסזעענדיקע פרויען, וועלכע מען האָט געגעבן נייע זיידענע קליידער פון דער פאַבריק און מען האָט זיי געהייסן אויף צומאָרגנס אַכט אַזייגער אין דער פרי קומען אָפּגעוואַשענע, לייטיש־אָנגעטוענע, אין בנין פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי.

**
*

דאָס דאָזיקע רעטעניש אין דער פאַבריק, ווו אונדזערע פרויען האָבן געאַרבעט האָט זיך אונדז צומאָרגנס אויסגעקלאָרט און באַשיידט. אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן איז וועגדל ווילקי אָנגעקומען קיין אַלמאַ אַטאַ און די פרויען פון דער פאַבריק האָבן צוזאַמען מיט פרויען פון נאָך אַנדערע פאַבריקן, געדאַרפט שפּאַצירן, אין זייערע נייע זיידענע אויסגעבאָרגטע קליידער, אויף

דער גאַס, וואָס האָט געפירט פון דעם וואָקזאַל ביז צום האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען.

ווענדל ווילקי האָט, הייסט עס, געדאַרפט זען, אַז אין אַלמאַ אַטאַ געפינען זיך גוט־אָנגעטוענע פרויען, וואָס קענען זיך פאַרגינען צו כאַפּן אַ שפּאַציר אין די פּאַרמיטיק־שעהן, פּונקט ווי אין אַמעריקע.

מיר האָבן, אגב, אין דעם דאָזיקן טאָג אויך דערזען, ווי אונדזער שטאָט, אַלמאַ אַטאַ, האָט באַקומען אַ נייעם אויסזען. די גאַסן זענען אויסגעפּוצט געוואָרן. די טראַמווייען, וועלכע האָבן שוין לאַנג נישט קורסירט צוליב מאַנגל אין עלעקטרישער קראַפט, האָבן פּלוצים אויפסניי גענומען גיין. די תמיד פינצטערע פלעצער זענען אין אָוונט געווען באַלויכטן און אַרום אייניקע הילצערנע הייזער, האַלב איינגעפאַלענע חורבהס, אויף דער הויפּט־גאַס, זענען מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן הויכע הילצערנע ווענט, וועלכע האָבן די חורבה־הייזקעס פאַרשטעלט פאַרן אויג פון עם דורכגייער. אויף די דאָזיקע הויכע ווענט פון דינע דיקטן־ברעטלעך זענען געווען אויסגעמאָלט די סכעמעס פון הויכע פּילשטאָקיקע, מאָדערנע געביידעס. דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז דאָ אויף דעם אָרט בויט מען אַ ניי הויז, וואָס וועט אם ירצה השם אויסזען אַקוראַט אַזוי, ווי דאָס סכעמע־בילד אויף דער דיקטענער וואַנט.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ.

מיר, די שרייבער, וויסנשאַפטלער און אַלע אַנדערע מיני אַרבעטער אין די פאַרשידענע קונסט־געביטן, זענען געווען „צוגעפעסטיקט" צו אַ מאַגאַזין, אין וועלכן מיר האָבן באַקומען די שפּייז־צוטיילונגען אויף אונדזערע קאַרטלעך. אַ קאַרטל האָט געגעבן רעכט אויף אַ צוטיילונג פון פיר הונדערט גראַם פעטס, איין קילאָ אַכט הונדערט גראַם פלייש, איין קילאָ צוויי הונדערט גראַם לאָקשן, אָדער קאַשע און צוויי הונדערט גראַם צוקער יעדן חודש. חוץ דעם — אויך פיר הונדערט גראַם ברויט יעדן טאָג. די דאָזיקע אַלע שפּייז־פּראָדוקטן האָבן מיר געקריגן אויף אַ מלוכהשן פּרייז און דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסע הילף, ווייל אויפן פרייען מאַרק האָבן די דאָזיקע פּראָדוקטן געקאָסט צען מאָל טייערער.

וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען מיר וואָלטן די דאָזיקע פּראָדוקטן טאַקע באַקומען. פאַקטיש אָבער פלעגן מיר, על פּי רוב, אָנשטאָט פלייש באַקומען פּוילע, פאַרשטונקענע פיש, אָנשטאָט לאָקשן — פאַרדומפּן מעל אָדער טוכלע הירזש, אנשטאָט פעטס — אַ חשודיק אייל, וואָס מען האָט דעם ריח זיינעם געהערט אַ מייל פון דער ווייטנס, און אנשטאָט צוקער פלעגן מיר אָפט קריגן עפּעס אַזעלכע פאַרדאַרטע קיכלעך, וואָס מען האָט זיי געדאַרפט האַקן מיט אַ האַק, כדי זיי זאָלן זיך וועלן שפּאַלטן.

אָבער אַפילו דער דאָזיקער „פּאַיאָק" איז אויך שוין געװען אַ גרױסע מציאה. מער װי אָפּט פלעגן מיר דאָס אויך נישט באַקומען. ס'האָט געהייסן, אַז דער מאַגאַזין האָט נישט קיין פּראָדוקטן און גיי שרײַ חיי וקיים. אַ חוץ געציילטע, װעלכע זענען געװען אין גוטברודערשאַפט מיטן מאַגאַזין־דירעקטאָר, פלעגט דער גאַנצער עולם דעמאָלט קריגן מכות מיט הונגער פּאָר אַ צולאָג.

דער מאַגאַזין האָט אָבער פּאַר אונדז געהאַט אַ גרױסע באַדײַטונג צוליב דעם, װײַל װי עס זאָל נישט זײַן, האָבן מיר דאָרט באַקומען אונדזערע פיר הונדערט גראַם ברויט טעגלעך. דאָס אָפּנעמען די ברויט־צוטײלונג אין מאַגאַזין איז פאַר אונדז געװען אַ גרױסע פאַרלײַכטערונג. מען האָט נישט געמוזט זיך שטופּן אין די אַלגעמײַנע ברויט־מאַגאַזינען, װו דער עולם איז געװען אַ פּראָסטער און די ענגשאַפט זײער גרױס. אין די אַלגעמײַנע מאַגאַזינען איז חוץ דעם געװען נאָך אַ צרה: די „שפּאַנאַ", די קלײנע גנבימלעך האָבן דאָרט געאַרבעט מעשים און מ'האָט אַפילו געמעגט זײַן מיט צװן קעפּ האָט מען זיך נישט געקענט אויסהיטן פון באַגנבעט צו װערן. די דאָזיקע גנבים־באַנדעס זענען דערבײַ געװען גוט אָרגאַניזירט און זײ האָבן טעראָריזירט די גאַנצע באַפעלקערונג. האָסט אַפילו געמעגט זען װי זײ באַאַרבעטן דײַנס אַ שכן אין דער רײ, האָסטו זיך נישט געטאָרט אָנרופן מיט קיין װאָרט, װײַל אַז נישט האָבן זײ דיר צעשניטן דאָס פּנים מיט אַ זשילעט־מעסערל, אָדער גלאַט אַזױ אויסגעשטאָכן די אויגן מיט אַ פּאָר שפּיציקע פינגער, צי גאָר אָנגעשלאָגן אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט דערנאָך געדאַרפט גומל מענטשן, אויב מ'האָט נישט אָפּגעשפּאָרט קיין אײביקן פעלער.

***

און אָט קומען מיר אין דעם דאָזיקן טאָג צו אונדזער מאַגאַזין אָפּנעמען דאָס ברויט אויף די קאַרטלעך און מיר טרעפן די טירן פון מאַגאַזין געשלאָסן. מיר קוקן אַרײַן אין מאַגאַזין דורך די שויבן־טירן און זען, אַז די פּאָליצעס אינעװײניק זענען דווקא פול, אויסגעשטעלט מיט אַלדאָס גוטס. אין מאַגאַזין גופא זען מיר פרויען און די פרויען װערן באַדינט דורך די פּאָר־קויפערנס. אַלץ גײט צו אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. מען זעט נישט די שטענדיקע רײען. מען הערט נישט די געװײנלעכע געשרײען. עס קומט אונדז פאָר, אַז דאָס איז נישט אונדזער מאַגאַזין, נאָר אַ חלום. מיר רײַבן זיך די אויגן: װאָס טוט זיך דאָ?

די זאַך װערט גיך אויפגעקלערט: מען דערװאַרט װענדל װילקיס װיזיט. עס קען זײַן, אַז אים װעט זיך פאַרגלוסטן צו זען, װי אַזױ עס זעט אויס אַ

סאָוועטישער מאַגאַזין, נו, וועט מען אים ווייזן... מען וועט אים ווייזן די באַפּעלקערונג, וואָס קויפט אירע פּראָדוקטן. מען וועט אים ווייזן ווי איידל און קולטורעל ס'איז די באַנעמונג. מיט איין וואָרט: מען וועט אים ווייזן ווי אַזוי עס לעבט דער בירגער אין דעם סאָוועטישן גן־עדן.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע פאַר וועגדל ווילקי האָט אונדז געקאָסט אונדזער ברויט־צוטיילונג, וואָס מיר האָבן דעם טאָג שוין נישט באַקומען. מיר האָבן אָנשטאָט אָבער ברויט געקריגן טעאַטער: מיר האָבן געזען ווי אַ טייל פון אונדזערע מאַגאַזין־פּאַרקויפערנס שטייען אָנגעטאָן אין ווייסע שירצן און וועגן אָפּ פּראָדוקטן צו די קויפערנס — אויך אָנגעשטעלטע פון דעם זעלביקן מאַגאַזין, וואָס שפּילן איצט די ראָל פון הויז־באַלעבאָסטעס.

די זעלביקע סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט אין דער גאַנצער שטאָט. אַ גאַנצע ריי רעסטאָראַנען, וואָס זענען פון משותלחס צייטן געווען אומעטיק און געשלאָסן, זענען איצט געעפנט געוואָרן. מען האָט טאַקע אין זיי דעם עולם נישט אַריינגעלאָזט, אָבער דער עולם האָט דאָך געקענט הנאה האָבן פון זען, ווי אינעווייניק אין זיי, שטייען די קעלנער אויסגעפּוצט ווי אבאלע צום גט, און וואַרטן אויף דעם געהעריקן מאָמענט, ווען דער אַמעריקאַנער גאַסט וועט זיך באַווייזן, אויב אים וועט איינפאַלן זיך צו באַווייזן. אַרום די טישלעך זיצן אַנדערע קעלנער, אָנגעטאָן ווי באַשיידענע בירגער, און וואַרטן אויך, זיי וואַרטן, אַז אין זכות פונעם גאַסט זאָל מען זיי סערווירן די געהעריקע מאכלים.

מיר זענען געוווינט געווען אין רוסלאַנד צו אַט דעם מין טעאַטער־שפּיל און מיר האָבן גאַנץ אָפּט געזען ווי אין געוויסע אינסטיטוציעס ווערט אויף גיך געביטן די דעקאָראַציע, ווען עס דאַרף זיך באַווייזן עפּעס אַ גאַסט, אַ רעוויזאָר. דער רעוויזאָר אַליין האָט געוווסט אַז אַלץ אַרום אים איז דעקאָראַציע און אָנשטעל, אָבער דאָס איז געווען אַ טייל פון סאָוועטישן לעבנס־נוסח און ער האָט עס אָנגענומען ווי אַ נאַטירלעכקייט. אונדז זענען אויך באַקאַנט געווען פאַלן, ווען מען האָט, כדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון אַן אויסלענדישן גאַסט, אַריינגעשטעלט ניי מעבל צו אַ פּראָסטן אַרבעטער אין שטוב אין דער צייט ווען ער איז געווען ביי דער אַרבעט און ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיין אייגענע וווינונג נישט דערקענט. פאַרשטייט זיך, אַז באַלד ווי דער גאַסט איז אַוועק, איז אויך אַוועק דאָס נייע מעבל פון אַרבעטערס שטוב. מען האָט זיך אויך דערציילט פון אַ פאַקט, ווען איינער אַזאַ אויסלענדישער גאַסט, וואָס האָט געהאַט חשק צו זען ווי אַזוי עס לעבן פּשוטע בירגער אין רוסלאַנד, האָט זיך מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז ער זעט שוין אין

עטלעכע דירות דעם זעלביקן טעפּיך, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דעם דיל און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת ער איז געפאָרן פון איין דירה אין דער אַנדערער, האָט אַ גיכערער פון אים, אויף אַן אויטאָ, שוין דאָרט געהאַט אַריבערגעפירט דעם זעלביקן טעפּיך. דאָס אַלץ האָבן מיר געוווּסט, אָבער אַז מען קען אַ גאַנצע שטאָט פאַרוואַנדלען אין אַזאַ צירק, אין אַזאַ מאַסקאַראַד, דאָס האָבן מיר זיך נישט פאַרגעשטעלט און דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע אַטראַקציע נישט בלויז פאַר אונדז, נאָר פאַר אַלע אירע איינוווינער.

טשעקאָווע איז געווען די רעאַקציע פון דער באַפעלקערונג אויף דעם דאָזיקן פּורים־שפּיל. אין אַנהייב האָט דער עולם געשוויגן. געשוויגן גאָר נישט פריינטלעך. אָבער שפּעטער האָט עפּעס עמעצער אַ זאָג געטאָן איראָניש: מי אַבמאַנולי אַמעריקאַנצאַ, (מיר האָבן אָפּגענאַרט דעם אַמעריקאַנער) און דער דאָזיקער זאָג האָט זיך גיך פאַרשפּרייט, אָבער שוין אַן דער איראָנישער נאָטקע. דער עולם האָט, הייסט עס, אין זיין בלית ברירהדיקייט געפונען אַ סאַטיספאַקציע אין דעם וואָס „אונדזערע" האָבן אָפּגענאַרט דעם אַמעריקאַנער יאַלד. מען האָט נישט געוואָלט זען און טראַכטן וועגן דעם, אַז מען איז אַליין ביטער אָפּגענאַרט געוואָרן. נאָר מען האָט זיך געמאַכט פריילעך דאָס געמיט מיט דעם קונצשטיקל, מיט וועלכן „מיר" האָבן איבערגעכיטרעוועט דעם גאַסט. די דאָזיקע סאַטיספאַקציע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סאָוועטישן מענטשן, ווי בכלל פאַר מענטשן, וואָס אַנשטאָט צו וויינען אויף זייער אייגענער פיינלעכער לאַגע, מאַכן זיי גאָר חוזק פון יענעם, מיינענדיק אַז זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט צום נאַר.

***

קוויטקאָן האָט דער דאָזיקער ענין זייער נישט געשמעקט. ער האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק און אַלץ געוואָלט אויסברייען, אַז די דאָזיקע גאַנצע מעשה איז געווען עמעצנס אַ ווילדער איינפאַל און אַז בכלל ווערן אַזעלכע זאַכן אין ראַטנפאַרבאַנד נישט געטאָן, ווייל דער ראַטנפאַרבאַנד גייט נאָר מיטן אמת און די הויכע פאַרטיי־אינסטאַנצן ווייסן נישט פון קיין אַנשטעל און פון קיין שקר. שפּעטער איז טאַקע אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז פון מאָסקווע האָט מען געמאַכט אַ שאַרפן פאַרוואורף דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאַזאַכסטאַנער פאַרטיי דערפאַר, וואָס ער האָט נישט ווי געהעריק פאַרשטאַנען זיין אויפגאַבע. אין אַ דירעקטיוו פון מאָסקווע איידער ווילקי איז געפאָרן קיין אַלמאַ אַטאַ האָט מען באַפוילן צו ווייזן דעם גאַסט די שטאָט און דאָס לעבן פון די בירגער. מען איז אָבער אויסן געווען צו ווייזן פונקט דאָס פאַר־

קערטע. צוליב דער הילף וואָס מען האָט געוואָלט קריגן פון אַמעריקע, האָט מען דעם גאַסט געדאַרפט ווייזן, ווי שווער עס לעבט די סאָוועטישע באַ־פעלקערונג און וואָס פאַרא גרויסע קרבנות זי ברענגט אויפן מזבח פון דער מלחמה. די טוער פון קאַזאַכישן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן אָבער דאָס נישט פאַרשטאַנען און זיי זענען געגאַנגען מיט דעם געוויינלעכן גאַנג, אַז אַ גאַסט דאַרף מען ווייזן דאָס גליקלעכע גן עדן לעבן פון סאָוועטישן בירגער, אַזוי ווי מען איז דערצו געווינט געווען פון אַלע פריִערדיקע יאָרן.

די דאָזיקע מעשה האָט אונדז טאַקע דערציילט קוויטקאָ גופא און ער האָט דערביי טריומפירט, וואָס זיין טעזע איז געווען אַ ריכטיקע. זיין גלויבן איז געווען גערעטעוועט. דער אמת איז אָבער, אַז קוויטקאָ אַליין האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז אַזוי צי אַזוי האָט ער מיט דער געשיכ־טע אַנטפּלעקט דעם אמת, אַז אין רוסלאַנד זענען אַזעלכע מאַסקאַראַדן אַ געוויינלעכע זאַך און אַז זיי ווערן געמאַכט לויט דער אָנווייזונג פון די העכ־סטע ממשלה־אינסטאַנצן, הגם נישט אַלעמאָל אַזוי ווי זיי ווילן און פאַר־לאַנגען.

— 8 —

כאָטש די מעשה מיטן אָן־בושהדיקן מאַסקאַראַד, וואָס מען האָט אַרויפ־געצוווּנגען אויף אַ גאַנצער שטאָט האָט קוויטקאָן געקאָסט אַ סך געזונט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַלטן פעסט און נישט געמינערט קיין חוט השערה פון זיין געטריישאַפט צו דעם דאָזיקן רעזשים, וואָס האָט זיך גע־האַלטן מיטן כוח פון אַזעלכע מיני פאַלשקייטן. דאָס לעבן אין אַלמאַ אַטאַ האָט אָבער געליפערט קוויטקאָן אַ סך, אַ סך אַנדערע נסיון־מאָמענטן פאַר זיין אומדערשיטערלעכער אמונה. אין די דאָזיקע מאָמענטן איז ער אָפטמאָל אויפ־געטרייסלט געוואָרן ביזן גרונט פון זיין נשמה, אָבער אויך דעמאָלט איז זיין גלויבן נישט צעטרייסלט געוואָרן און נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער צוריק געפונען זיין פריִערדיקן גלייכגעוויכט.

אַזאַ מאָמענט פון טיפסטן נשמה־אויפטרייסל האָט ער איבערגעלעבט, ווען עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דער שקר וועגן דזשאַמבולן, צוליב אַ סך טעמים איז כדאַי די דאָזיקע מעשה איבערצודערציילן, הן אין שייכות מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון קוויטקאָן, הן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערקענטעניש פון סאָוועטישן לעבן.

***

דזשאַמבול, דער קאַזאַכישער פאָלקס־פּאָעט, איז געווען די לעבעדיקע לעגענדע פון גאַנץ ראַטנרוסלאַנד. מיט זיין נאָמען האָט מען זיך אין סאָוועטנ־

פאַרבאַנד געגרויסט און מען האָט אים תמיד אַרויסגעשטעלט ווי אַ לעבעדיקן עדות־זאָגער אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון קאָמוניזם. דזשאַמבולס גרויסקייט, דזשאַמבולס פּאָפּולאַריטעט האָט דערציילט וועגן די סאָוועטישע דערפּאָלגן אויפן געביט פון קולטור־אויפטו פאַר די נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן באַוווינט די ריזיקע רוסלענדישע טעריטאָריע.

די דאָזיקע פעלקער און פעלקערלעך, וועלכע האָבן פריִער אפילו קיין אייגענעם אלף־בית נישט פאַרמאָגט, האָבן איצט, הייסט עס, געקריגן מעגלעכקייטן אַרויסצוגעבן פון זיך דיכטער און צווישן זיי איינעם פון וועלטבאַטייט. וואָרים פאַקטיש איז דאָך דער נאָמען פון דזשאַמבולן באַקאַנט געווען נישט בלויז אין די גרענעצן פון ראַטנרוסלאַנד, נאָר אויך מחוץ איר, ד״ה, מען האָט אויך דאָרט געוווּסט וועגן זיינע לידער און מען האָט אויך דאָרט אים באַטראַכט ווי אַ דיכטערישן פענאָמען און ווי אַן אייגנאַרטיקן, פאַרינטריגירנדיקן, גרויסן טאַלאַנט.

די סאָוועטישע דזשאַמבול־לעגענדע האָט דערציילט, אַז ער איז אַלט קרוב צו הונדערט יאָר און אַז ער איז אין זיין יוגנט געווען אַן אומוויסנדיקער פּאַסטוך — אַ לייב־אייגענער ביי אַן אַזיאַטישן בעי. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַפרייט אים אַליין, באַפרייענדיק אויך זיין פאָלק און אין די פרייע באַדינגונגען פון סאָוועטישן לעבן האָט ער זיך פּלוצים אַנטפּלעקט מיט זיין דיכטערישער מוזע און געוואָרן אַ פאָלקס־זינגער. עס האָט געהייסן, אַז דאָס נייע סאָוועטישע לעבן האָט אַזוי אינספּירירט דעם דיכטערישן טאַלאַנט פון דזשאַמבולן, אַז ער האָט זיך פּלוצים צעזונגען מיט דאַנקשאַפט צו דער רעוואָלוציע און צו אירע גרויסע פאַרווירקלעכונגען אויפן געביט פון פעלקער־פרייהייט און נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוון שעפערישן פאָלקס־גליק.

דזשאַמבול דזשאַבייעוו, דער קאַזאַכישער קלאַסיקער, איז ווי געזאָגט, געווען איינער פון די באַרימטסטע מענטשן אין ראַטנפאַרבאַנד. אין גאַנץ רוסלאַנד זענען געווען שטעט, וואָס האָבן געהאַט דזשאַמבול־גאַסן. אין קאַזאַכסטאַן גופא איז מיט זיין נאָמען גערופן געוואָרן די צווייט גרעסטע שטאָט אין דער רעפּובליק. הויכשולן, מלוכהשע און קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, פאַבריקן און קאָלכאָזן, וואָס האָבן געהייסן „דזשאַמבול״ זענען געווען אָן אַ שיעור און דער כבוד וואָס מען האָט אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן בשר ודם איז געווען אָן אַן ערך און אָן אַ מאָס.

זעלטן ווען עס איז געווען אַ יומא דפגרא אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אָדער עס איז פאָרגעקומען עפּעס אַ וויכטיקע געשעעניש אין לאַנד, אַז מען זאָל דערביי אין אַלע צייטונגען נישט ברענגען דזשאַמבולס געלעגנהייטלעכע וואָרט און דזשאַמבולס בילד. אַלע פּאָר חדשים האָט מען אים מזכה געווען מיט אַ

בייער אויסצייכענונג, מיט אַ נייעם אָרדן, מיט אַ נייער פּרעמיע און מיט אַ נייעם טיטל. אין קאַזאַכסטאַן האָט ער געלעבט ווי אַ שרה שבשררות: ער האָט געהאַט זיין אייגענעם פּריצישן גוט, זיין אייגענע סוויטע על חשבון המלוכה, זיין אייגענעם אויטאָמאָביל, זיינע אייגענע שעפּסן און זיינע אייגענע פערד. זיין „אימעניע״ האָט זיך געפינען הינטער אַלמאַ אַטאַ, אין דעם פּרעכטיקן טאָל פון די זיבן טייכן און גאַנץ אָפט פלעגט געמאָלדן ווערן, אַז די קאַזאַכישע שרייבער און פאַרטיי־טוער זענען צו אים אַרויסגעפאָרן מיט אַן ערן־באַזוך, כדי, ווי עס האָט זיך געזאָגט, מיט אים צו באַהאַנדלען וויכטיקע קולטור־פּראָבלעמען אין הסכם מיט די נייע אָנווייזונגען פון דער פּאַרטיי פאַר דער ליטעראַטור.

די דאָזיקע כלומרשטע צוזאַמענטרעפן מיט דזשאַמבולן פלעגן שפּעטער ברייט און פאַרביק באַשריבן ווערן אין אַלע סאָוועטישע אויסגאַבן, ווו עס האָבן זיך אויך כסדר געדרוקט באַשרייבונגען וועגן זיין לעבן. אָפגערעדט שוין דערפון, אַז יעדעס ליד זיינס פלעגט תיכף איבערגעזעצט ווערן אויף אַלע סאָוועטישע שפּראַכן און אויף אַלע סאָוועטישע לשונות האָבן קינדער פון אַלע עקן לאַנד געשריבן צו אים בריוו מיט דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג. דערביי פלעגן די בריוו זיך תמיד פאַרענדיקן מיט דעם באַקאַנטן נוסח, אַז ווען זיי, די קינדער, וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי זיך באַמִיִען צו גיין אין זיינע וועגן, אָדער בכלל זיך באַמִיִען ראוי צו זיין צו לעבן אין אַזאַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויסן מענטש ווי דזשאַמבול.

כדי צו באַקומען נאָך מער באַגריף וועגן דעם ווער ס׳איז געווען דזשאַמבול, וועט, מיין איך, גענוג זיין צוצוגעבן, אַז סטאַלין אַליין האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט זיין נאָמען, ווען ער האָט אָפּגעגעבן באַריכטן אויף די פּאַרטיי־קאָנגרעסן „וועגן די געוואַלטיקע אויפשטייגן פון דער סאָוועטישער קולטור און בכלל וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער פעלקערפריינטשאַפט״.

***

אין קאַזאַכסטאַן, ווי בכלל אין די מקומות פון צענטראַל־אַזיע, איז אַמאָליקע צייטן זייער פּאָפּולער געווען דער טיפּ פאָלקס־פּאָעט, וואָס האָט געוואַנדערט איבער שטעט און איבער אָולן און פאַרגעזונגען פאַרן עולם זיינע אימפּראָוויזאַציעס אויף פאַרשידענע טעמעס. די דאָזיקע וואַנדערנדיקע פאָלקס־מאַרשעליקעס, אַ מין אַזיאַטישע באַרדן, זענען דאָרט גערופן געוואָרן אַקינען. זיי האָבן זיך געקליידט אין ספּעציעלע פאַרביקע טראַכטן און האָבן זיך אַליין באַגלייט זייערע זינגענדיקע זאָגעכצן אויף אַ סאָרט גיטאַרע, וואָס הייסט: דאַמבראַ. אין די פריִערדיקע צייטן פלעגן די דאָזיקע זינגער

וואַנדערן מחנותוויז, אָפּט אַפּילו איינאַרדענען צווישן זיך אַ מין פּאַרמעסט — אַן „אייטיס״ — אויף וועלכן דער עולם־צוהערער האָט אויפן אָרט אַרויס־געזאָגט זיין מבינות און געפּרייזט דעם געווינער מיטן אָוועקגעבן אים די קערה מיטן צוזאַמענגעקליבענעם נדבה־געלט. די אַקינען זענען געווען פרייע פייגל, הגם זיי האָבן געהערט צום מוסולמענישן כלי־קודש. זיי האָבן געהאַט די פּריווילעגיע אַריינצוזאָגן דעם, אויף וועלכן זיי האָבן געהאַט אַ בייז האַרץ, כלומרשט דערפאַר, וואָס ער גייט נישט אין מחמדס וועגן. זיי האָבן אויך נישט געשוינט איינער דעם אַנדערן און זיך מכבד געווען מיט גאַנץ שפּיציקע ווערטלעך און גראַמענישן, פון וועלכע דער עולם האָט, אגב, שטענדיק הנאה געהאַט, פונקט ווי אונדזער עולם, אין אונדזערע באַדינגונגען, האָט הנאה פון דער האַרבער און שאַרפער פּאָלעמיק צווישן צוויי שרייבער. אַ סך מאָל האָבן זיי פשוט געוויילט דעם צוהערער מיט וויצן און צווײַדייטיקייטן, אָדער האָבן געלויבט ביזן הימל אַריין דעם וואָס האָט זיי געגעבן אַ פעטן מאָלצייט, אַקו־ראַט ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע בדחנים אויף אַ חתונה, ווען דער מחותן האָט זיי אָרנטלעך באַהאַנדלט.

אַז די סאָוועטנמאַכט האָט זיך פאַרפעסטיקט אין מיטלאַזיע האָט זי די פרייע פייגל, די וואַנדערנדיקע אַקינען, גענומען אונטער איר השגחה, וואָרום זי האָט דאָך נישט געקענט דערלאָזן, אַז איבערן לאַנד זאָלן אַרומגיין מענטשן און זאָגן דאָס וואָס עס געפעלט זיי און דאָס וואָס קען געפעלן ווערן דעם עולם. אַזוי אַרום זענען די אַקינען ביסלעכווייז פאַרשוונדן און די וואָס זענען יאָ געבליבן, זענען געוואָרן אָנגעשטעלטע ביי דער מלוכה, וועלכע האָבן גע־דאַרפט דינען דער מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז די מאַכט איז נישט געווען פאַרינטערעסירט אַז זיי זאָלן זיך פאַרמערן, בפרט ווען עס איז אויפגעשטאַ־נען אַ נייער דור פון דיכטערישע בדחנים, וואָס האָבן זייערע לידער שוין נישט געזאָגט, נאָר געשריבן און מען האָט זיי געקענט מער קאָנטראָלירן און אינספּירירן. מיט דער צייט איז טאַקע דער שבט פון די וואַנדערנדיקע אַזיאַ־טישע בדחנים איינגעשרומפּן געוואָרן און זייער צאָל האָט זיך שטאַרק פאַר־קלענערט. אָבער דווקא דעמאָלט, ווען זייער צאָל האָט אָנגעהויבן ווערן פאַר־שווינדנדיק־נישטיק, האָט די מאַכט זיך מיט זיי אָנגעהויבן צאַצקען, עלעהיי מען צאַצקעט זיך מיט אַ סאָרט חיות אין אַ רעזערוואַט, ווען זייער מין האַלט שוין ביים אויסשטאַרבן.

***

דזשאַמבול האָט געהערט צו די דאָזיקע אויסשטאַרבנדיקע פאָעטן־אַקינען און אין דער צייט וועגן וועלכער עס רעדט זיך איז ער געווען זייער הויפּט. ער האָט געהאַט דאָס מזל נושא חן צו זיין ביי דער סאָוועטישער מאַכט,

אפשר טאַקע דערפֿאַר, ווייל ער האָט דער ערשטער פֿאַרשטאַנען שלום צו מאַכן מיט דער דאָזיקער מאַכט, מיט וועלכער אַנדערע אַקינען האָבן, ווי נאַ־ציאָנאַליסטן און מוסולמענער, נישט געוואָלט שלום מאַכן זייער אַ לאַנגע צייט. אין דער אמתן איז דזשאַמבול אָבער קיינמאָל קיין פֿאַסטוך נישט גע־ווען און קיין לייב־אייגענער — אוודאי נישט. בימי צאַר איז ער געווען אַ קליינער מוסולמענישער גייסטלעכער אָדער עפּעס אַנדערש אין דעם זין. אין די יאָרן פֿון דעם באַסמאַטשן־אויפֿשטאַנד האָט ער זיך אַפֿילו באַטייליקט אין די בונטן קעגן די באָלשעוויקעס. איינמאָל האָט מען אים געכאַפּט און ס׳האָט געהאַלטן מיט אים זייער שמאָל. ער האָט זיך אָבער געראַטעוועט פֿון דער קויל דורך דעם, וואָס ער האָט איבערגעקערט דעם פֿעלץ און איז געוואָרן אַ קאָמוניסט. פֿון דעמאָלט אָן איז ער נתגלה געוואָרן און האָט אָנגעהויבן נתעלה צו ווערן צו דער לעגענדע פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

ער אַליין, דזשאַמבול, האָט זיינע לידער קיינמאָל נישט געשריבן. ער האָט זיי אימפּראָוויזירט ביי דער באַגלייטונג פֿון דאַמברע־קלאַנג און מען האָט זיי שוין שפּעטער פֿאַרשריבן, איבערגעשריבן און דערשריבן. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז זיינע לידער האָבן געהאַט אין זיך עפּעס אַ לאַקנדיקע קראַפֿט, וואָס האָט זיך אַרויסגעצוווּנגען אויפֿן לייענער אַפֿילו ווען מען האָט זיי נישט געהערט אין זיין לשון, נאָר אויך ווען מען האָט זיי געלייענט אין איבערזעצונגען. עס איז געווען אין זיי אַ מין מזרחדיקע עקזאָטיק, אַן אויס־טערלישע היפּערבאָליק, אַן אַפֿאָריזם־אַרטיקע חכמה און דער עיקר — אַ מין אַנדערשקייט, וואָס האָט געפֿלעפֿט דעם אייראָפּעיִשן לייענער. צי זיי האָבן געווירקט דערפֿאַר, ווייל אין זיי האָט זיך אַנטפּלעקט די אייגנאַרטיקע שיינ־קייט פֿון אַן אויסטערליש־ווייט מאָנגאָליש־טורקיש פֿאָלק, אָדער דערפֿאַר ווייל עס האָט זיך אין זיי געשפּירט דער כוח פֿון אַ שעפֿערישער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט אומבאַדינגט, אין די יוגנט־יאָרן, געהאַט דעם געטלעכן פֿונק, וואָס אַנטפּלעקט זיך אַמאָל אין אַ פּרימיטיוון טאַלאַנט — דאָס אַלץ איז מיר שווער צו פֿאַרענטפֿערן. זיכער איז אָבער, אַז אין דער צייט, ווען וועלכער עס גייט די רייד האָט אין דער ווירקונג פֿון זיינע לידער געהאַט אַ גרויסן חלק דער אָרעאָל, וועלכער האָט געשיינט אַרום אים און וועלכער איז דורך די באַקאַנטע מיטלען פֿון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע אַזוי געשיקט אויס־געניצט געוואָרן אויף צו פֿאַרבלענדן די אויגן, אַז מען האָט לייענענדיק זיינע לידער זיך בשום אופֿן נישט געקענט באַפֿרייען פֿון אַ לכתחילהדיקער התפּעלות און דאָס מיינט, אַז מען האָט זיי נישט געקענט אויפֿנעמען מיט דער געהעריקער קריטישער אָביעקטיוויטעט.

***

איז אַט זענען מיר אין אַלמאַ אַטאַ, אין דער הויפּטשטאָט פֿונעם לאַנד וואָס אין איר לעבט און שאַפֿט דזשאַמבול. פֿאַרשטייט זיך, אַז אונדזער אינטערעס צו זען דעם לעגענדאַרן פּאָעט איז אַזוי גרויס, אַז מיר רעדן כסדר מיט קוויטקאָן וועגן אָרגאַניזירן אַן אויספֿלוג צו אים. דאָס גיט זיך אָבער עפּעס נישט איין. די אָנפֿירונג פֿון קאַזאַכישן שרייבער־פֿאַריין ווייזט אַרויס אַ בפֿירושן ווידערווילן צו אונדזער איניציאַטיוו און מיר זעען באַשיימפּערלעך, אַז מ׳איז נישט פֿאַרינטערעסירט דערין, אַז מיר זאָלן זען דזשאַמבולן.

נישט איז נישט. וואָס פֿאַר אַן עצה האָבן מיר דען? ס׳גייט אָבער אַוועק אַ שטיק צייט און מיטאַמאָל קומט דער באַרג צו מחמדן. אין אַ וואָכעדיקן פֿאַרמיטיק פֿון דעם גאָלדענעם אַלמאַ אַטינער האַרבסט פֿאַרפֿאָרט די לעגענדע פֿון רוסלאַנד מיט אַן אויטאָ אויפֿן הויף פֿון שרייבער־פֿאַריין. מיר דערזעען ווי עטלעכע קאַזאַכן מיט שפּיציקע קאָזע־בערדלעך שפּרינגען אַרויס פֿון אויטאָ און נעמען זיך פֿאָרען אַרום אַן אַלטיטשקן מאַן מיט אַ גרויי אויסגעקראָכן בערדל. זיי טראָגן אים ממש אַריין אין פֿאַריינס־לאָקאַל, ווו עס ווערט אַ גוואַלדיקע נערווועזע באַוועגונג. די אָנגעשטעלטע פֿון פֿאַריין גיבן דערביי אַכטונג, אַז מיר זאָלן זיך צו אים חלילה נישט דערנענטערן, מסתּמא דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן מורא, אַז מיר זאָלן אים נישט געבן קיין עין הרע. אַ רעש, אַ טומל, אַ כאָרכלעניש פֿון קאַזאַכישע האַלדז־קולות און דזשאַמבול איז שוין נישטאָ. מען האָט אים פֿאַרמאַכט אין דעם אויפֿנעם־צימער פֿון פֿאַריינס־סעקרעטאַר און מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ שומר ביי זיין טיר. די קאַזאַכישע שמשים האָלדערן נאָך אַ ביסל צווישן זיך ווי די הייזעריקע אינדיקעס און דערנאָך פֿאָרן זיי אַוועק אינעם אויטאָ צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פֿון פֿאַריין.

מיר זענען געפּלעפֿט. אונדז קומט דאָס אַלץ אויס עפּעס אַזוי מאָדנע און סודותדיק. וואָס היט מען זיך אַזוי פֿאַר אונדז? וואָס האָט מען אַזוי מורא? ניעוזשעלי מיינען זיי, אַז מיר וועלן אויף אים מאַכן אַן אַטענטאַט? ס׳איז אָבער נישט שייך צו פֿרעגן. אין רוסלאַנד איז מען געוווינט נישט צו פֿרעגן קיין איבעריקע קשיות.

עס גייט אַוועק אַ שטיקל צייט און מיר דערזען, אַז דער שומר פֿון דזשאַמבולס טיר איז ערגעץ ווו אַוועק. עמעצער פֿון אונדז לייגט פֿאָר, אַז מיר זאָלן פֿונדעסטוועגן כאַפּן אַ קוק וואָס אויף יענער זייט טיר טוט זיך. ס׳איז אָבער סתּם גערעדט. קיינער וועט דאָס נישט טאָן, קיינער וועט זיך דערויף נישט דערוועגן. מיטאַמאָל אָבער הערן מיר קרעכצן, זיפֿצן, זקנהשע קוויטשיקע געשרייען פֿון דעם צימער ווו דזשאַמבול געפֿינט זיך. וואָס טוט מען? אַריינגיין? נישט אַריינגיין? אָבער פּלוצים טוט זיך די טיר אַן עפֿן און פֿאַר אונדז שטייט דזשאַמבול. ער אַליין, בכבודו ובעצמו.

מיר דערזעען אַ קליינעם דראַכלע זקן. זיין פּנים איז בלוי פון כּעס. זיין אָן־ציינערדיק מויל שיט כאָרכלדיקע קאַזאַכישע קללות. ער האַלט אַ שטעקן אין האַנט און פאַכעט מיט אים אין אונדזער ריכטונג. אָט גיט ער זיך אַ לאָז צו אונדז מיט צעפּלאָנטערטע טריט און וויל אונדז מכבד זיין מיטן שטעקן, אָבער אין מיטן לויף פאַרגעסט ער דעם ציל און צעוויינט זיך הילפלאָז, חסר־דעהדיק. אַ לאַנגע רגע פון שרעק און פאַרווירונג און דערנאָך זעען מיר ווי דער אַלטער שטעלט זיך אַוועק ביי דער וואַנט אינעם קאָרידאָר און איז עובר בטלדיק משתין על הקיר און אויך אויף זיינע אייגענע צעפלויגענע פּאָלעס פון די וואַטענע בגדים.

ס׳קומט צולויפן דער שומר. ער שרייט עפּעס אויף אונדז און באַפעלט אונדז, אַז מיר זאָלן באותו רגע פאַרלאָזן דעם קאָרידאָר. ער שלעפּט גאָרנישט העפלעך און גאָרנישט דרך־ארצדיק אַריין דעם אַלטן אין צימער און מיר צעלויפן זיך אין אימפּעט. מיר קענען אָבער שווערן, אַז מיר הערן אַ דריבנע קעציש געוויין וואָס קומט פון דעם צימער ווו עס געפינט זיך די סאָוועטישע לעגענדאַרע געשטאַלט, דער געפרייזטער און באַרימטער פּאָעט דזשאַמבול דזשאַבייעוו.

— 9 —

דער זעלביקן אָוונט, ווען מיר זענען געווען ביי קוויטקאָן צו גאַסט, האָבן מיר שוין געוווּסט דעם באַשייד אויף דעם דזשאַמבול־רעטעניש. דער סוד איז געווען אויפגעדעקט. די פראַגן — פאַרענטפערט.

דזשאַמבול איז טאַקע אַ גרויסער נאָמען אין רוסלאַנד, אָבער די וואָס קענען אים פון דער נאָענט ווייסן, אַז ער איז שוין אַלט און עובר בטל. נישט ער ווייסט שוין וואָס ער רעדט, נישט ער ווייסט שוין וואָס מען רעדט אין זיין נאָמען. ס׳איז אַפילו אַ שאלה, צי אין זיין חסר דעהדיקייט גיט ער זיך בכלל אָפּ אַ דין וחשבון וועגן דעם, אַז מען רעדט אין זיין נאָמען און אַז זיין נאָמען האָט אַזאַ גרויסן ווערט אין דער וועלט.

ער איז אַלט, דזשאַמבול, זייער אַלט. אמת, נישט קיין הונדערט יאָר, ווי מען זאָגט, נאָר נײַנציק. ביי די נײַנציק יאָר איז ער אָבער שטאַרק ענלעך צו אַ קליין הילפלאָז קינד, וואָס מען מוז דערויף האָבן השגחה. די השגחה־לייט זיינע זענען די שמשים, גבאים, קרובים און סתם פּאַרטיי־לייט, וואָס נוצן אויס זיין מעמד און זיין פּאָזיציע, כדי צו מאַכן אַ לעבן. די הויכע פּאַרטיי־אינסטאַנצן ווייסן וועגן זיין מצב, אָבער זיי האַלטן אונטער די מיס־טיפיקאַציע. דער דענקמאָל טאָר נישט אַנטבראָנדזט ווערן. די לעגענדע טאָר

נישט פאַרלירן איר רייץ. אַלץ מוז בלייבן ווי פריִער. דזשאַמבול מוז בלייבן דזשאַמבול.

דאָס ציט זיך שוין גאַנץ לאַנג. שוין אין די אַכציקער יאָרן, צי אפשר נאָך פריִער, האָט דזשאַמבול פאַרלוירן זיין נאָרמאַלן שכל. די סוויטע אַרום אים האָט זיך דערזען, ווי אויפן וואַסער. עס האָט איר געדראָעט צו פאַרלירן דעם שפעדיקן פרנסה־קוואַל. האָט זי באַשלאָסן דזשאַמבולס מצב אויסצובאַהאַלטן פאַר דער וועלט. מען האָט אויפגעהערט צולאָזן צו אים צו נאָענט פרעמדע מענטשן און מ׳האָט אויסגעפונען שרייבער, וואָס האָבן געשריבן פאַר אים. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז זענען אין דער דאָזיקער מיסטיפיקאַציע אַריינגעצויגן געוואָרן אויך די העכסטע טוער פון קאָמוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין קאַזאַכסטאַן און אַז דער ענין איז דערגאַנגען קיין מאָסקווע האָט מען שוין דאָרט געהייסן דאָס שפיל ווייטער שפילן, אַזוי ווי ביז איצט.

איצט איז דזשאַמבול שוין אַ שברי כלי, אַן איבערבלייב פון אַמאָל, אַ צעבראָכענער גוף אַן גייסט און אַן פאַרשטאַנד. אָבער וויבאַלד מאָסקווע האָט אָקצעפּטירט די פאַרשטעלונג, מוז דאָס טעאַטער־שפיל ווייטער אָנגיין. די פּיעסע „דזשאַמבול” קען נישט און טאָר נישט בלייבן אָן דעם הויפּט־אַקטיאָר. זי מוז ווייטער געשפּילט ווערן ווי אין די שנים קדמוניות. פון צייט צו צייט מוז זיך באַווייזן אַ ליד פון דזשאַמבולן וועגן דער גרויסקייט פון סטאַלינען, וועגן דעם גליקלעכן סאָוועטישן לעבן, וועגן דער סאָוועטישער פעלקער־פריינטשאַפט, וועגן דער נייטיקייט צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע לטובת דעם פאָטערלאַנד, וועגן דעם חוב זיך צו שלאָגן אויף די פראָנטן אא״וו, אא״וו. דזשאַמבולס נאָמען טאָר נאָך נישט פאַרשווינדן. דער דאָזיקער נאָמען האָט זיך נאָך נישט פאַרדינט קיין עמעריטור, הגם זיין טרעגער איז שוין אַ פול־שטענדיקער גייסטיקער און שכלדיקער אינוואַליד.

איצט ווייסן מיר דאָס אַלץ שוין זייער גענוי. ס׳ווייזט זיך דערביי אַרויס, אַז פאַר אַ סך רוסישע שרייבער, צווישן וועלכע מיר האָבן גוטע פריינט, איז דאָס שוין לאַנג קיין סוד נישט. וויבאַלד מען הייסט אָבער שווייגן, שווייגן זיי. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז דער אַלטיטשקער דזשאַמבול ווערט דורך זיינע גבאים, דורך זיין סוויטע ברוטאַל באַהאַנדלט און אויסגענוצט. זיי מאַכן אויף זיין חשבון אַ רויבעריש לעבן. ווי אַזוי געשעט דאָס? זייער פשוט: נאָך מיט יאָרן צוריק האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט איינגעשטעלט אַ געוויסע נאָרמע צו באַפרידיקן דזשאַמבולס באַדערפענישן. לויט דער דאָזיקער נאָרמע האָבן אַ גאַנצע ריי שטאַטישע אונטערנעמונגען און דאָרפישע קאָלכאָזן אין קאַזאַכסטאַן אים געדאַרפט יעדן חודש צושטעלן כך וכך פּראָדוקטן, כך וכך מלבושים, כך וכך פערד, שעפּסן, סאַקסאַול־האָלץ, פּרוכטן וכדומה זאַכן, וואָס אַזאַ

מענטש ווי דזשאַמבול דאַרף האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו דעמאָלט ווען ער איז נאָך געווען ביי די פולע געדאַנקען, האָט מען די אַלע זאַכן צעגנבעט און מיט דעם רוב פון זיי זיך צעטיילט. אין דער דאָזיקער רויבערישער חלוקה האָבן געהאַט אַ האַנט, סיי זיינע גבאים, סיי די מענטשן פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַז דזשאַמבול איז געוואָרן עובר־בטל איז די רויבעריי אויף זיין חשבון נאָך גרעסער געוואָרן און די גנבה אין זיין נאָמען האָט אָנגענומען ממש גראַנדיעזע פאָרמען.

כדי אַרויסצוקריגן פון די אונטערנעמונגען אָדער קאָלכאָזן דאָס וואָס זיי האָבן לויטן געזעץ געדאַרפט צושטעלן דזשאַמבולן, און דער עיקר, כדי צו קריגן עפּעס מער, ווי דאָס, וואָס איז באַשטימט געוואָרן לויטן געזעץ, האָבן זיינע גבאים און שמשים געשלעפּט דעם זקן אין שטאָט אַריין און אים אײַבערגעלאָזט אַ הפקרן אין שרייבער־פאַריין, וואָרום עס איז גענוג געווען די ידיעה, אַז דזשאַמבול איז געקומען צו פאָרן און געפינט זיך אין שטאָט, אַז זיי זאָלן קריגן פון די געהעריקע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט קריגן.

איצט, זיצנדיק ביי קוויטקאָן אין שטוב, ווייסן מיר שוין די סיבות פון דער הײַנטיקער באַגעגעניש. מיר זענען שוין אינפאָרמירט וועגן דעם גאַנצן הינטערקוליסן־שפּיל פון דער דאָזיקער אויסטערלישער, ממש מיסטעריעזער מיסטיפיקאַציע. נאַטירלעך פאַרשטייען מיר שוין פאַרוואָס די קאַזאַכישע פאַריינס־אָנפירונג האָט נישט געהאַט קיין חשק אונדז צוצולאָזן צום אַלטן זינגער. מיר טיילן, פאַרשטייט זיך, אונדזער וויסן מיט קוויטקאָן, אָבער ער וויל פון דעם אַלעם נישט הערן. ער האַלט אַז מיר פאַנטאַזירן אויס עפּעס אַ בייזן חלום. ער איז גרייט צו זאָגן, אַז דאָס וואָס מיר האָבן היינט געזען איז געווען נישט מער ווי אַן אויגן־פאַרבלענדעניש. אָבער דאָס זאָגט ער נישט. ער זאָגט בלויז, אַז די גאַנצע מעשה לייגט זיך אים נישט אויפן שכל. וואָרים, לאָגיש גענומען, צו וואָס זאָל די סאָוועטנמאַכט אונטערהאַלטן אַזאַ שקר, ווען איר וואָלט באַקוועמער געווען ארויסצוקומען מיטן אמת? קען דען אין ראַטנפאַרבאַנד אַ מענטש נישט אַלט ווערן? קען ער דען נישט אויפהערן שרייבן? ווי איז דאָ דער שכל, די לאָגיק, וואָס מען שפּילט אַזאַ קאָמעדיע, ווען דער אמת וואָלט געקאָסט אַ סך ביליקער?

מיר האָבן נישט קיין אינטערעס צו דיסקוטירן מיט קוויטקאָן צופיל וועגן דעם דאָזיקן געפערלעכן ענין. אַזוי פירט זיך אין רוסלאַנד. מען רעדט וועגן אַ געוויסער דעליקאַטער טעמע, אָבער ווען איינער פרעגט אָפּ די פאַקטן אין נאָמען פון סאָוועטישן אמת, הערט מען אויף זיי צו קאָמענטירן און מען

מאַכט זיך כאילו מען וואָלט גאָרנישט געֶרעדט. דאָס מאָל שטופּט מיך אָבער דער נאַר צו דערווידערן קוויטקאָן און איך רוף זיך אָפּ:

— איר ווייסט, חבר קוויטקאָ, איך האָב געהאַט אין מיין יוגנט אַ גמרא־מלמד, האָט מען אים אַמאָל דערציילט, אַז אין פּאַריז עסן די רייכסטע לייט פאַרשידענע ים־שרצים. מיין מלמד האָט אָבער די זאַך נישט געוואָלט גלייבן און ער האָט געזאָגט, אַז זי לייגט זיך אים נישט אויפן שכל. וואָרים באַטראַכט גוט — האָט ער געטענהט — צו וואָס זאָלן די פּאַריזער גבירים־עשירים עסן פּאַסקודנע ים־ווערעם, אויב זיי קענען פאַר זייער געלט עסן רע־טעך מיט שמאַלץ און אַפילו געגנדזענע גריון, וואָס זייער טעם צעגייט זיך אין אַלע אברים?

קוויטקאָ איז געוואָרן רויט אויפן פּנים און ער האָט זיך אָנגעצונדן פון כעס. ער האָט אָבער זיך באַהערשט און אנשטאָט מיר צו געבן די אמתע פאַר־ציע, האָט ער נאָר געזאָגט:

— אַלץ וואָס ווערט געטאָן ביי אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט געטאָן צוליבן וווּיל פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

קעגן דעם האָב איך שוין נישט געטאָרט דערווידערן.

***

מיט דעם האָפּערדיקן זאַג, אַז אַלץ וואָס ס׳געשעט אין רוסלאַנד, געשעט צוליבן וווּיל פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, איז אָבער קוויטקאָ גופא נישט געווען אין גאַנצן צופרידן. זיין אמונה אין דעם סאָוועטישן לעבן האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן רעיון, אַז דאָ זאָלן פּאַרקומען אַזעלכע זאַכן, אַז דאָ זאָל מען גיין אויף אַזעלכע ליגנס, אַז דאָ זאָל מען פּעיִק זיין אויף אַזעלכע שקרים. אַזאַ געדאַנקענגאַנג האָט ערגעץ ווו געמוזט פירן צו אַ ציניזם, וואָס איז טאַקע געווען פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד. קוויטקאָ איז אָבער אין זיין מהות קיין ציניקער נישט געווען און ער האָט נישט געקענט דענקען אַזוי שפּעקולאַטיוו ווי אַנדערע.

וויבאַלד עס איז שוין פאַר אונדז און אויך פאַר אים באַוווּסט געוואָרן דער אמת וועגן דזשאַמבולס מצב, האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ווערזשע, אויב אַזוי, שרייבט די לידער וואָס באַווייזן זיך איצט אין די צייטונגען? וואָרים, איז דען מעגלעך, אַז אַזאַ אַלטער עובר בטלדיקער מאַן זאָל שרייבן די דאָזיקע לידער, אין וועלכע עס איז צו זען אַ פולער פאַרשטאַנד און אַ קלאָרער שכל?

קוויטקאָ וואָלט נאָך אפשר נישט אַזוי גיך אונדז נאָכגעגעבן און וואָלט נאָך אפשר גאָרנישט געשטעלט זיך די דאָזיקע פראַגע, ווען נישט דער פאָלגנ־

דיקער פאַקט: דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אייגגעאָרדנט אַן „אייטיס״ פון די אַקינען, ס׳הייסט: אַ מין עפּנטלעכן בדחנישן פאַרמעסט אין זין פון דער אַלטער טראַדיציע. אפנים, אַז מען האָט דערמיט געוואָלט שוין אָנהייבן צוגרייטן אַ נייעם, אַ יינגערן דזשאַמבול. דער אַלטער דזשאַמבול איז אָבער אויך געווען אויף דעם דאָזיקן „אייטיס״. מען האָט אים געבראַכט אַן אויסגעפּוצטן אין די בגדי כהונה פון אַן אַקין און מען האָט אים באַזעצט אויף דער בינע און געדיכט אַרום אים — אַן „ערן־וואַד״ פון זיין סוויטע. די אַקינען האָבן, ווי זייער שטייגער, אימפּראָוויזירט, געזאָגט גראַמען „נאַ זלאָבו דניאַ״, אויף טאָג־טעמעס, הייסט עס, און אַנדערע געגראַמטע חכמות. ס׳איז געווען אַ גאַנץ שיינער אויסטערלישער ספּעקטאַקל. אָבער דזשאַמבול גופא האָט אים קאַליע געמאַכט. עפּעס מיט אַמאָל האָט זיך אין זיין פאַרטונקלטן מוח אַ ריר געטאָן אַ דערמאָנונג פון דער יוגנט און ער האָט געגומען פאַר־לאַנגען, אַז מען זאָל אים געבן אַ דאָמברע. איידער דאָס איז אָבער נאָך גע־שען, האָט ער זיך אויף קאַזאַכיש צעשאָלטן און גענומען ריידן געמיינע רייד. די סוויטע האָט תיכף גענומען אַפּלאָדירן, כדי מען זאָל נישט הערן וואָס ער זאָגט און אַזוי אַרום האָט מען פאַרענדיקט דעם „אייטיס״. צומאָרגנס האָט מען געשריבן אין בלאַט, אַז הגם געווונען דעם פאַרמעסט האָט אַן אַנדער אַקין, האָט אָבער דזשאַמבול, מער ווי אַלע אַנדערע, באַגייסטערט דעם עולם מיט זיין שאַרפזיניקייט און מיט זיין קרעפטיקן טאַלאַנט.

נאָך דער דאָזיקער מעשה שהיה, וואָס קוויטקאָ אַליין איז געווען איר עדות, האָט ער שוין נישט געקענט לייקענען, אַז דזשאַמבול איז ווירקלעך אַן עובר בטל און אַז אַרום אים און מיט אים ווערט געשפּילט אַ פאַלשע שפּיל. ס׳האָט זיך דאַן געשטעלט ווידער אַמאָל די שאלה: ווער־זשע שרייבט זיינע לידער, וואָס ווערן געדרוקט אין גאַנץ רוסלאַנד און ווערן אויפגענומען מיט אַזאַ אַנטציקונג, ווי דאָס אויטענטישע וואָרט פון דזשאַמבולן?

**
*

די דאָזיקע שאלה איז אויך גאָר אינגיכן פאַרענטפערט געוואָרן.

אין אַלמאַ אַטאַ האָט געלעבט אַ ייִדישער יונגערמאַן מיטן נאָמען מאַרק טאַרלאָווסקי.

דער דאָזיקער מאַרק טאַרלאָווסקי איז געווען דזשאַמבולס שטענדיקער רוסישער איבערזעצער.

ער איז געווען אַ רוסישער פּאָעט, האָט געשריבן רוסישע לידער, אָבער אַלס פּאָעט האָט ער קיין גרויסע גליקן נישט דערלעבט און האָט זיך צו קיין אייגענעם מעמד נישט געקענט דערשלאָגן.

ער האָט זיך אין אַלמאַ אַטאַ געפֿונען נאָך אַ שטיק פֿאַר דער מלחמה. ס'איז נישט באַוווּסט, צי ער איז אַהערגעקומען מיטן אייגענעם ווילן, אָדער מ'האָט אים אַהערצו פֿאַרשיקט. אויף יעדן פֿאַל ווייס איך, אַז ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אַלמאַ אַטאַ, איז ער שוין דאָ געווען אַ תּושב און האָט שוין צוביסלעך געהאַט אויסגעלערנט די קאַזאַכישע שפּראַך.

ער האָט, ווי געזאָגט, שוין דעמאָלט געאַרבעט אַלס איבערזעצער ביי דזשאַמבולן.

אין אָנהייב איז ער אפשר טאַקע געווען נישט מער ווי דזשאַמבולס אי־בערזעצער, אָבער אין דער צייט, וועגן וועלכער איך דערצייל, איז ער שוין ביי דזשאַמבולן געווען אַ סך מער ווי אַן איבערזעצער.

ער איז געווען דער שרייבער פֿון די דאָזיקע לידער, וועלכע זענען אָנ־געגאַנגען פֿאַר דזשאַמבולס.

ער האָט די דאָזיקע לידער געשריבן אויף רוסיש און ערשט פֿון רוסיש האָט מען זיי איבערגעזעצט אין דער אָריגינעלער שפּראַך פֿון לעגענדאַרן דיכטער — אויף קאַזאַכיש.

נאָכשרייבן דזשאַמבולן איז געווען נישט קיין שווערע זאַך. מען האָט זיך נאָר געדאַרפֿט אַריינאַרבעטן אין אַ געוויסן עקזאָטישן סיגנון, אין אַ גע־וויסן פֿאָלקס־טאָן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון גוזמאַדיקער מליצה, אויסטערלישע מעטאַפֿאָרן, אַפֿאָריסטישע זאָגעכצער און דערצו באַווירצט מיט אַ לעקסיק פֿון לאָקאַלן קאָלאָריט, נעמען פֿון דער געגנט, צי פֿון דער קאַזאַכסטאַנער געשיכטע. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפֿט צונויפֿמישן, כּדי ס'זאָל אַנטשטיין אַ פּאַטעטיש געזאַנג אויף באַשטימטע טעמעס פֿון פּראָפּאַגאַנדיסטישן אינ־האַלט.

איי, טאָמער האָט אַ מבֿין, אַ מפֿונק דאָך דערשפּירט, אַז די לידער זענען עפּעס נישט דאָס, האָט ער גלייך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דערין איז מסתּמא שולדיק די איבערזעצונג, וואָס האָט נישט איבערגעגעבן די גאַנצע אייגנאַר־טיקייט און שיינקייט, וועלכע איז פֿאַראַן אין אָריגינאַל.

אַזוי אַרום איז דער ייִדישער יונגערמאַן, מאַרק טאַרלאָווסקי, מיט אַן אויסזען פֿון אַ טיפּישן ישיבֿה־בחור, נאָר אָן געקרייזלטע פּאות, אַ לאַנגע צייט געווען נישט בלויז דער שרייבער פֿון דזשאַמבולס לידער, נאָר אויך דער שעפּער פֿונעם הערשנדיקן טאָן און פֿון דאָמינירנדיקן קינסטלערישן נוסח אין דער קאַזאַכישער פֿאָלקס־פּאָעזיע.

דאָס איז, אגבֿ, נישט געווען קיין שום נייעס. אין גאַנץ צענטראַל־אַזיע זענען ייִדן געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן ממש געשאַפֿן די ליטעראַטור און די קונסט, טיילמאָל אויך די פֿאָלקלאָריסטיק פֿון די אָרטיקע פֿעלקערשאַפֿטן.

אַ ייִד האָט געשאַפן די ערשטע אָפּערע אין אוזבעקיסטאַן.
אַ ייִד האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן פאָלקס־עפּאָס אין גרוזיע.
און אַ ייִד האָט געשאַפן די ערשטע פאָלקס־קאָמעדיע אין אויגוריש.
ווייסן מיר דאָך, אַז ייִדן האָבן פון תמיד אָן אַ פעיִקייט אַריינצוקריכן אין פרעמדע קולטורן, אַרונטערצוקריכן אונטער פרעמדע הויטן, אויסצופוצן זיך אין פרעמדע פעדערן.

שפּעטער, אויף דער ווייטערדיקער שטופע פון קולטור־אַנטוויקלונג ביי די דאָזיקע פעלקער, ווען עס האָבן זיך שוין אויסגעבילדעט אייגענע דיכטער, אייגענע מוזיקער, אייגענע קינסטלער, האָט מען כלומרשט אַנטדעקט, אַז אין די שאַפונגען פון די ייִדן איז פאַראַן עפּעס פרעמדס, אָדער ווי מען האָט עס אין די שפּעטערדיקע צייטן אָנגערופן: עפּעס קאָסמאָפּאָליטישס.

אין זייער צייט זענען אָבער די דאָזיקע שאַפונגען געווען די גרונט־שטיינער פאַר דער פאָלקס־ליטעראַטור און פאָלקס־קונסט פון די דאָזיקע פעל־קער, פאַר וועלכע די סאָוועטישע אָרדענונג האָט גענומען אָרגאַניזירן אַן איי־גענע „סאָציאַליסטישע״ קולטור.

אויף זיי האָבן זיך געלערנט די נאָכקומענדיקע, די קינדער פון דעם פאָלק, אַפילו ווען זיי האָבן דערנאָך רעוואָלטירט קעגן דער פרעמדקייט, וואָס זיי האָבן דערשפּירט אין די שאַפונגען מיט וועלכע די ייִדן האָבן זיי מזכה געווען.

דער גורל פון די דאָזיקע ייִדן איז תמיד געווען טראַגיש.
תמיד ווען דער ייִד האָט אָפּגעטאָן זיינס, האָט מען אים משלח געווען.
זיי האָבן אָבער לכל הפּחות אין אַ געוויסן מאָמענט געהאַט די סאַטיס־פאַקציע פון אָנערקענונג מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן.

מאַרק טאַרלאָווסקי האָט אָבער אַפילו די דאָזיקע סאַטיספאַקציע אויך נישט געהאַט.

ער איז פון אייביק אָן געווען אַ מין רואה ואינו נראה. ער האָט געהערט צו די דאָזיקע „אחרים״, וואָס מיט זייערע הענט ווערן געטאָן די מלאכות פון די „צדיקים״.

ער, דער אמתער שרייבער פון דזשאַמבולס לידער, איז געווען נישט מער ווי דזשאַמבולס איבערזעצער.

דזשאַמבולן איז אָנגעקומען דער גאַנצער כבוד פאַר די לידער, וואָס טאַר־לאָווסקי האָט געשריבן און טאַרלאָווסקי גופא האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן קנאַפן לויב, אַז ער האָט די דאָזיקע לידער מייסטערהאַפט איבערגעזעצט, הגם ער האָט נישט איבערגעגעבן די גאַנצע שיינקייט און טיפקייט פון דעם אָריגינאַל.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ פאַרביטערטער מענטש און ס׳האָט

פון אים תמיד געיאָגט אַ קעלט פון מרה שחורה און פון אַ רעזיגנירטן טרויער, וואָס ער האָט פאַרשלאָסן מיט טויזנט שלעסער פון שווייגן.

ער איז געווען איינער פון די צום ערגסטן עקספּלואַטירטע דורך דעם סאָוועטישן לעבנס־סיסטעם.

דאָס וואָס ער האָט נישט געקענט דערגרייכן אונטער זיין אייגענעם נאָמען, האָט ער טאַקע דערגרייכט אונטערן פּסעוודאָנים דזשאַמבול.

זיינע אייגענע לידער האָט מען זעלטן געוואָלט דרוקן, אָבער זיינע לידער אונטערגעשריבן מיט דזשאַמבולס נאָמען האָט מען געדרוקט אין גאַנץ רוסלאַנד.

דעם נחת פון דעם דאָזיקן דערפאָלג האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערער און נישט ער.

ער איז געווען נישט מער ווי אַ שאָטן, אַ ווייסער שקלאַף, אַ באַצאָלטער לוין־אַרבעטער, וואָס האָט געמוזט פאַרקויפן דאָס טייערסטע וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט — זיין אייגענעם נאָמען און זיין אייגענעם קנאַפּן טאַלאַנט, כדי אונטערצוהאַלטן דעם רום פון אַ צווייטן.

***

די אַנטדעקונג פון דעם דאָזיקן אמת, אָדער בעסער געזאָגט: שקר אַרום דזשאַמבולן, האָט אויף קוויטקאָן געווירקט מוראדיק. ער האָט ממש געקרעכצט פון ווייטיק און איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער, אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרשעמטער.

אין „זיין" ראַטנפאַרבאַנד, צוואַנציק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, זאָל אַזוינס געשען.

קוויטקאָ וואָלט נאָך אַזוי גיך נישט נאָכגעגעבן. ער וואָלט נאָך געפּרוּווט אָפּפרעגן די מעגלעכקייט פון דער גאַנצער זאַך. אָבער אויך די רוסישע שרייבער, צו וועלכע ער האָט געהאַט צוטרוי, האָבן דאָס באַשטעטיקט.

דאָס ערגסטע איז פאַר אים געווען נישט דער פאַקט גופא, נאָר דאָס וואָס דעם דאָזיקן פאַקט האָבן אָרגאַניזירט און אונטערגעהאַלטן די העכסטע אויטאָריטעטן פון לאַנד.

און דאָס האָט געהייסן, אַז די העכסטע אויטאָריטעטן פון לאַנד האָבן זיך באַטייליקט אין אַ שווינדל אויף אַ געביט ווו קוויטקאָ איז זיכער געווען, אַז דאָ הערשט דער לויטערסטער אמת.

— ווער ווייסט צי איך בין איך — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטאָן בעת מיר זענען אין אַן אָוונט געזעסן ביי אים און גערעדט וועגן דעם ענין, — איך ווייס שוין איצט גאָרנישט אויף זיכער.

די תמיד העפּלעכע, תמיד טאַקטישע פרוי בעטי קוויטקאָ, וועלכע האָט זיך שטענדיק באַצויגן גוט צו די פּליטים פון פּוילן און זיי אַ סך מאָל פאַר־טיידיקטביים שמועס, האָט מיך צומאַרגנס געטראָפן אין גאַס און איך האָב געזען, אַז זי איז עפּעס זייער אויפגערעגט.

— קוויטקאָ איז נעכטן אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן נאָך אייער אַוועק־גיין — האָט זי מיר געזאָגט, — צו וואָס טויגן די אַלע שמועסן? וואָס פאַר אַ זין האָבן זיי דען?

איך האָב זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן:

— איר ווייסט דאָך, פרוי קוויטקאָ, אַז נישט מיר האָבן אָנגעהויבן דעם שמועס אויף דער טעמע דזשאַמבול־טאַרלאָווסקי. קוויטקאָ אַליין האָט דערוועגן אָנגעהויבן רעדן. אָבער ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז ער וועט פון איר האָבן אַזויפיל עגמת נפש, וואָלט איך דעם שמועס פאַרקירעוועט אויף אַנדערע רעלסן.

זי האָט אין מיינע רייד דערפילט אַן אויפריכטיקע באַציִונג צו איר מאַן און זי האָט שוין אַ סך ווייכער געזאָגט:

— נאָך אַלעמען, וואָס וועט שוין אַרויסקומען אויב קוויטקאָ וועט אויפ־געקלערט ווערן וועגן אַלע אמתן און אַלע פאַלשקייטן? עס וועט דען דורך דעם אַנדערש ווערן? עס וועט דאָך סיי ווי אַלץ בלייבן ווי געווען. עס וועט נאָר צוקומען נאָך איין צעבראָכענער מענטש... ווייניק האָבן מיר אַזעלכע?

און שוין אין גאַנצן פאַרטרויליך האָט זי צוגעגעבן:

— אַזעלכע ווי קוויטקאָ זענען פאַראַן ווייניק און זיי דאַרפן זיין, ווייל אַנדערש וועט שוין אינגאַנצן אוממעגלעך זיין צו לעבן אויף דער וועלט.

— 10 —

די אַלע פריער באַשריבענע פּאַסירונגען האָבן נאָך נישט אָנגערירט, אַזוי צו זאָגן, קוויטקאָן פערזענלעך. באַלד זענען אָבער געקומען געשעענישן, דורך וועלכע ער אַליין האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון אינטריגעס, וואָס האָבן אים געקענט זייער טייער קאָסטן.

ס'איז שוין פריִער דערציילט געוואָרן, אַז די קאַזאַכישע שרייבער האָבן אונדז, ייִדן, זייער שלעכט באַהאַנדלט און קוויטקאָ האָט געמוזט זיין אונ־דזער כסדרדיקער מליץ יושר. די קאַזאַכן האָט דאָס זייער נישט געשמעקט און אויך אין צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען געקוקט זייער קרום אויף זיינע אינטערווענצן.

ס'איז ביי אונדז דעריבער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז מיר זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ ייִדישער סעקציע ביים קאַזאַכישן שרייבער־פאַריין. פּונקט ווי דאָס איז געווען אין אַמאָליקן מינסק, קיעוו, צי מאָסקווע און פּונקט

ווי דאָס איז נאָך איצט געווען אין אַלמאַ אַטאַ מיט די רוסישע, צי אוקראַי־נישע שרייבער.

פאָרמעל האָט נישט די פאַריינס־אָנפירונג, נישט דער צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי געהאַט קיין תירוץ אונדז אָפּצוזאָגן אין אונדזער בקשה. עס איז געווען אין הסכם מיטן סאָוועטישן געזעץ. פאַקטיש האָבן אָבער די קאַזאַכישע שרייבער און די שפּיצן אין צענטראַל־קאָמיטעט דאָס נישט גע־וואָלט און זיי האָבן געזוכט פאַרשידענע מיטלען נישט צו דערלאָזן צו אונ־דזער אָרגאַניזירונג אין אַ יִדישער סעקציע.

ווי איך האָב שוין פריִער דערציילט האָבן זיך אין אַלמאַ אַטאַ דעמאָלט געפונען יִדישע שרייבער פון פּוילן, פון אוקראַינע, פון ליטע און פון לעט־לאַנד.

צווישן די דאָזיקע שרייבער האָט דאָ אויך געלעבט אַלס פּליט דער שרייבער שאַך־אַנין פון ריגע.

שאַך־אַנין איז נאָך אין ריגע געווען אַ באַקאַנטער קאָמוניסט און ער האָט געהאַט ספּעציעלע זכיותן צוליב עפּעס זייער געהיימע פאַרדינסטן פאַר דער סאָוועטישער מאַכט נאָך דעמאָלט, ווען לעטלאַנד איז געווען אַן אומאָפּ־הענגיקע מלוכה. ווען לעטלאַנד איז געוואָרן סאָוועטיש האָט מען אים גע־מאַכט פאַר אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערזיטעט און ער האָט גענאָסן פון אַ ספּעציעלן חסד ביי דער אָרטיקער קאָמוניסטישער ממשלה.

קיין אַלמאַ אַטאַ איז ער געקומען מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון לעטלענ־דישן צענטראַל־קאָמיטעט. ער איז געווען אַ בלינדער מאַן, וואָס האָט אַליין נישט געזען ווו צו גיין און איז תמיד געפירט געוואָרן פון זיין ווייב. זיין ווייב איז, אגב, געווען די אמתע אשת חיל און זי האָט געקענט דורכקריכן דורך דעם אויער פון אַ נאָדל. זי האָט פול געמאַכט די וועלט און טויב גע־מאַכט אַלעמענס אויערן מיט דער גרויסקייט פון איר מאַן. זי האָט זיך טאַקע דערשלאָגן צו אַ גוטער דירה און צו אַ גוטער באַהאַנדלונג. איר מאַן איז גע־וואָרן פּראָפעסאָר אויך אין אַלמאַ אַטינער אוניווערזיטעט.

מיט אונדז, די שרייבער־פּליטים, האָט שאַך־אַנין געהאַט ווייניק מגע ומשא. זיין ווייב האָט אים געהאַלטן אָפּגעזונדערט און דערווייטערט פון דער באַנדע, וואָס איז נישט געווען שטאַרק חשוב אין די אויגן פון די אָרטיקע שרייבער. אונדז האָט דאָס געקרענקט, אָבער מיר האָבן איר אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער דערווייטערונג.

איינמאָל איז אין קאַזאַכישן שרייבער־פאַריין פאָרגעקומען אַן אָוונט פאַר צוויי יִדישע שרייבער־פּליטים. ווי אויף אַלע אַזעלכע אָוונטן, האָט מען געלייענט לידער פון די שרייבער אין אַ רוסישער פּראָזע־איבערזעצונג און די

אַנדערע שרייבער האָבן זיך וועגן די לידער פון איין פּאָעט דווקא גוט אַרויס־געזאָגט, וואָרים דער דאָזיקער פּאָעט האָט געשריבן נישט אין דעם אָנגענו־מענעם שאַבלאָן, וואָס האָט שוין אַלעמען דערעסן. דעמאָלט איז אָבער אויפ־געשטאַנען דער בלינדער שאַך־אַנין און געזאָגט:

— דער חבר סטאַלין האָט געזאָגט, אַז די שאַפונגען פון די סאָוועטישע שרייבער דאַרפן אָטעמען מיט שנאה צו די דייטשע מערדער און מיט ליב־שאַפט צו דער סאָוועטישער אָרדענונג. איך געפין נישט אין די לידער פון דעם דיכטער די דאָזיקע שנאה, וועגן וועלכער דער געניאַלער פירער פון די פעלקער, חבר סטאַלין, האָט גערעדט, און איך געפין אין זיי אויך נישט די ליבע וואָס יעדער סאָוועטישער דיכטער דאַרף פילן צו דער סאָוועטישער מאַכט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ געפערלעכע אַרויסטרעטונג. ס׳איז נעבעך שווער געווען פאַר דעם פּאָעטס בעסטע פריינט אים צו פאַרטיידיקן און אונדזערע קאַזאַכישע שונאים האָבן זיך זייער דערפרייט.

קוויטקאָ האָט דאָס אַ ביסל פאַרדראָסן. אָבער גערעדט האָט ער גאָר־נישט. מילא, שאַך־אַנין האָט דאָך אייגנטלעך געזאָגט דאָס, וואָס אויך ער אַליין וואָלט געזאָגט, ווען מען פרעגט אים. אמת איז, אַז שאַך־אַנין האָט אפשר נישט געדאַרפט נעמען קיין וואָרט און שווייגן, אָבער בייז זיין אויף אים דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט אַזוי „סאָוועטיש“ האָט קוויט־קאָ נישט געקענט.

***

נאָך דעם איז אָבער געקומען די געשיכטע מיט אונדזער ווילן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ באַזונדערער ייִדישער סעקציע. אַלע ייִדישע שרייבער זענען פאַרשטייט זיך געווען דערפאַר. ווען מ׳האָט געפרעגט שאַך־אַנינען צי ער וויל אויך געהערן צו דער ייִדישער סעקציע, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט זיך מיישב זיין. שפּעטער האָט ער צוגעשיקט אַ רוסישן בריוו צום שרייבער־פאַ־ריין, אין וועלכן ער האָט געמאָלדן, אַז ער באַטראַכט זיך נישט ווי קיין ייִדי־שער שרייבער און וויל צו דער סעקציע נישט געהערן.

אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ גאַנץ געמיין שטיקל אַרבעט. שאַך־אַנין האָט דאָס אונדז געקענט זאָגן פערזענלעך און ער האָט עס נישט געמוזט זאָגן אַזוי אָפיציעל דער אָנפירונג פון קאַזאַכישן שרייבער־פאַריין, וועלכע האָט דורך דעם שוין געהאַט אַ תירוץ אָפּצושלעפּן אונדזער בקשה און זי דערווייל נישט צו רעאַליזירן.

קוויטקאָ איז פון דער מעשה געווען זייער אויפגערעגט און ער האָט,

טרעפנדיק שאַך־אַנינס פּרוי, איר געזאָגט, אַז איר מאַן האָט געהאַנדלט ווי־
אַ מה־יפית־ייִד און נישט ווי קיין שטאָלצער סאָוועטישער בירגער.

יענע האָט זיך נישט געפּוילט און האָט קוויטקאָס ווערטער איבערדער־
ציילט ווו מען דאַרף און מען האָט קוויטקאָן אַרויסגערופן צום סעקרעטאַר פון
פּאַרטייאישן קאָמערל ביים שרייבער־פאַריין, וועלכער האָט אים פאַרגעוואָרפן
אַז ער פאַרנעמט זיך מיט ייִדיש־נאַציאָנאַליסטישער אַרבעט, דורך דעם וואָס
ער וויל מיט געוואַלט אויפצווינגען סאָוועטישע שרייבער צו געהערן צו דער
ייִדישער סעקציע.

דאָס דאָזיקע איז אין רוסלאַנד אַלעמאָל געווען אַ גרויסער חטא, פאַר
וועלכן מ׳האָט זיך זייער געהיטן.

קוויטקאָ האָט זיך פאַרענטפערט און קוים זיך ריינגעוואַשן. פאַרשטייט
זיך, אַז פון דעם אָרגאַניזירן אַ ייִדישע סעקציע איז שוין גאָרנישט געוואָרן.

שאַך־אַנין האָט געטאָן אַ גרויסע טובה די קאַזאַכישע שרייבער און זיי
האָבן אים דערפאַר אָפּגעדינט מיט כלערליי פּריווילעגיעס.

**
*

ס׳איז אָבער נישט געווען בלויז שאַך־אַנין אַליין, וואָס האָט געטאָן
טובות דער קאַזאַכישער פאַריינס־אָנפירונג און געטאָן רעות די ייִדישע שריי־
בער. ס׳זענען געווען נאָך אַנדערע וואָס האָבן זיך נישט געמיאוסט מיט אָט
דער אַרבעט.

דאָס זענען געווען משה פּינטשעווסקי און מאיר אַראַנסקי.ביידע לעבן זיי
שוין נישט מער. אַראַנסקי איז אומגעקומען אויפן פראָנט און פּינטשעווסקי
איז דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער ליקווידאַציע פון די ייִדישע שרייבער אין
יאָר 1952. דער אמת וועגן זייער אויפירונג דאַרף דאָך דערציילט ווערן.

פּינטשעווסקי און אַראַנסקי זענען געקומען קיין אַלמאַ אַטאַ שפּעטער פאַר
אונדז און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז מ׳האָט זיי געגעבן די דער־
לויבעניש צו בלייבן אין שטאָט, וועלכע מיר האָבן באַקומען ווען אין אַלמאַ
אַטאַ זענען נאָך נישט געווען אַזויפיל פּליטים ווי דעמאָלט, ווען זיי זענען
געקומען.

אויף דעם באָדן איז אַנטשטאַנען זייער קנאה צו אונדז. זיי האָבן בשום
אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מיר, די פּליטים פון פּוילן, מעגן יאָ
וווינען אין שטאָט און זיי, די אמתע סאָוועטישע שרייבער, קענען אין איר
נישט בלייבן וווינען.

אַז זיי זענען שוין מיט מזל אויך געבליבן אין אַלמאַ אַטאַ, האָבן זיך

אָנגעהויבן אַנדערע פּראָבלעמען, אַנדערע מאָטיוון פאַר זייער קנאה־שנאה צו אונדז.

צוויי, צי דריי פון אונדזערע פּליטים האָבן באַקומען אַ שפּייז־צוטיילונג פון דער ערשטער קאַטעגאָריע. די איבעריקע, זיי בתוכם, האָבן באַקומען שפּייז־צוטיילונגען פון דער צווייטער קאַטעגאָריע.

כדי דער ענין זאָל זיין אין גאַנצן קלאָר, דאַרף מען מסביר זיין, אַז אין רוסלאַנד איז איינגעפירט, אַז אין יעדער גרופּע, זי מעג באַשטיין פון פינף מענטשן, מוזן זיין צוויי און אַמאָל דריי קאַטעגאָריעס.

דאָס האַלטן אַלע מענטשן אויף איין מדרגה הייסט אין רוסלאַנד: „אור־ראַווניִלאָווקאַ״, אויסגלייכעריי. דאָס איז אַ געפערלעכער חטא, ווייל דער רעזשים אין רוסלאַנד האַלט נישט פון דער לאָזונג: „יעדער לויט זיינע כוחות און יעדן לויט זיינע באַדערפענישן״, נאָר פון דעם דעוויז: „יעדער לויט זיינע פעיִקייטן און יעדן לויט זיינע פאַרדינסטן״. דערמיט וויל מען, הייסט עס, סטימולירן די מענטשן, אַז זיי זאָלן האָבן מער איניציאַטיוו און אַריינלייגן מער ענערגיע אין דעם קאַמף פאַר אַ בעסערן מצב.

אַז אַ גרופּע פון פינף מענטשן, לאָמיר זאָגן, שרייבער פון דער זעלביקער גרויס, און דער זעלביקער קוואַליפיקאַציע, ווערט פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ ניי אָרט, פרעגט מען זיי:

— „קטאָ איז וואָס וויעדוויושטשי״? ווער איז, הייסט עס, ביי אייך דער פירנדיקער?

אין יעדער גרופּע מוז זיין אַ פירנדיקער און עס מוזן זיין געפירטע.

מיר זענען נעבעך גאָט די נשמה שולדיק געווען, ווען מען האָט צוויי, צי דריי פון אונדזערע פּליטים שרייבער, געמאַכט פאַר פירנדיקע, דאָס הייסט: מען האָט זיי געגעבן שפּייז־קאַרטלעך פון דער ערשטער קאַטעגאָריע.

אויך די ערשטע קאַטעגאָריעניקעס זענען דערין גאָרנישט שולדיק געווען.

פינטשעווסקי און אַראָנסקי האָבן אָבער בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אין דער שרייבער־גרופּע, אין וועלכער זיי געפינען זיך, זאָלן נישט זיי, די אַלטע סאָוועטישע שרייבער, זיין די אייבערשטע פון שטייסל, נאָר דאָס זאָלן זיין די נייע שרייבער, וואָס קיינער קען זיי נישט און קיינער ווייסט נאָך נישט ווער זיי זענען.

האָבן זיי קעגן אונדז געגראָבן און אונדז אַפילו געמסרט.

פינטשעווסקי שטילערהייט און אַראָנסקי אָפן. קיין אַנדער באַצייכענונג, ווי די 16 פּוילישע ציוניסטן־פאַשיסטן האָט ער פאַר אונדז נישט געהאַט.

אַראָנסקי איז אָבער געווען אַ פאַרפאַלענער אַלקאָהאָליקער און לויט דעם וואָרט, אַז דער הונט וואָס בילט איז ווייניקער געפערלעך ווי דער הונט וואָס

בייסט, איז ער פאַר אונדז אויך געװען װײניקער שעדלעך װי דער שטילער פאַרביסענער און אויף אַלץ פּעיקער פינטשעװסקי.

פינטשעװסקי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום נבלה, כדי אונדז צו פאַרביטערן דאָס געגנוג ביטערע לעבן.

און װען ער װאָלט זיך אַליין שפּעטער נישט פאַרפּלאָנטערט מיט אַ נישט כשרן זאַק־מעל, װאָס ער האָט ערגעץ געקויפט אויף „לינקס", װאָלט ער געװיס דערגרייכט, אַז מ'זאָל אונדז איינזעצן אין תפיסה.

***

פינטשעװסקיס און אַראָנסקיס כעס איז געװען נישט בלויז אויף אונדז, נאָר אויך אויף קוױטקאָן, װעלכער האָט אונדז פאַרטיידיקט.

צװישן קװיטקאָן און פינטשעװסקין איז, אגב, געװען אַן אַלטע אַנטי־פּאַטיע.

פינטשעװסקין האָבן אַלע ייִדיש־סאָװעטישע שרייבער פיינט געהאַט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר די אמתע צאַצקע. ער איז געװען אַן איינרייי־סער, אַן אומגעזעטיקטער בעלן אויף כבוד און האָט געקענט גיין איבער טוי־טע צו זיינע צילן.

פינטשעװסקי האָט דעריבער געמסרט נישט בלויז אויף אונדז, נאָר אפשר נאָך מער אויף קוױטקאָן, אונדזער אַנעמער.

די מסירות האָבן גוט געשמעקט די קאַזאַכישע שרייבער, װעלכע זענען צופרידן געװען װאָס די ייִדן רייסן זיך אַרום ביי די נעז און ליפערן אַליין מאַטעריאַל קעגן זיך.

װען דער ענין האָט אָנגעהױבן װערן זייער הייס איז קוױטקאָ אַװעק אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און דאָרט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

די דאָזיקע ענינים האָבן דעמאָלט געהערט צו איינער אַ פּרוי, אַלעק־סאַנדראַ מיכאַילאָװנאַ. אַ פּליטה פון מאָסקװע, װעלכע איז געװען ממונה איבער דעם שרייבערישן לעבן.

די דאָזיקע פרוי האָט אָבער קוױטקאָן געגעבן זייער אַ קאַלטע באָד.

קודם כל האָט זי אים געזאָגט, אַז ער װעט דאַרפן שטיין פאַר אַ פּאַרטיי־געריכט, מחמת ער האָט עובר געװען אויף דער פּאַרטיי־דיסציפּלין. לויט דעם רעגולאַמין האָט ער, װי אַ פּאַרטייער, זיך געדאַרפט װענדן מיט זיין אָנקלאָג צום סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמערל, דאָס הייסט: צו דעם זעלביקן מענטש, װעלכן ער האָט געװאָלט פאַרקלאָגן.

דערנאָך האָט זי אים געזאָגט, אַז אין דער פּאַרטיי זענען פאַראַן אַ סך מאַטעריאַלן װעגן זיין שעדלעכער אַרבעט װאָס איז אין תוך נאַציאָנאַליסטיש־

שאָוויניסטיש. און אַז די עצם איינשטעלונג פּאַר אונדז, די פּליטים, קומט פון דעם נישט געזונטן קוואַל פון יידישער נאַציאָנאַליסטישער היפּער־עמ־פּינדלעכקייט, וועלכע קען ביי קיין פּאַרטייער נישט טאָלערירט ווערן.

קוויטקאָ איז דערפון געווען אַזוי צעטרייסלט, אַז ער איז ממש קראַנק געוואָרן.

זיין גאַנצע וועלט, זיין גאַנצע אמונה האָט זיך אים צעוואַקלט. ער האָט פּשוט פאַרלוירן די ערד אונטער זיינע פיס.

ער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז דער איינציקער מקום אין דער וועלט, וווּ ס'איז נישטאָ פאַראַן קיין אַנטיסעמיטיזם, האָט פּלוצלינג דערזען די אַנטיסעמיטישע חיה רעה אין די העכסטע שפּיצן פון דער פּאַרטיי.

און ס'איז באמת שווער צו זאָגן, וואָס אים האָט מער דערשיטערט: די געפאַר פאַרן אייגענעם לעבן, צי די סכנה פאַר זיין גלויבן, וואָס האָט געדראָעט איינגעזונקען צו ווערן אונטער דער שנאת ישראלדיקער האַנדלונג פון די קאַזאַכן און די רוסישע פּאַרטייער?

דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן איינזען, אַז מיר זענען געווען גערעכט, ווען מיר האָבן די קאַזאַכישע אויפפירונג אָנגערופן מיט איר אמתן נאָמען.

און ווער ווייסט צו וואָס דאָס וואָלט אים דערפירט, ווען נישט אַ גליק־לעך געשעעניש, וואָס האָט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט, אַז דאָס מזל האָט זיך פון אים נישט אָפּגעטאָן.

— 11 —

אין יענער צייט האָט זיך אין קוּיבישעוו שוין געהאַט אָרגאַניזירט און אויספאָרמירט דער יידישער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט און קוויטקאָ האָט באַקומען אַן אַרויספאָדערונג („וויזאָוו" בלע"ז) צו קומען מיטאַרבעטן מיטן קאָמיטעט, פון וועלכן ער איז אגב געווען אַ מיטגליד.

מיט דער אַרויספאָדערונג אין האַנט האָט קוויטקאָ גאַר גיך דערליידיקט די נייטיקע פאָרמאַליטעטן און האָט באַקומען די מעגלעכקייטן צו פאָרן קיין קוּיבישעוו און וואָס נאָך וויכטיקער אין דעם פאַל — צו פאַרלאָזן די קעגן אים אָנגעהעצטע לופט אין אַלמאַ אַטאַ.

מיט זיין אַוועקפאָר האָט זיך זיין „דיעלאָ" אין קאַזאַכישן צענטראַל־קאָמיטעט אָפּגעשטעלט. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעם ענין איבערגע־שיקט קיין קוּיבישעוו. דערווייל, ביז וואָס און ביז ווען, איז אָבער דער אַנטי־פאַשיסטישער קאָמיטעט — און צוזאַמען מיט אים אויך קוויטקאָ — אַרי־בערגעפאָרן צוריק קיין מאָסקווע. און אין מאָסקווע, אין דער סביבה פון די

אַלט־באַקאַנטע מאָסקווער שרייבער, צווישן וועלכע ער האָט געהאַט אַ סך פּערזענלעכע פריינט, האָט מען דעם גאַנצן ענין צעריבן און קיין ווען פון אים נישט געמאַכט. די אָנקלאָגן קעגן אים זענען געבליבן ליגן אין די אַר־כיוון און ער אַליין האָט וועגן דער גאַנצער זאַך געזומען פאַרגעסן.

ווען איך האָב שפּעטער, אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום, געטראָפן קוויט־קאָן אין מאָסקווע, איז ער שוין ווידער געווען דער זעלביקער גלייכגילטי־קער מענטש; דער זעלביקער אומדערשיטערטער מאַמין אין דער אויסדער־ווילטקייט פון סאָוועטישן רעזשים און דער זעלביקער געטרייער אומבאַדינג־לעכער חסיד פון סאָוועטישן לעבנס־סיסטעם, ווי אין די אַמאָליקע צייטן פאַר די אַלמאַ אַטינער דערפאַרונגען.

די אַלמאַ אַטינער צייט האָט ער באַטראַכט ווי אַ מלחמה־קאַשמאַר. דער קאַשמאַר האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעוועפּט פון זיין באַוווסטזיין און די קנייטשן, וואָס זיין אמונה האָט דאָרט באַקומען, האָבן זיך פּאַמעלעך אויס־געגלעט, אַזוי אַז מ׳האָט שוין אויף אים לחלוטין נישט געקענט דערקענען די שווערע איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אים געבערענגט צום ראַנד פון דערשי־טערונג און פאַרצווייפלונג, ווי אויך צום ברעג פון סכנה, וואָס האָט אים גע־דראָעט איינצושלינגען, פּונקט ווי זי האָט איינגעשלונגען עטלעכע אוקראַי־נישע שרייבער, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט אים געפונען אין אַלמאַ אַטאַ.

אונדזער לאַגע אין אַלמאַ אַטאַ איז אויך ווייטער געבליבן אַ שווערע. אָבער אויך אונדזער מזל איז געווען, וואָס מיר האָבן, אין אַ צייט שפּעטער, באַקומען מעגלעכקייטן פון דאָרט אַרויסצופאָרן. מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די דאָזיקע מעגלעכקייטן און זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דעם אַלמאַ אַטי־נער שנאה־קעסל, ווי פון אַ פייער אַרויס.

הגם איך האָב שפּעטער אין מאָסקווע ווידעראַמאָל געטראָפן דעם זעל־ביקן קוויטקאָ, וועלכן איך האָב געקענט פון פאַר אַלמאַ אַטינער פּעריאָד, האָב איך אָבער דורך די איבערלעבונגען אין אַלמאַ אַטאַ שוין געקענט אויך אַן אַנדער קוויטקאָ, אַ קוויטקאָ, וואָס קען זיין פּונקט אַזוי פאַרעקשנט־האַרט און איינשטעלעריש, ווי קשה לכעוסדיק און מילד ער איז געווען אין געוויינלעכע באַדינגונגען. איך האָב אים דערקענט אין אַ מאָמענט, ווען ער איז אויפגע־ברויזט געוואָרן קעגן באַגאַנגענע עוולות אָדער פאַלשקייטן און אין אַזאַ מאָ־מענט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, קען קוויטקאָ גיין אַפילו אויף סכנות און זיך נישט רעכענען מיט קיין שום קאָנסעקווענצן, וואָס קענען זיין זייער טרויעריק.

אויך אין דעם פּרט, דאַרף מען זאָגן, איז ער געווען אַ שטיק יוצא מן הכלל צווישן אַנדערע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.

אַנדערע יידישע שרייבער, אַז זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף עוולות און

אומגערעכטיקייטן, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געשוויגן. זיי האָבן שטילערהייט געזיפצט, אָבער זעלטן ווען מוטיק רעאַגירט.

עס האָט זיי נישט איבערגעראַשט. זיי זענען דערצו געוווינט געווען.

— אַ נייעס — פלעגן זיי זאָגן — פאַרן אין מצרים און אַ גאָווינע אַן עוולה ביי אונדז.

קוויטקאָ איז געווען אַנדערש. זיין אויפריכטיקער גלויבן אין סאָוועטישן אמת, אין סאָוועטישן יושר, האָט אים געגעבן מוט און כוח צו רעאַגירן דע־מאָלט, ווען אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אומגערעכטיקייט אָדער ליגן, ווייל ער האָט געגלייבט, אַז דער דאָזיקער ליגן אָדער די דאָזיקע אומגערעכטיקייט זענען נישט קיין וועזנטלעכע, נאָר צייט־ווייליקע.

איך האָב אויך דערזען, אַז אין קוויטקאָס כאַראַקטער איז דאָס עמפּינד־לעכסטע אָרט די באַציִונג צו אים אַלס ייִד. ער האָט געקענט אַריבערטראָגן אַלערליי אומבאַציִונגען, אָבער ווען מ׳האָט אים אָנגערירט דאָס ייִדישע פּינ־טעלע, האָט ער זיך אויפגעקאָכט, אפנים דערפאַר, ווייל ערגעצוו איז זיין גאַנצער גלויבן אין דער סאָוועטישער ממשלה געקומען דערפון, וואָס ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די דאָזיקע ממשלה איז גוט און גערעכטיק צו ייִדן.

די דאָזיקע אמונה אָדער איינרעדעניש האָט אים באַהערשט אויך דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך ווידעראַמאָל געטראָפן אין מאָסקווע, הגם אויך דעמאָלט זענען געווען שוין גאָר אַ סך מאָמענטן, וואָס האָבן גערעדט קעגן דער דאָ־זיקער אמונה. קוויטקאָ האָט זיי אָבער, ווי זיין שטייגער איז געווען, שווער, זייער שווער דערזען און באַנומען.

**
*

יאָ, אין די יאָרן 1946-1944, האָט מען דעם אויפגעוואַקטן אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד געקענט זען אין מאָסקווע נישט ערגער ווי אין אַלמאַ אַטאַ. קוויטקאָ האָט אָבער ווייטער נישט געזען קיין שום שלעכטס אַרום זיך. דאָס וואָס ס׳איז געשען לגבי ייִדן, איז געשען ערגעץ אין קרייזן, מיט וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע פאַרבינדונג. ער האָט וועגן דעם נאָר גע־הערט און — אין דומה שמיעה לראיה! ווען די אַנטיסעמיטישע דערשייַנונ־גען זענען נישט שייך געווען אים גופא, האָט ער געפונען אויף זיי פאַרענט־פערונגען און אויסטערלישע תירוצים, אויסגעבאָרגט ביי דער אַזוי־גערופענער לאָגיק.

— איר מיינט אין דער אמתן, אַז דאָרט אין דער פּאָליט־ביוראָ איז מען אויסן אונדזער שלעכטס — פלעגט ער טענהן, ווען מיר האָבן אים אָנגעוויזן אויף דער בהדרגהדיקער ליקווידאַציע פון דער ייִדישער קולטור און

יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד — פאַרוואָס זאָלן זיי אונדז וועלן טאָן אַ רעה? פאַרוואָס זאָלן זיי וועלן אונדזער אומקום? מיר זענען דען שלעכטע בירגער? מיר האָבן דען נישט ליב, מיר זענען דען נישט געטריי אונדזער לאַנד?

— אלא וואָס דען? — פלעגט ער אויספירן — מסתמא ווייסן זיי, אַז מען דאַרף איצט אַזוי פאָרן וועגן פון גאַנצן לאַנד. וועט אָבער קומען אַ צייט ווען מען וועט שוין נישט דאַרפן, וועט מען יידן געבן אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען.

— קען דאָך אָבער זיין, אַז ביז דעמאָלט זאָל שוין נישט זיין ווער עס זאָל פאַרלאַנגען — האָט אים עמעצער דערווידערט.

קוויטקאָ פלעגט זיך אין אַזאַ פאַל גוטמוטיק בייזערן:

— מאָדנע מענטשן זענט איר. פאַרוואָס זאָלט איר אַלץ אויסלייגן צום שלעכטן? פאַרוואָס זאָלט איר נישט וועלן גלייבן אין גוטן?

צו אונדז, פליטים, וואָס זענען מיט אים געווען אין אַלמאַ אַטאַ, פלעגט ער טענהן:

— איר געדענקט אַלמאַ אַטאַ? איר האָט דאָך געמיינט, אַז די סטעליע האָט זיך אויף אונדז שוין אַראָפּגעלאָזט. און אָט, זעט איר: מיר האָבן זיך פון דעם שלעכטס אויך אַרויסגעקריגן און מ י ר טוען איצט אַלץ, כדי אויפצוקלערן פאַר דער מאַכט דאָס, וואָס דאָרט געשעט, כדי אַזעלכעס זאָל טאַקע מער נישט געשען, נישט אין אַלמאַ אַטאַ און נישט ערגעץ אַנדערש.

מיטן וואָרט „מיר״, האָט קוויטקאָ, פאַרשטייט זיך, געמיינט זיך אַליין און געוואָלט האָט ער דערמיט זאָגן, אַז ער דערציילט ביי יעדער געלעגנהייט אין די העכערע פאַרטייאישע אינסטאַנצן וועגן דער סאָוועטישער שלעכטער דערצויגנקייט פון די קאַזאַכישע שרייבער און פון די פאַרטיי־לייט אין קאַזאַכסטאַן.

דער אָרעמער קוויטקאָ האָט נעבעך נאָך אַלץ געמיינט, אַז דאָס וואָס ס׳איז געשען אין קאַזאַכסטאַן איז נאָר אַן אויסקרימונג פון דער ליניע און איז אַ גרויסע איבעראַשונג פאַר די פאַרטיי־קרייזן אין מאָסקווע.

אַז מיר, די פליטים־שרייבער, פלעגן אָבער מיט אים נישט מסכים זיין און ווייטער פרווון זיך מתווכח זיין, פלעגט ער זאָגן:

— איר וועט דאָך מיר נישט איינריידן, אַז דער חבר סטאַלין האָט גראָד אויסגעקליבן דאָס יידישע פאָלק, כדי עס אָנצוטאָן צרות.

ביי דעם אַרגומענט פלעגן זיך אַלע דיסקוסיעס אין רוסלאַנד פאַרענדיקן.

און קוויטקאָ איז געבליבן מיט דעם איינדרוק, אַז ער האָט מנצח געווען,

אַז זיין גלויבן האָט מנצח געווען, אַז דער סאָוועטישער אמת האָט מנצח געווען.

***

אין מאָסקווע האָב איך ווידעראַמאָל געהאַט די געלעגנהייט צו דערקענען קוויטקאָס גוטן כאַראַקטער, זיין גלייכגעוויכטיקייט און זיין בר־מזלדיקע פאַרליבטקייט אין לעבן.

איך האָב אַמאָל אין מאָסקווע פאַרלוירן מיין דירה און בין געווען זייער פאַרזאָרגט.

טרעפט מיך קוויטקאָ אין גאַס און פרעגט מיך: — וואָס זענט איר אַזוי צעקוואַשעט?

איך דערצייל אים די מעשה און ער זאָגט מיר:

— איר האָט מזל. איך פאָר אַקוראַט אַרויס מיט מיין פרוי אין אונדזער הינטערשטאָטישער הייזקע אויף צוויי וואָכן. די דאָזיקע צוויי וואָכן קענט איר וווינען אין מיין דירה, ביז איר וועט געפינען אַ צווייטע.

כך הוה. כ'האָב זיך דערווייל אַריינגעצויגן צו קוויטקאָן און גענומען זוכן אַן אַנדערע סטאַבילע דירה. אין צוויי טעג אַרום אָבער קומט קוויטקאָ צופאָרן פון זיין דאַטשע הינטער מאָסקווע. וואָס איז? בעטי איז קראַנק געוואָרן אויף גריפּע און מיט אַ גריפּע האָט זי בעסער געוואָלט זיין אין דער היים.

כ'האָב זיך דערפילט זייער שלעכט. קוויטקאָ האָט, ווי געזאָגט, געהאַט אַ קליינע וווינונג, און ס'איז מיר שרעקלעך אומאַנגענעם געווען אים צו קווען.

בין איך ווידער אַרומגעגאַנגען מיט עגמת נפש, ווייל אַקוראַט האָט זיך קיין אַנדערע דירה מיר נישט געמאַכט.

קוויטקאָ, זעענדיק מיין פאַרזויערט פנים, האָט מיט מיר גענומען ריידן זייער שטרענג:

— הערט, יצחק, אויב איר ווילט נישט, אַז מיר זאָלן זיך צעקריגן אויף תמיד, זאָלט איר אויפהערן האָבן עגמת נפש פון דעם וואָס איר וווינט ביי מיר. נאָך מער: איר זאָלט אַפילו אַ גאַנצן חודש מער נישט זוכן קיין וווינונג, נאָר וווינען ביי מיר. נאָכן חודש מעגט איר זיך אָנהייבן זוכן אַ נייע דירה, אויב מיינע געפעלט אייך נישט.

ער האָט עס געזאָגט אַזוי אויפריכטיק, אַז כ'בין געווען גערירט. אין מאָסקווע האָבן נישט קיין סך זיך אַזוי געפירט. ס'איז נישט געווען אין שטייגער פון דאָרטיקן האַרטן און שווערן לעבן, ווו אַז מען האָט אַריינגעלאָזט אַ מענטש אין דער וווינונג, האָט מען געדאַרפט מורא האָבן, אַז ער וועט זי מער נישט פאַרלאָזן.

כ׳האָב טאַקע ביי קוויטקאָן נישט געוווינט מער ווי צוויי וואָכן, ווייל דורך דער צייט האָב איך זיך אויסגעזוכט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, אָבער די צוויי וואָכן וואָס איך האָב מיט אים געוווינט צוזאַמען, האָב איך נאָך מער דערקענט זיין פיינעם און גוטן כאַראַקטער.

ער האָט הנאה געהאַט פון לעבן, קוויטקאָ. ער האָט פון די קלענסטע זאַכן געקענט אויסזייגן אַ סך הנאה. זיין טרינקען טיי מיט מילך פינף פאַר־באַכט איז פאַר אים געווען אַ גאַנצע עבודה, אַ באַנקעט, אַ באַל. ער פלעגט טרינקען די טיי און שוויצן ווי אַ ביבער און דערביי אונטערקרעכצן: איי, ס׳איז ווויל, ס׳איז זייער, זייער ווויל.

קוויטקאָ איז געווען אַ פוללייביקער מענטש און בעטי האָט אים מער ווי צוויי גלעזער טיי מיט מילך נישט געלאָזט טרינקען. איך ווידער פלעג אויסזשלאָקען מיין גלאָז טיי מיט מילך בחפזון און מער נישט וועלן טרינ־קען. האָט קוויטקאָ זיך געחידושט דערויף מיט דער גרעסטער בתמיה.

— זע נאָר, בעטי, — פלעגט ער טענהן — אַ מענטש מעג טרינקען טיי מיט מילך וויפל ער וויל, און טרינקט נישט. ער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ ווויל־קייט, דו פאַרשטייסט עס?

קוויטקאָ איז, חלילה, נישט געווען קיין עולם־הזהניק, קיין בעל־תאווה־ניק צו דער אכילה ושתיה. אין אַלמאַ אַטאַ האָט ער זייער שיין געהונגערט און געשוויגן. אָבער אַז מען קען הנאה האָבן פון אַ גלאָז טיי מיט מילך, אין וועלכן מען זאָל דערפילן דעם גאַנצן טעם פון דער גוטסקייט פון לעבן און מען זאָל אויף דער הנאה מוותר זיין, — דאָס האָט ער נישט געקענט פאַר־שטיין.

***

אין יענע טעג פון מיין וווינען ביי קוויטקאָן, איז ער איינמאָל אַהיימגע־קומען פון גאַס אַן אויפגעברויזטער און דערציילט:

— כ׳בין היינט געווען אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און טרעפט וועמען איך האָב דאָרט באַגעגנט? — אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַן, די „זאַוויעדוויושטשע״ פון די שרייבער־ענינים אין קאַזאַכסטאַנער צענטראַל־קאָמיטעט.

אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ איז געווען, אויב איר געדענקט, די פרוי, וואָס האָט קוויטקאָן געגעבן דעם קאַלטן דוש אין אַלמאַ אַטאַ, בעת ער איז זיך געקומען קלאָגן אויף דער דאָרטיקער פאַריינס־אַנפירונג.

— כ׳זיץ היינט אין דער סטאָלאָווע פון צענטראַל־קאָמיטעט — דער־ציילט קוויטקאָ ווייטער — און וואַרט ביז עס וועט זיך ענדיקן דער איבערייס; פלוצים קומט צו מיר צו אַ פרוי און זאָגט מיר: „טאָוואַרישטש קוויטקאָ, איר

דערקענט מיך נישט? כ׳האָף, אַז איר האָט שוין פֿאַרגעסן די אומאַנגענעמ־לעכקייטן, וואָס איר האָט געהאַט ביי די נישט־קולטורעלע קאַזאַכן מיט אַ צייט צוריק.

— כ׳האָב זי טאַקע תיכף דערקענט — זאָגט קוויטקאָ — אָבער ווען איך האָב זיך דערמאָנט וואָס פֿאַר אַ ראָל זי האָט דעמאָלט געשפּילט אין די אינטריגעס קעגן מיר און קעגן די ייִדישע שרייבער, און ווי זי האָט זיך דערמיט אונטערגעחנפֿעט צו אירע קאַזאַכישע נאַטשאַלניקעס, האָב איך זיך נישט געקענט באַהערשן און האָב איר געזאָגט: — „די אומאַנגענעמלעכקייטן ביי די אומקולטורעלע קאַזאַכן און אייער אַנטייל אין זיי וועל איך אַזוי גיך נישט פֿאַרגעסן...״ — און איך בין אַוועקגעגאַנגען, נישט געבנדיק איר די האַנט.

בעטי האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נישט געדאַרפֿט אַזוי האַנדלען. פֿאַרט איז זי אַ וויכטיקער טוער אין דער פּאַרטיי. קוויטקאָ האָט איינגעזען, אַז בעטי איז גערעכט, און איז געוואָרן אַ היפּש ביסל צעטומלט. כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם אומאַנגענעמען צושטאַנד, האָט ער געזאָגט:

— אַן עסק האָב איך. כ׳מיין, אַז דאָס איז געווען דער עפּילאָג פֿון דער אַלמאַ אַטינער מיאוסקייט, אין וועלכער זי האָט אַריינגעשטעקט איר חזיריש פּיסל.

ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות, קוויטקאָ. דער עפּילאָג פֿון דער אַלמאַ אַטינער מיאוסקייט האָט זיך אָפּגעשפּילט, אויף אַ פֿיל ערגערן אופֿן, אין צוויי יאָר אַרום — אין יאָר 1948 — ווען סטאַלין האָט אַ סוף געמאַכט צו דער עקזיסטענץ פֿון דעם לעצטן ייִדישן קולטור־לעבן אין רוסלאַנד און איר גרינטלעכע פֿאַרענדיקונג איז פֿאָרגעקומען אין פֿיר יאָר אַרום — אין יאָר 1952 — ווען די קוילן פֿון דעם סאָוועטישן לאַגער־פּאַליציסט האָבן אַ סוף געמאַכט צום לעבן פֿון די ייִדישע שפּעער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

אין דעם דאָזיקע טרויעריקן און טראַגישן עפּילאָג האָט די אַלמאַ אַטינער מיאוסקייט געהאַט אַ באַשטימטן חלק. געוויס האָט מען קוויטקאָן נישט דער־שאָסן צוליב יענער מעשה, אָבער אַז מען האָט אים אין זיין באַשולדיקונגס־אַקט אויך אַריינגערעכנט יענע חטאים, אין דעם בין איך זיכער. אַלעקסאַנ־דראַ מיכאַילאָוונאַ האָט דעם רעגיסטער פֿון קוויטקאָס נאַציאָנאַליסטישע „זינד״ געפֿירט פֿון אַלמאַ אַטאַ קיין מאָסקווע און דער דאָזיקער רעגיסטער איז דאָ אויסגעלעגן זיין צייט, ביז ער האָט זיך דערוואַרט, אַז מען זאָל סילוקן זיין גרויזאַמען סאָוועטישן חשבון, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט צו די אַלע וואָס האָבן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף זייער ייִדישקייט.

דאָס טרויעריקסטע און דאָס סאַמע גראָטעסקע אין דער דאָזיקער גע־

שיכטע איז דאָס, וואָס די דאָזיקע מנוולדיקע אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונאַ איז, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער צופעליק דערוווּסט, אַליין געווען אַ ייִדישע, אַ טאָכטער פון אַ משומדת, ס׳הייסט: — זי האָט אַליין אַמאָל געהאַט אַ ייִדישן זיידן און אַ ייִדישע באָבע און עס קען גראָד זיין, אַז די דאָזיקע זיידע־באָבע זענען געווען ערלעכע, כשרע און אָפּגעהיטענע ייִדן.

— 12 —

דאָס סאַמע מערקווירדיקסטע ביי קוויטקאָן איז געווען דאָס, וואָס ביים כסדרדיקן פאַרברענגען מיט אים האָט מען לחלוטין פאַרגעסן, אַז ער איז אַ שרייבער. ער האָט עפּעס נישט פאַרמאָגט אין זיך די אַלע געוויסע שטריכן און אייגנשאַפטן וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן פון שרייבערישן צעך. קודם־כל האָט ער וועגן זיין אייגן שאַפן זעלטן ווען גע־רעדט. דערנאָך האָט ער אויך זייער זעלטן גערעדט וועגן דעם שאַפן פון זיי־נע חברים. ועל כולם איז ער נאָך געווען אַ פאַרגינערישער מענטש און האָט נישט געליטן פון דער באַרימטער קנאת־סופרים, נישט־אין גוטן און נישט אין שלעכטן זין, אַזוי אַרום, אַז אויך אין דעם פרט איז ער געווען אַ שטיק אויס־נאָם צווישן אַלע זיינע קאָלעגן, די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד.

קוויטקאָ איז אָבער דאָך געווען דאָס וואָס מען רופט אָן אַ ראַטאָוועער שרייבער. דאָס שרייבן איז געווען זיין גאַנץ חיות און דעם טאָג ווען ער האָט נישט געשריבן, איז ער געווען אין אַ לאַ עלינודיקער שטימונג, וואָס נאָר איין בעטי האָט געוווּסט פון וואַנען זי נעמט זיך. ער איז אָבער געווען אַ מאָדנער טיפּ שרייבער — אַ שרייבער, וואָס ליידט נישט פון די באַקאַנטע „שרייבערישע" קאָמפּלעקסן און מען האָט אין דער הינזיכט נישט געמוזט מיט אים אומגיין ווי מיט אַ ווייך איי.

קוויטקאָ האָט מיט זיינע ערשטע לידער געקריגן אַ גרויסן נאָמען. גע־וויס זענען די דאָזיקע בכורים זיינע געווען אָן אָנזאָג אויף עפּעס, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן. דאָס איז אגב, געווען דער גורל פון אַ סך פּאָעטן אין רוסלאַנד, וואָס די רעוואָלוציע האָט איבערגעבראָכן זייער אַנטוויקלונג און די שפּעטערדיקע סאָוועטישע ליטעראַטור־פּאָליטיק האָט זיי לחלוטין דער־קוועטשט און פאַרוואַנדלט אין פורים־שפּילער. אויך קוויטקאָ וואָלט אַנדערש געוואַקסן און אַנדערש זיך אַנטוויקלט אין אַ פרייער וועלט. מיר מעגן אָבער אָננעמען, אַז ער וואָלט סיי־ווי, אויך אין אַנדערע באַדינגונגען, נישט גע־בליבן ביי דעם אומעט־אומרו פון זיין ליטעראַרישן אָנהייב און פונקט אַזוי איז אויך זיכער אַז אַפילו אין זיינע שפּעטערדיקע סאָוועטישע יאָרן איז ער פאַרט געבליבן געטריי דעם פאָלקס טאָן, דעם פאָלקס־גראַטעסק און די פאָלקס־

פּאַנטאַסטישקייט, וואָס מען האָט אָנבאַגעגנט אין זיינע ערשטע לידער. עפּעס פון זיין ערשטער פּרימיטיווער נאַטור־קרעפּטיקייט איז געבליבן אויך אין זיין ווייטערדיק שאַפן, הגם די מאָטיוון פון זיין שאַפן זענען שוין געווען הימל־ווייט פון יענער יוגנטלעכער מרה־שחורה, פון יענער פּאַנטאַסטישער פֿאָלקס־מעשהדיקייט, פול מיט לצים, שרעטעלעך און אַנדערע בין מנחה למעריב־וויזיעס, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט זיינע אָנפאַנגערישע פּרוּוון אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

די גרויסע צרה מיט דער ייִדישער פּאָעזיע אין רוסלאַנד, אויף יעדן פאַל מיט דער דאָזיקער פּאָעזיע וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען מיטן הסכם פון דער סאָוועטישער צענזור (און קיין אַנדערע איז דאָך צו אונדז נישט דערגאַנגען) באַשטייט אין דעם, וואָס מיר הערן זייער זעלטן אין איר דאָס אמתע קול פונעם פּאָעט און מיר הערן דורך איר נאָר דאָס קול פון דעם סאָוועטישן באַפעל, וואָס האָט אַרויסגערעדט פונעם פּאָעט. *אין בעסטן פאַל דאַרף מען אַ ליד פון אַ סאָוועטישן דיכטער לייענען נישט ווי קיין ליד, נאָר ווי אַ מין פּאָעטישע איבונג אויף אַ פּאָליטישער טעמע.* דאָס ליד איז כמעט תמיד אַ טריפהנער שרץ, וואָס דאַרף געכשרט ווערן דורך קוף־נון־קונצן, וואָס דער פּאָעט האָט באַוויזן כדי אַרויסצוברענגען פּאָעטישע קוואַליטעטן אין אַ פּאָליטישער באַשטעלונג. ווען מען זאָל איצט, אין אונדזערע מקומות, ווען אַרויסגעבן די לידער פון די סאָוועטישע דיכטער, וואָלט מען זיי געמוזט באַגלייטן מיט קאָמענטאַרן, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין צען מאָל גרעסער ווי דער טעקסט און דאָס וואָלט מען געמוזט טאָן דערפאַר, ווייל מען וואָלט דעם געוויינלעכן לייענער געמוזט אויפקלערן דעם דיכטערישן נסתר, וואָס איז פאַראַן אין דעם פּאַרטיי־פּאָליטישן נגלה, וואָס מאַכט אומאַנגעמבאַר און ווערטלאָז די דאָזיקע שאַפונגען. היות דאָס איז זייער אַ שווערער ענין בלייבט דערווייל די ייִדיש־סאָוועטישע פּאָעזיע פאַר אונדז אַ זאַך נישט צום באַנוצן. ביי שניאורן איז פאַראַן אַ דערציילונג וועגן אַ ייִד וואָס מען פעלשט זיינס אַן אונטערשריפט אויף אַ וועקסל און ער באַוואונדערט דעם שיינעם „פּאָטשערק" פונעם פעלשער. די ייִדישע פּאָעזיע אין רוסלאַנד איז אַ געפעלשטער אונטערשריפט און נאָר די וואָס קענען זיך אויף די דאָזיקע זאַכן, קענען צומאָל באַוואונדערן דאָס שיינע כתב פון די פאַלשע וועקסל־שרייבער.

אַ סך ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן דאָס געוווסט און האָבן דערפון מוראדיק געליטן. זיי האָבן דעריבער געפּרוווט אויסקויפן זייערע זינד מיט דעם שרייבן פאַרן שופלאָד, אָדער מיטן אַריינשרייבן אין זייערע לידער

עפּעס אַזוינס וואָס זאָל קענען אַנגענומען ווערן ווי אַ רמז, אַז דאָס וואָס זיי האָבן צו זאָגן איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. אַזוי האָט, געשריבן מאַרקיש און נאָך אַנדערע. קוויטקאָ איז געווען אַ צו גרויסער סאָוועטישער חסיד, אַז ער זאָל אַפילו זיך דערוועגן צו טראַכטן וועגן אָפּנאַרן דעם סאָוועטישן רבי־צענזאָר. ער האָט אַמאָל געקענט אָנשרייבן אַ ליד, וואָס איז נישט אין הסכם מיט דער ליניע און דערפאַר געמוסרט ווערן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט זיין ליד „די האַק". ער האָט דאָס אָבער געטאָן בשוגג, ווען ער איז געשטרויכלט געוואָרן דורך זיין אימפּעט פון אויפברויז קעגן די יידן־שונאים, מיינענדיק, אַז אין רוסלאַנד גילט נאָך דער אַלטער כלל, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז איינס און דאָס זעלביקע וואָס קאָנטררעוואָלוציע. ווען מען האָט אים אָבער געמוסרט פאַר אַזאַ ליד, האָט ער אויפריכטיק חרטה געהאַט, ווייל ער האָט פאַקטיש נישט געהאַט בדעה אָפּצונאַרן די סאָוועטישע ליטעראַטור־מושלים. פון דעסטוועגן קען מען דווקא ביי קוויטקאָן געפינען אַ סך גאַנצע לידער, וואָס מען וואָלט אויך ביי אונדז געקענט פאַרעפנטלעכן אָן אַ פּירוש. כ'ווייס נישט צי זיי וואָלטן געווען עפּעס באַזונדערס, אָבער זיי וואָלטן זיכער אונדז געגעבן אַ באַגריף וועגן דעם וואָס קוויטקאָ האָט מיט זיך אין דער אמתן פאַר־געשטעלט. וועגן די אַנדערע יידיש־סאָוועטישע דיכטער קען מען דאָס ליידער נישט זאָגן. זייערע לידער, אַפילו די ליבע־לידער און די נאַטור־לידער קענען קיינמאָל נישט געבן קיין פאַרשטעלונג וועגן דעם וואָס זיי זענען געווען און מען מוז זיי נעמען נאָר ווי אַ שטודיע־מאַטעריאַל, כדי צו פאַרשטיין דאָס פאַרקערטע וואָס ווערט אין זיי גערעדט אָדער געזונגען.

קוויטקאָ האָט אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי קינדער־לידער, וואָס וואָלטן אין צונויפזאַמלונג פאַרנומען אַן אָרט אין אונדזער קינדער־ליטעראַטור. זיי־נע כעלעמער מעשות, זיינע לידער וועגן דעם שלימזל לעמל, זיינע אויסטער־לישע גאַנצע לידער, קענען געלייענט ווערן בכל תפוצות ישראל, מען זאָל דערביי פאַרגעסן, אַז קוויטקאָ איז געווען אַ דיכטער אין סאָוועטרוסלאַנד און מען זאָל זיך נישט מוזן באַרען מיט דער טריפנער טענדענץ, וואָס איז תמיד פאַראַן אַפילו אין דעם כשרסטן ליד פון אַ סאָוועטישן שרייבער.

פאַראַן אַ ווערטל, אַז ערלעכקייט באַצאָלט זיך, קוויטקאָס אמונה, אַפילו די אמונה אין אַ פאַלשן גאָט, האָט זיך אים שפּעריש וויפל ס'איז נישט באַ־צאָלט. ער איז אַלס שרייבער פאַרט נישט אַרויס אַזוי בשן ועין פון דעם גהינום פון שרייבערישער פאַרניכטונג, ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער.

דווקא ער, דער סאָוועטישער מאַמין, האָט אָנגעשריבן און איבערגעלאָזט אַ סך לידער, וואָס קענען געלייענט ווערן מיט הנאה דורך די כּופרים פון סאָוועטיש־קאָמוניסטישן לעבן.

***

עמעצער קען פרעגן: ווי אַזוי קען מעןריידן וועגן ערלעכקייט ביי אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט אין שקר און האָט דעם דאָזיקן שקר אָפּראָבירט? ווי אַזוי קען מען ריידן וועגן אָרנטלעכקייט ביי אַ מענטש וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט דעם שרייענדיקסטן אומרעכט און האָט דאָך געגלייבט, אַז דער אַרום איז כּולו יושר און כּולו צדק? ווי אַזוי קען מען זאָגן אויף אַ מענטש, אַז ער איז געווען גוט, ווען ער האָט צוגעזען און אויף אַ געוויסן אופן אויך אָנטיילגענומען און געבענטשט דאָס סאָוועטישע רשעות?

די פראַגן זענען זייער שווער צו פאַרענטפערן און איך וועל דאָס נישט פּרוּוון צו טאָן אויך. געדענקען דאַרף מען אָבער, אַז אין לעבן שטייען מיר אָפט פאַר אַזעלכע דערשיינונגען, ווען ערלעכע מענטשן לעבן אויס זייערע יאָרן אין פאַלשע איבערצייגונגען. אמת, מיר ווייסן, אַז די אידעאָלאָגיע מוז סוף־כּל־סוף אויך ווירקן אויף דער פּסיכאָלאָגיע, און באַזונדערס מוז ווירקן אויף דער פּסיכיק פונעם מענטש אַזאַ אידעאָלאָגיע ווי דער קאָמוניזם, וואָס פאָרעמט אויס אין אירע אָנהענגער אַ באַזונדערע מענטאַליטעט. דאָך — ווי גילטיק דער דאָזיקער כּלל זאָל נישט זיין — דאַרף מען אָבער מודה זיין, אַז אין אים זענען פאַראַן געוויסע אויסנאַמען און דאָס מיינט, אַז אויך די דאָזיקע פאַלשע אידעאָלאָגיע האָט צווישן אירע אָנהענגער אַ געוויסע צאָל מענטשן, וואָס זעען נישט איר פאַלשקייט און גלייבן, אַז זי איז דער אמת. אַ סך פון זיי זעען נישט די פאַלשקייט מחמת זיי זענען פשוט שׂכלדיק־בלינד, אַנדערע זעען נישט מחמת עפּעס אַן אינערלעכער אינסטינקט דערלאָזט זיי נישט צו זען, ווייל די קאָנסעקווענצן פון דעם דאָזיקן דערזען וואָלטן פאַר זיי געווען שרעקלעך — דערהויפּט אין ראַטנפאַרבאַנד. מיט איין וואָרט: כאָטש מיר אָנערקענען, אַז דאָס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ זעלטענער, קענען מיר אָבער נישט לייקענען, אַז אויך אין יענער באַוועגונג פון פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי זענען פאַראַן מענטשן, וואָס פּסיכאָלאָגיש גענומען זענען זיי ערלעכע מענטשן, ווייל זיי גלייבן מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז גוט און גערעכטיק.

אַזאַ ערלעכער מענטש — פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט געזען — איז געווען קוויטקאָ און די דאָזיקע ערלעכקייט זיינע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די פאַרהעלטענישן פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין די באַדינגונגען פון סאָוועטישן לעבן איז קוויטקאָ געווען אַן ערלע־כער, אַ גוטער און פיינער מענטש, כאָטש ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער סאָוועטנמאַכט און איר פאַרטיידיקער ביז לעכערלעכקייט. וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, וואָס פינטשעווסקי האָט אָפט שטילערהייט געבורטשעט קעגן דער ממשלה, ווען ער האָט געטאָן זאַכן פאַר וועלכע ער האָט פאַרדינט פאַראַכט צו ווערן. קוויטקאָס גרויסער פאַרענטפער איז געווען דאָס, וואָס ער איז תמיד געווען דאָס וואָס ער איז. אַזאַ ווי ער איז, איז ער געווען אַ גוטער מענטש, אַ מענטש מיט אַ גוטן כאַראַקטער, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון גאָט מיט אַן ערלעכער נשמה און איז דורך דעם זעלביקן גאָט פאַרשאָלטן גע־וואָרן צו לעבן אין רוסלאַנד.

גאָט שטראָפט אָבער נישט מיט ביידע הענט. ער האָט קוויטקאָן געגוג. געשטראָפט מיט דעם מוז צו לעבן אין רוסלאַנד. ווען ער וואָלט אים אויך געשטראָפט מיט דעם כוח צו זען דאָס וואָס טוט זיך אַרום אים, וואָלט ער אומגעקומען. די דאָזיקע שטראָף האָט ער אָבער פון אים פאַרמיטן. ער האָט אים באַשענקט מיט אַן אינערלעכער זעעלישער גאַנצקייט, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ פונק פון פיליסטערישער טעמפּקייט, אָבער אויך אַ ניצוץ פון הימ־לישער תמימות.

***

ווער ס'האָט קוויטקאָן געקענט פון דער נאָענט האָט געמוזט אין אים זען אַ שטיק נס: ער איז געגאַנגען איבער אַ צעשטורעמטן סמבטיון פון שלעכטס מיט דער זיכערקייט, אַז ער גייט איבער דער פעסטער ערד פון מענטשלעכער גוטסקייט און מענטשלעכער אָרנטלעכקייט.

דער דיכטער ש. ה. האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— קוויטקאָ איז איינער ביי גאָט. ער וואָלט אַפילו אין גהינום אויך געקענט הנאה האָבן פון די פלאַמען.

יאָ, קוויטקאָ איז געווען איינער ביי גאָט. כאָטש אָביעקטיוו האָט ער גע־דינט דעם שטן נישט ווייניקער ווי אַלע אַנדערע אין רוסלאַנד.

ער האָט אָבער אַלץ געטאָן מיט אַזאַ אויפריכטיקייט און אמתדיקייט, דערצו מיט אַזאַ אמונה, אַז ער טוט לויטער גוטס, אַז אַפילו די שוואַרצסטע קראָען זענען פון אונטער זיינע הענט אַרויס ווייס און אומשולדיק ווי די טויבן.

זיין אמונה איז געווען פון דער דאָזיקער מדרגה, וואָס דערנענטערט דעם ווילדסטן געצנדינער צו אַן עובד ד' בקדושה וטהרה.

אַפילו די רשעותדיקע מאַכט־האָבער פון רוסלאַנד האָבן אָפטמאָל גע־

שמייכלט פון זיין תמימות און זיי האָבן אים מוחל געווען זאַכן, וואָס אַנדע־רע איז מען דאָס נישט מוחל.

אויך מיר, די פליטים פון פוילן, האָבן קוויטקאָן ליב געהאַט.

די האָפערדיקייט פון אַנדערע האָט אָפּגעשטויסן. קוויטקאָס בטחון האָט באַרויִקט, געטרייסט. זי האָט אַריבערגעשטראָמט צו אייך אין דער נשמה מיט רו, ווען אַפילו מען האָט געוווסט, אַז די דאָזיקע רו איז אַן איינריידעניש.

אַנדערע זענען מיט זייער אָפּטימיזם אויסן געווען צו פאַרבלענדן די אויגן. קוויטקאָס בלינדקייט האָט געהאַט אין זיך אַ גרויס ליכט.

די טראַגעדיע וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען, ווען ער איז צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע שרייבער אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון דער גדולה אין סאַ־מע כף הקלע אַריין, איז דעריבער נישט געווען בלויז זיין פערזענלעכע טראַ־געדיע. אויך נישט בלויז די טראַגעדיע פון דעם רוסישן יידנטום. דאָס איז געווען און געבליבן די טראַגיק פון דעם סאָוועטישן רעזשים, פון דעם סאָ־וועטישן קאָמוניזם, פון דער סאָוועטישער ממשלה, וואָס מוז פון צייט צו צייט אויפפרעסן אירע אייגענע קינדער און מוז, כדי צו בלייבן עקזיסטירן, ברענגען פאַר אַ קרבן אירע געטרייסטע אָנהענגער. אויב אַזאַ ווי קוויטקאָ האָט געמוזט געוואָרפן ווערן אין דעם פאַרצוקנדיקן מויל פונעם מולך, איז עס פאַר דער רוסישער קרעמל־דעספּאָטיע גאָרנישט קיין גוטער סימן. ע ס א י ז אַ ס י מ ן, אַ ז ד אָ ר ט ה אָ ט ג ע נ ו מ ע ן ה ע ר ש ן ד ע ר ד ו ר פ ו ן כ ו ל ו ח י י ב, א ו ן ד י ה ע ר ש אַ פ ט פ ו ן כ ו ל ו ח י י ב א י ז א ו י ך אַ ן אָ נ ז אָ ג א ו י ף ג א ו ל ה, אַן אָנזאָג, אַז די וועלט וועט פון דעם דאָזיקן קאָשמאַר פאַרט אויסגעלייזט ווערן, הגם נישט אָן בלוט און נישט אָן טרערן.

# דער נסתר

דער נסתר

— 1 —

וועגן דעם נסתרס שאַפן האָב איך צווישן יִדישע שרייבער אין רוסלאַנד געהערט פאַרשיידענע מיינונגען. וועגן דעם נסתר גופא האָב איך אָבער אין די זעלביקע שרייבער־קרייזן תמיד געהערט נאָר איין מיינונג:

— אַ טייערער ייִד. אַ צדיק.

אַז די דאָזיקע מיינונג איז געווען אַ ריכטיקע איז פאַר מיר קיין שום ספק נישט, וואָרום בעת מיינע באַגעגענישן מיט אים אין מאָסקווע האָב איך געהאַט אַ סך געלעגנהייטן זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס וואָס מען האָט אויף אים געזאָגט איז נישט געווען קיין איבערטרייבונג און האָט נישט געשטאַמט פון דער מענטשלעכער נייגונג צו גוזמא. אמת איז, אַז די דאָזיקע נייגונג פאַרפירט טאַקע גאַנץ אָפט אונדזער אורטייל איבער אַ מענטש, סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן. פאַרעקשנט, דויערנדיק, האַלטן מיר זיך אָבער ביי אַ גוזמא כמעט תמיד נאָר אין די פאַלן ווען זי איז נישט לטובה, נאָר לרעה דעם געאורטיילטן. דערפאַר קען מען קומען צו דער מסקנא, אַז ווען מענטשן, און שרייבער דערצו, פאַרגינען עמעצן דעם אויסגעהאָרעוועטן שם טוב מיט אַזאַ ברייטהאַרציקייט און מיט אַזאַ סטאַבילקייט, ווי דאָס איז געווען אין דעם פאַל מיט דעם נסתר, איז דאָס אַ זיכערער סימן, אַז דער וואָס געניסט פון דער דאָזיקער פאַרגינונג איז שוין אויף אַן אמת נישט קיין דורכשניטלעכער בשר ודם, נאָר טאַקע אַ גרויסער, נישט געוויינלעכער בעל מדרגה.

יאָ, דער ייִדישער שרייבער פּיניע קאַגאַנאָוויטש, וואָס איז באַקאַנט אין אונדזער ליטעראַטור מיט דעם פּסעוודאָנים „דער נסתר", איז פאַקטיש געווען אַ גרויסער בעל מדרגה, און ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס מען האָט צו אים געהאַט אַזאַ גוטע באַציִונג. פאַרט איז זיין גוטער נאָמען יאָ געווען פאַרבונדן מיט עפּעס חידושדיקס. מחמת וואָס? מחמת דעם, וואָס גע־ווינלעך האָבן מענטשן ליב צו באַצייכענען ווי אַ גוטן נישט דעם, וואָס איז אין דער אמתן גוט, נאָר דעם, וואָס זיין כאַראַקטער און זיינע מידות זענען אַנגענעם און ברענגען דערצו, אַז זייער באַזיצער זאָל, ווי מען זאָגט, נישט

טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט. דער נסתר, אויף וויפל איך האָב אים געקענט, איז אָבער בשום אופן נישט געווען פון יענע ווייכע לייט, וואָס קע־נען הויזן סיי מיטן נזיר, סיי מיטן טייוול און ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז ער האָט גאַנץ אָפט געקענט אַ רייד־טאָן מיט האַרבקייט, און דערביי זאָגן אַזעלכע ווערטער וואָס פאַרשטערן פאַלשן בטחון און אַנשטעלערישע האָפערדיקייט, איז שוין אַוודאי קלאָר, אַז ער האָט דעם לויב אויף זיין חשבון געהאַט צו פאַרדאַנקען עפּעס וואָס איז באמת אין אים געווען ווערטפול און דאָס מיינט: עפּעס וואָס האָט אים ווירקלעך געמאַכט פאַר אַ מאַגנעטישער און נישט דורכשניטלעכער פערזענלעכקייט.

דאָס וואָס אַ מאַרקיש, אַ דאָברושין, אַ האָפשטיין, אָדער אַנדערע, האָבן כסדר גערעדט וועגן דעם נסתרס צדקות און טייערער ייִדישקייט, איז פאַר מיר נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכס. מער חידושדיק איז אָבער פאַר מיר תמיד געווען דאָס וואָס וועגן דעם האָבן אויך גערעדט די ייִנגערע שרייבער, ווי למשל, אהרון ווערגעליס, משה טייף, צי גאָר שיקע דריז — אַלץ מענטשן וואָס זענען אַליין גאַנץ ווייט געווען פון די דאָזיקע מעלות און אַפילו פון אַ ריכטיקן באַגריף וועגן זיי. נאָך מער: לויט זייער דערציִונג, לויט זייער לעבנס־באַנעם און לויט זייער מענטאַליטעט זענען זיי אַפילו געווען אין בפירושן קידער־ווידער מיט די עטישע קוואַליטעטן צוליב וועלכע זיי האָבן אים געליובט און ערגעצוווּ האָבן זיי מסתמא געמוזט פילן און וויסן, אַז זיי לויבן אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס זיי אַליין באַזיצן נישט. לויט דעם כלל, אַז מענטשן לויבן אין יענעם נאָר דאָס וואָס זיי האַלטן פאַר גוט אין זיך, וואָלטן דעריבער אַ סך, אַ סך שרייבער אין רוסלאַנד נישט געדאַרפט האָבן קיין גוט וואָרט פאַר אַזאַ מענטש ווי דער נסתר, וואָס איז אין פיל הינ־זיכטן געווען ווייט פון זיי, ווי ווייט עס איז דער הימל פון דער ערד. פאַר־וואָס־זשע איז אָבער געשען אַנדערש? פאַרוואָס האָט דער נסתר אַרויסגערופן צו זיך פאַערונג און אַפילו ליבשאַפט ביי מענטשן, וואָס האָבן אַליין נישט פאַרמאָגט קיין שמץ פון די אַלע מעלות צוליב וועלכע זיי האָבן אים געליובט? די דאָזיקע שאלה נעם איך זיך נישט אונטער צו פאַרענטפערן, כאָטש מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפער אויף איר קען געפינען ווערן, אויב מען וועט אָננעמען, אַז אין יעדן מענטש איז פאַראַן אַ שורשדיקער ניצוץ, וואָס ציט זיך צו גוטס און ברענגט אָפט צו דעם, אַז אַפילו פאַלנע רשעים זאָלן פילן אַן אָפּשיי פאַר עכטער קדושה און זאָלן אונטערבאַוווסטזיניק זיך בייגן פאַר איר אמתער אַנטפּלעקונג.

איך שטרייך ספּעציעל אונטער דעם דאָזיקן מאָמענט פון דעם נסתרס באַליבטקייט ביי כמעט אַלע ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד, ווייל אין אים

איז פֿאַראַן דער באַשייד אויף אַ רעטעניש, וואָס האָט מיך אַ סך מאָל געמאַ־טערט בעת מיין זיין אין יענע מקומות. דאָס דאָזיקע רעטעניש קען זיך אויך שטעלן גאַנץ שאַרף פֿאַר די מענטשן, וואָס זענען אין רוסלאַנד נישט געווען. וואָס דאָס רעטעניש איז און וואָס פֿאַר אַ שייכות עס האָט מיט דעם אויבנ־געזאָגטן, וועלן מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער, כדי מיר זאָלן זיך אַליין נישט פֿאַרלויפֿן דעם וועג און כדי מיר זאָלן קענען דערציילן מיט אַ טאָלק דאָס וואָס מיר ווילן וועגן אים אַרויסברענגען אין די ווייטערדיקע שורות.

**
*

פֿון מיין צוקוקן זיך צו דעם נסתר אין משך פֿון אַ היפּשער צייט ביז איך געקומען צו דעם אויספֿיר, אַז זיין באַליבטקייט און זיין גוטער נאָמען האָט געשטאַמט פֿון צוויי מאָטיוון:

1) ער האָט זיך אויסגעטיילט צווישן אַלע יידיש־סאָוועטישע שרייבער מיט זיין קענען זיך אָפּזאָגן פֿון סאָוועטישן עולם הזה און אַפֿילו מיט זיין קענען מוותר זיין און מבטל זיין די שרייבערישע דערפֿאָלגן נאָך וועלכע עס זענען אַזוי להוט געווען אַנדערע יידישע ליטעראַטור־שעפֿער אין רוס־לאַנד. 2) ער האָט מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער יידישער שרייבער אין רוסלאַנד אויסגעוויטיקט אין זיך די טראַגעדיע פֿון יידישן לעבן אין ראַטנ־פֿאַרבאַנד און איז געווען טאַקע דער איינציקער, וואָס האָט בפֿועל ממש גע־לעבט מיט איר 24 שעה אין מעת־לעת. דערביי האָט ער אויך געהאַט דעם, אין רוסלאַנד זייער זעלטענעם, מוט זי צו מאַניפֿעסטירן אויף אַזאַ אופֿן, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופֿן באַוווּנדערונג און אויך רעספּעקט.

די דאָזיקע צוויי מאָמענטן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל ביים אַרויסהייבן אים משכמו ומעלה פֿון אַלע אַנדערע אין דער יידיש־סאָוועטי־שער שרייבער־סביבה פֿאָדערן אַ ברייטערע אויפֿקלערונג, כדי מען זאָל פֿאַר־שטיין און באַנעמען, וואָס אַזוינס דער נסתר האָט מיט זיך אין דער אמתן פֿאַרגעשטעלט.

ובכן:

ווי דערדריקנדיק עס האָט נישט געזאָלט זיין די אַטמאָספֿער אין וועל־כער עס האָבן געלעבט די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, ווי טרויעריק עס האָט נישט געזאָלט זיין אין דער סביבה פֿון די יידישע שעפֿער אין רוס־לאַנד, איז אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין דער דאָזיקער סביבה נישט געווען פֿריי פֿון די אַלע קליינלעכע האָוועניש און געוויינלעכע עולם הזה־יאָגענישן מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס אַלע מענטשלעכע סביבות און געזעלשאַפֿטן. אויב איך זאָל שוין אַפֿילו נישט זאָגן דעם אמת, אַז זיי זענען

דאָרט, צוליב די ספּעציעלע באַדינגונגען, געווען שאַרפער און אינטענסיווער ווי ערגעץ אַנדערשוווּ. דאַרף מען אָבער אַליין פאַרשטיין, אַז מענטשן זענען אומעטום נישט מער ווי מענטשן און ווען זיי קומט אויס אַ לענגערע צייט צו לעבן אַפילו אויף דער שאַרף פון אַ שווערד, שטעלן זיי צוביסלעכווייז איין זייער לעבן אין הסכם מיט די אומשטענדן און ווילן אויך פון דעם דאָזיקן מעמד אַרויסקוועטשן וואָס מער באַקוועמלעכקייט און וואָס מער גענוס. פאַר־שטייט זיך, אַז וואָס שווערער אַ זאַך קומט אָן צו דערגרייכן, אַלץ מער חושׂ לייגט מען אין איר אַריין און אַלץ מער יאָגט מען זיך נאָך איר. דאָס איז געווען גענוג בולט אין דער געזעלשאַפט פון די יידישע שרייבער אין רוס־לאַנד, ווו מענטשן האָבן זיך פאַר דער קלענסטער דערגרייכונג, פאַר דעם אָרעמסטן ביסל עולם הזה, פאַר דעם נישטיקסטן ביסל באַקוועמלעכקייט און גענוס געמוזט גאָר שטאַרק אָנשטרענגען און דערפאַר אין זיי אַריינלייגן דאָס גאַנצע לייב און לעבן, דעם גאַנצן מוח און דעם גאַנצן כוח.

אמת, צווישן די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָב איך אויך גע־קענט אַזעלכע וואָס זענען געווען מוסתפּקי במועט, קליינע וועלערס און באַ־שיידענע פאַרלאַנגערס. אָבער אַפילו די דאָזיקע האָבן דאָך, ווי נישט ס׳איז, געמוזט לעבן און במילא געמוזט טאָן פאַרשיידנס, כדי צו קענען לעבן. אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז גראַד אַזאַ מסתפּק במועט האָט זיך מתקנא געווען אין די בעסער סיטויִרטע חברים און האָט אויף אַ שטיקל צייט געגומען באַווייזן אַזאַ מין רירעוודיקייט און אַקטיוויטעט, וואָס האָט אַלעמען פאַרחידושט. און האָט ער אַפילו נישט געזינדיקט מיט אַקטיווקייט, האָט ער אָבער פּאַסיוו עובר געווען אויף דעם לא תחמוד און האָט פאַרקלאָגט די וועלט מיט דער עוולה וואָס אים געשעט. ביים נסתר איז דאָס קיינמאָל נישט געווען. אמת, ער איז נישט געווען קיין שמח בחלקו און האָט מסתמא געהאַט זיינע נישט באַפריי־דיקטע פאַרלאַנגען. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט אָנטיילגענומען אין דער האַוועניש צו דערגרייכן אַ בעסער שטיק עולם־הזהדיק לוויתן און האָט אויך קיינמאָל נישט געקלאָגט אויף זיין באַעוולטער דאָליע, וואָס איז אין דער אמתן געווען זייער ביטער. נאַטירלעך האָט ער אויך געטאָן געוויסע זאַכן, כדי צו קענען עקזיסטירן, אָבער טאַקע נישט מער ווי אויף צו קענען אָנ־האַלטן זיין בידנע און געמאַטערטע עקזיסטענץ. אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט מקנא געווען און האָט בכלל קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין לוסט צו געניסן משמני הארץ מיט וועלכע די אָרטיקע מושלים האָבן פאַרלאָקט די שרייבער זיך איינצוקויפן אין סאָוועטישן יחוס.

דער דאָזיקער כוח פון דעם נסתר זיך אָפּצוזאָגן פון סאָוועטישן עולם הזה איז געווען זייער גוט באַקאַנט צו אַלע יידישע שרייבער. אַלע האָבן זיי

געוווּסט, אַז דעם נסתר פעלט יענער חשק, וואָס פֿאַרפֿירט דאָס פּישל אויף דעם האַטשיק אין וועלכן ס׳איז אַנגעטשעפּעט דאָס יצר הרע־ווערימל. אַלע האָבן אויך געוווּסט, אַז דער דאָזיקער כּוח איז אַן אויסגעפּרוּווטער. דער נסתר האָט יאָרן־לאַנג געהונגערט, יאָרן־לאַנג געוווּינט אין אַ קבר־דירה און יאָרן־לאַנג זיך קוים געציילט צווישן דער סאָוועטישער שרײַבער־מחנה. דאָך האָט ער זיך נישט געבויגן, נישט געקלאָגט, נישט אַרויסגעוויזן קיין ווילן צו ענדערן זײַן לאַגע און אַפֿילו נישט געפּרוּווט מיט דעם מינדסטן מפּייס צו זײַן די דאָזיקע אין וועמענס הענט עס זענען געלעגן אַלע חסדים פֿון סאָוועטישן ווילשטאַנד און אַלע שליסלען צו די אוצרות פֿון דעם לעבנס־גליק אין סאָוועטרוסלאַנד.

***

דאָס אַליין איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ.

כ׳האָב געקענט שרײַבער אין סאָוועטרוסלאַנד וואָס זענען זייער אַ סך מאָל בײַגעשטאַנען דעם נסיון פֿון מאַטעריעלע לאָקונגען, כ׳האָב אָבער נישט געקענט קיין איין ייִדישן שרײַבער וואָס זאָל האָבן בײַגעשטאַנען דעם נסיון פֿון חשק צו שרײַבערישן דערפֿאָלג, דאָס מיינט: דעם יצר־הרע פֿון וועלן באַקומען שרײַבערישן רום, שרײַבערישע אָנערקענונג, שרײַבערישע סאַטיספֿאַקציע. דער באַשיידנסטער ייִדישער שרײַבער אין רוסלאַנד, דער סאַמע לעצטער אויפֿן געביט פֿון יאָגן זיך נאָך באַקוועמלעכקייטן און הנאות אין לעבן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון זײַן מדרגה ווען ס׳איז געקומען צו די ענינים וואָס זענען אַזוי אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט דעם לעבן פֿון יעדן שעפֿערישן מענטשן. ווען ס׳איז געקומען צו דרוקן זיך, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ שרײַבערישן „אָוונט‟, ווען די רייד זענען געגאַנגען וועגן אַן אָפּשאַצונג פֿון זײַן ווערק, אָדער וועגן עפּעס וואָס זאָל אונטערשטרײַכן די אָנערקענונג פֿאַר זײַן אַרבעט, זענען אַלע שרײַבער געווען היינו הך און אַלע האָבן געלעכצט און געוואָלט די אויסצייכענונג, הגם די אויסצייכענער גופֿא האָבן זיי טיף אין זיך פֿאַראַכט און מבֿטל געווען. פֿאַרשטייט זיך, אַז ווי אומעטום זענען דאָרט אויך געווען אומצופֿרידענע, בעלי קנאה, קלאָגערס, וואָס האָבן געהאַט אַ פֿולן בויך מיט שמאַטעס און האָבן תּמיד געהאַלטן, אַז די עוולה וואָס די וועלט באַגייט מיטן נישט געבן זיי דעם געהעריקן כּבֿוד, אָדער מיטן נישט צולאָזן צו זיי דעם פֿאַרדינטן דערפֿאָלג, איז די גרעסטע עוולה אונטער דער זון און די גרעסטע באַשטעטיקונג פֿון דעם, אַז ס׳איז נישטאָ קיין יושר אויף דער זינדיקער ערד.

דער נסתר איז אויך אין דעם דאָזיקן פּרט געווען אַן אויסנאַם צווישן די ייִדישע שרײַבער אין רוסלאַנד. ווען איך ווייס נישט ווער ער איז און וואָס

ער איז, וואָלט איך אַ סך מאָל איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ שרייבער. דאָס וואָלט, נאַטירלעך, געשען, נישט דערפאַר ווייל ער האָט נישט גערעדט זייער אָפט וועגן ליטעראַטור, וועגן שרייבערישע ענינים, אָדער אַפילו וועגן חברים־שרייבער, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין אייגן שאַפן און ס׳איז אים טאַקע אויף אַן אמת זייער ווייניק אָנגעגאַנגען זיין אייגענער שרייבערישער דערפאָלג. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין ענוות. דאָס איז געווען דער פולער, באַוווּסטזיניקער ביטול צו דער שרייבערישער הצלחה אין די באַדינגונגען פון סאָוועטישן לעבן. ס׳איז אפשר געווען נאָך עפּעס מער; דער אומווילן צו פאַראומווירדיקן דעם שרייבערישן קודש מיט די דאָזיקע סאַטיספאַקציעס וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם סאָוועטישן חול. און הגם ער האָט וועגן דעם זיך נישט צו שטאַרק צעשפּרייט, האָט מען אָבער גוט געוווּסט, אַז דעם נסתר קען מען אויך מיט דעם מין יצר־הרע נישט פאַנגען. ער איז אויך קעגן דעם חשק צו דערפאָלג און קעגן דער תאווה צו באַרימטקייט אין סאָוועטרוסלאַנד, געווען אימון און אויף זיין אופן פאַרמאָגט די דאָזיקע גבורה, וואָס לויט די חז״ל האָט זי נאָר דער וואָס איז אַ כובש את יצרו.

דעם נסתרס גבורה צו זיין אַן עומד בנסיון, אי קעגן דעם יצר־הרע פון עולם הזה, אי קעגן דעם יצר פון שרייבערישן סוקצעס, האָט זיך אַן ספק געגומען פון זיין באַזונדערן, ריינעם און לויטערן מענטשלעכן כאַראַקטער. ער האָט זיך אָבער אויך גענומען פון זיין באַזונדערן, טיפן יידישן פאָלקס־באַוווּסטזיין און הייסער איבערגעגעבנקייט צו דעם געליטענעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד. און דאָ קומען מיר צו דעם צווייטן פונקט פון זיין שם־טוב, צו זיין אידענטיפיצירן זיך, בלב ונפש, מיט דער יידישער טראַגעדיע אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן און וואָס האָט געלייגט אַ שאַרפן חותם אויף זיין הנהגה צווישן די יידישע שרייבער אין זיין סביבה.

— 2 —

אין אַ ווינטערדיקן, רויט־צעפלאַמטן מאָסקווער פאַרנאַכט בין איך אַמאָל געשטאַנען מיט פּרץ מאַרקישן ביי אַ טראַמוויי־אָפּשטעל נישט ווייט פון אַרבאַט. פּלוצים האָט מאַרקיש מיך אַ טאַרע געטאָן ביים אַקסל און געזאָגט:

— זעט, זעט... דאָרט אַנטקעגנאיבער גייט דער נסתר... קוקט זיך צו, קוקט זיך גוט צו. זעט ער נישט אויס ווי אַ נייער מאָדעל פון דעם אַלטן קלויסטער־בילד, וואָס שטעלט פאָר דעם ייד, דעם אייביקן וואַנדערער?

איך האָב אַ קוק געטאָן, דערזען דעם נסתר אויף דער אַנדערער זייט גאַס און בין געבליבן געפּלעפט פון מאַרקישעס טרעפלעכער באַמערקונג.

יאָ, אין דעם קופּער־רויטן שריפה־פלאַם פון דער ווינטערדיקער שקיעה האָט דער נסתר מיט זיין האַסטיקן, ווי געטריבענעם גאַנג, מיט זיין געהויקערטער פּלייצע און מיט זיינע אויפגעפּאַכטע פּאָלעס אין ווינט, ווירקלעך אויסגעזען ווי אַרויסגענומען פון עפּעס אַ מיסטיש בילד. אפשר טאַקע פּין דעם בילד וואָס ווייזט דעם אייביק־פאַרוואָגלטן ייִדן, וועלכן עס איז נישט באַשערט קיין רו דערפאַר וואָס ער וויל נישט שלום מאַכן מיט דער וועלט, וואָס ס'האָבן פאַרכאַפּט זיינע פיינט.

און נישט נאָר דעמאָלט — תמיד ווען איך האָב געקוקט אויף דעם נסתר, האָב איך געזען דאָס געשטאַלט פון אַ ייִד, וואָס לעבט פאַר ייִדישקייט און ליידט פאַר ייִדן.

געוויס, דער נסתר איז נישט געווען דער איינציקער ייִדישער שרייבער אין רוסלאַנד, וואָס איז געטראָפן געוואָרן דורך דעם שווערן ייִדישן גורל, ער איז אָבער יאָ געווען דער איינציקער צווישן די דאָרטיקע ייִדישע שרייבער, וואָס האָט נישט בלויז טיף־פערזענלעך אָפּגעפילט די דאָזיקע גורל־געטראָפנקייט, נאָר אויך תמיד און אומעטום אַרויסגעוויזן זיין צער איבער דעם וואָס עס האָט פּאַסירט דעם רוסישן ייִדנטום, און ווי אַן אבל וואָס לאָזט זיך נישט טרייסטן האָט ער כסדר און כסדר אַרויסגעבראַכט זיינע ליידן איבער דעם אומגליק, וואָס איז געשען צו די ייִדן אין דער רוסישער מדינה.

תמיד ווען איך האָב געזען דעם נסתר, האָב איך געהאַט פאַר זיך דעם מענטשן וואָס דערמאָנט מיט זיין גאַנצער אויפפירונג דעם צער איבערן חורבן בית־רוסלאַנד. תמיד ווען איך האָב גערעדט מיט דעם נסתר האָב איך אַרויסגעהערט אין זיינע רייד די שרעק פאַר דעם, וואָס די רוסישע ייִדן פאַרגעסן זייער טראַגעדיע און הייבן צוביסלעך אָן צוצוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז זיי זענען אייביק געווען אין דער טרויעריקער מערכה וואָס איצט.

דער כעס אויף די ייִדישע שרייבער דערפאַר וואָס זיי מאַכן שלום מיטן גורל, דערפאַר, הייסט עס, וואָס זיי ווילן זיך אַליין איינשמועסן, אַז מיט ייִדישקייט אין רוסלאַנד האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן בעסער און אַז ייִדן האָבן אין דער רעוואָלוציע גאָרנישט פאַרלוירן, איז געווען דער שטענדיקער לייט־מאָטיוו פון זיינע געשפּרעכן, וועלכע זענען, נאַטירלעך, געווען זייער ריזיקאַליש און האָבן אַפילו ביי די וואָס האָבן מיט אים מסכים געווען, אַרויסגערופן אַ פאַרשטענדלעכן ציטער.

— מילא — פלעגט ער טענהן — גזירות המלכות איז נישט קיין קלייניקייט. מען קען זיך נישט העלפן. ס'איז אַ שטראָף און נישט אַלע שטראָפן קען מען אויסמיידן. אָבער פאַר זיך אַליין מעג מען דאָך וויסן, אַז מען איז געשטראָפט. ביי זיך אַליין דאַרף מען דאָך געדענקען, וואָס מיר זענען געווען

און וואָס מען האָט פון אונדז געמאַכט. וועט מען חלילה דאָס אויך פאַרגעסן;
— אויף וואָס ווילן מיר האָפן, מיט וועלכן בטחון ווילן מיר לעבן?
אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער זאָגן:
— אַ יורד וואָס געדענקט נאָך זיין אַמאָליקע גדולה האָט נאָך אַ האָפע־נונג, אַז זיין מזל וועט זיך אומקערן צום בעסערן. אַז מיר ווילן אָבער זיצן ווי דער וואָרעם אין כריין און מיינען, אָדער לאָזן זיך איינריידן, אַז ס׳איז ביי אונדז אַלעמאָל אַזוי געווען, אָדער אַז עס איז אונדז נאָך אַפילו בעסער ווי־אַמאָל, וואָס פאַר אַ גוטס קענען מיר שוין דערלעבן?
דער נסתּר איז געווען דער איינציקער יידישער שרייבער אין רוסלאַנד וואָס האָט אָפן און פריי גערעדט וועגן דעם יידישן לעבן אַמאָל, כאָטש דער־מיט איז ער געקומען אין אַ געפערלעכן קאָנפליקט מיט דעם ערשטן פונקט פון סאָוועטישן קאַטעכיזם, אַז די רעוואָלוציע האָט בעסער און שענער גע־מאַכט דאָס יידישע לעבן. אפשר דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט דעם מוט צו געדענקען דעם אַמאָל, האָט ער אַזוי געטרויערט אויף דעם היינט און אויף קיין פאַל זיך נישט געוואָלט אים אונטערגעבן.

**
*

ס׳איז שוין פריער דערציילט געוואָרן, אַז די יידישע שרייבער אין סאָ־וועטרוסלאַנד, דערהויפּט די פונעם עלטערן דור, זענען געווען טראַגישע און אומגליקלעכע מענטשן.
וואָרום ווי זאָלן נישט זיין טראַגיש און אומגליקלעך שרייבער, וואָס מען האָט זיי אָפּגעשניטן דעם וועג צום לייענער? וואָס פאַר אַ טעם אין זייער לעבן קענען שוין פילן שעפערישע מענטשן ווען זיי זעען צו ווי מען רייסט פּלאַנמעסיק און אויסגערעכנט איבער זייער קאָנטאַקט מיטן פאָלק? אין וואָס פאַר אַ גוט געמיט קענען זיי שוין האָבן ווען זיי מוזן זיך צוקוקן ווי זייער ווירקונג ווערט, צום ערשט, בכיוון אויסגעלאָשן און דערנאָך נעמט מען די דאָזיקע אויסלעשונג אָן פאַר אַן אַרגומענט ביים פאַרשמעלערן זייער טע־טיקייט?
און דאָס איז דאָך געווען דער תּוך פון דער יידישער שרייבער־טראַגע־דיע אין רוסלאַנד. דאָס איז דאָך געווען דאָס שענדלעכע שפּיל וואָס מען האָט מיט זיי געשפּילט.
דאָס שפּיל איז געגאַנגען אין דעם פאָלגנדיקן סדר:
צום ערשט האָט מען אויסגעליידיקט דאָס יידישע שעפערישע לעבן פון יעדן עכטן נאַציאָנאַלן אינהאַלט און מען האָט דערמיט צוגענומען פון דער יידישער קולטור אַ גוטע העלפט פון איר לאַנדיקן כוח. דערנאָך האָט מען

די כוואַליע פון דער אַסימילאַציע וואָס איז געווען אַ פועל־יוצא פון אָט דער אויסלייידיקונג, אויסגענוצט ווי אַ מאָטיוו צו באַגרענעצן די ייִדישע שעפע־רישקייט. און אַז די ייִדישע שרייבער האָבן זיך דערויף געקלאָגט, האָט מען די אַקטיווערע קלאָגערס ליקווידירט און די איבערגעבליבענע האָט מען גע־זאָגט: וואָס ווילט איר? ייִדן אַליין ווילן אייך נישט. עס איז אַ געניג גרוי־סער חסד פון אונדזער זייט, אַז מיר געבן אייך דאָס ווייניקע. זייט צופרידן און שווייגט. שווייגט? ניין, דאַנקט אויפן הויכן קול פאַר דעם גוטס וואָס מיר טוען מיט אייך.

ווי איז אָבער געווען דער אמת?

דער אמת איז געווען, אַז אַפילו דעמאָלט ווען אַ ייִדישע צייטונג אין רוסלאַנד האָט שוין אויסגעזען ווי אַ געטרייע קאָפּיע פון דער רוסישער צײַ־טונג, אַפילו דעמאָלט ווען דער ייִדישער שרייבער האָט שוין געשריבן אין דעם זעלביקן נוסח וועגן דעם זעלביקן שקר, וואָס דער אוקראַיִנישער שרייבער, האָבן ייִדן נאָך אַלץ געזוכט אַ ייִדיש בלאַט און נאָך אַלץ געוואָלט קויפן אַ ייִדיש בוך. אָבער אַ ייִדיש בלאַט האָט נישט געקריגן גענוג פּאַפּיר צו באַ־פרידיקן דעם נאָכפרעג און די פאַרשפּרייטונג פון דעם ייִדישן בוך איז געלעגן אין די הענט פון די מלוכהשע פאַרשפּרייט־שטעלעס און זיי האָבן שוין אַזוי פאַנאַנדערגעטיילט די ייִדישע אויסגאַבן, אַז מען זאָל זיי תמיד קריגן אין אַזעלכע מקומות ווו עס זענען נישטאָ קיין ייִדן און מען זאָל זיי קיינמאָל נישט קריגן דאָרט ווו עס לעבן קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן.

די ייִדישע שרייבער, וואָס האָבן וועגן דעם גוט געוווּסט, האָבן נישט געקענט זיין קיין גליקלעכע מענטשן.

אַז מען האָט אַמאָל אין מאָסקווע געמאַכט אַ ייִדיש־ליטעראַרישן אָוונט האָט מען נישט געהאַט ווו וועגן אים מודיע צו זיין די מאָסקווער ייִדן. זענען געקומען ווייניק ייִדן, האָט מען אין די „הויכע פענצטער״ געטענהט: צו וואָס דאַרפט איר ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, אַז די ייִדן קומען סיי־ווי נישט?

פירן אַ וועלכע עס איז אויפקלערונג וועגן דער נייטיקייט צו דערהאַלטן די ייִדישע קולטור האָט מען נישט געטאָרט. דאָס איז געווען קראַמאָלע פון ערגסטן סאָרט: נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, וואָס פאַר דעם מינדעסטן און לייכטסטן חשד אין די דאָזיקע חטאים האָט מען זיך תיכף געזען מיט די ווייסע בערן.

נו, צו די „ווייסע בערן״ האָט זעלטן ווער חשק געהאַט צו גיין. האָט מען געשוויגן, שטילערהייט געקרעכצט און על פּי נוסח המדינה האָט מען עפנטלעך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מען איז אַפילו צופרידן.

זענען טאַקע געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביים כלל, אַז אויב

מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער, דאָס הייסט: אויב ס'איז סײַ־ווי נישטאָ קיין עצה און מען איז סײַ־ווי פאַרמשפּט, טאָ זאָל מען זיך כאָטש נישט פאַרשטערן און פאַרביטערן דאָס לעבן, זאָל מען כאָטש געניסן פון דעם ביסל וואָס ס'איז נאָך דאָ, אין דעם זין פון אכול ושתה כי מחר נמות.

דער נסתר איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט קיינמאָל נישט מסכים געווען מיט דער דאָזיקער ניכטערער, ציניש̈ער פילאָזאָפיע. דער איינציקער וואָס האָט שטענדיק דערמאָנט די טראַגעדיע און זי נישט געלאָזט פאַרגעסן ווערן.

ער האָט דאָס געטאָן פּערמאַנענט, אומאיבעררייסלעך, ווייל ער האָט אויך פּערמאַנענט מיט איר געלעבט און זי איבערגעלעבט, תמיד זי געהאַט פאַר די אויגן און אַלע שעהן פון זיין טאָג מיט איר געווייטיקט.

**
*

עס איז אים אָבער נישט בלויז געגאַנגען אין דער טראַגעדיע פון די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד.

די שרייבערישע טראַגעדיע האָט טאַקע, אין אַ געוויסן זין, אונטערגע־שטראָכן די ירידה פונעם רוסישן יידנטום, די יידישע טראַגיק אין רוסלאַנד איז אָבער נישט בלויז געווען קיין שרייבערישער ענין.

פאַרקערט, אין סאַמע תוך איז דאָס וואָס ס'איז געשען צו די יידישע שרייבער נאָר געווען אַן אָפּשפּליטער פון דעם חורבן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויפן יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַז מען האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש פון יידישן פאָלקס־לעבן האָט מען, פאַרשטייט זיך, שוין אויך נישט געשאַנעוועט די כהנים פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ סך, אַ סך שרייבער האָבן שטילערהייט וועגן דעם גערעדט.

אין דער צייט וועגן וועלכער איך שרייב האָבן אַ סך דאָרטיקע יידיש־שפּעריש̈ע מענטשן אויף זיך געקוקט ווי אויף די טרעגער פונעם פאָלקס גורל און זיי האָבן אַפילו געהאַלטן ווי אַ זכיה דאָס וואָס זיי איז באַשערט צו ליידן פאַרן פאָלק.

— די יידישע שרייבער — פלעגן זיי זאָגן — זענען איצט די איינציקע וואָס האַלטן אויף אַ לעגאַלע, און אויף וויפל ס'איז נישט אָפיציעל־אַנערקענ־טע יידישע פּאָזיציע אין רוסלאַנד. מיר טוען עס נישט צוליב זיך, נאָר צו־ליב דער יידישער געשיכטע.

ווי אמתדיק עס האָבן נישט געזאָלט זיין די דאָזיקע רייד, האָבן יידישע

שרייבער אָבער זייער אָפט אין זיי פאַרגעסן, איבערהויפּט דעמאָלט ווען זיי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם געיעג פון שרייבערישן עולם הזה.

ווידעראַמאָל איז דער נסתר געווען דער איינציקער וואָס האָט דאָס קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ער האָט אָפט גערעדט וועגן דער ירידה פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, אָבער שטענדיק און אומעטום האָט ער געדענקט די ירידה פון ייִדישן לעבן אין די סאָוועטישע מקומות.

ער האָט דערויף וואָס ייִדן קענען נישט לעבן לויט זייער נאַציאָנאַלן ווילן נישט ווייניקער געקלאָגט, ווי אויף דעם וואָס מען גיט נישט אַרויס געניג ייִדישע ביכער, אָדער ייִדישע צייטונגען.

שפּיל דעם חתן אַ ווייַנענדיקס, ער האָט זיך זיינס אין זינען. אַ ייִדישער שרייבער, וואָס מען האָט מיט אים נישט געזאָלט ריידן איז ער אַלץ אַרויפגעקומען אויף דאָס זייניקע, דאָס מיינט: ער האָט תמיד אויסגעברייטעט, אַז ווען מען גיט די ייִדישע פאַרלאַגן מער פּאַפּיר אויף צו דרוקן ביכער, די ייִדישע שרייבער מער געלעגנהייטן אויפצוטרעטן פאַר אַ גרויסן עולם, וואָלט אַלץ געווען גוט און וויל און ייִדיש פאָלק אין רוסלאַנד וואָלט דורך דעם געווען געראַטעוועט.

נישט אַזוי האָט אָבער געטראַכט דער נסתר.

דעם נסתר איז דאָס וואָס מען לערנט נישט מער קיין תורה מיט ייִדישע קינדער אין רוסלאַנד אַ סך מער אָנגעגאַנגען ווי דאָס וואָס ווערגעליס, צי אַפילו מאַרקיש האָבן נישט קיין גענוגנדיקע מעגלעכקייטן זיך צו דרוקן, צי קיין גענוגנדיקע געלעגנהייטן צו שניידן די פּרוכט פון זייערע שרייבערישע דערפאָלגן.

אים איז דאָס וואָס ייִדן זענען אין רוסלאַנד אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייערע אַלטע און אייביקע גייסט־קוואַלן פיל מער געלעגן אין זין, ווי דאָס וואָס שכנא עפּשטיין האָט נישט ווו און פאַר וועמען צו רעדנערן.

ער האָט די ייִדישע טראַגעדיע אין רוסלאַנד געזען אַ סך ברייטער און אַ סך טיפער ווי אַלע אַנדערע.

און ער האָט זי אויך פּיינלעכער איבערגעלעבט ווי אַ סך אַנדערע.

ער האָט כסדר געדענקט, אַז נישט נאָר ייִדיש גייט אונטער אין רוסלאַנד, נאָר אַז עס גייט אונטער עפּעס וואָס איז נאָך וויכטיקער — ייִדיש פאָלק.

אים האָט וויי געטאָן דער אונטערגאַנג פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער נאָך מער האָט אים וויי געטאָן דער אונטערגאַנג פון ייִדישקייט.

און מיר דאַכט זיך, אַז צווישן אַלע ייִדישע שרייבער איז דער נסתר גע־

ווען דער איינציקער, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ פּול און קלאָר בילד וועגן דעם וואָס ס'איז אַזוינס ייִדישקייט און ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען ייִדיש לעבן.

דערפאַר האָט ער אַזוי אָפט גערעדט און געטראַכט וועגן דעם אַמאָל.

דער אַמאָל! — וועלכער ייִדישער שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד האָט קעגן אים נישט געזינדיקט?

ווער האָט אים נישט געזידלט, געמאָלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן, גע־זונגען לידער פון לויב וואָס ער איז שוין אַוועק?

דער נסתר איז געווען דער איינציקער וואָס האָט עס נישט געטאָן.

ער האָט יאָרן־לאַנג געשוויגן, געווען אַ נסתר און אַ שותק, יאָרן־לאַנג נישט גענומען די פעדער אין דער האַנט אַריין און ווען ער האָט זיך שוין יאָ געזעצט צום שרייבטיש, איז פון הינטער זיין פען אַרויס אַ לויב־געזאַנג צום אַמאָל, צו דער ייִדישקייט פון אַמאָל.

קען זיין, אַז אויך צוליב דעם האָבן ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד, וועל־כע האָבן אַליין אויך אינערלעך געבענקט נאָך דער אַמאָליקייט, אים אַזוי פאַרערט און אַזוי ליב געהאַט.

קען זיין, אַז אויך אין דעם האָבן זיי געזען זיין צדקות און זיין ייִדישע גוטסקייט.

— 3 —

אַ סך מאָל זאָגט מען, אַז דאָס ליב האָבן יעדן ישראל איז וויכטיקער ווי דאָס ליב האָבן דעם כלל־ישראל. דאָס ליב האָבן ביידע צוגלייך איז אַוודאי גאָר אַ גרויסע מדרגה.

דער נסתר איז געווען דער מענטש פון דער דאָזיקער הויכער מדרגה.

נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט אָפטמאָל געקענט זיין שאַרף צו מענטשן, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט זיי אָפט געקענט אַריינזאָגן אין די אויגן זיינע תרעומות, האָט ער דאָך ליב געהאַט מענטשן און איז גרייט גע־ווען פאַר זיי זיך איינצושטעלן ווען דאָס איז געווען נייטיק. און הגם ער אַליין איז געווען אַ קנאַפּער בעל יכולת אין די סאָוועטישע באַדינגונגען און דערצו האָט ער שטענדיק געהאַט אייגענע דאגות מיט וועלכע ער האָט זיך גאַנץ שווער אַן עצה געגעבן, האָט ער דאָך תמיד געהאַט אויפן קאָפּ פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע מען האָט געדאַרפט העלפן און האָט, לויט זיינע מעגלעכקייטן, פאַר זיי אינטערווענירט ביי די וואָס האָבן געהאַט מער מאַכט פאַר אים, כדי צו פאַרבעסערן זייער לאַגע, אָדער כדי פאַר זיי אויסצופועלן עפּעס אַ טובה אין וועלכער זיי האָבן זיך גענייטיקט.

ווען מען האָט מיך באַקענט מיטן נסתר און אים געזאָגט, אַז איך בין

אַ שרייבער, אַ פּליט פון פּוילן, האָט ער ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיך זייער הייס געבעטן, אַז איך זאָל אין דעם ייִדישן קאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, דערמאָנען, אַז מען זאָל אַרויסשיקן קיין טאַש־קענט הילף פאַר נחום באָמזע און ישראל אַשענדאָרף, עליהם השלום, מיט וועלכע ער האָט זיך, בעת זיין זיין דאָרט, פאַרחברט און וועלכע האָבן אים געשריבן בריוו וועגן דער צרהדיקער לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך.

וויפל מאָל איך האָב דעם נסתר געטראָפן אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמי־טעט, אָדער אין פאַרלאַג „עמעס" האָב איך געהערט ווי ער רעדט וועגן עפּעס אַ חבר אַ שרייבער וואָס נייטיקט זיך אין הילף, אָדער וועגן עפּעס אַן אַקטיאָר וואָס דאַרף אַ טובה, צי גאָר וועגן אַ סתם ייִד וואָס ס'איז אַ מצווה אים צו קומען צו הילף מיט אַ פּאַפּירל, אַביסל געלט, וכדומה.

דער נסתר האָט תמיד געהאַט פאַרשיידענע „קליענטן", וואָס ער איז געווען זייער מליץ יושר און ער האָט שטענדיק געהאַט עסקים ביים דערליי־דיקן פאַרשיידענע ענינים לטובת באַקאַנטע און אַפילו אומבאַקאַנטע.

אַזעלכע טובה־דאַרפער האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט אין דעם גרויסן מאָסקווע, הן צווישן די שרייבער, הן צווישן פּשוטע ייִדן, באַזונדערס צווישן די פּליטים. די לעצטע האָבן תמיד אויפגעזוכט אַ ייִדישן שרייבער, כדי דורך אים צו האָבן אַ דריסת הרגל צום אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט מיט זיינס אַ פּאַפּירל געקענט אַמאָל ראַטעווען פון אַ צרה. די דאָ־זיקע מענטשן האָבן אין דעם נסתר תמיד געפונען אַ גוטן און געטרייען שתדלן און אויף וויפל דאָס איז אים מעגלעך געווען האָט ער כסדר זיך באַמיט צו ברענגען זייערע בקשות צו פּעפערן, צו עפּשטיינען און טאַקע זיי אַזוי לאַנג צו „נודיען" ביז זיי האָבן אים צוליב געטאָן און עפּעס געטאָן פאַר זיינע פּראָטעזשירטע.

אַ היפּשער טייל פון אַלע געשפּרעכן מיט אים זענען געווען געווידמעט דער לאַגע פון זיינע נצרכים און ער האָט תמיד געהאַט צו דערציילן פאַרשיי־דענע מעשׂות וועגן מענטשלעכן אומגליק מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגעטראָפן. עס איז דייטלעך געווען צו זען, אַז ער איז אַ שטילע אַדרעס, אַן אומאָפיציע־לע אינסטיטוציע, פאַר אַ סך נויטבאַדערפטיקע, וועלכע ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ און כסדר געדענקט. ער האָט אויך אַלעמאָל זיך איינגעשטעלט פאַר אַן אַנדערן שרייבער, וואָס איז דורך די היימישע באַעוולט געוואָרן, אָדער קעגן וועלכן עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן אומרעכט אין ייִדישן שרייבע־רישן קרייז.

און כאָטש ער אַליין פלעגט פאַר זיך זעלטן ווען עפּעס פאָדערן, האָט ער אָבער, ווען עס איז געגאַנגען וועגן אַ שרייבערישן חבר, זיך תמיד געקריגט

מיט די „מעכטיקע" און זיי דערוויזן, אַז זיי האַנדלען נישט געוּעכט צו דעם דאָזיקן חבר, איבערהויפּט האָט ער עס געטאָן דעמאָלט ווען יענער איז באַ־וואָלט געוואָרן אויפן געביט פון פּרנסה. אין בודקין למזונות — פלעגט ער דעמאָלט טענהן — אַפילו אַ קנאַפּערער טאַלאַנט דאַרף אויך עסן.

אין דער דאָזיקער וועלט ווו יעדער איז פאַרנומען געווען מיט זיך, האָט זיך דעם נסתרס זאָרג פאַר חברים און סתם יידן זייער שטאַרק אָנגעזען. ער האָט, נאַטירלעך, נישט געקענט קיין סך אויפטאָן, אָבער מען האָט געפילט, אַז דאָס וואָס ער טוט, טוט ער מחמת ליבשאַפט צו יידן און אויך מחמת אַן אינערלעכער גוטסקייט, וואָס איז געווען פאַרוואָרצלט אין זיין כאַראַקטער.

יידישע אַקטיאָרן פון פּוילן, וואָס האָבן מיט אים געוווינט בשכנות אין סאַמאַרקאַנד, האָבן מיר אַ סך מאָל געזאָגט, אַז דער נסתר איז געווען אַ מלאך. נו, קיין מלאך איז ער מסתם נישט געווען. ער איז אָבער געווען עפּעס מער: ער איז געווען אַ גוטער מענטש.

***

די ליבשאַפט צו די ביימער האָט אָבער ביי אים נישט פאַרשטעלט דעם וואַלד. די ליבשאַפט צו יעדן ישראל האָט נישט געמינערט זיין ליבשאַפט צום כלל ישראל.

כלל ישראל... אין דער סאָוועטישער סביבה איז דאָס וואָרט אַליין געווען געוווּנג פרעמד און אויסטערליש. גיכער ווי אַלץ איז עס געווען אַ וואָרט וואָס מען האָט באַנוצט לגנאי, און געוויס איז עס שוין נישט געווען קיין וואָרט אין וועלכן מען זאָל זיך דערלויבן אַריינצולייגן אַ צופּיל גוטן אינ־האַלט און מיין.

אַוודאי האָט מען אין סאָוועטרוסלאַנד אַ סך גערעדט וועגן דעם יידישן פאָלק, און געווען צייט ווען מען האָט אויך באַנוצט דעם אויסדרוק „ברידער יידן". אָבער ריידן וועגן יידישער ברידערלעכקייט, וועגן אַ יידישן כלל, וועגן אַ יידישער געמיינזאַמקייט, דאָס איז נישט געווען צו דער האַנט. אַז מען האָט געזאָגט „פאָלק" האָט מען נאָך אַלץ אין זין געהאַט „דאָס פאָלק פון די אַר־בעטנדיקע", די אַרבעטער־מאַסן, אָבער נישט דעם כלל ישראל, נישט דעם סתם ייד, נישט דעם דאָזיקן, וואָס זיין שייכות מיט אים איז נאָר געווען דאָס וואָס ער איז אַ ברודער פון דעם זעלביקן פאָלקס־גורל און אַ מיטגליד פון דער זעלביקער פאָלקס־געמיינשאַפט.

פאַר דעם דאָזיקן מין נאַציאָנאַליזם האָט מען זיך אין רוסלאַנד זייער שטאַרק געשראָקן און געהיטן.

ריידן אַבסטראַקט וועגן אַ קאָלעקטיוו וואָס איז געבונדן דורך דעם שות־פות פון געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן גורל איז געווען זייער געפערלעך.

אויסדריקן ליבשאַפט צו אַזאַ קאָלעקטיוו, זיך איינשטעלן פאַר זיין גוטן נאָמען, פאַדערן פאַר אים געוויסע רעכט, דאָס האָט מען נישט געטאָרט.

ווער שמועסט נאָך אָנערקענען, אַז דער דאָזיקער קאָלעקטיוו אין רוסלאַנד איז געבונדן מיט אַנדערע קאָלעקטיוון מחוץ רוסלאַנד, איז אַוודאי געווען אַן אומדערלויבטע זאַך.

אַז אַ יידישער שרייבער אין רוסלאַנד האָט דאָס אַמאָל שוין יאָ געטאָן, אין דער צייט ווען ס׳איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף מיטן היטלעריזם און מען האָט געדאַרפט די הילף פון די אויסלענדישע יידן, האָט ער דאָס אויך געטאָן מיט אַ האַלב מויל און מיט אַ סך דיאַלעקטישע באַוואָרעניִשן און פירושים.

דער איינציקער וועלכער האָט וועגן כלל ישראל אין יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט גערעדט מיט אַ פול מויל און אָן באַוואָרענישן איז געווען דער נסתר.

דער איינציקער וואָס האָט נישט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען זיין ליבשאַפט צום יידישן כלל איז ווידעראַמאָל געווען דער נסתר.

און אין אַ רוב פאַלן פלעגט ער אין כעס ווערן אויף אַ ר׳ ישראל און אים אַריינזאָגן שאַרפע ווערטער, דעמאָלט ווען יענער האָט פוגע בכבוד געווען דעם כלל ישראל.

דער נסתר פלעגט זייער זעלטן ריידן אַ שלעכט וואָרט אויף אַ יידישן שרייבער אָבער אויף דוד בערגעלסאָנען פלעגט ער תמיד זיין אש להבה.

די סיבה דערפון: דאָס וואָס דוד בערגעלסאָן האָט מוציא שם רע געווען אויף יידן, דאָס וואָס ער האָט אין זיינע שריפטן געשילדערט נעגאַטיוו דאָס אַלטע יידישע לעבן און געוויזן נעגאַטיווע טיפּן פון יידישן פאָלק.

אַ מאָדנע זאַך; אויף קיין שום אַנדערן יידישן שרייבער איז דער נסתר דערפאַר נישט אין כעס געווען אַחוץ אויף דוד בערגעלסאָנען.

אַנדערע שרייבער האָבן געקענט שרייבן וואָס זיי האָבן געוואָלט, דאָס הייסט: וואָס מען האָט פון זיי געוואָלט.

דער נסתר פלעגט זיי אַמאָל מוסרן דערפאַר, אָבער ער איז אויף זיי נישט בייז געווען, האָט אויף זיי הינטער די אויגן נישט גערעדט.

אויף בערגעלסאָנען אָבער האָט ער גערעדט און שאַרף גערעדט.

בערגעלסאָנען האָט ער דעם דאָזיקן חטא נישט געקענט מוחל זיין.

אַפּנים דערפאַר ווייל ער האָט פון דוד בערגעלסאָנען שטאַרק געהאַלטן.

וועגן דעם וועט אגב שפּעטער נאָך דערציילט ווערן.

**
*

מיר אַליין איז אַמאָל אויסגעקומען צו הערן פון דעם נסתר זייער שאַרפע רייד דערפאַר וואָס איך האָב אים אַנגערירט דעם כלל ישראל.

איך האָב אַמאָל אין אַ שמועס מיט אים געזאָגט:

— די ייִדן זענען זיך אַליין שולדיק אין אַלע זייערע צרות. זיי האָבן געוואָלט פון זיך אַראָפוואַרפן דעם שווערן ייִדישן עול און אַט האָבן זיי דעם שכר.

דער נסתר האָט זיך פון מיינע ווערטער אויפגעקאָכט:

— גאָט זאָל אייך נישט שטראָפן פאַר די רייד. איר רעדט און איר ווייסט נישט וואָס. פון וואַנען האָט איר גענומען, אַז ייִדן האָבן געוואָלט פון זיך אַראָפוואַרפן דעם עול? ווער האָט עס אייך געזאָגט? איר ווייסט דען וואָס מען האָט אַלץ געטאָן, אַז ייִדן זאָלן ווערן אויס ייִדן? איר ווייסט דען ווי מען האָט זיי געטריבן און געפּייניקט, אַז זיי זאָלן זיך שיידן מיט זייער ייִדישקייט?

דער נסתר האָט מיר דעמאָלט געגעבן די אמתע לעקציע. אַ גאַנצע שעה האָט ער גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי ייִדן אין רוסלאַנד האָבן זיך געראַנגלט פאַר זייער ייִדיש לעבן.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זאַכן פון וועלכע איך האָב צוביסלעך שוין געוווּסט אויך פון פריִער.

ער האָט מיר דערציילט וועגן די הונדערטער, טויזנטער ייִדן וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר צוליב זייער אמונה, צוליב סענטימענט פאַר ארץ ישראל און אַקטיווער אָדער פּאַסיווער סימפּאַטיע פאַרן ציוניזם. ער האָט מיר איבערגעגעבן פאַקטן פון שוידערלעכן טעראָר וואָס האָט געבושעוועט יאָרן נאָכאַנאַנד און האָט געבראַכט דערצו, אַז ייִדן זאָלן מורא האָבן פאַר דער קלענסטער מאַניפעסטאַציע פון זייער טראַדיציאָנעל און נאַציאָנאַל לעבן.

— ואף על פי כן — האָט ער אויסגעפירט — זענען ייִדן די איינציקע אומה אין רוסלאַנד וואָס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם טעראָר, זענען ייִדן די איינציקע וואָס זענען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג מוסר־נפש פאַר ייִדישקייט און שטעלן זיך איין דאָס לעבן פאַר זייער דת.

דאָס איז אויך געווען אמת און דעם דאָזיקן אמת האָב איך אויך געוווּסט נאָך איידער דער נסתר האָט מיר אים אַנטפּלעקט.

דער גרעסטער דערפאָלג פון דער סאָוועטישער מאַכט איז דאָס וואָס זי האָט געבראַכט דעם ווידערשטאַנד פון דער באַפעלקערונג און זי האָט אים געבראָכן דערפאַר, ווייל זי האָט געשאַפן אַ סיסטעם פון צווישנבאַציִונגען אין וועלכן עס איז נישט מעגלעך די צוזאַמענגערעדטקייט פון צוויי בירגער צו טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס איז קעגן דער דאָזיקער מאַכט, אָדער וואָס ווערט דורך איר נישט דערלויבט.

דער אומצוטרוי פון איין מענטש צום צווייטן, די מורא, אַז איינער פון זיי ביידן קען זיין אַ מסור, פּאַראַליזירט יעדן פּרווו פון אָרגאַניזאַציע היג־טער דער פּלייצע פון דער מאַכט, וואָס מוז צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים זיין קאָנספּיראַטיוו.

אַז די רעליגיעזע פּראַקטיק איז אין רוסלאַנד פאַרוועריט געוואָרן, אַז דער רעליגיעזער חינוך איז דאָרט געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, האָבן זיך נישט געפונען קיין סך פּעלקער וואָס זאָלן פּרווון די דאָזיקע זאַכן טאָן אין דער שטיל, אין געהיים.

צענדליקער רעליגיעס און רעליגיעזע סעקטעס זענען פאַראַן אין רוס־לאַנד, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נישט געפּרווט אויפהאַלטן קיין פאַר־באַטענע בתי־תפילה, קיין שול צו לערנען מיט די קינדער דאָס וואָרט פון זייער גלויבן.

און האָבן זיי עס יאָ געטאָן אין די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן, האָבן זיי עס שפּעטער אויפגעהערט און זיך אונטערגעגעבן.

ייִדן זענען געווען די איינציקע אין גרויסן רוסלאַנד וואָס האָבן ביז דער לעצטער מינוט עובר געווען אויף די פאַרבאָטן קעגן דער רעליגיע. זיי האָבן געהאַט געהיימע חדרים, געהיימע חסידישע שותפותן, געהיימע רעליגיעזע גרופּעס, וואָס האָבן געלערנט מיט קינדער, באַזאָרגט ייִדישע עלטערן מיט אַ מוהל, געהאָלפן אַ ייִד אַפּריכטן אַ יאָרצייט און אַפילו אונטערגעשטיצט רבנים, אַז זיי זאָלן קענען לערנען תורה, כדי זי זאָל נישט פאַרגעסן ווערן צווישן די בני ישראל.

איך דערוועג זיך צו זאָגן, אַז דאָס איז אפשר געווען די איינציקע אָר־גאַניזירטע קאָנספּיראַטיווקייט, וואָס די שווערע האַנט פון סאָוועטישן טע־ראָר האָט נישט געקענט ליקווידירן, כאָטש זי האָט וועגן איר זייער גוט געוווּסט.

אין רוסלאַנד זענען געווען טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר זייער אמונה און האָבן געטאָן ממש דאָס אומגלויבלעכסטע, אַז ייִדישקייט זאָל אויפגעהאַלטן ווערן אין די דאָזיקע פאָרמען וואָס זענען מעג־לעך געווען.

אַפילו אין סיביר און אין צענטראַל־אַזיע האָבן עקזיסטירט געהיימע ייִדישע חדרים, געהיימע ייִדישע מנינים און געהיימע ייִדישע גרופּן, וואָס האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געהאָלפן צו זיין ייִדן.

אַ ייִדישער דיכטער, אַ פּליט פון פּוילן, האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון אַ סאָוועטישן אַרבעטס־באַטאַליאָן, האָבן אים

פרומע יידן געהאָלפן מיט אַלעם נייטיקן און זיי האָבן אים איבערגעשיקט פון איין שטאָט אין דער צווייטער. אין יעדער נייער שטאָט ווו ער איז געקומען, האָט ער געהאַט אַן אַדרעס פון אַ ייד, וואָס האָט זיך מיט אים פאַרנומען און אים געשיקט אין דער ווייטערדיקער שטאָט מיט אַ נייעם אַדרעס.

ווער עס האָט געוווּסט וועגן דער דאָזיקער מסירת נפשדיקער אַרבעט, ווער עס האָט געהאַט אַ באַגריף ווי אַזוי יידן האָבן געקעמפט פאַר זייער יידישקייט און ווי אַזוי זיי האָבן אונטער דער נאָז פון דער געהיים־פּאָליציי אָרגאַניזירט חדרים, איבערגעשריבן מיט דער האַנט סידורים, מחזורים און אַפילו חומשים, און אָפּגעהיטן די פאַרבליבענע כלי־קודש פון אונטערגאַנג און ליקווידאַציע, האָט דעריבער אפשר טאַקע נישט געטאָרט רעדן מיט לייכטקייט וועגן דעם כלל־ישראל אין רוסלאַנד, אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן.

— 4 —

איך האָב עטלעכע סמנים, אַז דער נסתר האָט מיט די יידן, וואָס האָבן אויף אַזאַ אופן אונטערגעהאַלטן דאָס יידיש־רעליגיעזע לעבן אין רוסלאַנד, געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט און זיך צווישן זיי געפילט ווי אַן אייגענער מענטש. אויף יעדן פאַל ווייס איך, אַז ער האָט גוט געקענט זייער טעטיקייט און איך מיין, אַז ער האָט זיך אין איר אויך באַטייליקט, הגם די פאָרם פון דער באַטייליקונג איז מיר, צום באַדויערן, נישט באַקאַנט.

געווען נאָך אַ יידישער דיכטער אין מאָסקווע, צו וועלכן עס פלעגן פון צייט צו צייט קומען יידן פון די דאָזיקע קרייזן. זיינע נאָענטסטע חברים האָט דער דאָזיקער דיכטער געזאָגט, אַז זיי קומען „שמועסן אין לערנען" און ער איז צופרידן, וואָס ער קען מיט זיי אויפפרישן אין זכרון דאָס וואָס די צייט האָט געמאַכט פאַרגעסן. איך מיין, אַז דאָס איז געווען דער אמת, ווייל דער דיכטער וועגן וועלכן עס גייט די רייד איז נישט געווען קיין מענטש פון אַ וואָסער עס איז געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט און איך גלייב נישט, אַז די דאָזיקע „וויזיטן" זאָלן האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער אַרבעט, וואָס איז דאָ דערמאָנט געוואָרן.

וועגן דעם נסתר בין איך אָבער מער ווי זיכער, אַז זיין שייכות צו דער טעטיקייט פון די רעליגיעזע יידן איז געווען זייער אַ קאָנקרעטע, כאָטש מיר איז, ווי געזאָגט, שווער פעסטצושטעלן אין וואָס די דאָזיקע קאָנקרעטקייט האָט זיך אויסגעדריקט. איך האָב אין מאָסקווע געהאַט אַ באַקאַנטן ייד פון ווייסרוסלאַנד. דער ייד איז געווען אַ ליובאַוויטשער חסיד און צוליב אַ געוויסער סיבה האָב איך זייער גוט געוווּסט אויף וויפל ער איז אַריינגעטאָן אין דער דאָזיקער באַהאַלטענער אַרבעט. אַט דעם ייד האָב איך אַמאָל גע־

טראָפן צוזאַמען מיט דעם נסתר און פון זייער שמועסן האָב איך געזען, אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ בשותפותדיקן סוד. עס זענען געווען נאָך עטלעכע געלעגנהייטן, וואָס האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער נסתר האָט פאַרשיידענע עסקים מיט די דאָזיקע ייִדן און וואָס די עסקים זענען, האָב איך זיך געקענט לייכט אָנשטויסן.

איך פיל, אַז עס וואָלט איצט געווען די ריכטיקע צייט צו דערציילן וועגן די לובאַוויטשער חסידים אין רוסלאַנד. די דאָזיקע חסידים האָבן ממש באַוויזן ווונדער אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע און קאָנספּיראַציע. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אומגלויבלעכער וויטאַליטעט און מיט אַ מסירת־נפשדיקער עקשנות, וואָס האָט נישט קיין גלייכן. לײדער דאַרף מען געדענקען דעם „אל תגידו בגת“ און דעריבער טאָר מען זיך וועגן דעם נישט צופיל צעשפּרייטן. עס מעג אָבער יאָ געזאָגט ווערן, אַז ביז צום יאָר 1946 זענען זייערע מענטשן געשטאַנען אין שפּיץ פון ז'ער אונטערערדישער רעליגיעזער טעטיקייט, וואָס איז כסדר אָנגעגאַנגען אין רוסלאַנד און די דאָזיקע טעטיקייט איז באַשטאַנען אינעם העלפן ייִדן בלייבן ייִדן, סיי דורך אַ חדר. סיי דורך אַ מוהל, סיי דורך כשרער שחיטה, סיי דורך איינאָרדענען אַ נצרך אויף אַן אַרבעט, וואָס זאָל אים דערלויבן אָפּצוהיטן שבת, סיי אפילו דורך אַרויסהעלפן אַזאַ, וואָס אים האָט געדראָעט אַ סכנה מצד דער מאַכט, אָדער אויך דעמאָלט, ווען ער איז שוין דורך דער מאַכט פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער און וואָלט אומגעקומען אויב ער וואָלט דאָרט נישט געקריגן קיין הילף.

דער נסתר האָט וועגן אַ סך סודות פון די דאָזיקע מענטשן געוווּסט און ער האָט די לובאַוויטשער שטאַרק באַוווּנדערט און אַפילו מקנא געווען. עס האָט מיר אָפּטמאָל אויסגעזען, ווי ער האָט געליטן יסורים פון זיין נישט־געהעריקער באַטייליקונג אין זייערע אַקטיוויטעטן. דערביי פלעגט ער תמיד זאָגן: אָך און וויי איז צו אונדזער לעבן, אַז לערנען אַ ייִדיש קינד די הייליקע ייִדישע אותיות איז אַ פאַרברעכן און מען מוז דאָס טאָן אומלעגאַלערהייט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ס'איז פונקט ווי אין די צייטן פון די עשרה הרוגי מלכות און דווקא ביי אַזאַ מאַכט, וואָס באַרימט זיך, אַז זי האָט אַלע פעלקער געגעבן די פולע רעכט זיך אויסצולעבן אַזוי ווי זיי ווילן.

יאָ, ייִדן אין רוסלאַנד האָבן נישט געהאַט דאָס רעכט צו בלייבן ייִדן און דעריבער האָבן זיי געמוזט טאָן געוויסע זאַכן באַהאַלטענערהייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אַ סך קרבנות און אַ סך ליידן. דאָס קאַפּיטל פון קדושת השם און מסירת נפש פאַר דער ייִדישער אמונה און דער ייִדישער אומה וועט נאָך געשריבן ווערן און דעמאָלט ווען דאָס דאָזיקע קאַפּיטל וועט באַקאַנט ווערן, וועט עס באַלייכטן מיט אַ הייליקן שיין די אין טונקלקייט־

פאַרהוילענע מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דעם לאַנד פון דער אַזוי גערופענער גרויסער רעוואָלוציע.

**
*

צו דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור האָט דער נסתר געהאַט אַ מאָדנע באַציונג: ער האָט פון איר נישט געהאַלטן, אָבער ער איז אין תוך אַריין געוואָרן צופרידן, וואָס זי איז פאַראַן און וויל נישט אויפגעבן איר עקזיסטענץ.

פאַר אַ סך יידישע שרייבער אין רוסלאַנד איז דאָס שרייבן אויף יידיש געווען אַ מין נאַציאָנאַלע שליחות. פאַרשטייט זיך, אַז די וואָס האָבן דאָס שרייבן באַטראַכט ווי אַזאַ הויכע מיסיע, האָבן שטאַרק מקפּיד געווען אויף די אַזוי גערופענע ליטעראַרישע קוואַליטעטן און האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די ליטעראַטור אויף יידיש זאָל ווערן אַ הפקר־פּלאַץ פאַר מענטשן אָן טאַלאַנט. זיי האָבן זיך אויך וויפל דאָס איז מעגלעך געווען אָפּגעגרענעצט פון טאַלאַנטלאָזיקייטן אָדער גראַפאָמאַנען, און זיי געטריבן פון זיך און פון דער ליטעראַרישער סביבה.

דאָס איז אגב כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אמתע שרייבער, מיט אַ מיסיע אָדער אָן איר. דעם נסתר איז אָבער נישט שטאַרק אָנגעגאַנגען ווער עס שרייבט און ווי מען שרייבט. דער עיקר איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז וואָס מער יידן זאָלן שרייבן מיט יידישע אותיות און אויפהאַלטן דאָס יידישע לשון. די שרייבערישע קריגערייען וועגן דעם ווערט פון אַ שאַפונג זענען אים געווען פרעמד און אַפילו דערווידער. ער האָט מקרב געווען סיי וועלכן עס איז שרייבער, גרויסן אָדער קליינעם און דערביי אין אַ רוב פאַלן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס פאַר זייערע ביידנס שאַפונגען. ווען שרייבער האָבן זיך אַמאָל געהיצט, אַז מען האָט דאָס ליד, אָדער יענע דערציילונג נישט געדאַרפט דרוקן, האָט ער אַ קרומען שמייכל געטאָן אין זיינע פרצישע וואָנצעס אַריין און די ברענענדיקע אויגן הינטער די געדיכטע ברעמען האָבן געבריט מיט חוזק. ער האָט דערציילט אַן אנעקדאָט: אַ רוסישער סאָלדאַט האָט זיך אַמאָל פאַרוועט, אַז ער וועט אויסטרינקען אַ גאַנץ גלאָז מי רגלים. ער האָט טאָקע אויסגעטרונקען דריי פערטל פון גלאָז און זיך אָפּגעשטעלט. וואָסי? ער קען נישט מער, ווייל אויפן דנאָ פונעם גלאָז האָט ער באַמערקט אַ האָר. מיט דעם דאָזיקן אַנעקדאָט האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען מען טרינקט מי רגלים פון סאָוועטישן לעבנס־שקר און מען שרייבט וועגן זאַכן, וואָס זענען דורכאויס פאַלש, דאַרף מען זיך נישט מאַכן קיין וועזן דערפון, וואָס דאָס ליד אָדער די דערציילונג האָט אַן אומקינסטלערישע אָדער גראַפאָמאַנישע האָר אין זיך.

איך האָב אַמאָל געהערט ווי ער האָט געשריגן צו פּרץ מאַרקישן:

— נו, אַז מען וועט אַ מאָלפּע אָנטאָן די שענסטע מענטשלעכע מלבו־שים, וועט זי ווערן אַ מענטש? קען מען שאַפן אמתע קונסט אָן דעם אמת? און אַז מען וועט זינגען מיטן שענסטן קול אַ ליד וועגן דעם, אַז דו מוזט שטאַרבן, וועסטו עס וועלן הערן? וועסטו דערפון האָבן אַ קינסטלערישע הנאה?

פון דעסטוועגן וועל איך נישט זאָגן, אַז ער האָט צו אַ סך שרייבער נישט געהאַט קיין שרייבערישע באַציִונג. ער האָט נישט געהאַלטן פון דעם וואָס עס ווערט געשריבן אין די באַדינגונגען פון סאָוועטישן מוז. ער האָט דאָס נישט געהאַלטן פאַר קיין ליטעראַטור, אָבער פון דער ליטעראַטור גופא האָט ער שטאַרק געהאַלטן און דאָס שרייבן גופא האָט ער באַטראַכט ווי אַ הייליקע עבודה. ווען נישט וואָלט ער נישט געהאַט קיין טענות צו אַ ריי יידישע שעפער אין רוסלאַנד און וואָלט אויך נישט געהאַט קיין תרעומות צו דער ליטעראַטור וואָס ווערט דאָרט געשאַפן.

צו די שרייבער פון וועלכע ער האָט געהאַלטן האָבן געהערט דוד בער־געלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, עזרא פיַנינבערג, האַלקין און נאָך אייניקע. איך האָב אַמאָל געהערט ווי ער האָט געזאָגט וועגן פּרץ מאַרקישן:

— גאָט האָט אים געגעבן דיכטערישן כוח צו זיין אַ שמשון הגיבור, וואָס קומט אָבער אַרויס? אַנשטאָט צו שלאָגן מיט זיין קראַפט די פּלשתים, שלאָגט ער זיך אַרויס פון די כוחות ביים דרייען זייערע מילרעדער.

וועגן דוד האָפשטיינען האָט ער געזאָגט:

— ער איז געווען אַ פּאָעטישער סנה. אָבער מען האָט פאַרלאָשן זיין פייער און ס׳איז געבליבן אַ פאַרסמאַליעטער דאָרן.

ווען עזרא פיַנינבערג האָט אָנגעשריבן עטלעכע לידער אויף תנכישע מאָטיוון, האָט אים דער נסתר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט אויף זיין שטייגער:

— עזרא — האָט ער אים געזאָגט — דיין גירסא דינקותא איז דיר ביי־געשטאַנען אויב דו האָסט געקענט אַרויסברענגען די שיינקייט פון ספר הספרים.

בכלל האָט מען געקענט דערקענען דעם נסתרס באַציִונג צו אַ שרייבער אין די טענות וואָס ער האָט צו אים געהאַט.

צו די שרייבער צו וועלכע ער האָט קיין באַציִונג נישט געהאַט, האָט ער אויך קיין תרעומות נישט געהאַט.

מחמת דעם דאָזיקן טעם האָט ער די גרעסטע טענות געהאַט צו דוד בערגעלסאָנען.

וועגן דוד בערגעלסאָנען האָט ער זיך זייער אָפּט געהיצט און זייער אָפּט גערעדט קעגן אים.

אַז דוד בערגעלסאָן האָט אָפּגעדרוקט אַ דערציילונג וועגן אַ ייִדישן דאָק־טאָר, וואָס צינדט כלומרשט אָן יאָרצייט־ליכט נאָך זיין דערמאָרדעטער מו־טער דורך דעם וואָס ער מאַכט אָן אויגן־אָפּעראַציע אויף אַ גוי און קערט אים צוריק די ראיה, האָט דער נסתר ממש זיך קריעה געריסן און גערעדט וועגן דער דערציילונג מיט שוים אויף די ליפּן.

ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט צו בערגעלסאָנען מער טענות ווי צו אַנדערע, האָט ער שיער נישט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס פאַרגלייכט איר? בערגעלסאָן איז דאָך אַן אמתער גאָט־גע־בענטשטער טאַלאַנט. זיינע ווערק וועלן דאָך בלייבן אויך דעמאָלט ווען פון די אַנדערע שרייבערייען וועט שוין קיין שריד ופליט נישט זיין. די קו־מענדיקע דורות וועלן דאָך פון אים זיך דערוויסן ווי אַזוי ייִדן האָבן גע־לעבט אין רוסלאַנד אין אונדזער צייט. הייסט עס, אַז ער וועט זיין אַ פאַל־שער עדות און זיינע ווערק וועלן זיין געפעלשטע דאָקומענטן וועגן ייִדישן לעבן, ייִדישן פילן און ייִדישן טראַכטן אין אונדזערע טעג... טאָ ווי אַזוי זאָל איך צו אים קיין טענות נישט האָבן?

בכלל דאַרף מען וויסן, אַז דער נסתר האָט שטאַרק געטראַכט און אין זין געהאַט דאָס קומענדיקע ייִדישע לעבן אין אַנדערע בעסערע צייטן. ער האָט אין דעם פּרט אומדערשיטערלעך געגלייבט, אַז דאָס ייִדישע מזל וועט וועט זיך נאָך בייטן און ייִדן וועלן ווידער האָבן די מעגלעכקייט פאַרצוזעצן די עקזיסטענץ אויף אַ פרייען, שעפערישן אופן. ווי אַזוי דאָס וועט געשען, האָט ער נישט געזאָגט, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט נישט גע־האַלטן דעם איצטיקן רעזשים אין רוסלאַנד פאַר קיין אייביקן און האָט גע־האָפט, אַז די צייטן וועלן זיך נאָך ענדערן און צוזאַמען מיט זיי — אויך די ייִדישע מערכה.

— עס איז שוין נישט איינמאָל אַזוי געווען אין דער ייִדישער געשיכטע — האָט ער געטענהט. — מיר זענען אַ פאָלק פון עולים ויורדים. אונדזער זאַך איז צו בלייבן באַהאַלטענע ייִדן ביז דעמאָלט, ווען מען וועט ווידער קענען זיין אָפענע, פרייע ייִדן.

***

דער נסתר אין רוסלאַנד האָט איבערגעלעבט דעם זעלביקן גייסטיקן פּראָ־צעס, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט פאַרשיידענע ייִדישע שעפער אין דער פרייער וועלט: ער האָט זיך אַנטוישט אין דער וועלטלעכער ייִדישקייט און

האָט געהאַלטן, אַז זי קען נישט פאַרזיכערן דעם המשך און דעם אויפהאַלט פון יידישן פאָלק.

— די גאַנצע יידיש־וועלטלעכע קולטור־אַקטיוויטעט אונדזערע — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איז נישט מער ווי דער וווּקס פון די האָר און די נעגל ביי אַ בר־מנן עטלעכע טעג נאָך זיין טויט. אונדזער אַטעיסטישע שעפעריש־קייט איז באַנקראָט. די רעליגיעזע יידישקייט לעבט, אַ סימן — זי שטעלט זיך אַנטקעגן אַזאַ מעכטיקן כוח ווי עס איז דער סאָוועטישער רעזשים.

דער נסתר האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז די אויפגאַבע פון יידן אין רוסלאַנד איז אויפצוהאַלטן זייער אמונה ביז בעסערע צייטן און די אויפגאַבע פון די יידישע שרייבער איז אויפצוהאַלטן די יידישע שפּראַך ביז יענע צייטן. אַ סך מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין דעם אויפוווּקס פון אַנ־טיסעמיטיזם און אין די באַנייטע באַגרעניצונגען אויף יידן אין רוסלאַנד, זעט ער אַן אצבע אלוקים, וואָס איז נישט בלויז קיין שטראָף, נאָר אויך עפּעס וואָס איז גוט פאַר דעם יידישן קיום. מיר מאַכט אַפּילו נישט אויס — האָט ער געטענהט — אויב יידן וועלן אַריינגעשטויסן ווערן אין אַ מין געטאָ. די גוייִשע בייטש איז אַלעמאָל געווען אַ הילף פאַרן יידישן פאָלקס־דויער. ביי יידן ווערט מקוים דער זאָג: כופין אותו עד שיאמר רוצה אני.

— אין אָנהייב — האָט ער געזאָגט — האָב איך נישט געהאַלטן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אָבער ווען עס קומט דערצו, אַז די מאַכט זאָל איצט, באַדיי פאַרשיקן די יידן קיין ביראָבידזשאַן, וואָלט איך עס אָנגע־נומען באהבה. איך ווייס, אַז דאָס וואָלט גורם געווען אַ סך יידישעליידן, אָבער דאָס וואָלט כדאַי געווען פאַר דעם אויפהאַלט פון דער יידישער אומה. קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, צווישן זיך, וואָלטן יידן דאָך געקענט איינ־היטן זייער אייגן פּנים און איבערדויערן די שווערע צייט. ווען דאָס וואָלט געשען און מען זאָל יידן טאַקע אויף אַן אמת וועלן באַזעצן אין אַ ביראָביד־זשאַנער געטאָ, וואָלט איך אַפּילו גרייט געווען צו זאָגן אַ שטיקל ליגן און אויסצולויבן פאַר די יידישע איבערוואַנדערער דאָס דאָזיקע מקום, כדי זיי צוצוגעבן חשק צו דער איבערוואַנדערונג.

ווען איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז מען האָט שוין דעם ליגן געזאָגט און ס׳האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ זיפץ געענטפערט:

— איך ווייס, אָבער יענעם ליגן האָט מען געזאָגט מיט אַנדערע כוונות און אין אַנדערע צייטן. דעמאָלט האָט מען יידן גערופן קיין ביראָבידזשאַן „בויען סאָציאַליזם". היינט וואָלטן אפשר יידן פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן

פאַרן קיין ביראָבידזשאַן ראַטעווען דאָס אייגענע נאַציאָנאַלע נפש... אפשר וואָלטן מיר איצט געהאַט מער הצלחה, מער מזל...

— 5 —

דער שענסטער, דער סימפּאַטישסטער שטריך אין דעם נסתרס כאַראַקטער איז געווען דווקא זיין נישט וועלן שטענדיק זיין דער גערעכטער און זיין אַריינגעמען זיך אַליין אין דעם קאָן פון די שולדיקע, כאָטש ער איז בפירוש ריין געווען פון זינד. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ סך פאַרצוואָרפן די מענטשן וואָס האָבן געפירט דאָס יידיש־ליטעראַרישע רעדל אין רוסלאַנד, אַזוי אַמאָל, אַזוי איצט. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט גערעדט בלשון „זיי", נאָר בלשון „מיר". ווער ס׳האָט געוווּסט ווי ווייט דער נסתר איז געווען פון דער גאַנצער ליטעראַרישער פּאָליטיק און ווער ס׳האָט אויך געוווּסט וויפל ער האָט זיך אָנגעליטן דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט גיין אין שפּאַן און זיך צופּאַסן צו די פּאָדערונגען פון די ליטעראַטור־נאַטשאַלניקעס אין די פריערדיקע צייטן, האָט זיך געמוזט וווּנדערן פאַרוואָס ער האַלט זיך פאַר מיטשולדיק אין די אַלע זאַכן וואָס ער האָט אין זיי לחלוטין נישט גענומען קיין שום אָנטייל. ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס און אים דערמאָנט דעם זאָג: אין אדם משים עצמו רשע, האָט ער מיר געענטפערט:

— עס איז געווען אַ צייט ווען איך אַליין האָב אויך אַ ווייל געגלייבט אין דעם שקר. איך האָב זיך גאָר שנעל אַרומגעזען און זיך צוריקגעצויגן פון דעם פאַלשן שפּיל. אַנדערע האָבן נישט אַזוי גיך באַנומען די זאַך ווי איך. ביי זיי האָט עס געדויערט אַ סך יאָרן ביז די געשעעניש, דאָס לעבן האָט זיי געעפנט די אויגן. צווישן מיר און זיי איז געווען דער אונטערשייד אין צייט. אַנדערע האָבן געגלייבט אַביסל לענגער ווי איך. דערפאַר קען איך נישט זאָגן, אַז זיי זענען די גאַנצע חייבים און איך אַליין בין דער זכאי. איך בין אפשר פונקט אַזוי שולדיק ווי זיי.

דעם נסתר האָט מען אויך ליב געהאַט פאַר נאָך עפּעס: ער האָט געלעבט אַ שווער לעבן. זיין פרוי איז געווען אַ כראָניש־קראַנקע, אַ פּאַראַליזירטע. געוווינט האָט ער אין מאָסקווע אין אַ הינטערשט גאַרדעראָב־צימערל פון יידישן מלוכה־טעאַטער. עס איז אים געווען פינצטער און ביטער און ער האָט אָפּט אַפילו געהונגערט, פון דעסטוועגן האָט ער זיין עלנט און זיין שווערן מצב נישט אַרויסגעטראָגן אין גאַס און זיך מיט אים נישט אַרומגעטראָגן צווישן מענטשן. אין אונדזער גאַנצער וועלט געשעט, לײדער, אַזוי, אַז ווען עמעצער געהערט נישט צו די גרויסע פּאָדערער, ווען עמעצער איז נישט קיין

תובע בפה, גיט מען אים נישט דאָס וואָס אים קומט, אַפילו ווען מען ווייסט, אַז עס קומט אים. מען האָט אַ טבע די דאָזיקע מענטשן און זייערע באַדאַרפן צו פאַרגעסן. דער נסתר האָט אָפטמאָל עפּעס אַ רייד־געטאָן וועגן דעם, אָבער תמיד אָן ביטערניש און מיט אַ שטילן הומאָר, וואָס האָט די שווערסטע זאַכן געמאַכט גרינג און מילד.

— די צרה מיט מיר איז דאָס — האָט ער אַמאָל מיט אַ שמייכל געזאָגט — וואָס מען האַלט מיך פאַר אַ צו גרויסן צדיק און מען מיינט, אַז איך לעב נאָר פון רוחניות. מענטשן פאַלט גאָרנישט איין, אַז איך בין נישט קיין מלאך און איך דאַרף אויך לחם לאכול און אַ בגד ללבוש.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט:

— ווען גאָט האָט פאַרשאָלטן די שלאַנג האָט ער איר געזאָגט: „על גחנך תלך ועפר תאכל". ביי אונדז איז פאַרקערט. ווער עס קען קריכן אויפן בויך עסט ברויט. ווער עס קען נישט פויזען אין שטויב — עסט זאַמד.

אַמאָל האָט אים זיינער אַ פריינט, אַן איקוף־שרייבער פון ניו־יאָרק געשיקט זיינס אַ בילד, ווי אַ צייכן פון פריינדשאַפט. האָט דער נסתר זיך געווערטלט:

— נו, אויב ער, פון ניו־יאָרק, שיקט מיר אַ בילד, דאַרף איך פון רוסלאַנד אים שיקן אַ שפּייז־פּעקל. דעמאָלט וועלן מיר ביידע האָבן געטאָן פּונקט קאַפּויר, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין.

מיר זענען אַמאָל געגאַנגען אין גאַס און באַמערקט ביי אַ מלוכהשן מאַגאַזין פון ירקות אַ היפּשן „אָטשערעד". מיר האָבן זיך אויך געוואָלט אַוועקשטעלן אין דער ריי, אָבער מיר האָבן זיך גיך דערוווּסט, אַז אין מאַגאַזין פאַרקויפט מען בלויז זויער־קרויט, און דערצו האַלט דאָס פעסל קרויט זיך שוין ביים פאַרענדיקן און ס׳וועט פאַר אונדז סיי־ווי נישט סטייען.

ביים אַוועקגיין פון דער קראָם האָט מיר דער נסתר געזאָגט:

— ווען אַ טויטער וואָלט געקענט ענטפערן, וואָלט איך אַ בעלן געווען צוצוגיין צו לעניגען און אים פרעגן, צי עס איז כדאַי געווען צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, כדי די מלוכה זאָל האַנדלען מיט זויער־קרויט.

די דאָזיקע איראָנישע באַמערקונג וועט פאַרשטיין נאָר דער וואָס ווייסט, אַז דער האַנדל אין רוסלאַנד, אַפילו דער האַנדל מיט ירקות, ליגט אין די הענט פון דער מלוכה.

אַן אַנדער מאָל זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירן איבער דעם טווערסקאָי בולוואַר און מיר זענען צוגעקומען צו דעם פּושקין־דענקמאָל ביי דער גאָרקי־גאַס. ס׳איז געווען אַ קאַלטער טאָג און ביי די טראַמוויי־אָפּשטעלן זענען געשטאַנען חמרים מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַרויפקריגן אויף קיין

טראַמוויי, כדי אַהיימצופאָרן פון דער אַרבעט. דער נסתר האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פּושקין־דענקמאָל און זיך אָנגערופן:

— אָט איז אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט שכל און געוווּסט ווען געבוירן צו ווערן. ווען ער האָט נישט דעם דאָזיקן שכל און פאַלט אַריין מיט זיינע לידער אין אונדזער צייט, ווער ווייסט ווו ער וואָלט אָנגעשפּאַרט. אַפילו עס וואָלט אים שוין גאָרנישט געשען, וואָלט ער נאָך אַלץ געמוזט צוזען ווי זיינע קאָלעגן, אָרדן־טרעגער, גייען אַריין אין טראַמוויי דורך דער פּאָדערשטער „פּלאָשטשאַדקע”, און ער אַליין וואָלט געמוזט גוט דורכגעפרוירן ווערן ביז ער וואָלט זיך אַריינגעקריגן אינעם טראַמוויי־וואַגאָן דורך דעם הינטערשטן אַריינגאַנג, דורך וועלכן עס גייען אַלע בירגער.

— אפשר וואָלט ער פון דעסטוועגן יאָ געקריגן אַן אָרדן? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— אפשר? — האָט דער נסתר אַ פאַרטראַכטער געזאָגט — אָבער דע־מאָלט וואָלט ער שוין נישט געווען פּושקין.

איינמאָל האָבן מיר אויף די ווענט באַמערקט אַ פּלאַקאַט אויף וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „די ליבע צום פאָטערלאַנד איז אונדזער גרעסטע פרייד”. דער נסתר האָט מיך אַ צי געטאָן ביים אַרבל און אַ מורמל געטאָן:

— קומט, איך בין איצט נישט אין קיין שטימונג זיך צו פרייען.

**
*

אַ סך מאָל האָט דער נסתר מיט מיר גערעדט וועגן דעם, אַז די ייִדן אין אויסלאַנד קענען פיל העלפן דעם רוסישן ייִדנטום. עס איז דעמאָלט געווען די צייט, ווען רוסלאַנד האָט זיך געבייטיקט אין דער ייִדישער הילף פון אויס־לאַנד און איז בכלל געווען אָנגעוויזן אויף דער אויסלענדישער עפנטלעכער מיינונג אין וועלכער ייִדן האָבן געקענט שפּילן אַ געוויסע ראָל. ייִדישע שריי־בער אין רוסלאַנד, צווישן זיי אויך דער נסתר, האָבן געהאַלטן, אַז ווען ייִדן אין דער וועלט פאָדערן מיט מער צודרינגלעכקייט, וואָלט מען אַ סך פאַר־בעסערט די לאַגע פון די רוסישע ייִדן און פון דער רוסיש־ייִדישער ליטע־ראַטור.

— זיי וואָלטן עס געטאָן נישט צוליב אונדז, נאָר כדי זיך אויסצופּיינען פאַר דער וועלט.

עס האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: ווען די אַנטי־קאָמו־ניסטישע ייִדישע קרייזן אין אויסלאַנד זענען אַרויסגעקומען מיט אַ געשריי, אַז די ייִדן אין רוסלאַנד ווערן באַעוולט, זענען די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער געווען זייער שטאַרק צופרידן. ווען אָבער די ייִדישע קאָמוניסטן אין אויס־

לאַנד האָבן זיך צעשריבן וועגן דעם גוטס וואָס ווערט געטאָן צו דעם רוסישן ייִדנטום, האָבן די זעלביקע שרייבער שטילערהייט געקריצט מיט די ציין.

אָפּיציעל האָט עס אָבער געהייסן, אַז די ייִדישע אַנטי־קאָמוניסטן אין אויסלאַנד זענען די שונאים פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד און די ייִדישע קאָמוניסטן זענען זייערע פריינט.

ריידנדיק וועגן דעם ענין האָט דער נסתר באַמערקט:

— איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס מען זאָגט: היט מיך גאָט פאַר מיינע פריינט, פאַר די שונאים וועל איך זיך שוין אַליין היטן. יאָ, פאַר אונדזערע ייִדיש־קאָמוניסטישע „פריינט" זאָל אונדז טאַקע גאָט היטן. מיט די „שונ־אים" וועלן מיר זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן.

האָרט פאַר מיין אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד קיין פוילן האָט מיר דער נסתר אַזוי געזאָגט:

— פאַר יעדן וואָרט, וואָס איר וועט ריידן וועגן אונדז אין אויסלאַנד וועלן מיר דאָ צאָלן מיט דמים. און פון דעסטוועגן דערציילט דער ייִדישער וועלט אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזען. זאָלן ייִדן אין דער וועלט וויסן פון אונ־דזערע דערפאַרונגען און זאָלן זיי זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר השכל. אפשר וועט גאָט העלפן און אונדז וועט דורך דעם נישט בלויז ערגער ווערן, נאָר עס וועט אונדז דערפון נאָך אַרויסקומען אַ הילף און אַ בעסערונג.

***

אַגב: די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבערין ר. האָט מיר דערציילט, אַז ווען נישט די צופעליקע אַריינמישונג פון אַ גוי, וואָלט דעם נסתרס ווערק „די משפחה מאַשבער" אפשר גאָרנישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין רוסלאַנד.

ומעשה שהיה כך היה:

דער נסתר איז לאַנגע יאָרן געווען אויסגעשלאָסן פון ייִדיש־סאָוועטישן שרייבער־קהל און האָט זיך אין ערגעץ נישט געדרוקט. פאַרדינט אויף זיין נעבעכדיקער פרנסה האָט ער פון קאָרעקטור, איבערזעצונגען און כלערליי אַנ־דערע טעכנישע אַרבעטן.

איינמאָל, אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן, האָט מען אים געשיקט פון קיִעוו ברענגען פּאַפּיר פון עפּעס אַ שטאָט. דאָס פּאַפּיר האָט ער געדאַרפט ברענגען מיט אַ לאַסט־אויטאָ. ס'איז געווען אין טיפן ווינטער און אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ צעבראָכענעם אויטאָ לעבן וועלכן עס איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט געציטערט פון קעלט און נישט געקענט ווייטער פאָרן. דער נסתר האָט געהייסן זיין שאָפער אויפנעמען דעם מענטש און אים צופירן ביז צו אַ שטאָט. פאָרנדיק האָט ער זיך באַקענט מיט דעם פּאַסאַזשיר און

זיך מיט אים צערעדט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער מענטש אויפגע־זוכט דעם נסתר אין קיִעוו און אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. אין שמועס האָט דער נסתר דערציילט דעם מענטש ווער ער איז און וואָס ער טוט. ווען דער גאַסט האָט זיך פאַרווונדערט פאַרוואָס דער נסתר לעבט נישט פון שרייבע־ריי, האָט אים דער לעצטער דערציילט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן וועגן אַמאָליקן יידישן לעבן, וואָס קיין שום פאַרלאַג וויל נישט דרוקן, ווייל עס איז אַ ראָמאַן וואָס שילדערט דאָס פאַרגאַנגענע לעבן נישט אין נעגאַטיוון זין, נאָר ווייזט אויך אַרויס דאָס פּאָזיטיווע פון די אַמאָליקע רעליגיעזע באַ־וועגונגען. דער גאַסט האָט דאַן געזאָגט, אַז ער מיינט דאָס מען קען אַזאַ ראָמאַן יאָ דרוקן, ווייל אויך אַ ריי רוסישע שרייבער, און צווישן זיי אַלעקסיי טאָלסטאָי, האָבן לעצטנס געשריבן היסטאָרישע ראָמאַנען, ווו זיי ווייזן פּאָ־זיטיווע העלדן פון דער געשיכטע, העלדן נישט דווקא קיין רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך הערשער, פּריצים און מיליטער־פירער. דער גאַסט איז אַוועקגע־פאָרן און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט דער נסתר באַקומען אַ בריוו פון פאַרלאַג „עמעס", אַז ער זאָל קומען קיין מאָסקווע מיט זיין ראָמאַן. אין מאָסקווע האָט ער זיך דערוווסט, אַז וועגן אים און זיין ווערק האָט אינטער־ווענירט נישט קיין אַנדערער, נאָר קאַלינינס אַ סעקרעטאַר. דאָס איז, פאַר־שטייט זיך, געווען דער וועג־באַקאַנטער, וועלכן דער נסתר האָט אַרויפגענומען אויף דעם לאַסט־אויטאָ פאַרנדיק פון קיִעוו.

די דאָזיקע געשיכטע האָב איך שפּעטער געהערט אויך פון אַנדערע, אָבער אין אַן אַנדערן וואַריאַנט. לויט דער צווייטער ווערסיע איז דאָס נישט געווען דער סעקרעטאַר פון קאַלינינען, נאָר אַן אַנדערער מקורב למלכות און ער זאָל האָבן אַליין גענומען ביים נסתר זיין מאַנוסקריפּט און אים אַוועקגעגעבן מיט זיינס אַ רעקאָמענדאַציע אין שרייבער־פאַריין. דער נסתר גופא האָט וועגן דעם ענין קיינמאָל נישט גערעדט און מען האָט געזאָגט, אַז דאָס געשעט דערפאַר ווייל יענער פּראָטעקטאָר זיינער איז שפּעטער אַריינגעפאַלן אין אומ־חן און מען האָט אים ליקווידירט, נישט צוליב דער מעשה נסתר, פאַרשטייט זיך. ווי עס זאָל נישט זיין איז אָבער קלאָר, אַז עפּעס אַן אויסערלעכע, דווקא נישט־יידישע אינטערווענץ איז פאַקטיש געווען אין דער זאַך און ווער ווייסט, צי ווען נישט אָט דער צופאַל, וואָלט דאָס ווערק פון דעם נסתר געקענט דער־זען די ליכטיקע שיין. עס וואָלט אפשר געבליבן ליגן אין כתב־יד און ס׳וואָלט געהאַט דעם זעלביקן גורל, וואָס אַ סך אַנדערע שאַפונגען פון יידישע שרייבער, וואָס זענען געבליבן אין די שופלאָדן און האָבן שפּעטער אַוועקגעוואַנדערט אויף פאַרניכטונג אין די אויוונס פון דער נ.ק.וו.ד.

כאָטש אַזוי האָט מען אָבער דעם נסתרס בוך נישט אַזוי גיך אַרויסגע־

געבן. עס האָט גענומען אַ סך צייט ביז די ממונים איבער דער ליטעראַטור האָבן עס אַרומגעדרייביקט און אויסגעריניקט פון אַזעלכע שטעלן, וואָס זענען בשום אופן נישט געווען כשר. עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט פון דינגעניש צווישן די רעדאַקטאָרן און דעם מחבר און ערשט נאָך דעם ווי מען האָט פאַר־נעם ווערק אַרויסגענומען דאָס נישט כשרע און אַריינגעשריבן עטלעכע אָפּ־זאַצן כדי עס צו כשרן, האָט מען דאָס בוך אַרויסגעגעבן און גאָט האָט גע־האָלפן: עס האָט אָנגעריסן און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

דער נסתר האָט פיל מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז עטלעכע ערטער אין זיין בוך זענען אים דערווידער און זענען נישט זיינע. ער האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל מסכים זיין אַרויסצוגעבן דאָס בוך מיט די געוויסע קאָרעקטורן און צושריפטן. סוף־כל־סוף איז ער איינגעגאַנגען אויף דער הנחה, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די הנחה געהערט נישט צו דעם מין, וואָס אויף איר ווערט געזאָגט: יהרג ואל יעבור. דאָס ליכט פון די לוזיס, האָט ער גע־טראַכט, איז ווערט, אַז מען זאָל עס אָנצינדן אַפילו אין סיי וועלכן עס איז לייכטער. איינגאַנצן אָן פשרות, האָט ער אויסגעפירט, איז נישט מעגלעך, כאָטש דער דאָזיקער וועג איז זייער אַ געפערלעכער און אַז מען נעמט אויף אים גיין, קען מען קיינמאָל נישט ווּיסן וואוהין מען וועט אָנקומען.

דער נסתר האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— מען טענהט, אַז איך שרייב אַ יידיש, וואָס דאָס פאָלק האָט קיינמאָל נישט גערעדט. מען האָט צו מיר טענות באשר איך האָב מיר אויסגעטראַכט אַן אייגענעם רייד־נוסח וואָס יידן האָבן קיינמאָל נישט באַנוצט. דאָס איז אמת. דאָס פאָלק האָט אָבער אויך נישט גערעדט אַקוראַט אַזוי ווי שלום־עליכם האָט געשריבן און אַפילו נישט אַזוי ווי מענדעלע האָט געשריבן. זיי האָבן אַלע סטיליזירט דאָס לשון פון זייער אומה. בערגעלסאָנס העלדןריידן אויך נישט ווי זיי אַליין האָבן גערעדט, נאָר זיי ריידן מיט דעם לשון פון זייער שעפער. איך רייד מיט דעם לשון פון די אַלטע ספרימלעך אויף יידיש און איך וויל שאַפן אַן אַלט־נייע יידישע קב הישר־שפּראַך. די אַרכאַישקייט אין מיין לשון איז פאַר מיר אַן אָפּגרענעצונג פון דער שפּראַך וואָס מען באַ־נוצט היינט אויף צו שרייבן וועגן דעם קאָלווירטישן פאַרזיי פון צוקער־בור־ראַקעס, וכדומה נאָך אַזעלכע „עכט־יידישע" זאַכן וועגן וועלכע אַ סך פון אונדז שרייבן.

— 6 —

איך האָב אין אָנהייב געזאָגט, אַז אין דעם נסתרס באַליבטקייט איז גע־לעגן דער באַשייד אויף אַ רעטעניש, וואָס האָט מיך אָפּט געמאַטערט בעת

איך בין געווען אין רוסלאַנד און וואָס קען זיך אויך שטעלן פֿאַר די אַלע וואָס זענען אין רוסלאַנד נישט געווען און האָבן וועגן דעם דאָרטיקן לעבן גאָר געהערט, אָדער געלייענט. איך מיין, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם דאָזיקן רעטעניש און אויך וועגן דעם באַשייד, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער גוטער באַציִונג צו אים מצד דער ייִדישער שרייבער־סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט.

מיר אַלע, אַפֿילו די וואָס זענען אין רוסלאַנד נישט געווען, ווייסן ווי שווער עס איז די האַנט פֿון סאָוועטישן טעראָר און ווי אומברחמנותדיק זי איז צו די אַלע וואָס פּרווון זיך מיט דעם מינדסטן קעגנשטעלן דעם רעזשים וועלכן דער דאָזיקער טעראָר פֿאַרטיידיקט. מיר ווייסן ווי אַזוי דער קלענסטער אויסדרוק פֿון אומצופֿרידנקייט ווערט דאָרט ליקווידירט און מיר ווייסן אויך, אַז פֿאַר דעם לייכטסטן חשד אין אומלאָיאַלקייט צום סיסטעם ווערט מען דאָרט שוידערלעך באַשטראָפֿט מיטן פֿאַרלירן די פֿרייהייט און אַפֿילו דאָס לעבן. עס איז אונדז אויך באַוווּסט ווי אַזוי מענטשן אין רוסלאַנד היטן זיך מיט דעם אומשולדיקסטן וואָרט פֿון אָפּאָזיציע צו דער מאַכט, אָדער צו די פּרינציפּן וואָס גילטן אין סאָוועטישן לעבן און ווי אַזוי זיי האָבן אַפֿילו פֿאַר די נאָענטסטע מורא אַרויסצוזאָגן דאָס וואָס זיי פֿילן און טראַכטן און דאָס ברענגט דערצו, אַז די דאָרטיקע מענטשן זאָלן כסדר אַרומגיין פֿאַרשטעלטע און זאָגן עפּעס אַנדערש פֿון דעם וואָס זיי קלערן און קלערן עפּעס אַנדערש פֿון דעם וואָס זיי זאָגן. ווי אַזוי האָט דעריבער דער נסתּר באַוויזן אַ גאַנץ לעבן צו זיין אַזוי ווי ער איז געווען? ווי אַזוי האָט ער דאָך אַלע יאָרן מאַניפֿעסטירט אויף זיין אופֿן דעם אומווילן מיטצומאַכן דעם סאָוועטישן שקר? ווי אַזוי האָט ער זיך דערוועגט אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען וואָס זענען געשטאַנען אין בפֿירושער סתּירה צו די לאָזונגען פֿון דער פּאַרטיי? ווי אַזוי האָט ער נישט געציטערט פֿאַר דעם חטא פֿון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, בעת אַרום אים זענען געפֿאַלן אַזויפֿיל קרבנות פֿון פֿאַרדעכטיקטע אין דער דאָזיקער זינד? און וואָס נאָך וויכטיקער: ווי אַזוי האָט ער דאָס אַלץ געטאָן און איז פֿון דעסטוועגן נישט ליקווידירט געוואָרן, נישט פֿאַרשיקט געוואָרן און נישט צעריבן געוואָרן דורך דער שווערער פּויסט פֿון דער סאָוועטישער דיקטאַטור?

עס וואָלט אַ סך, גאָר אַ סך צייט פֿאַרנומען ווען מיר זאָלן וועלן דערציילן, וואָס מענטשן האָבן זיך דאָרט אַלץ אָנגעליטן צוליב אַן אומפּאַרייִכטיק אַרויסגעזאָגט וואָרט, וואָס איז תּיכף אָפּגעטראָגן געוואָרן אין די געהעריקע אינסטאַנצן. עס וואָלט אויך צופֿיל געדויערט ווען מיר זאָלן וועלן באַשרייבן דעם רשעות־סיסטעם, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מענטשן זאָלן

ווערן מוסרים און אָפּדערציילן אַלץ וואָס זיי האָבן געהערט, ווען דאָס גע־הערטע האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי אַ חטא קעגן דער מאַכט. לאָמ׳יר אָבער דאָ איבערגעבן כאָטש אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער טעראָר־אַטמאָספער אין וועלכער עס האָט געלעבט דער סאָוועטי־שער בירגער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1937. דריי יידישע דיכטער, פּינטשעווסקי, האַרצמאַן און ב., זענען אַרויס פון אַ רעסטאָראַן אין דער שטאָט כאַרקאָוו. די דריי דיכטער זענען געווען, ווי מען זאָגט דאָס, היפּש אונטערן גלעזל, און איינער פון זיי, האַרצמאַן, וואָס איז געווען מער מבוסמדיק ווי זיינע חברים, האָט צוקומענדיק צו אַן עק פון דער גאַס, ווו עס האָט געהאָנגען אַ גרויסער סטאַלין־פּאָרטרעט, אַ הייב געטאָן זיין ווייז־פינגער און אויסגערופן:

— אָט ווער ס׳איז שולדיק אין אונדזערע צרות.

אָפּגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָס איז אים, און אויך אַלע אַנדערע, אָפּנים געלעגן אויפן האַרצן, האָט אָבער האַרצמאַן תיכף זיך אויסגעניכטערט פון שרעק און באַנומען וואָס ער האָט דאָ מיט זיינע רייד אָפּגעטאָן. ער האָט זיך דעריבער געוואָרפן צו זיינע חברים, גענומען קושן זייערע הענט, און בעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף זיין יונג לעבן און פאַרשווייגן דאָס וואָס זיי האָבן געהערט. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט און געבעטן ביז זיינע חברים האָבן דאָס אים פייערלעך צוגעזאָגט.

דאָס ווייטערדיקע וועל איך איבערגעבן מיטן לשון פון דעם דערציילער ב., וואָס איז איינער פון די דריי דיכטער, אַן אָנטיילנעמער אין דער גע־שעעניש.

— ווען איך בין אַהיימגעקומען — האָט מיר ב. בתכלית הפשטות דער־ציילט — האָב איך גענומען טראַכטן: נו, גוט. מען דאַרף ראַטעווען האַרצ־מאַנען, ווייל עס איז אויף אים טאַקע אַ גרויסער רחמנות. וואָס וועט אָבער זיין אויב פּינטשעווסקי וועט נישט האַלטן זיין וואָרט און וועט יאָ אַוועק־גיין דערציילן דאָס וואָס ער האָט געהערט? דעמאָלט וועט דאָך אויסקומען, אַז איך האָב געהערט און האָב די זאַך פאַרשוויגן? נו, וועט מען נישט אַמאָל אויסטייטשן מיין שתיקה ווי אַ הסכמה צו האַרצמאַנס רייד? וועל איך אַמאָל נישט זיין די כפּרה צוזאַמען מיט האַרצמאַנען? הכלל, איך האָב אַזוי לאַנג געטראַכט און געטראַכט, אַזוי לאַנג זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און מיט זיך אַליין געטענהט, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָב איך באַשלאָסן, אַז חייך קודמין לחיי חברך און איך האָב זיך אָנגעטאָן און בין אַוועק אין דער נ.ק.וו.ד. דערציילן די גאַנצע מעשה.

אויפן וועג צו דער נ.ק.וו.ד. האָב איך געטראָפן... וועמען? פּינטשעווס־

קין? נו, געוויס. ער האָט דאָס זעלביקע, וואָס איך האָב געטראַכט וועגן איס, מסתמא געטראַכט וועגן מיר און מחמת דעם האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אויפן וועג צו ווערן מוסרים. דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. שטעלט זיך פאָר, אַז מיר האָבן אין דער געביידע פון דער נ.ק.וו.ד. אויך געטראָפן... יאָ, מיר האָבן דאָרט אויך געטראָפן האַרצמאַנען. ער ווייסט דאָך — האָט ער אונדז געזאָגט — אַז מיר וועלן נישט האַלטן דאָס צוגעזאָגטע וואָרט און מיר וועלן יאָ דערציילן. נו, וויל ער זיך ראַטעווען דאָס לעבן און דערפאַר איז ער גע־קומען צופריער, כדי צו זאָגן, אַז די דאָזיקע ווערטער האָט נישט ער געזאָגט, נאָר מיר האָבן זיי געזאָגט. אפשר וועט דאָס אים דורכגיין און ער וועט אַזוי אַרום ניצול ווערן פון דער סכנה.

פון דעם דאָזיקן קליינעם, אָבער כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, קען מען שוין פאַרשטיין וואָס עס האָט געהייסן אין רוסלאַנד ריידן אַ וואָרט קעגן דער מאַכט און אירע פירער, אָדער אויסדריקן אומאיינשטימיקייט מיט זייערע דינים און געזעצן, לאָזונגען און פּרינציפּן. הייבט זשע ווי אַזוי האָט דער בסתר דאָס אַלץ געטאָן און איז נישט געמסרט געוואָרן? ווי אַזוי האָט ער גערעדט אַפּיקורסותן, געטאָן זאַכן וואָס מען טאָר נישט און איז פון דעסטוועגן נישט געניזוקט געוואָרן, נאָר האָט געלעבט און דערלעבט די ליקווידאַציע פון 1948סטן יאָר, אין וועלכן ער איז אומגעקומען נישט פאַר זיינע פאַר־זענלעכע חטאים, נאָר פאַר דעם חטא פון זיין אַ ייִד, אַ יידישער שרייבער, אַ קרבן פון יידישקייט, ווי דאָס איז געווען פעפער און אַלע אַנדערע?

***

די דאָזיקע פראַגן זענען זייער שווער צו פאַרענטפערן און דאָך האָט דער וואָס איז געווען אין רוסלאַנד און קען גוט דאָס אָרטיקע לעבן אויף זיי אַן ענטפער.

דער ענטפער איז, אַז רוסלאַנד איז דאָס מקום פון די אוממעגלעכסטע מעגלעכקייטן און פון די אומוואַרשיינלעכסטע וואַרשיינלעכקייטן. עס איז דאָס לאַנד ווו עס קענען טרעפן אַזעלכע אויסטערלישע צופאַלן, וואָס זענען פשוט אומגלייבלעך. אייגנטלעך איז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן פול מיט אויסטערלישן צופאַל. איך האָב אַמאָל בעת אַ באָמבאַרדירונג אין וואַרשע, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, געזען ווי אַ באָמבע האָט ממש געשפּאָלטן אַ פיר־שטאָקיק הויז אויף דער העלפט. דאָס גאַנצע הויז איז חרוב געוואָרן. צענדליקער מענטשן זענען אומגעקומען. פון בנין איז געבליבן אַ קופּע ציגל און ברוכוואַרג. אָבער אויף איין שטיקל פאַרבליבענער וואַנט איז זיך געהאַנ־גען אַ שטייגל און אין שטייגל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ קאַנאַריק און אַ שעה

נאָך דער באַמבאַרדירונג האָט ער געטשוויטשערט ווי עס וואָלט אַרום אים גאָרנישט געשען.

דאָס זעלביקע האָב איך אַמאָל געזען בעת אַ פאַרפלייצונג. קילאָמעטערס אַרום איז די ערד פאַרשווענקט געוואָרן פון האַסטיקן וואַסער־אָנפלייץ. הייזער זענען צעשטערט געוואָרן. דאַמבעס זענען דורכגעריסן געוואָרן. ביימער האָבן זיך איבערגעקערט. אָבער אויף דעם פאַרמבולטן פאַרגאָסענעם שטח איז זיך געשטאַנען אַ יונג ביימל איבער די קני אין די כוואַליעס און האָט זיך געשאָקלט אין ווינט און זיך געשפּיגלט אין די וואַסערן ווי קיינמאָל גאָרנישט.

זענען דאָס בלויז צופאַלן? אַזוי זעט עס אויס פאַר די וואָס ווייסן נישט די סיבות וואָס האָבן גורם געווען, אַז גראַד דאָס קאָנאַריקל אין שטייגל זאָל בלייבן גאַנץ, אָדער אַז דאָס ביימל אין וואַסער זאָל בלייבן נישט גערירט. פון דעסטוועגן וועט קיינער נישט זאָגן, אַז עס זענען נישט געווען קיין גורמים, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן געשען די דאָזיקע זאַכן, וואָס זעען אונדז אויס ווי צופאַלן. דאָס זעלביקע איז מיט דעם נסתר. עס איז מסתמא געווען אַזאַ עפּעס וואָס האָט אים געראַטעוועט פון מסירה און דערמיט אויך פון די קאָנסעקווענצן וואָס די מסירה האָט געבראַכט אין סאָוועטישן לעבן.

דער דאָזיקער „עפּעס“ איז געווען די ליבשאַפט צו אים, די פאַרערונג פאַר אים, דאָס גוטע געפיל וואָס אַלע האָבן צו אים געהאַט.

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. געוויס האָט מען דעם נסתר ליב געהאַט און מען האָט אים פאַרערט, אָבער ווען ער וואָלט נישט געשטאַנען אַזוי מן הצד פון דעם סאָוועטישן געיעג נאָך עולם הזה און שרייבערישן כבוד, וואָלט דאָס אים נישט געהאָלפן. ווען ער וואָלט געווען אַ שטיקל צד אין דעם סאָוועטישן לעבן, ווען ער וואָלט פאַרנומען אַ שטיקל פּאָזיציע, ווען ער וואָלט עפּעס געווען, וואָלט מען פון אים געוווּסט, וועגן אים געדענקט און אים נאָכגעקוקט און דעמאָלט וואָלט געווען אַך און וויי צו אים. זיין גליק, אומשטיינס געזאָגט, איז אָבער געווען דאָס, וואָס ער איז געווען אַן אמתער נסתר און האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געהאַלטן אין אַ זייט פון דעם סאָוועטישן מילראָד. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען נישט בלויז קיין נסתר, נאָר אויך אַ נעלם. ער איז גאָרנישט געקומען נעמען. ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט. ער האָט זיך פּשוט נישט געציילט. אַזוי אַרום איז ער עפּעס ווי אַרויסגעפאַלן פון חשבון און מען האָט אים פאַרגעסן. מחמת זיין באַליבטקייט איז אויך נישט געווען ווער עס זאָל אים דערמאָנען, ווער ס'זאָל אויף אים ציִען די אויפמערקזאַמקייט און אַזוי האָט ער זיך דורכגעדרייט ביז צום לעצטן אַקט פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס איז געשען דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד.

**
*

דער נסתּר איז נישט געווען דער איינציקער שרייבער, אָדער דער איינ־ציקער מענטש אין רוסלאַנד, וואָס איז אַזוי אַרום געשווינט געוואָרן דורכן גורל און האָט איבערגעלעבט די סאַמע שרעקלעכסטע טעראָר־עפּידעמיעס, וואָס זענען ציקל־אַרטיק אין דעם סאָוועטישן סיסטעם. אַזאַ מענטש איז אויך באָריס פּאַסטערנאַק. אויך ער האָט אויסגעמיטן כלערליי ליקווידאַציעס, דער־פאַר וואָס ער האָט זיך געהאַלטן מן הצד פון דעם גאַנצן סאָוועטישן לעבן און האָט זיך נישט געלאָזט אַריינשלעפּן אין קיין שום זאַך, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר אַ שותּף פון דעם קאָמוניסטישן שקר. דער נסתּר פּונקט ווי ער און ער פּונקט ווי דער נסתּר, האָבן נישט געהאַט קיין שום אַמביציעס עפּעס צו זיין אין דער דאָזיקער וועלט און מחמת זיי האָבן נישט געהאַט די דאָזיקע אַמביציעס, זענען זיי קיינמאָל קיינעם נישט געשטאַנען אין וועג און מען האָט זיי זעלטן דערמאָנט. דאָס וואָס זיי האָבן אין זיך געמאַכט פאַרגעסן איז גע־ווען זייער גרעסטע חכמה, זייער אינסטינקטיווע חכמה מיט וועלכע די השגחה האָט זיי באַשאָנקען, כּדי זיי זאָלן קענען אַרויסקומען גאַנץ פונעם לייבן־גרוב, אַזוי ווי פּאַסטערנאַק ביז איצט און דער נסתּר ביזן 1948.

מען דאַרף צו דעם נאָך צוגעבן, אַז בדרך כלל, העלפן נישט אין רוסלאַנד קיין חכמות און ווי אַזוי אַ מענטש פירט זיך דאָרט, מיידט ער אַלצאיינס נישט אויס דאָס אומגליק. יעדער כּלל האָט אָבער אויך זיינע אויסנאַמען און די דאָזיקע אויסנאַמען זענען צווייערליי: דער ערשטער אויסנאַם זענען די ווייניקע, וואָס פּאַסן זיך אַזוי גיך און געשיקט צו צו יעדער נייער סיטואַציע, אַז זיי מיידן אויס די בלינדע האַק פון טעראָר. אַזעלכע זענען ערענבורג, זאַס־לאַווסקי און אַזאַ איז אויך געווען איציק פעפער. דער אַנדערער אויסנאַם באַשטייט פון אַזעלכע וואָס האָבן פון לכתחילה אָן זיך נישט געפּרוווט צו־פּאַסן און זענען געבליבן פאַררוקט אין אַ ווינקל. צו די האָט געהערט פּאַס־טערנאַק, דער נסתּר און נאָך אַ ריי אַנדערע וואָס מען דאַרף זייערע נעמען נישט אָנרופן, ווייל עס קען זיי שאַטן. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן אויך אַ סך מענטשן פון פּשוטן פאָלק, וועלכע פאַרשטייען מיטן געזונטן אינס־טינקט, אַז וואָס ווייניקער זיי וועלן זיך שטופּן אַרויף, אַלץ ווייניקער וועלן זיי האָבן שאַנסן צו פאַלן אַראָפּ. אמת, נישט אַלעמען העלפט דער דאָזיקער פּשוטער שכל, אָבער אין אַ סך פאַלן און ביי געוויסע קאָמבינאַציעס פון באַ־דינגונגען, העלפט ער יאָ.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען דעם נסתּר, וואָס אָן אמת, גע־רודפט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מיטמאַכן דאָס שפּיל פון פאַר־לייקענען זיך אַליין. אָבער אַז עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דער נסתּר האָט נישט, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פון אַ סך אַנדערע, צוריק געשלאָגן

זיינע רודפים, נישט געקומען זיך איבערבעטן און איינבעטן אין רעוואָלוציאָ־נערן יחוס און בכלל נישט געפאָדערט קיין חלק ונחלה אין דער גדולה פון דער פּראָלעטאַרישער און קאָמוניסטישער ליטעראַטור, האָט מען אים אַרויס־געלאָזט פון חשבון און ביי זיך אָפּגעפּסקנט, אַז ער איז „אַ טשודאַק", אַ שלימזל און סתם אַ בטלן. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קעגנער און מען האָט דעריבער מיט אים נישט געפירט מער קיין מחלוקות, מען האָט אים פּראָסט־פּשוט איגנאָרירט, פאַרגעסן, זיך נישט געמאַכט וויסן, אַז ער איז פאַראַן.

דער זעלביקער עולם וואָס האָט אָבער דעם נסתר יאָרן־לאַנג נישט באַ־מערקט, יאָרן־לאַנג נישט געציילט אין דער טשערעדע, האָט מיט דער צייט דאָך דערפילט זיין מאָראַלישע ריינקייט, זיין מענטשלעכע העכערקייט, זיין יידישע בעסערקייט. דערצו איז אין לויף פון די יאָרן עפּעס געשען ביי די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד: זיי האָבן דערזען, אַז די רעוואָלוציע האָט זיי אייגנטלעך אָפּגענאַרט און זיי האָבן אין דער שטיל גענומען טראַכטן די זעל־ביקע געדאַנקען וואָס דער נסתר. דער נסתר האָט אין דער געביטענער לאַגע זיך שוין געקענט דערלויבן צו זאָגן אַביסל העכער דאָס וואָס ער האָט צום ערשט געטראַכט אין דער שטיל, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז אַ סך אַנדערע טראַכטן שוין אויך דאָס זעלביקע. אַנדערע האָבן טאַקע דאָס נישט געטאָרט זאָגן, ווייל זיי וואָלט מען עס נישט געשענקט. זיי זענען דאָך געווען צווישן די חוטאים וואָס האָבן מחטיא געווען דעם רבים. דעם נסתר האָט מען אָבער ליב געהאַט, דעם נסתר האָט מען פאַרערט, ווייל ער האָט געליטן פאַר זיין אמת. פון אים האָט מען דעריבער געוואָלט הערן דעם אמת און אים האָט קיינער נישט געמסרט, ווייל קיינער האָט אויך נישט מורא געהאַט, אַז אַן אַנדערער וועט אים מסרן.

כ'וויל נישט זאָגן, אַז דעם נסתר האָט אויך געראַטעוועט דווקא דאָס, וואָס ער איז בעסער געווען פון אַנדערע און די השגחה האָט אים דעריבער אויסגעקליבן צו זיין איינער פון די צדיקים, וואָס צוליב זיי געשעט נישט מיט רוסלאַנד די מעשה פון סדום. דאָס וואָלט אפשר געווען אַ שטיקל פאַרשע־מונג פאַר הונדערטער און טויזנטער צדיקים וואָס זענען יאָ אומגעקומען. אי־בעריקנס האָט דאָס שוין צו טאָן מיט דער מיסטיק פון גורל און איך ווייס, אַז אַ סך וועלן דעם דאָזיקן תירוץ נישט וועלן אָננעמען, מחמת זיי אָנערקע־נען נישט די אַריינמישונג פון העכערע כוחות אין אונדזער אָרעמען מענטש־לעכן לעבן. אָבער אַז דעם נסתרס ערלעכער און גוטער כאַראַקטער האָט גע־האַט אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף זיין לעבן־בלייבן אין סאָוועטישן יאָ־מער־טאָל, דאָס איז פאַר מיר גאַנץ זיכער.

דאָס איז אַ שטיקל באַשייד אויף דעם רעטעניש פאַרוואָס דער נסתר האָט געקענט זיין אַזאַ ווי ער איז געווען, דאָרט ווו אַנדערע מענטשן זענען פאַר גרינגערע חטאים און אַפילו בלויז פאַר חשדים אין די זינד, געגאַנגען אין כף הקלע אַריין.

***

יאָ, דער נסתר איז געווען אַן אמתער צדיק, מען מעג זאָגן: אַ ליכטיקער און אַ הייליקער ייד. ער האָט געלעבט אַ שווער לעבן, איז געווען פול מיט ליידן, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך, אָבער עס איז דאָך גוט געווען זיך צו געפינען אין זיין סביבה. עס איז פון אים אויפגעגאַנגען די שיין פון אַ געלייטערטן טרויער, פון אַ טרויער וואָס מאַכט נישט שווער דאָס געמיט, נאָר דערהייבט דעם מענטש און מאַכט אים זיך פילן ווי אַ מענטש.

דער נסתר האָט געהאַט אפשר דאָס שווערסטע לעבן צווישן די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער. ער האָט זיך אפשר אויך געפייניקט מער פון זיי אַלע. אים איז אָבער בעסער געווען ווי יעדן אַנדערן פון די דאָרטיקע ייִדישע ליטעראַטור־שעפער. ער איז געווען גאַנץ מיט זיך און גאַנץ מיט זיין גאָט אין הארצן. ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד זענען געווען גייענדיקע טראַגעדיעס און נאָר צוויי פון זיי זענען אין תוך אַריין נישט געווען טראַגיש, ווייל זיי זענען נישט געקומען אין קאָנפליקט מיט זיך און מיט זייער אמונה. די דאָזיקע צוויי שרייבער זענען געווען: לייב קוויטקאָ דער מאמין אין סאָוועטישן לעבן און דער נסתר, דער אַבסאָלוטער כופר אינעם עיקר פון דער קאָמוניסטישער דאָגמע און אין איר דערלייזונג פאַרן ייִדישן פאָלק. דער נסתר האָט דערביי געוווסט פאַרוואָס ער ליידט און ער האָט זיינע ליידן מקבל געווען באהבה. דאָס האָט אים געגעבן אַזעלכע סאַטיספאַקציעס, וואָס קיין שום אַנדערער ייִדישער שרייבער אין דער סאָוועטישער סביבה האָט זיי נישט געהאַט.

פון מיינע באַגעגענישן מיט דעם נסתר האָב איך געקענט זען, אַז ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געגרייט צום טויט. ביי אים איז ביז אַ צייט מקוים געוואָרן דער זאָג, אַז די קויל שרעקט זיך פאַר דעם דרייסטן... דער טויט, הייסט עס, קומט נישט צו די וואָס וואַרטן אויף אים... דערפאַר אָבער ווען דער טויט איז צו אים יאָ געקומען, איז ער געווען גרייט, און גרייט נישט בלויז פאַר דעם סאָוועטישן תליון, נאָר אויך פאַר דעם בית־דין של מעלה, וועלכן ער האָט אומגעקערט דעם פקדון — זיין ייִדישע נשמה — ריין, לויטער און אומבאַפלעקט.

יהי זכרו ברוך.

# דוד בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָן

— 1 —

וויפל מיר זאָלן שכלדיק נישט וויסן, אַז ס׳איז אַן אומזין זיך צו שאַפן אַ באַגריף וועגן דער אויסערלעכקייט, דעם כאַראַקטער און דער אויפפירונג פון אַ שרייבער אויפן סמך פון די איינדרוקן וואָס מיר האָבן באַקומען פון זיין שאַפן, וויפל מיר זאָלן אויך פון דער דערפאַרונג נישט האָבן געלערנט, אַז אין די מערסטע פאַלן איז דער שרײַבער לחלוטין נישט ענלעך אויף דעם פּאָרטרעט וואָס מיר האָבן זיך אויסגעמאָלט אין אונדזער דמיון, לייענענדיק זיינע ביכער, לעבן מיר אָבער אַלעמאָל איבער אַ געפיל פון פריקרעקייט און אַנטוישונג ווען מיר דערזעען, אַז דאָס ווירקלעכע געשטאַלט פון דעם שריי־בער, דערצו נאָך פון דעם באַליבטן און פאַרערטן שרייבער, שטימט נישט מיט דער פאַרשטעלונג וועגן אים, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין אונדזער פאַנ־טאַזיע ביים לייענען זיינע ווערק, ביים מיטלעבן מיט זיינע העלדן און ביים עמאָציאָנירט ווערן פון זיין וואָרט. און כאָטש כולנו חכמים וכולנו נבונים און מיר וויסן, אַז דאָס איז נאַיוו, פּראָווינציעל און אפשר אויך קאָמיש, ווערן מיר אָבער תמיד אַביסל צעטרייסלט ווען מיר טרעפן זיך אַן מיט דעם דאָזיקן פאַקט און עס דויערט אַ היפשע צייט ביז מיר דערשטיקן און לאָזן אויסוועפן אין זיך דאָס געפיל פון אָפּגענאַרטקייט, וואָס רופט אַרויס אַמאָל אַ מילדערן, אַמאָל אַ שאַרפערן פאַרדרוס.

דאָס געפיל פון אַזאַ מין אַנטוישונג, באַגלייט מיט אַ שטילן פאַרדרוס, האָב איך איבערגעלעבט בעת איך האָב דאָס ערשטע מאָל זיך געטראָפן מיט דעם גרויסן יידישן שרייבער דוד בערגעלסאָן. איך וועל איצט, פאַרשטייט זיך, נישט נעמען אויסמאָלן מיין פאַרשטעלונג וועגן בערגעלסאָנען די אַלע יאָרן זינט איך בין געוואָרן אַ לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור און אַ שלינגער פון זיינע ביכער, וואָרום דאָס איז באמת נישט וויכטיק. וויכטיק איז נאָר דער פאַקט, אַז דער ערשטער פנים־אל־פנימדיקער צונויפטרעף מיט דעם דאָזיקן שרייבער האָט אַזוי נישט געשטימט מיט מיין פאַנטאַזיע־געמעל וועגן אים, אַז איך האָב פשוט איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון נשמה־צערודע־

רונג, וואָס איז אין דער לערע וועגן דער מענטשלעכער פּסיכיק באַקאַנט ווי אַ דעפעקט אין דער אַסאָציאַטיווער פונקציאַנירונג פונעם שכל. קלאָרער גע־רעדט מיינט עס, אַז איך האָב אין די ערשטע שעהן פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים ממש נישט געקענט ביי זיך פועלן, אַז דער דוד בערגעלסאָן וועלכן איך זע, איז דער זעלביקער דוד בערגעלסאָן, וועלכן איך האָב געלייענט און וועגן וועלכן איך האָב אַזויפיל געהערט. נאַטירלעך האָב איך אין דער ערשטער רגע זיך איינגעשמועסט, אַז דער הויפּט־חיוב דערפון בין איך אַליין — צו־זאַמען מיט מיין נאַיִוון און בטלנישן דמיון — אָבער אָפּטרייבן פון זיך די שפּירונג פון עפּעס אַ מין אָפּגענאַרטקייט האָב איך סיי־ווי נישט געקענט און וויפל איך האָב זיך אַליין נישט געזאָלט פּאַררייידן די ציין און זיך גופא מוסרן פאַר דער נאַרישער פּראָווינציעלקייט, האָב איך זיך אָבער כסדר געכאַפּט ביי דער האַנט, אַז אין מיר בורטשעט, מיט אַ מאָדנע פּאַריבל, איין און די זעל־ביקע שאלה: הזאת נעמי? דאָס איז דוד בערגעלסאָן? דער גרויסער ייִדישער שרייבער דוד בערגעלסאָן?

ס'איז אָבער בשום־אופן נישט געווען בלויז די נאַיִוויטעט אין מיר וואָס האָט געשטעלט די דאָזיקע קלאָץ־קשיות. איך בין שוין דעמאָלט נישט געווען אין דער בחינה פון קיין פאַרחלומטער גימנאַזיסטקע, וואָס מאָלט זיך אויס דאָס בילד פון אַ שרייבער אין סאַמע תכלית־דיקע פאַרבן. איך האָב שוין דע־מאָלט, ווי מען זאָגט, געהאַט אויפגעגעסן אַ היפּש זעקל זאַלץ ביי די פּאַר־שיידענע טישן פון שרייבערישן צוזאַמענלעבן און במילא שוין געוווּסט, אַז אויב מען וויל געפינען מלאכים, זאָל מען זיי זוכן אין די מעשה־ביכלעך און נישט אין די ליטעראַרישע סביבות. איך האָב שוין געהאַט געזען גענוג „ראָ־מאַנטישע" פּאָעטן מיט פּנימער פון קצבים און איך האָב שוין אויך געקענט גענוג שרייבער, וואָס זייער פּאַסיע איז געווען צו שילדערן כוח־גבראַדיקע העלדן, מיט אַלע זייערע אויפטועכצער אויפן געביט פון דער תאווה, דערביי האָבן די שעפער פון די דאָזיקע גרויסע עולם־הזהניקעס אַליין אויסגעזען ווי אינדישע פאַקירן נאָך דער דריטער וואָך פון תעניתים און האָבן אין באַצוג צו פרויען פאַראַטן אַ טעמפּעראַמענט פון טערקישע סריסים. איך וואָלט דע־ריבער שוין נישט געדאַרפט אַזוי שאָקירט ווערן אויב דער שרייבערינער פּלוי־ני־אַלמוני האָט אויסגעזען אַנדערש ווי מיין פאַנטאַזיע האָט זיך אים געמאָלט לויט זיינע ווערק. פאַרוואָס־זשע בין איך אָבער ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דוד בערגעלסאָן יאָ שאָקירט געוואָרן פון דעם קאָנטראַסט צווישן ווירק־לעכקייט און דמיון? פאַרוואָס־זשע האָב איך אָבער ביים ערשטן צונויפטרעף מיט דעם דאָזיקן שרייבער יאָ איבערגעלעבט אַזאַ שאַרפע עמפּינדונג פון אַנ־טוישונג און אָפּגענאַרטקייט?

עס איז כדאַי אויף דער דאָזיקער פראַגע צו ענטפערן באריכות און דאָס נישט דערפאַר ווייל איך גיי נאָך דעם כלל, אַז דער ערשטער איינדרוק איז תמיד דער ריכטיקסטער, נאָר דערפאַר ווייל ענטפערנדיק אויף דער דאָזיקער פראַגע, וועלן מיר זיך אפשר דערנענטערן צו דער טראַגעדיע פון דוד בערגעלסאָן אין סאָוועטרוסלאַנד און דאָס מיינט, אַז מיר וועלן זיך אפשר דערגרונטעווען צו די סיבות וואָס האָבן אים געמאַכט אויסזען אַזוי, אַז ער זאָל אַרויסרופן אַזאַ אַנטוישנדיקן איינדרוק. דערביי וועלן מיר שוין אויך זען, אַז די דאָזיקע אַנטוישונג איז נישט בלויז געווען קיין פועל־יוצא פון מיין באַזוכטעט, נאָר זי איז אין דער אמתן געווען אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ווירקלעך נישט געפּאַסט דעם דאָזיקן שרייבער. אַ סימן: דער דאָזיקער „עפּעס“ וואָס האָט זיך צו אים נישט געפּאַסט און האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אומגינסטיקן איינדרוק, איז אויך אַלע אַנדערע בערגעלסאָן־פרייַנט קנאַפּ געפעלן געוואָרן און איז אַפילו דורך זיי באַצייכנט געוואָרן ווי זיין באַזונדערע טראַגעדיע אין דער אַלגעמיינער טראַגישקייט פון די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד.

איידער איך גיי ווייטער, מוז איך אָבער זאָגן, אַז איך האָב שפּעטער געזען דוד בערגעלסאָנען אויך אין אַנדערע סיטואַציעס און אין זיי האָט זיך דער דאָזיקער גרויסער שרייבער אַנטפּלעקט לחלוטין אין אַן אַנדער ליכט ווי בעת מיין ערשטן צונויפטרעף מיט אים. אמת, איך האָב אים אויך ווייטער אַריין גאָר־גאָר אָפט געזען אין אַזעלכע מאָמענטן, וואָס האָבן מיר ערשט רעכט אויפגעקלערט די סיבה פון מיין שאָקירטקייט בעת אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט. אָבער וועגן דעם — שפּעטער. איצט, טראַכטנדיק וועגן דוד בערגעלסאָנען אין לעצטן סך־הכל, דאַכט זיך מיר טאַקע אויס, אַז דאָס איז נישט געווען איין מענטש, נאָר צוויי באַזונדערע מענטשן, אָדער לכל הפחות, אַז דער איינער מענטש, וואָס מיר האָבן געקענט ווי דוד בערגעלסאָן, האָט געהאַט צוויי פאַרשיידענע פּנימער. איך וועל שפּעטער זאָגן אין וואָס די דאָזיקע פאַרשיידנקייט האָט זיך אויסגעדריקט, ווי אויך ווו ער האָט זיך געוויזן מיט איין פּנים און ווו און ווען מיט דעם אַנדערן פּנים. דערווייל אָבער וועל איך זיך אומקערן צום אָנהייב און וועל דערציילן וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים און דער עיקר — פאַרוואָס ער האָט דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַזאַ מאָדנע, נישט־בערגעלסאָנישן איינדרוק.

***

איך בין געקומען קיין מאָסקווע אין אַ צייט, ווען צווישן די דאָרטיקע ייִדישע שרייבער האָט זיך געפילט אַ פיבערדיקע אויפלעבונג. די ייִדישע

שרייבער האָבן געצאַפּלט אין דערוואַרטונג פון עפּעס אַ גרויס געשעעניש, וואָס האָט אי אַלעמען געמאַכט נערוועז און געשפּאַנט, אי שטאַרק אויפגע־הויבן די דערשלאָגענע שטימונג און געשפּייזט מיט האָפענונג דאָס געמיט. אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, פאַרמיטיק, אין שרייבער־פאַריין, ביים מי־טיק, אין פאַרלאַג „עמעס״, נאָכמיטיק, אין די היימען פון די שרייבער, ביי־נאַכט — אומעטום האָט מען גערעדט, אומעטום האָט מען געשמועסט, אור־מעטום האָט מען געגליט און געוואַרט אין אומגעדולד אויף דעם וואָס דאַרף אָט־אָט געשען.

וועגן דעם וואָס דאַרף געשען האָט מען גערעדט בסוד, מיט רמזים און מיט פאַרשטיקטע קולות. ס'איז אָבער געווען פון דעם מין סודות, וואָס מען זאָגט אויף זיי, אַז די פייגל טשוויטשערן זיי אויס אויף די דעכער. עס האָט זיך נעמלעך געהאַנדלט וועגן דעם טרויעריק־באַרימטן ענין קרים און קאָנ־קרעט: וועגן דער שמיעה אַז די סאָוועטישע רעגירונג גרייט זיך אָפּצוגעבן די ייִדן אין רוסלאַנד דעם האַלב־אינדזל קרים, כדי זיי זאָלן דאָרט זיך באַזעצן און אויפשטעלן, אויב נישט קיין אייגענע ייִדישע רעפּובליק, איז כאָטש אַן אייגענע ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

איך וועל נישט אַריינגיין אין דעם תוך פונעם ענין, וואָס איז שוין צור־ביסלעך באַקאַנט. איך וועל נאָר איבערגעבן בקיצור ווי די זאַך האָט אויס־געזען אין די ייִדישע שרייבער־קרייזן. נאָך דעם ווי די סאָוועטישע אַרמיי האָט אַרויסגעטריבן דעם דייטשן אָקופּאַנט פון קרים, האָט זי אויך אַרויס־געשיקט פון דאָרט קיין טיף־אַזיע די אָרטגעבירטיקע באַפעלקערונג מחמת דעם, וואָס די דאָרטיקע איינוווינער האָבן אָפן פאַראַטן די סאָוועטישע מאַכט און זענען אין דער קריטישער צייט איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דעם שונא. קרים און האַלב קאַווקאַז זענען געבליבן ליידיק. מען האָט, בכן, פאַר־שטאַנען, אַז מען וועט די דאָזיקע פוסט־געוואָרענע געביטן דאַרפן באַזעצן, באַפעלקערן. אָבער מיט וועמען?

פלוצלינג האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַנג, אַז קאַגאַנאָוויטש, דער מיט־גליד אין פּאַליט־ביוראָ און דער דעמאָלטיקער גרויסער מקורב למלכות, האָט עמיצן געזאָלט זאָגן, אַז עס איז פאַראַן אַ האָפענונג די ייִדן זאָלן קריגן קרים. די זאַך האָט זיך געלייגט אויפן שכל, וואָרום ייִדן האָבן בעת דער מלחמה אַרויסגעוויזן גרויס געטריישאַפט צו רוסלאַנד. חוץ דעם האָט די מלחמה באַ־וויזן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנלאַנד איז נאָך אַלץ אַ גרויס און פּיינלעך פּראָבלעם. ס'איז אויך נאָך אַלץ געווען אַ גרויס פּראָבלעם דער ייִדי־שער ווילן זיך אויסצולעבן מער־ווייניק ייִדיש, וואָס האָט דורך די רעגירער געדאַרפט גענומען ווערן אין אַכט מחמת די פאַרבינדונגען מיט דער אויסער־

לעכער וועלט און דערהויפּט מחמת די ייִדן אין דער וועלט האָבן זיך אַזוי גוט אָפּגערופן אויף דעם ס. אָ. ס.־רוף פון סאָוועטרוסלאַנד אין די טעג פון געפאַר. צוליב די אַלע מאָטיוון איז נישט געווען אומלאָגיש צו טראַכטן, אַז די סאָוועטן־רעגירונג וועט אויף אַזאַ אופן וועלן לייזן דאָס ייִדישע פּראָבלעם, וויסנדיק אַז דאָס באַזעצן ייִדן אין קרים וואָלט זיך מער איינגעגעבן ווי דער עקספּערימענט אין ביראָבידזשאַן, הן צוליב דעם וואָס דאָס איז אַ מער צוגע־פּאַסט אָרט פאַר ייִדישער באַזעצונג, הן אויך צוליב דעם וואָס די ייִדן אין רוסלאַנד וואָלטן איצט, אין די באַדינגונגען פון נײַ־דערוואַכטן אַנטיסעמי־טיזם, גיכער דאָרט אַהין געפאָרן.

צווישן די ייִדישע שרייבער האָט דער דאָזיקער קלאַנג אַרויסגערופן גרויס שמחה. מען האָט כסדר וועגן דעם גערעדט ווי וועגן אַ גרויסער ישועה פאַר דעם רוסישן ייִדנטום. ענדלעך, ענדלעך וועלן די ייִדן אין רוסלאַנד אָנער־קענט ווערן ווי אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, וועלן האָבן אַן אייגענע טערי־טאָריע און וועלן קענען פאַרזעצן זייער אייגענע קולטור. ייִדן וועלן אויפהערן זיין אַ צוטשעפּעניש צו פאַרשיידענע פעלקער, זיי וועלן האָבן זייער אייגענעווירטשאַפט, זייער אייגענעם בודזשעט, זייערע אייגענע שולן, טעאַטערן, הויכ־שולן און דאָס גלייכן.

אמת, ייִדישע שרייבער האָבן גוט געוווּסט, אַז אויך אַן אייגענע טערי־טאָריע באַשיצט נאָך נישט פון דעם רוסישן אַסימילאַציע־דרוק, וואָס אַפילו גרויסע פעלקער ראַנגלען זיך מיט אים אין דער שטיל און קענען אים נישט בייקומען. פאָרט איז די דאָזיקע ידיעה געווען אַ גוטע בשורה און זי האָט שטאַרק אויפגעהויבן דאָס געמיט פון די ייִדישע שרייבער. אין זייער גע־ווינטשאַפט צו ריידן מיט איבערגעטריבענער התפעלות וועגן אַלץ וואָס גע־שעט אין רוסלאַנד, האָבן זיי וועגן דער דאָזיקער זאַך אויך גערעדט מיט גאָר יום־טובדיקע טערמינען, האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב און זענען אַרומגעגאַנ־גען פאַרשיכורט פון פרייד.

דוד בערגעלסאָנען האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געקענט, אָבער פון דעם וואָס מען האָט מיר דערציילט, האָב איך געוווּסט, אַז ער איז מלא שמחה, קושט זיך אויף זיין שטייגער מיט אַלעמען און זאָגט:

— נו, וואָדען? נאָר אונדזער סאָוועטישע רעגירונג וועט לייזן דאָס ייִדישע פּראָבלעם. נאָר אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט באַלוינען די ייִדן פאַר זייער געטריישאַפט און זיי געבן אַ סאַטיספאַקציע פאַר זייערע ליידן אין דער מלחמה.

ס'איז אָבער אַוועק אַ שטיקל צייט און די ייִדישע שרייבער האָבן באַקו־מען אַ ווונק, אַז זיי זאָלן זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. איז די

„הויכע פענצטער" האַלט מען זיך ווייטער ביי לענינס און סטאַלינס אַמאָליקער טעזע, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק און מען וועט דעריבער נישט נעמען און אויפשטעלן איצט אין רוסלאַנד קיין ניי פאָלק און עס אָפּגעבן אַזאַ פערל ווי עס איז קרים.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די ייִדישע שרייבער האָט מען נאָך דער דאָזיקער נישט אָפיציעלער, אָבער זייער דייטלעכער אויפקלערונג, זיך דערפילט זייער און זייער נידערגעשלאָגן. עס האָט געהערשט אַ תשעה באב־שטימונג. מען האָט זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן, און כאָטש מען האָט גאָרנישט גערעדט, האָט מען אָבער שטילערהייט שטאַרק געקרעכצט און צום מערסטן האָבן געקרעכצט די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך שוין געזען ווי די גלאָוונע מושלים פון דער קרימער ייִדישער סאָוועטן־מדינה.

***

גראַד דעמאָלט האָב איך באַקענט דוד בערגעלסאָנען.

איך בין אַריין אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און דערזען אַ רעדל שרייבער. די שרייבער זענען כמעט אַלע געזעסן מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ און מיט טרויעריקע פּנימער. אָבער אין מיטן דעם רעדל איז געשטאַנען דוד בערגעלסאָן און מיט אַ הויך גרילצנדיק קול געדרשנט:

— חברים, איך האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז ס'איז אַ פּראָוואָקאַציע. דאָס האָבן די שונאים פון אונדזער טייערן סאָוועטישן פאָטערלאַנד פאַרשפּרייט אַזאַ קלאַנג. וואָרום צו וואָס דאַרפן מיר ייִדן אין רוסלאַנד אַ טערי־טאָריע? דאָס איז דאָך אַן איבערבלייבעניש פון דער בורזשואַזער פּאַלעסטינע־טעאָריע. אונדז ייִדן איז גוט אין רוסלאַנד דאָ ווו מיר זענען. זאָגט, חברים, וואָס טויג אונדז נישט אין מאָסקווע? וואָס פעלט אונדז?

דער עולם איז געזעסן, געהערט און געשוויגן. דאָס שווייגן האָט אָבער זייער אַ סך גערעדט.

נאָר בערגעלסאָן איז נישט מיד געוואָרן. ער האָט כסדר ווייטער געשיט מיט תורה.

— איך זאָג אייך, חברים, אַז מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין אונדזער רעגירונג, וואָס זי האָט צונישט געמאַכט די דאָזיקע פּראָוואָקאַטאָרישע קלאַנגען. איר שטעלט זיך פאָר וואָס עס וואָלט זיך געטאָן, ווען די פעלקער פון סאָוועטנפאַרבאַנד דערוויסן זיך, אַז מען גיט ייִדן אַוועק קרים? עס וואָלט דאָך געוואָען אייל אויף די רעדער פון דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס דער היטלעריזם האָט ביי אונדז איבערגעלאָזט בעת דער אָקופּאַציע. איר שטעלט זיך פאָר...

איך האָב געקוקט אַרום זיך און דערזען, אַז דער עולם איז אומגעדולדיק

און דענערווירט פון בערגעלסאָנס רייד. איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס. כ׳האָב זיך אָבער בשום־אופן נישט גערִיכט, אַז דער ווידערווילן פון די צוהערער זאָל מיטאַמאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַזאַ אָפענעם כעס צו דוד בערגעלסאָנען.

פלוצים האָב איך דערהערט ווי עמעצער זאָגט:

— יאָ חבר בערגעלסאָן, אַז אונדזער רעגירונג האָט געטאָן גוט, דאָס ווייסן מיר אַלע. אָבער אייער אויסטייטש פון אירע מאָטיוון איז נישט קיין סאָוועטישער... אונדזער רעגירונג רעכנט זיך נישט מיט אַנטיסעמיטישע שטימונגען... מיט אַזעלכע שטימונגען רעכענען זיך נאָר בורזשואַזע, רעאַקציאָנערע רעגירונגען...

אָפגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער אין וועלכע מען האָט פון דעם לאַוו גע־קענט אַרויסהערן דעם הן, דאָס הייסט: דעם פולן תירוץ צוליב וועלכן די סאָוועטנמאַכט האָט טאַקע אויף אַן אמת בטל געמאַכט דעם קרימער פראָיעקט, האָט דער זאָגער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק. נאָך אים זענען אויך ראַפּטום אַוועק אַלע אַנדערע שרייבער, איבערלאָזנדיק בערגעלסאָנען אַליין, אַ צעטומלטן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און מיט אַן אָפן מויל.

בערגעלסאָן, וועלכער האָט מיך פלוצים דערזען לעבן זיך, האָט מיך מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט שיער נישט פאַר די קלאַפּעס און זיך גענומען פאַרענטפערן:

— איר פאַרשטייט, חבר, איך האָב דאָך נישט געזאָגט... איך האָב דאָך נישט געמיינט... איך האָב דאָך געוואָלט זאָגן, אַז...

וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן ווייס איך עד־היום נישט. איך ווייס זִבער, אַז ער האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק. ס׳איז נישט געווען בלויז דאָס וואָס איך האָב אים דעמאָלט געהערט ריידן פונקט פאַרקערט ווי ער האָט גערעדט — לויט מען האָט מיר דערציילט — מיט אַ וואָך צוריק. ס׳איז געווען אויך זיין אופן פון ריידן, זיינע שאַבלאָנע ווערטער, זיין הפקרער צידוק הדין, זיין פועלן ביי זיך צו שיטן אַזוי אומגעלומפּערט זאַלץ אויף די אייגענע און אַלעמענס ווונדן און איבערהויפּט זיין נעבעכדיקייט און זיין פאַרלוירנקייט ווען מען האָט אים דערוויזן, אַז מיט די רייד, וואָס ער האָט זיך געטראַכט צו כשרן האָט ער גאָר זיך טריף געמאַכט און אפשר, ווער ווייסט? גאָר אויפגעדעקט דאָס וואָס איז געלעגן ביי אים באַהאַלטן אויף דעם דנאָ פון דער נשמה.

דעמאָלט טאַקע האָב איך זיך געפרעגט די שאלה: אָט דאָס איז דוד בערגעלסאָן? אָט דאָס איז דער אייגנאַרטיקער יידישער שרייבער, דער חכם מחוכם אין דער יידישער ליטעראַטור, דוד בערגעלסאָן?

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען זייער טראָ־

גיש, אָבער איך האָב גאָר גיך דערזען, אַז זיין טראַגעדיע באַשטייט אין דעם וואָס ער וויל זי באַהאַלטן אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן, אַז ער ווערט דורך דעם קאָמיש, לעכערלעך און נעבעכדיק.

דוד בערגעלסאָן דער גרויסער מייסטער, דער פאַרערטער שרייבער, דער פּקח און מענטשן־קענער אין אַ לאַגע פון קאָמישקייט, אין אַ מעמד פון לעכערלעכקייט, אין אַ סיטואַציע פון נעבעכדיקייט — עפּעס האָט דאָ נישט געשטימט, עפּעס האָט זיך דאָ נישט געפּאַסט, עפּעס איז דאָ געווען אַזוינס וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן דאָס פריקרע געפיל פון אַנטוישונג, דעם פאַרדרוס פון אָפּגענאַרטקייט.

— 2 —

נאָך דער „קרימער געשיכטע" האָב איך בערגעלסאָנען געטראָפן נאָך עטלעכע מאָל, אָבער די דאָזיקע טרעפונגען האָבן מיר אים נישט געוויזן קיין אַנדערן ווי בעת דער ערשטער באַגעגעניש. פאַרקערט, נאָך יעדן אַזאַ צוזאַמענטרעף האָב איך ערשט אָנגעהויבן באַנעמען און פאַרשטיין וואָס אַזעלכעס עס האָט מיך אַזוי אַנטוישט און אַזוי שאָקירט אין אים בעת איך האָב אים באַקענט אין דעם פאַדערזאַל פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט.

אַ שטיקל צייט נאָך זיין דרשה וועגן קרים האָב איך שפּאַצירט אויף וואָראַוווסקי־גאַס, לעבן שרייבער־פאַריין, מיט אַ יידישער דיכטערין וואָס האָט געהאַט אַ גאָר גוטן נאָמען אין רוסלאַנד. די דיכטערין האָט זיך פאַר מיר אַראָפּגערעדט פונעם האַרץ און מיר אויסדערציילט אירע צרות. זי מיט איר זון האָבן געוווינט צוזאַמען מיט דער מוטער אין איין דירה. די מוטער האָט צו דער טאָכטער געפילט אַ שנאה, מחמת סיבות וואָס מען קען דאָ נישט דערציילן. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט איר כסדר פאַרביטערט דאָס לעבן און געברענט אירע טריט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס די באָבע האָט געהעצט דאָס אייניקל קעגן דער מוטער און אַזוי ווי זי האָט זיך מיט אים געפונען אָפטער צוזאַמען ווי די מאַמע, האָט איר העצע געהאַט אַ ווירקונג און דאָס האָט געבראַכט צו מחלוקות צווישן דער מאַמען און איר זון, וועלכן זי האָט זייער ליב געהאַט.

דער איינציקער אויסוועג פון דער לאַגע איז געווען, אַז די דיכטערין זאָל זיך אַרויסציִען פון דער מאַמען אירער און באַפרייען פון איר השפּעה דעם זון. אין די מאָסקווער באַדינגונגען איז אָבער דאָס קריגן אַ דירה געווען שווערער ווי קריעת ים־סוף און אַ מענטש, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט די אומשטענדן האָט אַפילו נישט דערוועגט זיך צו חלומען דערוועגן.

מיט טרערן אין די אויגן האָט מיר די דאָזיקע דיכטערין געזאָגט:

— איך בין אַ באַקאַנטע שרייבערין. פון מיין יוגנט אָן אַרבעט איך, אַמאָל אין פאַבריק, אַמאָל אַלס לערערין און אַמאָל אין אַ ביוראָ. פון דעסט־וועגן קען איך זיך אַ גאַנץ לעבן נישט דערשלאָגן צו קיין אייגן ווינקל. ווען איך קום אַהיים פון דער אַרבעט און זעץ זיך אַוועק שרייבן, נעמט מיין מאַמע שייערן די טעפּ, וואַשן דעם דיל, פוצן דאָס מעבל, אָדער זי פּאַראַדירט גאָר פאַרביי דורך דעם צימער ווו איך שרייב מיט דער נאַכט־כּלי אין האַנט... און אַלדאָס ווייטערדיקע איז די כסדרדיקע מוזיק, וואָס באַגלייט מיין דיכטערישע מוזע פון אַ גליקלעכער סאָוועטישער שרייבערין.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט אָפּגעהאַקט, ווייל עס איז אונדז אַנטקעגן געקומען דוד בערגעלסאָן, וועלכער איז טאַקע באַלד צו צו אונדז מיט אַ ברייטן „גוט־העלף״.

— איר זענט כאָטש אַ מבין אויף דעם שיינעם דרויסן וואָס מיר האָבן איצט? — האָט ער זיך צו אונדז געווענדט מיט אַ התפּעלותדיק קול — איר זאָלט אַפילו אויספּאָרן אַ האַלבע וועלט וועט איר אַזאַ מחיהדיקן פאַרנאַכט אין ערגעץ נישט טרעפן. אַזאַ גאָלדענער דרויסן איז נאָר בנמצא ביי אונדז אין דער טייערער ס אָ וו ע ט י ש ע ר מאָסקווע.

מיר האָבן בערגעלסאָנען גאָרנישט געענטפערט און מיר האָבן נאָר נאָריש געשאָקלט מיט די קעפּ. כ׳געדענק אָבער, אַז נאָך זיין אַוועקגיין זענען מיר געבליבן שטיין ווי אָפּגעשמיסענע. מיך האָט באַזונדערס אויפגערעגט דאָס וואָס דוד בערגעלסאָן, דער פיינפילנדיקער שרייבער, דער ראַפינירטער קענער און אַנטפּלעקער פון מענטשלעכע שטימונגען, האָט לחלוטין זיך נישט די מי געגעבן צו זען דעם מצב־רוח פון מיין באַגלייטערין, וואָס אַפילו אַ בלינדער אויף איין אויג וואָלט אים דערזען פון אירע רויטע פאַרוויינטע אויגן. ווי קען מען דאָס אַזוי, נישט־מיר נישט־דיר, אַרויספאַלן אויף יענעם מיט אַזאַ פּראַלערישע האָפערדיקייט און מיט אַזאַ קאַזיאָנגע צופרידנקייט — האָב איך זיך געפרעגט — ווי קען מען דאָס נישט דערזען, נישט וועלן דערזען, אַז יענער איז גאָרנישט אין דער שטימונג צו פירן אַזאַ מין באַנאַלע קאָנווערסאַציע וועגן דער סאָוועטישקייט פון מאָסקווער וועטער? ווי איז מען דאָס אַזוי בלינד און טעמפּ און מען דערפילט נישט, אַז דער הויכער „גוט שבת״ איז נישט אויפן אָרט און שפּילט לועג לרשדיק דעם אַנדערן אויף די נערוון?

מיר האָבן בערגעלסאָנען נישט געזאָגט קיין קרום וואָרט. דערפאַר האָט מיך שוין אָבער נישט געוווּנדערט וואָס ביי אַנדערע אַזעלכע ענלעכע פאַלן, האָבן יידישע שרייבער נישט אויסגעהאַלטן און האָבן אויף בערגעלסאָנס רייד

יאַ רעאַגירט און דווקא אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט אים געטראָפן צום ווייטיקלעכסטן.

***

אָט זיצן מיר עטלעכע שרייבער אין דעם טונקעלן צימער פון פאַרלאַג „עמעס" און מיר ריידן אויף דער אייביקער טעמע: ווען וועלן שוין אין רוסלאַנד קענען דערשיינען ייִדישע ביכער?

די טעמע איז אַ באַזונדערס אַנגעווייטיקטע, מחמת אין גאַנץ רוסלאַנד איז איצט נישטאָ קיין ייִדישע דרוקעריי ווו מען זאָל קענען דרוקן אַ ייִדיש בוך.

אַלע ביז איצטיקע באַמיִונגען אויפצושטעלן אַ ייִדיש־טעכנישע דרוקבאַזע האָבן זיך נישט איינגעגעבן, ווייל די מושלים זענען נישט פאַראינטערעסירט, אַז אויפן געביט פון ייִדישן פאַרלאַג־וועזן זאָלן זיך אומקערן די אַמאָליקע פאַר־מלחמהדיקע צייטן.

אַפילו דער ייִדישער לינאָטיפּ וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פון אַמעריקע, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער צייטונג „איזוועסטיאַ" און דאָרט זעצט מען אויף אים בלויז די „אייניקייט". און זעצט מען שוין אַמאָל יאָ אויס אַ ייִדיש ביכל, מוז מען וואַרטן לאַנגע חדשים ביז אַ רוסישע דרוקעריי זאָל אָפּדרוקן די עטלעכע מאַטריצירטע בויגן.

זיצט מען און מען רעדט וועגן דעם דאָזיקן ענין און הגם מען דערעדט נישט ביזן סוף, ווייסט אָבער יעדער פאַרוואָס דעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד סטייעט נישט דאָס ביסל נישטיקע מיטלען אויפצושטעלן אַ ייִדישע דרוקבאַזע.

פון דעם דאָזיקן באַהאַלטענעם, נישט־אַרויסגערעדטן וויסן איז יעדן אייגעם געגנוג אַנגעזאַלצן אויף דער נשמה.

אין דער דערדריקטער געמיט־אַטמאָספער, אין דער קלאָגעדיקער שטימונג קומט פּלוצים אָן דוד בערגעלסאָן און שוין אויף דער שוועל שרייט ער אויס:

— גוט יום־טוב, חברים.

דער עולם קוקט זיך איבער און איינער פרעגט:

— וואָס איז דער יום־טוב, חבר בערגעלסאָן?

בערגעלסאָן, ווי ער וואָלט נאָר אויף דעם געוואַרט, הייבט באַלד אָן זיין צעיאָכמערטע, פרום־סאָוועטישע דרשה:

— וואָס הייסט: וואָס איז דער יום־טוב? איר האָט דען נישט געלייענט, חברים, די הייַנטיקע באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי וועגן דעם פּראָדוקטן־צושטעל פון די קאָלכאָזן פאַר די שטעט? דאָס איז דאָך אַ היסטאָרישער באַשלוס, דאָס איז דאָך אַ געניאַלער אויפטו פון חבר

סטאַלין. דאָס וועט דאָך ברענגען גליק און פרייד פאַר דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָטערלאַנד.

דער עולם לאָזט אַראָפּ די נעז און עס ווערט אים שטאַרק פּריקרע פון דער דאָזיקער התלהבות. אָבער ווען בערגעלסאָן וויל זיך נעמען ווייטער דרשנען, גיט אַלטשולער, דווקא דער וואָס איז דער ממונה איבער דער פּאָליטישער כשרות פון פאַרלאַג, אַ זאָג:

— איר האָט זיך גוט דערמאָנט, חבר בערגעלסאָן, ווייסט איר דען נישט, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע איז נאָר איינע פון אַ גאַנצער סעריע באַשטימונגען וואָס זענען לעצטנס אָנגענומען געוואָרן דורכן פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט? און וואָס איז מכוח דער נעכטיקער באַשטימונג וועגן די נייע פּראָדוקציע־אופנים אין די פאַבריקן? און וואָס איז מכוח דעם אייערנעכטיקן „אוקאַז" צו שאַפן נייע אינדוסטריע־צענטערן אין די ווייט־מזרחדיקע רעפּובליקן? האַלט איר זיי נישט פאַר קיין היסטאָרישע? פאַרוואָס איז עפּעס גראָד היינט ביי אייך יום־טוב? מיט וואָס זענען די טעג פון די פריערדיקע באַשלוסן נישט קיין יום־טובדיקע?

ווידעראַמאָל זע איך ווי דוד בערגעלסאָן בלייבט שטיין אַ פּריטשמעלעטער, אַ פאַרלוירענער, אַ צעטומלטער. ער דערפילט, אַז ער האָט זיך עפּעס אויסגעגליטשט. אין דער אמתן: ווי מעג אַ פרומער סאָוועטישער בירגער זיך פרייען בלויז מיט דער באַשטימונג וועגן די קאָלכאָזן און נישט געדענקען, אַז עס זענען געווען נאָך אַנדערע וויכטיקע באַשלוסן?

דוד בערגעלסאָן שטייט אַ פאַרווירטער און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. עס איז אַ נאַרישער אינצידענט, וואָס ערגעץ אַנדערש פאַרשטייט מען אים אַפילו נישט. אין רוסלאַנד ווייסט מען אָבער דעם טעם פון אַזעלכע פּאָליטישע אויסגליטשן, דאָרט לאַכט מען נישט פון אַזעלכע זאַכן, וואָרום עס קען דאָך הייסן, אַז בערגעלסאָן איז אַזוי צופרידן מיט דער נייער באַשטימונג וועגן דעם פּראָדוקטן־צושטעל פאַר די שטעט, נישט דערפאַר ווייל ער איז אויסן דאָס אַלגעמיינע גוטס פון לאַנד, נאָר דערפאַר ווייל ער האָפט, אַז דערמיט וועט זיך פאַרבעסערן די באַשפייזונגס־סיטואַציע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אין וואָס ער, ווי אַ שטאָטישער איינוווינער, איז פאַראינטערעסירט.

קען אָבער בערגעלסאָן, דער געטרייער סאָוועטישער בירגער, דערלאָזן, אַז מען זאָל אַזוינס וועגן אים טראַכטן? בעסער געזאָגט: איז פאַר אים נישט קיין געפאַר דאָס וואָס ער האָט מיט זיין היציקער התפעלות טאַקע פאַראַטן דאָס וואָס ער טראַכט און דאָס וואָס אים אינטערעסירט אין די נייע פּאַרטיי־באַשלוסן?

***

צענדליקער מאָל האָב איך שפּעטער געזען דוד בערגעלסאָנען און כּמעט תּמיד — אין אַזעלכע טראַגיש־קאָמישע סיטואַציעס. תּמיד האָט ער גע־וואָלט זיך ווייזן פרומער ווי דער פּויפּסט, סאָוועטישער ווי סטאַלין אַליין און געטרייער דער סאָוועטישער מאַכט ווי יעדער אַנדערער, אָבער תּמיד האָט אים זיין פרומקייט, זיין איבערגעטריבענע התלהבות, זיין אויסגעשריי־גענע געטריישאַפט פאַרשאַפט עגמת נפש, צעטומלעניש, פאַרלוירנקייט, וואָ־רום מענטשן האָבן זי נישט געוואָלט פון אים ליידן, כאָטש זיי אַליין האָבן אפשר גערעדט די זעלביקע ווערטער, די זעלביקע רייד וואָס ער.

איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דעם פאַרוואָס מען וויל ביי בער־געלסאָנען נישט ליידן דאָס וואָס מען נעמט פאַר ליב ביי אַ סך אַנדערע.

ס׳געשעט אָפט אין לעבן, אַז צוויי מענטשן טוען די זעלביקע זאַך און דאָך זאָגט מען איינעם דערפאַר נישט קיין קרום וואָרט און דעם צווייטן איז מען גרייט פאַר דער דאָזיקער זאַך עוקר מן השורש צו זיין.

עס איז מסתּם נישט אומזיסט.

דוד בערגעלסאָנס צרה איז געווען, וואָס ער האָט נישט גערעדט, נאָר זיך אַריבערגערעדט. ער האָט אויך נישט בלויז געשריגן, נאָר האָט תּמיד עמעצן אַריבערגעשריגן.

עס איז אין זיינע רייד תּמיד געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט עמעצן אָנגעגריפן, אויב נישט דירעקט, איז אויף אַן אומדירעקטן אופן.

אין זיין התלהבות, אין דער געצוווּנגענער התלהבות פון יעדן סאָוועטישן מענטשן, איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ווי אונטערגעשטראָכן: נאָט זעט, איך בין געטרייער דער סאָוועטישער אָרדענונג, איך בין אַ הייסערער חסיד פון דער קאָמוניסטישער מאַכט, פון ראַטנפאַרבאַנדישן פאָטערלאַנד.

קעגן דער דאָזיקער אָנגרייפערישקייט האָבן זיך מענטשן פאַרטיידיקט לויט דעם אַלטן פרינציפּ: הבא להרגך, השכם להרגו...

***

בעת עפּעס אַ באַנקעטל אין אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט האָט בערגעל־סאָן, וואָס איז געזעסן אויבן־אָן, אַריבערגעשריגן איבער אַלע טישן צו לעאָ פינקלשטיינען:

— פינקלשטיין, איך האָב דאָך געגעסן ביי אייך אין וואַרשע פיש, אָבער ווי קומען זיי צו אונדזערע סאָוועטישע פיש? זאָגט אַליין, ס׳איז עפּעס אַ פאַרגלייך?

אָפּגערעדט דערפון וואָס די פיש, וועלכע מען האָט אַקוראַט געגעסן, זע־

נען געווען פון די גאַר וואָלוועלע סחורה אויפן פיש־מאַרק, האָט יעדן איינעם פאַרדראָסן, וואָס בערגעלסאָן וויל זיך דאָ אויספּיינען מיט זיין סאָוועטיש־קייט אויפן חשבון פון דעם געליטענעם און קראַנקן פינקלשטיין.

אין יענע באַדינגונגען איז בכלל נישט געווען דעליקאַט צו זאָגן צו אַ פּליט: „ביי אייך אין וואַרשע"... כל־זמן ער איז דאָ געווען האָט מען זיין פּרעמדקייט געדאַרפט פאַרגעסן, לכל הפחות, נישט אַזוי אָפן דערמאָנען.

לעאָ פינקלשטיין איז אָבער נישט געווען פון די צוויי פּאַר אַ גראָשן און ער האָט בערגעלסאָנען, פון וועלכן ער האָט אגב געהאַלטן אַן עולם ומלואה, אָפּגעענטפערט אויפן אָרט:

— חבר בערגעלסאָן, איר ווייסט דאָך, אַז אין וואַרשע האָבן פיש געגעסן בלויז די גבירים. וווּנדערט מיך טאַקע, ווי קומט איר, אַ פּראָלעטאַריישער שרייבער, צו וויסן דעם טעם פון די וואַרשעווער פיש?

די גאַנצע סצענע איז געווען אַ לעכערלעכע. אַלע האָבן געוווּסט, אַז די פיש וואָס מען עסט דאָ זענען נישט ווערט צו ליגן לעבן די אמתע גוטע וואַרשעווער פיש. אָבער זאָגן, אַז אין וואַרשע זענען געווען בעסערע פיש האָט נישט געהערט צום סאָוועטישן גוטן טאָן. אין סאָוועטנפאַרבאַנד דאַרף אַלץ זיין בעסער און די פיש אויך. אַלע האָבן אָבער אויך געוווּסט, אַז אין וואַרשע האָבן נישט בלויז גבירים געגעסן פיש, נאָר אַז אויך אַ מענטש נישט קיין גביר האָט זיך געקענט דאָס פאַרגינען. אָבער אויך וועגן דעם איז נישט באַקוועם געווען צו ריידן. וואָרום דער אַלגעמיינער פּראָפּאַגאַנדע־נוסח איז געווען, אַז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן נישט קיין בור־זשויען קיינמאָל קיין שטיקל פיש און קיין שטיקל פלייש פאַר זייערע אויגן נישט אָנגעזען.

פּונקט ווי לעאָ פינקלשטיין האָט דעריבער נישט געטאָרט זאָגן דעם אמת, אַז אין וואַרשע האָט ער געגעסן בעסערע פיש, האָט אויך דוד בער־געלסאָן נישט געקענט דערווידערן, אַז דאָרט האָט אַ פּראָלעטאַריער געקענט וויסן, וואָס פאַר אַ טעם פיש האָבן.

נאָך מער: ס'איז שיער נישט אויסגעקומען, אַז מיט דעם וואָס בער־געלסאָן האָט יאָ געגעסן אין וואַרשע פיש, האָט ער אַליין געשטעלט אונטער אַ חשד זיין פּראָלעטאַרישקייט, זיין קאָמוניזם.

מיט דער מאָס וואָס אַ מענטש מעסט, מעסט מען אים צוריק... בער־געלסאָן האָט געוואָלט אַ שטאָך טאָן פינקלשטייינען מיט אַ ליגן, האָט פינקל־שטיין אים צוריק געשלאָגן מיט אַ ליגן. אַלע האָבן געוווּסט וועגן די ליגנס, אָבער דאָ איז שוין נישט געגאַנגען אין דער עצם־זאַך, נאָר אין דעם שפּיל,

אין דעם פאַרמעסט, אין דעם פּילפּול־דריידל וואָס האָט בערגעלסאָנס סאָוועטישע טוויז־רויט פאַרוואַנדלט אין אַ שראַגע.

דאָס איז געשען נישט איינמאָל, נאָר אַ סך מאָל.

דווקא דעמאָלט ווען בערגעלסאָן האָט געמיינט, אַז ער רייט שוין אויפן סאָוועטישן פערד, האָט אים עמעצער אַ געשיקטערער, אַ פלינקערער אין די ענינים פון דרייען מיטן גראָבן פינגער פון דער אַזוי גערופענער דיאַלעקטיק, דערוויזן, אַז ער פאַרט גאָר אויף אַ נישט־סאָוועטישער, נישט־קאָמוניסטישער, רחמנא ליצלן, קאָנטררעוואָלוציאָנערער קלאַטשע.

— 3 —

די בעסטע אילוסטראַציע צו בערגעלסאָנס דורכפאַלן אויפן געביט פון אַרויסשטעלן זיך מיט זיין סאָוועטישקייט איז די פאָלגנדיקע מעשה:

אין שרייבער־פאַריין אין מאָסקווע האָט די יידישע סעקציע איינמאָל געהאַט איינגעאָרדנט „אַ שעפערישע פאַרזאַמלונג" געווידמעט דער בייער יידיש־סאָוועטישער דערציילונג. אַ ריי שרייבער האָבן, הייסט עס, געלייענט זייערע זאַכן און צום סוף האָט מען וועגן די דאָזיקע זאַכן גערעדט, זיי אַנאַליזירט און געמשפּט.

בערגעלסאָן איז געווען איינער פון די הויפּט־רעדנער. ער האָט אין אַלע דערציילונגען געמאַכט תּיל־תּל, נישט געפונען פאַר זיי קיין גוט וואָרט און נישט געשוינט קיין איינעם פון זייערע מחברים.

דוד בערגעלסאָנס אַרויסטרעטונג האָט, פאַרשטייט זיך, אַלעמען אויפגערעגט. דערהויפּט איז אָבער אַלעמען געווען שטאַרק דערווידער, וואָס בערגעלסאָן האָט נישט גערעדט וועגן דעם ליטעראַרישן ווערט, וועגן די קינסטלערישע מעלות אָדער חסרונות פון די דערציילונגען, נאָר וועגן זייערע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע פעלערן. ער האָט בכלל נישט גערעדט ווי קיין שרייבער, נאָר ווי עפּעס אַ פּאָליטרוק, וואָס טשעפּעט זיך און געפינט אומעטום פּאָליטישע נישט־אויסגעהאַלטנקייט און אידעיִשע פעלערהאַפטיקייט.

איין דערציילונג האָט בערגעלסאָן יאָ געלויבט. דאָס איז געווען אַ זאַך פון אַ יונגן שרייבער מיטן נאָמען טוביה גען, אַ דערציילונג וואָס האָט פּאַקטיש נישט געהאַט קיין שום ליטעראַרישן ווערט. אין דער דאָזיקער דערציילונג האָט דער יונגער מחבר געשילדערט אַ יידישן פראָנט־זעלנער אויף דער מלחמה. דער יידישער זעלנער איז אַ פּאָעט און ער שרייבט אין דער פרייער צייט לידער. איינמאָל, בעת זיינע פראָנט־חברים ווילן שטאַרק רייכערן און געפינען נישט קיין פּאַפּיר צו פאַרוויקלען אַ ציגאַר, נעמט דער יידישער פּאָעט די בלעטלעך אויף וועלכע ער האָט געשריבן זיינע לידער און גיט זיי

אַוועק די סאָלדאַטן, כדי זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו פֿאַרוויקלען די מאַכאָרקע.

בערגעלסאָן האָט זיך צעדרשנט:

— אָט דאָס איז דער אמתער טיפּ פֿון אַ סאָוועטישן קעמפּער. אָט דאָס איז דער אמתער טיפּ פֿון דעם נייעם סאָוועטישן ייִד און פֿון דער סאָוועטישער פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט. דאָס ליבסטע וואָס ער פֿאַרמאָגט, דאָס טייערסטע וואָס ער פֿאַרמאָגט, שענקט ער אַוועק זיינע חברים. נישט אַזוי ווי די קליינבירגערלעכע בורזשואַזע פּאָעטן, וואָס מיינען, אַז זייער שאַפֿן איז דאָס העכסטע און דאָס שענסטע אין דער וועלט. אַ סאָוועטישער פּאָעט קען מקריב זיין דאָס טייערסטע פֿאַרן וווּיל פֿון זיינע חברים, וואָס באַשיצן דאָס פֿאָטערלאַנד.

ס'איז שווער געווען עפּעס צו זאָגן קעגן אָט דער בייזוויליקער דעמאַגאָגיע, וואָס האָט לפֿנים אויסגעזען זייער סאָוועטיש און זייער קאָמוניסטיש. דאָ האָט מען געדאַרפֿט קענען אָפּווענדן די דאָזיקע היפּער־פּאַטריאָטישקייט מיט אַ קונץ, מיט אַ דיאַלעקטיש דריידל און מיט אַ כיטרע טעאַרעטיש שפּיצל.

קיינער האָט אָבער נישט געפֿונען דעם ריכטיקן איינפֿאַל און בערגעלסאָן האָט ווייטער געדרשנט און זיך געלאָזט ווילגיין אויפֿן חשבון פֿון די שרייבער.

מיטאַמאָל האָבן מיר אָבער דערזען ווי יחזקאל דאָברושין הינקט אַרויס פֿון דעם צימער און אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק מיט צוויי ביכער פֿון דער דערנעבנדיקער ביבליאָטעק. די ביכער זענען געווען פֿון לענינען און סטאַלינען. מיר האָבן שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָברושין גרייט זיך צו האַלטן אַ רעדע מיט ציטאַטן פֿון די ביידע קאָמוניסטישע גדולים, וועלכע מען האָט פֿון אויסנווייניק נישט געטאָרט ציטירן, נאָר מען האָט זייערע ווערטער געמוזט אַרויסלייענען פֿון זייערע ביכער אָדער פֿון ספּעציעל־געמאַכטע אָפּשריפֿטן.

בערגעלסאָן האָט אָפּגערעדט און דאָברושין נעמט דאָס וואָרט.

— איך וועל נישט ריידן — זאָגט ער — וועגן דעם וואָס דער חבר בערגעלסאָן האָט דאָ נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט די נייע סאָוועטישע דערציילונגען פֿון אונדזערע שרייבער און דערמיט געמאַכט אַ שווערע באַשולדיקונג אויף אונדזער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אַ זאַך וואָס קען דערפֿרייען אונדזערע בורזשואַזע שונאים. איך וועל נאָר ריידן וועגן דעם, וואָס דער חבר בערגעלסאָן האָט דאָ געגעבן אַ נישט געהעריקן אויסטייטש פֿון די לענינסטיש־סטאַלינסטישע פּרינציפּן, וואָס באַווירקן אונדזער סאָוועטיש לעבן. דער חבר לענין האָט געזאָגט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער יורש פֿון דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור. דער געניאַלער חבר סטאַלין זאָגט אין

זיין רעדע פון 6טן נאָוועמבער פון יאָר 1941, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד שלאָגט זיך קעגן דעם היטלעריזם, כדי צו פאַרהיטן די קולטור־ווערטן פון דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס הייסט, אַז אונדזערע סאָלדאַטן שלאָגן זיך נישט בלויז פאַר מאַטעריעלע ווערטן, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער מענטש־לעכער קולטור. זיי פאַרהיטן די קולטור־שאַפונג און זיי פאַרטיידיקן זי. קען מען זיך דעריבער פאָרשטעלן, אַז אונדזערע באַוווסטזיניקע רויטאַרמייער, וואָס האָבן ליב פּאָעזיע און ווייסן וועגן איר גרויסן ווערט, וועלן האַנדלען ווי וואַנדאַלן און רויבערן די לידער, וואָס עס שרייבט זייערס אַ חבר? איז דאָס נישט אַ בילבול אויף דער באַוווסטזיניקייט און קולטורעלקייט פון דער רויטער אַרמיי? ווייסן מיר דען נישט, אַז סאָוועטישע זעלנער שטעלן איין דאָס לעבן כדי צו ראַטעווען קולטור־אוצרות? היינט־זשע ווי אַזוי וועלן זיי באַגיין אַזאַ באַרבאַרישן אַקט און פאַרברענען די שאַפונגען פון זייערס אַ חבר, כדי צו באַפרידיקן דעם מאָמענטאַלן לוסט צו רויכערן אַ פּאַפּיראָס?

דער עולם אין זאַל האָט אויפגעשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. דער שטורעם איז נישט געווען מחמת דעם וואָס מען האָט טאַקע געהאַלטן, אַז די זאַך איז אַזוי ווי דאָברושין האָט זי געשילדערט. אָ, ניין! אַזוי נאַיִוו איז דער עולם נישט געווען! מען איז אָבער שטאַרק צופרידן געווען, וואָס בערגעלסאָן האָט באַקומען זיין פּסק דווקא מיט דעם דאָזיקן אידעיִש־פּאָליטישן שטעקן, מיט וועלכן ער האָט אַזוי בייזוויליק און הפקרדיק געשלאָגן אַנדערע. אי דער שלעגער און אי דער צוריקשלעגער האָבן זיך באַנוצט מיט שקרים, אָבער עס איז פאָרט גוט געווען וואָס די קאָסע האָט אַנגעטראָפן אויפן שטיין און איז צעבראָכן געוואָרן אין איר האַרטקייט. בערגעלסאָן איז ווידעראַמאָל אַריינ־געפאַלן אין דעם סאָוועטיש־קאָמוניסטישן גרוב, וואָס ער האָט געגראָבן פאַר אַנדערע, כדי זיך אַליין אַרויסצושטעלן ווי אַ געטרייער סאָוועטישער חסיד.

***

עס וואָלט אָבער פאַלש געווען צו טראַכטן, אַז בערגעלסאָן האָט אין דער סביבה פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער געהאַט בלויז שונאים און בלויז אַזעלכע וואָס וואַרטן אויף זיין מפּלה, אָדער שטעלן אים אונטער פיסלעך, כדי ער זאָל זיך אויסגליטשן. דאָס איז נישט ריכטיק. מען האָט טאַקע בער־געלסאָנען נישט ליב געהאַט, מען איז אויך מיט אים נישט געוואָרן צופיל נאָענט, אָבער מען האָט פאָרט פאַר אים געהאַט דרך־ארץ און מען האָט אים פאַרערט ווי אַ שרייבער. און אַבי בערגעלסאָן האָט נאָר נישט קיינעם פאַר־טשעפּעט, האָט מען אים אַפילו צוגעטיילט כבוד. מען האָט אָבער אַ סך מאָל

נישט אויסגעהאַלטן זיין רייסן זיך אין אָפענע טירן און אים געענטפערט אַזוי ווי ער האָט עס פאַרדינט.

יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן אָבער דאָך געוווסט, אַז דער דוד בערגעלסאָן, וועלכער ווייזט זיך אַזוי אומסימפּאַטיש אין דער עפנטלעכקייט, איז נאָך נישט דער גאַנצער בערגעלסאָן. עס איז נאָך פאַראַן אַ צווייטער בערגעלסאָן, אַ בערגעלסאָן מיט אַן אַנדער פּנים, וואָס איז אַנדערש און שע־נער פון דעם פּנים וואָס ער ווייזט, בעסער געזאָגט: פון דער מאַסקע וואָס ער טראָגט אין דער גאַס.

דער שענערער, דער בעסערער בערגעלסאָן, דאָס האָבן אַלע געוווסט, איז דער בערגעלסאָן פון דער שטוב.

איך האָב ליידער נישט געהאַט די געלעגנהייט צו קענען צו גוט דעם דאָזיקן בערגעלסאָן, וואָס האָט בײַ זיך אין שטוב דורכגעמאַכט די שענערע און בעסערע פאַרוואַנדלונג. אָבער פון דעם אַלעם, וואָס איך ווייס, איז מיר קלאָר, אַז די פאַרוואַנדלונג איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז צוריק גע־וואָרן... דוד בערגעלסאָן, דער גרויסער יידישער שרייבער דוד בערגעלסאָן.

בערגעלסאָן אין שטוב איז נישט בלויז געווען דער גרויסער מכניס־אורח און דער מענטש וואָס האָט געקענט אַרויסווייזן אַ סך באַציִונג צו אַ חבר, נאָר ער האָט דאָרט אויך לגמרי פאַרלוירן יענע קאַנטיקע האַרטקייט, יענע אַנגעבלאָזענע נישט־צוגעלאָזטקייט, וואָס האָט אים אַזוי דערווייטערט פון מענטשן אין גאַס. בערגעלסאָן מחוץ לפתח ביתו איז געווען אַ מענטש אין אַ שאַרסטקע פאַנצער, פאַרקנעפּלט און פאַרשפּילעט אויף אַלע העקעלעך און קנעפּלעך פון דעם קאַזיאָננעם מלבוש. דער דאָזיקער בערגעלסאָן האָט תמיד געדענקט, און אויך קיינעם חלילה נישט געלאָזט פאַרגעסן, אַז ער איז דער געטרייער דינער פון זיין האַר, דעם קאָמוניסטישן שטאַט. בײַ זיך אין שטוב איז אָבער בערגעלסאָן געווען אינגאַנצן אַן אַנדערער און די דאָזיקע אַנדערש־קייט האָט נישט בלויז אַרויסגערופן אַ גוט געפיל צו אים, נאָר זי האָט אַפילו טיילווייז אָפּגעמעקט דעם שלעכטן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט דער בערגעלסאָן, וועלכן מען האָט געזען אין דער עפנטלעכקייט.

נאַטירלעך האָט אויך בערגעלסאָן בײַ זיך אין שטוב געדענקט זיין סאָ־וועטיש־בירגערלעכן מעמד און זיין חוב אַלס סאָוועטישער שרייבער. וועגט, מיינע ליבע פריינט, האָבן אויערן און אין רוסלאַנד האָבן זיי אויך מיילער. דעריבער האָט מען אויך אין דער היים געדאַרפט געדענקען וואָס מען רעדט און צו וועמען מען רעדט. די דאָזיקע געדענקשאַפט האָט אָבער בערגעלסאָן בײַ זיך אין שטוב נישט דעמאָנסטרירט אויף אַזאַ שרייענדיקן און שאַבלאָנעם שטייגער, ווי מחוץ איר. יאָ, אויך בײַ זיך אין שטוב האָט בערגעלסאָן חס־

ושלום נישט אַרונטערגענומען פון דעם געזיכט די אייביקע מאַסקע וואָס עס טראָגט יעדער סאָוועטישער שרייבער און יעדער מענטש אין סאָוועטרוסלאַנד. אָבער די מאַסקע גופא איז דאָ געווען אַ שטילערע, אַן אַנגענעמערע, אָן די שרייענדיקע צירק־מעסיקע פאַרבן וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גייסטיקן איבל און ווידערווילן בעת מען האָט אים באַגעגנט אין גאַס. די דאָזיקע מאַסקע האָט, וואָס אָן אמת, אויך אין שטוב פאַרשטעלט זיין פנים, אָבער דאָס איז שוין געווען אַ מין פאַרשטעלעניש, וואָס אויב עס איז אַפילו נישט מכסה טפח ומגלה טפחים, האָט עס אָבער פאַרט פון צייט צו צייט געלאָזט דערזען אַ ווינקל פון זיין אמתדיק געזיכט, אַ ברעקל פון זיין נאַטירלעכקייט, פון זיין געמיט, פון זיינע שטימונגען און געדאַנקען. און איך מיין, אַז ס'איז אַ גרויסער שבח ווען מען קען נאָכזאָגן בערגעלסאָנען, אַז אַפילו דאָס ברעקעלע אויפגעדעקטקייט און דאָס שטיקעלע אמתדיקייט, וואָס האָט זיך דורך דעם אַרויסגעזען, האָט אים געמאַכט סימפּאַטיש, מענטשלעך און אַפילו רירנדיק. דאָס מיינט, אַז עס האָט אים געוויזן אַ ליידנדיקן — אַזאַ ווי אַ יִדישער שרייבער פון זיין פאַרנעם און גרייס האָט געדאַרפט זיין אין דער דאָזיקער צייט אין רוסלאַנד.

***

דער גרונטיקסטער חילוק צווישן בערגעלסאָנען אין שטוב און בערגעלסאָנען אין גאַס איז, ווי געזאָגט, באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין שטוב ביי זיך האָט בערגעלסאָן אויסגעזען ווי בערגעלסאָן דער שרייבער, וואָס האָט געשפּילט מיט אַלע גוטע אייגנשאַפטן וועלכע האָבן אונדז אַזוי נאָענט געמאַכט זיין טאַלאַנט. להיפוך צו דעם בערגעלסאָן פון גאַס, וואָס האָט גערעדט האַמעטנע, פּאַפּירענע צייטונגס־רייד האָט ער אין שטוב געהאַט דעם חן פון זיין שרייבן, נאַטירלעך פון זיין שרייבן אין דעם פּריִערדיקן, פאַרסאָוועטישן פּעריאָד. אין דער געמיטלעכקייט פון די אייגענע פיר ווענט האָט זיין וואָרט פאַרמאָגט דעם גלאַנץ פון זיין חכמה און די שאַרפקייט פון זיין פקחות. דאָ האָט זיך אין זיין ריידן געהערט די ספּעציפישע עלעגישע מוזיק פון דער בערגעלסאָנישער פּראָזע, וואָס ווייעט אָן אַ באַזונדערע שטימונג מיט דעם נאָכקלינגענדיקן עכאָ פון נישט־דערזאָגטקייט. דאָ איז ער געווען דער מענטש פון דער דורכדרינגלעכער אָבסערוואַציע און דאָ האָט ער אויך פאַרכאַפּט זיין צוהערער מיט דער פעיִקייט אויסצושפּילן איינמאַליקע סצענעס, וואָס וואַקסן אויס אין סימבאָלישע בילדער פון קינסטלערישער אַלעמאַליקייט. דאָ האָט מען אים אַ סך זאַכן געקענט מוחל זיין, ווייל ער איז געווען דער שרייבער, דער קינסטלער, דער מענטש פון שטימונג, דער מענטש פון איינפאַל און איבער אַלעם דער מענטש פון דיכטערישן געמיט.

אין גאַס, אַז בערגעלסאָן האָט געוואָלט עפּעס אַראָפּרייסן, צונישט מאַכן, האָט ער זיך אָן אַ סאָוועטישן פּסוק נישט גערירט. אין שטוב ביי זיך האָט ער געקענט דערציילן אַ מעשה, אַן אַנעקדאָט און דערמיט מאַכן פון דער זאַך, וואָס איז אים נישט געווען צום האַרצן, אַש און פּאָרעך.

ווען ס׳האָט זיך געטומלט אין רוסלאַנד מיט מיכאָעלסעס אויפפירונג פון „קעניג ליר" און מען האָט געשמועסט, אַז מיכאָעלס שפּילט דאָ אויס מי יודע וואָס פאַר אַ פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָט בערגעלסאָן דערציילט אַ מעשה:

— כ׳האָב דאָ אַ שוסטער, וואָס דאָס ווייב איז אים, לא עלינו, גע־שטאָרבן. כ׳האָב אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק מהנה געווען מיט אַ בילעט צו „קעניג ליר". ווען ער איז צומאָרגנס געקומען צו מיר און איך האָב אים גע־פרעגט, ווי עס געפעלט אים מיכאָעלס, האָט ער געענטפערט:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, טאָווארישטש בערגעלסאָן, דער קעניג ליר האָט מיר ערשט רעכט באַוויזן ווי ביטער עס איז צו זיין אַן אַלמן.

געווען אין רוסלאַנד אַ מין שרייבער וואָס האָבן געשריבן רעפּאָרטאַזשן פון „וואָרן לעבן", די דאָזיקע רעפּאָרטאַזשן זענען אָבער געווען אַזוי וואָר, ווי וואָר עס איז, אַז אויפן הימל אין אַ יאַריד.

בערגעלסאָן האָט וועגן זיי באַמערקט:

— דאָס וואָס אין זייערע רעפּאָרטאַזשן איז ריכטיק איז נישט וויכטיק און דאָס וואָס איז וויכטיק איז נישט ריכטיק.

בערגעלסאָן האָט נישט גוט געלעבט מיט מאַרקישן און ער האָט וועגן אים געזאָגט:

—מאַרקיש איז אַ מעכטיקער, טויזנט־פערד־קראַפטיקער לאָקאָמאָטיוו. ער שלעפּט אָבער נאָך זיך הונדערטער ליידיקע וואַגאָנעס און דערפאַר טראַס־קעט עס אַזוי אין זיינע לידער.

נאַטירלעך איז די דאָזיקע בילדלעכע כאַראַקטעריסטיק נישט פריי גע־ווען פון שאַרזש און אויך פון אַ גאַנץ באַשטימטער אומפּריינטלעכקייט צו מאַרקישן. דאָך וועט דער וואָס קען די מעלות און חסרונות פון מאַרקישעס גרויסן טאַלאַנט, דערפילן די טרעפלעכקייט פון בערגעלסאָנס זאָג אין וועלכן עס זענען פאַראַן אַלע טעמים פון עכט־שרייבערישער פקחות. אַפילו דער וואָס וועט די דאָזיקע דעפיניציע נישט אָננעמען אַזוי ווי זי שטייט און גייט, וועט דאָך מוזן מודה זיין, אַז בערגעלסאָן האָט דאָ אויפגעדעקט די אכילעס־פּיאַטע פון מאַרקישעס שרייבערישער שוואַכקייט און האָט אַזוי אַרום אפשר געלייגט דעם פינגער אויף דעם סאַמע וווּנדיקסטן אָרט פון יענעמס שעפערישקייט, איבערהויפּט אין די סאָוועטישע באַדינגונגען.

אַזעלכע קלוגע זאַגן און שרייבעריש־טרעפלעכע ווערטער האָט מען פון בערגעלסאָנען אין שטוב געקענט הערן אַ סך מאָל. אין קעגנזאַץ צו בערגעל־סאָנען אין גאַס, וואָס איז געווען אומאינטערעסאַנט און לחלוטין נישט שריי־בעריש, איז בערגעלסאָן אין זיין היים כמעט תמיד געווען פול מיט שרייבע־רישן עספּרי און מיט אַ מין קלוגשאַפט, וואָס פאַרוואַנדלט די שיחת חולין של תלמידי חכמים אין אַ תורה, וועלכע מען לערנט מיט הנאה...

— 4 —

סיי לויט זיין מענטאַליטעט, סיי לויט זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט איז בערגעלסאָן גיכער געווען אַ ניין־זאַגער ווי אַ יאָ־זאַגער. טאַקע דערפאַר איז אים אָנגעקומען אַזוי שווער צו שפּילן זיין גאַסיקע ראָל פון אַ סאָוועטישן פּאַטעטיקער און דאָס איז אפשר אויך געווען איינע פון די סיבות צוליב וועלכע ער האָט די דאָזיקע ראָל אַזוי איבערגעשפּילט, אַז זי האָט תמיד דערגרייכט אַ פאַרקערטן עפעקט און וואָס נאָך ערגער: זי האָט אויפגעדעקט דאָס וואָס ער האָט מיט דעם שפּיל געוואָלט באַהאַלטן.

אין שטוב ביי זיך איז דוד בערגעלסאָן געווען אַן אַן ערך עכטער און ערלעכער, ווייל ער האָט דאָ ווייניקער מורא געהאַט זיך צו ווייזן מיט זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן און מיט זיין אמתן כאַראַקטער. און כאָטש ער האָט, ווי געזאָגט, אויך אין שטוב זיך נישט צופיל צעגאַרטלט מיט אויפריכטיקע רייד, האָט מען אָבער אין דער היימישער אַטמאָספער פאַרט געקענט פון אים הערן ווערטער, וואָס אין גאַס וואָלטן זיי בשום אופן נישט געזאָגט געוואָרן. די דאָזיקע ווערטער האָבן געעפנט אַ פענצטערל צו זיין נשמה און אַזוי אַרום האָט מען מינוטנווייז געקענט דערבליקן, וואָס ער טראַכט און לעבט איבער אין די פאַרבאָרגענישן און אין די באַהאַלטנקייטן פון זיין געטאָפּלט לעבן.

ביי אַ סך עלטערע ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד, דערהויפּט ביי די וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער אַזוי גערופענער קיִעווער גרופּע, איז פאַר־בליבן אַן אַלטע קעגנערשאַפט צו וואַרשע, דאָס מיינט: צו דעם אַמאָליקן וואַר־שעווער ליטעראַרישן צענטער. אויך דער נסתר איז נישט פריי געווען פון דער דאָזיקער נאַרישער אַנטיפּאַטיע און אַפילו ער האָט געהאַלטן, אַז די לי־טעראַרישע סביבה אין וואַרשע האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע שרייבער, אַ חוץ פּרצן. צו דעם צו האָט מען אין סאָוועטרוסלאַנד בכלל גערעדט מיט ביטול וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן און דער ייִדישער ליטעראַ־רישער שאַפונג צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט מען אין גאַנצן אָפּגע־זאָגט דאָס לעבן מחמת כלומרשער אידייענלאָזיקייט און דעקאַדענטישע שטי־מונגען. האָט מיר דעריבער שטאַרק געוווּנדערט ווען איך האָב פון בערגעל־

סאָנען — וואָס האָט אויך געהערט צו די צונישט־מאַכער פון „טלאָמאַצקע 13" — אַמאָל געהערט אַזאַ זאַג:

— איך האָב אַנומלטן, ביי אייך אין וואַרשע, געהאַלטן אַ רעפעראַט, אין וועלכן איך האָב געזאָגט, אַז די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן איז גע־גליכן צו אַ זייגער וואָס האָט נישט קיין ווייזערס און זי ווייזט דעריבער נישט די צייט. איך האָב אָבער געמאַכט אַ שטיקל טעות: די יידישע פאַר־מלחמה־דיקע ליטעראַטור אין פּוילן איז געווען אַ זייגער, אָבער נישט קיין מעכאַנישער זייגער, נאָר אַ זון־זייגער. זי האָט געוויזן די צייט, אָבער נישט מיט קיין ווייזערס, נאָר מיט דעם שאָטן וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער איר יידישן געמיט. מיר דאָ האָבן געמיינט, אַז דער שאָטן נעמט זיך פון אידייענ־לאָזיקייט און דעקאַדענץ. דער אמת איז אָבער, אַז דאָס איז געווען אַ נביאי־שער שאָטן, וואָס האָט אָנגעזאָגט ווי מיר האַלטן אין דער וועלט צווישן די היינטיקע פעלקער.

תמיד ווען דוד בערגעלסאָן האָט עפּנטלעך גערעדט וועגן דער לאַגע פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין רוסלאַנד האָט ער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, נישט פאַרפעלט צו באַטאָנען, אַז די דאָזיקע לאַגע איז, אַ דאַנק דעם חסד פון דער סאָוועטנמאַכט, אַ גלענצנדיקע. דאָס איז אָבער געווען נאָר אין גאַס. אין שטוב ביי זיך האָט ער די דאָזיקע לאַגע שוין געזען אין וויניקער העלע פאַרבן און ער האָט שוין אויך מודה געווען, אַז זי איז זייער טרויעריק. נאָר וואָס דען? אויך אין שטוב ביי זיך האָט ער קיינמאָל נישט געפּרוווט זיך צו דערגרונטעווען צו די אמתע סיבות פון דער דאָזיקער טרויע־ריקייט, נאָר ער האָט שטענדיק געפּרוווט דערווייזן, אַז די שולדיקע אין דעם מצב זענען די יידישע שרייבער גופא. עס איז לויט אים, הייסט עס, אויסגע־קומען, אַז ווען ליטוואַקאָוו פּירט זיך אַנדערש, אָדער ווען מאַרקיש טוט נישט אַזוי נאָר אַזוי, וואָלט דער מעמד געווען אַ בעסערער. נאַטירליך איז תמיד אויסגעקומען אין לעצטן סך־הכל, אַז אַנדערש האָט מען זיך געדאַרפט פירן מיט אים, בערגעלסאָנען. איינמאָל אָבער, בעת אַזאַ שמועס, האָט ער זיך אַליין איבערגעהאַקט, זיך פאַרטראַכט און דערנאָך זיך אָפּגערופן:

— אין מיין שטעטל איז אַמאָל אַ ייִד געגאַנגען אין אַ נאָענטן דאָרף אַריין און אין מיטן וועג איז ער אָוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. באַקומען אַ האַרצשלאַג, זעט אויס. זיין ווייב, אַז מען האָט איר אָנגעזאָגט די פינצטערע בשורה, האָט זי גענומען זיך רייסן די האָר אויפן קאָפּ און שרייען:

— ווי איז צו מיר, נעבעך וואָלט ער בעסער געשטאָרבן אויף אַ טיפוס. ווינד איז צו מיר, נעבעך וואָלט ער בעסער געשטאָרבן פון אַ געדערעם־פאַר־דרייעניש.

דעם עולם אַרום — האָט בערגעלסאָן ווייטער דערציילט — איז געווען אַ חידוש דער ייִדענעס געשרייען און מען האָט זי געפרעגט:

— ייִדענע, וואָס איז אייך פאַר אַ חילוק אויף וואָס אייער מאַן איז געשטאָרבן?

— ווי זאָל מיר נישט זיין קיין חילוק? — האָט די ייִדענע געביטערט מיט אַ קינה־ניגון — אַז מיין מאַן וואָלט קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס אָדער אויף אַ געדערעם־פאַרדרייעניש וואָלט מען אים גענומען אין שפּיטאָל. אַז ער וואָלט געשטאָרבן אין שפּיטאָל וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז די דאָקטוירים זענען שולדיק. וואָלט איך זיך געקענט קילן ס׳האַרץ און שילטן די דאָקטוירים. אָבער אַז ער איז געשטאָרבן אַזוי אַ, וועמען זאָל איך שילטן? דעם סאַמע־ראָדנעם מלאך המוות? דעם סאַמעראָדנעם מלאך המוות, מיינע ליכטיקע, טאָר מען נישט שילטן. דער מלאך המוות שעכט און בלייבט גערעכט. ער איז קיינמאָל נישט שולדיק.

וואָס בערגעלסאָן האָט געמיינט מיט דער דאָזיקער מעשה האָט מען אונדז נישט געדאַרפט אויפקלערן, מחמת מיר האָבן דעם נמשל גוט פאַר־שטאַנען.

**
*

בערגעלסאָן האָט אַ שטיקל צייט פאַרנומען דעם אַמט פון סטיל־רעדאַק־טאָר אין דער „אייניקייט“. ער האָט, הייסט עס, געדאַרפט רעדאַגירן און צוגרייטן צום דרוק די זאַכן פון פאַרשידענע שרייבער. די אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע, דאָך האָט ער זיך פון איר געמוזט אָפּזאָגן, ווייל די שרייבער האָבן געמאַכט קולות, אַז ער רעדאַגירט נישט זייערע זאַכן, נאָר ער שרייבט זיי איינגאַנצן איבער מיט זיין לשון עס קומט אויס, אַז אַלץ וואָס ווערט געדרוקט אונטער פאַרשידענע נעמען זענען זאַכן — פון דוד בער־געלסאָנען.

גראָד אין יענער צייט האָב איך געגעבן אין דער „אייניקייט“ אַ דער־ציילונג וועגן אַ ייִדיש קינד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון אַ גאַנצער ייִדי־שער שטאָט. איך וועל דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט איבערדערציילן דעם אינ־האַלט פון דער דאָזיקער מעשה. איך וויל בלויז איבערגעבן, אַז דאָרט האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, וואָס דאָס קינד דאַרף אויפגענומען ווערן אין אַ סאָוועטישן קינדער־אינטערנאַט און צו דער זעלביקער צייט דאַרף אין דעם קינדער־היים אויך אויפגענומען ווערן אַ קינד פון אַ געפאַלענעם רוסישן מי־ליטערמאַן. היות אין דעם קינדערהיים איז נישטאָ קיין אָרט פאַרביידן, שטייט די אָנפירערן פאַר אַ האַרבער דילעמע: וואָסער קינד זאָל זי אַריינגע־מען? דאָס פאַריתומטע ייִדישע קינד, וואָס מען ווייסט נישט ווער זיין פאָטער

איז געווען, צי דאָס קינד פון דעם געפאַלענעם מלחמה־העלד, וואָס האָט אָפּ־געגעבן זיין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד?

נישט וויכטיק מיט וואָס די דערציילונג האָט זיך פאַרענדיקט. וויכטיק איז מיר געווען אַרויסצוברענגען די עקזיסטענץ פון אַזאַ דילעמע אין רוסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זי אַרויסגעבראַכט זייער פאַרזיכטיק און דערביי האָב איך שוין אַנטוויקלט געוויסע געדאַנקען לטובת דעם פאַרצוג פונעם יידישן קינד. ווי פאַרשטעלט און פאַרנפּלט די דאָזיקע פראַגע זאָל נישט האָבן באַהאַנדלט געוואָרן, איז זי אָבער געווען גענוי ניי אין יענע באַדינגונגען.

מעשה צרה איז בערגעלסאָן דעמאָלט געהאַט נישט געזונט געוואָרן און איז נישט געקומען אין רעדאַקציע. מען האָט מיך דעריבער געעצהט, אַז איך זאָל צוגיין צו אים אין שטוב און זיך דערוויסן דעם גורל פון דעם כתב־יד. איך האָב אַזוי געטאָן, בין אַוועק צו בערגעלסאָנען און דאָרט אים געטראָפן אַ פאַרקילטן. ער האָט מיך אָבער זייער גוט אויפגענומען, אויפגעזוכט דעם מאַנוסקריפּט און מיר אים געגעבן. אויף דעם ערשטן בלעטל איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „גרייט צום דרוק — ד. ב.״

איך האָב געכאַפּט אַ קוק אין כתב־יד און בין געבליבן פאַרוווּנדערט. גאָרנישט ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט בערגעלסאָן דאָס מאָל כמעט נישט געמעקט און אויך גאָרנישט צוגעשריבן צו מיין דערציילונג. אפּנים, אַז בערגעלסאָן האָט זיך געכאַפּט אויף מיין חידוש און ער האָט זיך אָנגערופן:

— מען האָט אייך מסתמא שוין דערציילט אַז איך רעדאַגיר צופיל די זאַכן וואָס מען גיט מיר צו צוגרייטן פאַר דער „אייניקייט״... נו, יאָ, מען דאַרף רעדאַגירן... אַ סך פון זיי שרייבן אַזוי גלייך ווי שרייבן וואָלט נישט געווען די גרעסטע קונסט... ס׳איז ביי זיי „רעדעלע יאַק רעדעלע, אַבי דאַברע מיינעלע״... אייער דערציילונג האָב איך נישט רעדאַגירט. די מעשה גופא האָט מיך פאַרכאַפּט און דאָס איז אַ סימן, אַז מען דאַרף זי נישט שרייבן אַנ־דערש. יאָ, וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן? איר האָט געדאַרפט שרייבן, אַז דאָס יידישע קינד האָט פאַרהאַנט לגבי דעם קינד פון דעם רוסישן מלחמה־העלד, שוין צוליב דעם, וואָס דאָס רוסישע קינד איז געבליבן אַ יתום בלויז נאָך איין טאַטן, דאָס יידישע קינד איז אָבער אַ יתום נאָך אַ דריטל פונעם פאָלק... ס׳איז אַ גרויסער חילוק... די וועלט מעג געדענקען, אַז זי איז אונדז שולדיק אַ חוב... אַ חוב פאַר אַזויפיל פאַרגאָסענעם בלוט...

און ער האָט זיך צערעדט וועגן דעם פיין פון דעם יידישן קינדישן יתום, גלייך ווי עס וואָלט נישט געווען קיין העלד פון אַ ליטעראַרישער שאַפונג, נאָר פון אַ מעשה שהיה וועלכע איך האָב אים נאָרוואָס דערציילט.

דוד בערגעלסאָן איז בכן נישט אַלעמאָל געווען קיין ניין־זאָגער. ער האָט אויך געהאַט אַ יידישן יאָ, אַ פיינלעכן, אָבער אויפריכטיקן יידישן יאָ, וואָס

ער האָט פון מאָל צו מאָל געלאָזט דערהערן, — אָבער נאָר אין די פיר ווענט פון זיין היים...

**
*

בערגעלסאָן אין שטוב האָט געהאַט אַ טייערע טבע: ווען עמעצער איז שוין געווען זיין גאַסט האָט ער אים פשוט נישט געוווסט ווו אַוועקצוזעצן. האָט דער עמעצער אַפילו געמעגט זיין אַזאַ מין שרייבער פון וועלכן ער האָט נישט שטאַרק געהאַלטן. עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס אין גאַס זענען זיי לעמעלעך און אין שטוב זענען זיי גאַנצע לייבן. בערגעלסאָן איז געווען פונקט פאַרקערט: אין גאַס — אַ וואָלף מיט אויפגעראַלטע שטעכיקע האָר און אין שטוב — אַ היימישער פאַמיליע־מענטש, וואָס האָט אַ נאַטור צו ווערן צו גיך אינטים, צו גיך סענטימענטאַל און ביי יעדער געלעגנהייט זיך צו כאַפּן קושן און אויסדערציילן אַלע נחתן פון זיין זון, און אַלע מעלות טובות, אמתע מעלות טובות, פון זיין זוגתו ציפּעלע. אמת איז, אַז זיין גאַסטפריינט־לעכקייט האָט זיך אויך גענומען פון דעם וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן מענטשן, ווייל ער האָט געדאַרפט האָבן אויערן, וואָס זאָלן אים הערן. אָבער וואָס איז דען וויכטיק צוליב וואָס אַ מענטש טוט אַ גוטע זאַך? דער עיקר איז אָבער פאַרט דאָס וואָס אין שטוב ביי זיך איז בערגעלסאָן געווען נישט נאָר אַן אָנגענעמערער און בעסערער מענטש, נאָר אויך אַן ערלעכערער מענטש, דאָס הייסט: אַ מענטש וואָס האָט ווייניקער מורא געהאַט צו ווייזן דאָס וואָס ער איז אין דער אמתן. אין שטוב האָט מען אים, בכן, געקענט זען אַזוי ווי אַזאַ שרייבער ווי ער האָט געמוזט און געדאַרפט אויסזען בעת אַרום אים האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ טראַגעדיע מיט דעם פאָלק, פאַר וועלכן ער שרייבט און מיט דער ליטעראַטור אין וועלכער ער שרייבט.

דאָס אַלץ — אין שטוב, אָבער בשום אופן נישט אין גאַס, נישט, הייסט עס, אין דער עפנטלעכקייט און יידישע שרייבער וואָס האָבן געקענט ביידע בערגעלסאָנס האָבן זיך טאַקע געחידושט אויף דער דאָזיקער דאָפּלט־געשטאַל־טיקייט זיינער און האָבן וועגן דעם דאָזיקן ענין זייער אָפט גערעדט.

אויף וויפל איך טראַכט איצט וועגן דעם דאָזיקן פענאָמען דאַכט זיך מיר אויס, אַז דער הויפּט־גורם צו בערגעלסאָנס גאַסיקן, שלעכטן שפּיל איז געווען זיין אומגעוויינטלעכע מורא פאַר דער סאָוועטישער מאַכט. בערגעל־סאָן איז געווען אַ קלוגער ייד, אָבער זיין גאַנצע חכמה האָט אים נישט גע־קענט העלפן ווען עס איז אויף אים אָנגעפאַלן די אימתא דמלכותא, דער פּחד פאַר דעם סאָוועטישן „ונתנה תוקף” וואָס פאַרשרייבט יעדנס מעשים און באַשטימט יעדנס דאָליע. אַזוי גרויס איז געווען זיין מורא, אַז ער האָט זיך פון דער שרעק גאָרנישט געקענט באַפרייען און איז פון איר ווי היפּנאָטיזירט

געוואָרן. נישט קיין וווּנדער דעריבער וואָס ער האָט אין אַזאַ מין צושטאַנד פֿאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך, איז געוואָרן אין גאַנצן אַן אַנדערער און זיין גאַנצע חכמה איז אַוועק אין ניוועץ. דאָברושין, בערגעלסאָנס גוטער פריינט, פלעגט אָפט זאָגן: ווען בערגעלסאָן זאָל צו זיין חכמה נאָך פֿאַרמאָגן אַ ביסל שכל אויך, וואָלט ער זיך איינגעשפּאָרט אַ סך אומגליקן. בערגעלסאָן פלעגט אָבער פֿאַרלירן זיין שכל הישר ווען ער האָט זיך דערזען אין דער מיט פון די געפֿאַרן וואָס לויערן אויף אים אין דעם סאָוועטישן גיהנום און דעריבער האָט ער געטאָן זאַכן וואָס אַ קלענערער בעל שכל פֿאַר אים האָט געוווּסט, אַז מען טאָר זיי נישט טאָן.

דוד בערגעלסאָן איז אומבאַדינגט געווען אַ גרויסער חכם, אָבער מיר האָט זיך אָפטמאָל געדאַכט, זעענדיק אים אין גאַס, אַז זיין גאַנצע חכמה איז פון דעם מין וואָס די פּוילישע ייִדן זאָגן אויף איר, אַז דאָס איז חכמה ביז צו דער ראָגאַטקע. דאָס איז אַ מין חכמה פון זאָגן אַ שאַרף ווערטל, פון באַנעמען אַן ענין מיט אַ שפּיציקן שכל, פון ברענגען אַ משל, דערציילן אַ צוגעפּאַסט מעשהלע, וכדומה. ס׳איז אָבער בשום אופן נישט געווען פון דעם מין קלוגשאַפט וואָס ליגט נישט אין קאָפּ, נאָר אין בלוט, אָדער אין די מאַרך־געוועבן פונעם רוקנביין. מענטשן מיט אַזאַ מין חכמה ווייסן אָפטמאָל נישט מיט אַ מינוט פריִער וואָס זיי וועלן זאָגן און ווי אַזוי זיי וועלן האַנדלען מיט אַ מינוט שפּעטער. אָבער ביי יעדער סיטואַציע ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט און געטאָן דאָס סאַמע פּאַסיקסטע און קלוגסטע אין זייער לאַגע. ביי בערגעלסאָנען איז דאָס נישט געווען אַזוי. זיין קלוגשאַפט האָט געהאַט אַ ברילייאַנטענעם שליף כל זמן מען האָט מיט אים גערעדט, אָדער ווען ער האָט געשריבן. (אין די לעצטע זאַכן האָט ער אַפילו די דאָזיקע קלוגשאַפט שוין אויך נישט פֿאַרמאָגט). אין לעבן אָבער האָט ער נישט געהאַנדלט ווי קיין קלוגער און מען קען זאָגן, אַז זיין גרעסטע נאַרישקייט איז געווען דאָס קומען קיין רוסלאַנד, וואָרים עס איז נישט געווען נאָך אַ שרייבער וואָס זאָל לויט זיין כאַראַקטער און לויט זיין גאַנצן שרייבערישן וועזן זיין אַזוי נישט פּאַסיק פֿאַר דער סאָוועטישער אָרדענונג ווי ער און דעריבער אַזוי זיך מוזן פֿאַרשטעלן און אַזוי מוזן שפּילן טעאַטער ווי ער.

בערגעלסאָנס צרה איז אָבער געווען וואָס מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ חכם און ווי אַזאַ האָט אים טאַקע די מאַסקע פון אַ סאָוועטישן תמים נישט געקליידט. אויף להכעיס זיך אַליין האָט ער אָבער אויסגעקליבן צו שפּילן דווקא די דאָזיקע תמים־ראָל. אמת, בערגעלסאָנס חכמה האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז אין רוסלאַנד האָט מען נישט ליב קיין האַלבע אַרבעט און אַז דאָרט פֿאַרלאַנגט מען פון מענטש דאָס גאַנצע לייב און לעבן און נישט בלויז

דאָס שיילאָקישע פונט פלייש. דאָס איז אָבער געווען זיין גרעסטע נאַריש־קייט, וואָרים ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז איבערשפּילן איז תמיד ער־גער ווי נישט דערשפּילן. און איך בין אַפילו זיכער, אַז ווען ער וואָלט געווען געשפּילט די ראָל פון אַ מעסיקן לאַיאַלן בירגער, וואָלט ער אויסגעמיטן אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן ביי זיינע אייגענע חברים און וואָלט אַפילו בעסער געמאַכט ביי דער דאַזיקער נאַטשאַלסטווע וואָס איר צוליב האָט ער געשפּילט זיין פאַלש שפּיל.

אַלע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד, אַ חוץ אפשר דעם נסתר, האָבן אין תוך אַריין גערעדט די זעלבע רייד וואָס בערגעלסאָן. זיי האָבן אָבער גערעדט מיט אַן אַנדער טאָן ווי ער. זיי האָבן אויף אַ דינעם אופן דאָך געגעבן צו פילן, אַז זיי סילוקן אַ חוב און דערצו אַזאַ חוב וואָס סע העלפט נישט — מען מוז אים צאָלן. בערגעלסאָן פלעגט אָבער דעם דאַזיקן חוב סילוקן אויף אַזאַ שטייגער, גלייך ווי ער וואָלט איינגעצאָלט גאָלדענע רענדלעך אין באַנק אויף זיין וואַקסנדיקער קאָנטע. דערצו האָט ער עס געטאָן מיט פאַריסנקייט און אָפּטער ווי מען האָט געמוזט. זיינע קאָלעגן האָט דער דאַזיקער אייפער דענערווירט. די ווידער וואָס האָבן געדאַרפט איינקאַסירן זיין אָפּצאָל האָבן אויך געקוקט אויף אים מיט חשד, וואָרים דאָרט וווּ מען האַלט אין איין זוכן חטאים, דאָרט וווּ יעדער מענטש איז אונטער אַ חשד פון אפּיקורסות און כפירה, האָט מען געמוזט זיך קלערן, אַז מיט דעם דאַזיקן אייפעריקן מענטש איז עפּעס דער מער. די גרעסטע קונץ אין רוסלאַנד איז זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן. די דאַזיקע קונץ האָט בערגעלסאָן נישט געקענט. ער האָט, דאַכט זיך, געטאָן דאָס בעסטע, אָבער ער האָט געטאָן לפנים משורת הדין און אויב אַזוי האָט ער געמוזט אויף זיך אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט, וואָרים צו וואָס אַ שטייגער דאַרף דאָס אַ מענטש אַזויפיל באַווייזן זיין כשרות אויב ער איז אין דער אמתן נישט טריפה?

דאָברושין האָט מיר אַמאָל געזאָגט:

— מיט בערגעלסאָנען איז אין אַ געוויסן זין דאָס זעלביקע וואָס מיט יענעם איידעם וועגן וועלכן דער שווער באַקלאָגט זיך, אַז ער קען נישט שפּילן אין קאָרטן. נו, איז דאָך גוט — זאָגט מען אים. דאָס אומגליק איז אָבער — ענטפערט ער — וואָס ער קען נישט און שפּילט... בערגעלסאָן, האָט דאָברו־שין אויסגעפירט, קען אין סאַמע תוך אַריין נישט זאָגן קיין ליגן. דאָס אומ־גליק איז אָבער וואָס ער קען נישט און זאָגט יאָ ליגן. דערפאַר טאַקע זאָגט ער ליגן אויף אַזאַ אופן, ווי יענער בעל גוזמא, וואָס מען כאַפּט אים באַלד ביי דער האַנט און מען גלייבט אים שוין נישט אַפילו ווען ער שווערט זיך מיט טויזנט שבועות.

ערגעץ ווו האָט דוד בערגעלסאָן אַליין געוווּסט פון זיין נאַרישקייט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין סאָוועטישן רשות הרבים, ווו צענדליקער אויגן האָבן אויף אים געקוקט און געקוקט פאַרשעריש, איז ער שוין נישט געווען ביי זיך אין די הענט. ער איז צעטומלט, דערשראָקן געוואָרן און ווי דער היפּנאָטיזירטער פון דער שלאַנג גלייך געגאַנגען אין איר גיפטיק צעעפנטן מויל. דערצו איז ער געווען פול מיט נישט געזעטיקטע אַמביציעס, מיט קנאה און מיט נאָך אַנדערע אַפעקטן, וואָס האָבן אים אַרויסגעשטויסן פון דער נאַטירלעכקייט און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין שווערע פּאָזיציעס. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס וואָס ער האָט געשפּילט אויף אַ פאַלשער קאָרט מיט אַזאַ האַזאַרד, אַז מען האָט געמוזט בודק זיין די ערלעכקייט פון זיין שפּיל. נו, און אַז מען זוכט כישוף אין מצרים און פאַלשקייט אין רוסלאַנד איז עס נישט שווער צו געפינען. בערגעלסאָן פלעגט אין אַזאַ פאַל ווערן נאָך מער צעטומלט און נאָך מער אָנגעשראָקן. דאָס האָט אים געברענגט צו דעם, אַז ער זאָל זיין נישט בלויז טראַגיש, נאָר אויך קאָמיש. און דער דאָזיקער קאָמיזם איז געווען, ווי איך האָב אין אָנהייב געזאָגט, זיין באַזונדערע טראַגעדיע אין דער אַלגעמיינער טראַגיק פון די יידישע שרייבער אין סאָוועטרוסלאַנד.

— 5 —

צום בולטסטן פלעגט זיך דער בערגעלסאָנישער טראַגי־קאָמיזם מאַניפעסטירן ווען עס פלעגט נעמען אין אים „אַרבעטן" דער אָרדן־קאָמפּלעקס. וועגן דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס, אָדער מאַניע איז כדאַי צו זאָגן עטלעכע ווערטער.

דוד בערגעלסאָן האָט געהערט צו די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. ער האָט זיך געציילט אין איין ריי מיט מאַרקישן, קוויטקאָן, האָפשטיינען, האַלקינען, אָדער פעפערן. געווען אָבער איין זאַך וואָס האָט אים אָפּגעשיידט פון די דערמאָנטע שרייבער און דאָס איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אָרדנס, מלוכהשע אויסצייכענונגען, און ער נישט.

בערגעלסאָן איז אַזוי אָרום, אַ חוץ דעם נסתר, געווען דער איינציקער יידישער שרייבער אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, וואָס זיין ערשטע קאַטעגאָריעדיקייט איז נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער געוויינלעכער סאָוועטישער אָפיציעלער סאַנקציע, דעם אָרדן.

בערגעלסאָן האָט אַלע זיינע יאָרן אין רוסלאַנד געוואָרט אויף אָט דער באַשטעטיקונג און ער האָט געטאָן אַלץ כדי זי צו באַקומען. ער האָט זי אָבער, מעשה שטן, נישט געקריגן.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר און די דאָרטיקע יידיש־ליטעראַ־רישע וועלט האָט געפייערט זיין געבוירן־טאָג, זענען אַלע געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס מאָל שוין קריגן דעם געהאַפטן אָרדן, וואָרים אין אַזאַ פאַל פלעגן קריגן די דאָזיקע אויסצייכענונג שרייבער וואָס זענען געווען פון אַ קלענערער מדרגה ווי ער. ער האָט אָבער אומזיסט געוואַרט. צו אַלעמענס חידוש האָט מען אין אים אין די „הויכע פענצטער" עפּעס ווי פאַרגעסן און זיין יובל־יום־טוב איז אַדורך „טרוקן" און היפּש פאַרשעמט.

בערגעלסאָן האָט דאָס שרעקלעך איבערגעלעבט.

ער האָט וועגן דעם כסדר גערעדט.

ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און נישט רעדן וועגן דעם ענין. ווי נאָר ער איז מיט עמעצן אויף אַ האָר נאָענט געוואָרן, האָט ער אים שוין דערציילט די מעשה מיט זיין נישט באַקומענעם אָרדן.

דער נוסח פון דער מעשה איז תמיד געווען דער זעלביקער: אָט־אָט האָט ער שוין געזאָלט דעם אָרדן באַקומען, נאָר עמעצער האָט אין דער לעצטער רגע אים נישט פאַרגינען און קאַליע געמאַכט.

דער קאַליע־מאַכער איז, לויט אים, געווען פּרץ מאַרקיש.

און דערפאַר איז צווישן אים און מאַרקישן געווען אַן אָפענע שנאה.

איז געווען עפּעס אַן אמת אין זיינע רייד און חשדים? ניין. ווען מען זאָל בערגעלסאָנען וועלן געבן אַן אויסצייכענונג וואָלט קיינער נישט געקענט קאַליע מאַכן, אַפילו ער זאָל וועלן.

בערגעלסאָנען האָט מען אָבער דעם אָרדן נישט געגעבן, ווייל מען האָט אים נישט געהאַלטן פאַר קיין כשרן מענטש. מען האָט נישט געהאַט צו אים געטרוי.

ער איז זיך אַליין שולדיק געווען. טאַקע מיט דעם וואָס ער האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, געוואָלט זיין צופיל כשר. טאַקע מיט דעם וואָס ער האָט מיט זיין אייפער און מיט זיין איבערגעטריבנקייט אַרויסגערופן צו זיך חשד און אומגלויבן.

בערגעלסאָן האָט געוואָלט דעם אָרדן צוליב פאַרשידענע טעמים, אָבער בעיקר האָט ער אים געוואָלט ווייל ער האָט גענדאַרפט האָבן אַ סימן, אַז ער איז יאָ כשר.

דאָס קריגן אַן אָרדן האָט קיינעם נישט פאַרהיטן פון קיין שום שלעכטס. מען האָט געקענט היינט באַקומען די העכסטע מלוכה־אויסצייכענונג און אויפצומאָרגנס אַרעסטירט ווערן. אָבער לכל הפחות איז דאָס געווען אַ באַ־וויז, אַז אין דעם מאָמענט ווען מען באַקומט די אויסצייכענונג איז די כשרות פון דעם וואָס באַקומט אים אין אָרדענונג.

ס׳איז דעריבער געווען פאַרשטענדלעך פאַרוואָס בערגעלסאָנען איז אַזוי געגאַנגען אין לעבן צו באַקומען דעם דאָזיקן באַווייז און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ער האָט, נישט באַקומענדיק אים, זיך נאָך מער דערשראָקן.

דאָס אָנהענגען די שולדיקייט אויף מאַרקישן איז געווען נישט מער ווי אַן אויסרייד פאַר זיין אייגענער שרעק. ס׳איז געווען, ווי מען זאָגט ביי ייִדן, אַ מין טרייסטן זיך מיט הארץ חלשות, אַ מין פאַרעדן די ציין דעם אייגענעם פחד.

דער אמת איז, אַז בערגעלסאָן האָט געהאַט נאָך אַנדערע באַווייזן, אַז מיט זיין כשרות איז עפּעס דער מער.

ווען מען האָט אין יאָר 1939 געשיקט פון מאָסקווע אַ בריגאַדע שרייבער קיין ביאַליסטאָק, האָט מען בערגעלסאָנען נישט דערלויבט צו פאָרן.

ווען פון אַמעריקע איז אָנגעקומען אַן איינלאַדונג, אַז ער זאָל קומען דאָרט אַהין אין די אינטערעסן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, האָט די מאַכט זיין קאַנדידאַטור נישט באַשטעטיקט.

עס זענען געווען נאָך אַנדערע סימנים, אַז דוד בערגעלסאָן ווערט דורך די מושלים באַטראַכט ווי אַן אומזיכערער עלעמענט.

בערגעלסאָן האָט פון דעם אַלעם געוווּסט. ער האָט אָבער כסדר געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט נישט און אַז דער עיקר חייב אין די דאָזיקע אַלע זאַכן איז מאַרקיש.

ווי תמיד האָט בערגעלסאָן וועגן דעם ענין גערעדט צופּיל און צו הויך, כדי צו באַהאַלטן דאָס וואָס אים מאַטערט אין דער שטיל. מיט זיין רעדן האָט ער אָבער נאָך מער אויפגעדעקט זיינע געדאַנקען און האָט זיך אַזוי אַרום פאַרפּלאָנטערט אין לעכערלעכקייט.

דער ענין אָרדן איז ביי אים ווירקלעך דערגאַנגען צו אַ קאָמפּלעקס. ער האָט וועגן דעם גערעדט טאָג און נאַכט. ער האָט מיט קלוגשאַפט אַרויפגעפירט אויף דער אַ טעמע אַלע געשפּרעכן. אָבער אַלע האָבן שוין געוווּסט וווּאַהין ער צילט און זיין גאַנצע חכמה איז געוואָרן אַ נאַרישקייט.

עס איז ביי אים אַזוי וויט דערגאַנגען, אַז ווען ער האָט געזען אַ מענטש מיט אַן אָרדן האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון נאָכקוקן אים און ווען זיין זון האָט באַקומען מיליטערישע שלאַכט־אויסצייכענונגען האָט ער זיך מיט די קאָלירטע בענדלעך אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אבן טוב און זיי אַלעמען געוויזן.

ס׳איז באמת געווען טרויעריק צו קוקן אויף בערגעלסאָנען ווען ער האָט

זיך „צעאַרדנט". עס איז געווען אויף אים ממש אַ רחמנות. ער איז דערביי געווען טראַגיש, אָבער אויך נישט ווייניקער קאָמיש.

***

בערגעלסאָן איז געווען איינער פון די קלוגסטע ייִדישע שרייבער, אָבער זיין גאַנצע חכמה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן אין רוסלאַנד. דערהויפּט אין די לעצטע יאָרן. דאָרט האָט ער אַפילו ביים שרייב־טיש זיך אויפגעפירט ווי אַ נאַר.

דאָרט האָט ער זיך כסדר גענומען צו טעמעס, ביי וועלכע ער האָט גע־מוזט געניזוקט ווערן.

מען מעג זאָגן דעם אמת: אויף אַ סך, אַ סך געביטן האָבן די סאָוועטן צו פאַרצייכענען געוויסע דערפאָלגן מיט וועלכע זיי מעגן זיך איבערנעמען.

בערגעלסאָן איז אָבער לויט דעם געזעץ, אַז אַ בלינד פערד מוז פאַר־קריכן דווקא אין גרוב אַריין, נישט געגאַנגען צו די דאָזיקע טעמעס ווו מען האָט געקענט געפינען אַ גוט וואָרט פון אמת פאַר די סאָוועטישע דערגריי־כונגען, נאָר ער איז געקראָכן דווקא דאָרט ווו עס איז געווען דער דורכפאַל פונעם סאָוועטישן שקר.

דאָס איז געווען די טעמע וועגן דער פעלקער־פריינטשאַפט אין רוסלאַנד.

פעלקער־פריינטשאַפט אין רוסלאַנד... נישטאָ קיין איין מענטש אין גאַנצן סאָוועטנפאַרבאַנד וואָס זאָל נישט וויסן, אַז אַלץ וואָס עס ווערט געשריבן אויף דעם געביט איז הוילער אומפאַרשעמטער ליגן.

פעלקער־פריינטשאַפט אין רוסלאַנד... ווען די אוקראַינער האָבן פיינט די רוסן בתכלית השנאה, ווען אין צענטראַל־אַזיע קומען פון צייט צו צייט פאָר אמתע צוזאַמענשטויסן צווישן די אָרטגעבירטיקע און די פרעמד־געקו־מענע, ווען דער רוס קוקט מיט גאווה און מיט ביטול אויף דעם קירגיז און דער וויסרוס מיט האַס אויף דעם טשוואַש.

נעמט צו די מורא פאַר דער שטראָף און אין איין טאָג וועלן פעלקער אין רוסלאַנד זיך קוילען אין די גאַסן.

דערצו נאָך: פעלקער־פריינטשאַפט מיט ייִדן. ווען דאָס פייער פון שנאה צו זיי ווערט כסדר שטאַרקער און אָפענער און צעפלאַקערט זיך אין אַ פלאַם, וואָס פאַרכאַפּט שוין אויך די העכסטע שפּיצן פון דער ממשלה.

בערגעלסאָן האָט אָבער דווקא די דאָזיקע שקרדיקע טעמע, דעם דאָזיקן אומפאַרשעמטן ליגן כסדר און כסדר באַשריבן אין זיינע לעצטע ווערק.

ער האָט גאָרנישט געקענט אַרויסקריכן פון דעם ליגן. יעדע דערציילונג זיינע האָט זיך געדרייט אַרום דעם דאָזיקן שקר. ער האָט זיך אַליין פאַרפיי־

ביקט, כדי אויסצובריייען, מיט די פיל קונצעלעך פון זיין טאַלאַנט, די נישט געשטויגענע מעשה ווי אַזוי דער גוי כאַפּט זיך אַרום מיט דעם ייִדן און ווי אַזוי דער ייִד קען גאַרנישט לעבן אָן דעם גוי.

די ליטעראַריש־שפּראַכלעכע קונצעלעך האָבן אים אָבער גאַרנישט געהאָלפן. פּונקט ווי ער האָט אין לעבן דערגרייכט מיט זיין צו גרויסער פּרומקייט אַ פאַרקערטן עפעקט, אַזוי האָט ער אויך מיט זיין שרייבן דערגרייכט אַ פאַרקערטע ווירקונג.

ער האָט געזאָגט ליגן און מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט.

ער האָט געוואָלט צו גוט און ס'איז אַרויסגעקומען זייער שלעכט.

דערצו איז זיין אופן פון שרייבן געווען להכעיס זיך אַליין.

בערגעלסאָנס כוח איז באַשטאַנען אין זיין קענען דערזען און באַווייזן דעם פּראָפיל פון מענטשן און זאַכן, אין זיין קענען אויפכאַפּן און אַנטפּלעקן דאָס זייטיקע, דאָס באַהאַלטענע, דאָס פאַרשאַטנטע פון דעם שפּיל, וואָס הייסט: לעבן.

בערגעלסאָן אין זיינע גוטע ווערק איז געווען מער אונטערקוקער ווי זעער.

זיין קראַפט און זיין חן איז געווען דאָס נישט דערזאָגטע, די מוזיק פון די דריי פּינטעלעך.

אין די לעצטע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן אין רוסלאַנד האָט ער אָבער זיינע טעמעס גענומען פראַנטאַל און ער האָט וועגן אַלעם גערעדט צו אָפן און צו קלאָר.

עס איז אַרויסגעקומען צו האַמעטנע, צו פאַלש.

אַז גאָט וויל עמעצן שטראָפן נעמט ער אים צו דעם שכל. בערגעלסאָן איז אין דעם פרט געווען דער געשטראָפטסטער ייִדישער שרייבער אין רוסלאַנד.

דאָס ערגסטע אין דער דאָזיקער שטראָף איז געווען דאָס וואָס ער האָט, ווי יענער פון דעם אַנעקדאָט, געגעסן פוילע פיש און דערצו האָט מען אים נאָך געשמיסן און פון שטאָט אַרויסגעטריבן.

זיין פעלשעווען זיך אַליין, זיין פאַרליגנערן די ייִדישע לאַגע האָט אים נישט געהאָלפן, מען האָט אים אַפילו די דרייסיק יודאַש־טאַלער נישט באַצאָלט...

***

נאָר איין ווערק האָט בערגעלסאָן אָנגעשריבן אין רוסלאַנד, וואָס מען קען דערין דערהערן זיין אייגן קול, דאָס קול פון זיין ייִדישן אמת, די שטים פון דעם צעפּייניקטן ייִדישן שרייבער.

דאָס איז דאָס ווערק „פּרינץ ראובני״.

די דראַמע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען מעג שוין... נאָך מער: אַז די מאַכט אַליין פאָדערט איצט יידישן נאַציאָנאַליזם.

די מאַכט האָט עס טאַקע אויף אַ מאָמענט געפאָדערט צוליב דער הילף פון די יידן אין אויסלאַנד און צוליב דעם ווילן צו שאַפן דורך די אויסלענ־דישע יידן אַ גוטע שטימונג פאַר זיך. ווען זי האָט די הילף באַקומען, איז זי געוואָרן זיכערער ביי זיך, מחמת זי האָט דערזען, אַז די אַליאירטע מיינען אויף אַן אמת מיט זייער קאַמף קעגן היטלעריזם און דעריבער האָט זי באַלד צוריקגעצויגן די הנחות, וואָס זי האָט געגעבן די יידן אין איר לאַנד.

דאָס ווערק „פרינץ ראובני" איז אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט דערשי־נען. מיכאָעלס האָט עס געזאָלט אויפפירן, אָבער ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעפירט.

ווען מען גיט עס נישט אַרויס אין אַמעריקע וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז אַזאַ ווערק איז אָנגעשריבן געוואָרן.

דאָס דאָזיקע ווערק געהערט נישט צו בערגעלסאָנס בעסטע זאַכן. עס איז אויך נישט קיין גאָר וויכטיקע קינסטלערישע שאַפונג. עס זעצט אָבער דערפון אַרויס אַ הייסער פלאַם פון ליבשאַפט און טריישאַפט צום יידישן פאָלק, אַן אויפריכטיקע איבערגעגעבנקייט מיט די יידישע פאָלקס־ליידן.

אַפנים נישט אומזיסט האָט בערגעלסאָן אין זיין ווערק זיך צוגערירט צו דער מאַראַנען־טעמע. די דאָזיקע ווייטע היסטאָרישע עפּאָכע איז צוליב עפּעס געוועזן נאָענט צו זיין געמיט.

בערגעלסאָן רעדט דאָ מיט אַן אָפן קול קעגן די אַסימילאַטאָרן פון יע־נער צייט און טרעפט די כלערליי אַסימילאַטאָרן פון זיין צייט.

אין דעם דאָזיקן ווערק איז אויך פאַראַן עפּעס ווי אַ שטיקל פאַרענט־פערונג פון בערגעלסאָנען פאַרוואָס ער האָט גערעדט אַזויפיל שלעכטס אויף יידן אין זיינע שאַפונגען. ער לאָזט דאָרט זאָגן דעם לץ, דעם געוועזענעם מאַראַן, אַז כדי צו זיין איין שעה צוריק אַ ייד האָט ער ביי זיך געפּועלט איבערצוקרימען יידן אין גויישן צירק.

מיר מעגן שטאַרק צווייפלען אין דער גערעכטיקייט פון דעם דאָזיקן פאַרענטפער. מיר מעגן אויך האָבן טענות פאַרוואָס בערגעלסאָן האָט אין דעם דאָזיקן בוך פון הייסן נאַציאָנאַלן אָטעם אַריינגעפירט צוויי יידישע סוחרים, וועלכע עס גייט כלומרשט גאָרנישט אָן אַ חוץ מסחר. אָבער פון דעם גאַנצן בוך איז אונדז סיי ווי קלאָר איין זאַך: עס איז אונדז קלאָר ווי אַזוי בער־

געלסאָן וואָלט געשריבן ווען ער מעג, ווען ער האָט נישט מורא צו שרייבן דאָס וואָס ער וויל.

דאָס אַליין איז אַ גרויסער זכות אויף בערגעלסאָנען. לאָמיר אים נישט פאַרגעסן.

***

דוד בערגעלסאָן איז געווען דער טראַגישסטער צווישן די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד. און ער איז געווען מער טראַגיש פון אַנדערע דערפאַר, ווייל ער האָט מיט זיין גאַנצן אויפפיר אַליין פאַרלייקנט זיין טראַגעדיע, אַליין זי דערנידעריקט מיט לעכערלעכקייט און חוזק.

דאָס האָבן אים אַ סך ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד נישט מוחל געווען.

ווען איך טראַכט אָבער וועגן בערגעלסאָנען איצט, נאָך דעם ווי ס'איז מיט אים און מיט אַלע זיינע חברים געשען דאָס אַלץ וואָס מיר ווייסן, קלער איך ביי זיך: איז ער גופא געווען דער גאַנצער חייב? איז ער געווען דער שולדיקער אין זיין מצב? קען מען פאַרלאַנגען פון אַ מענטש אַז ער זאָל שפּילן אַ העלדן־ראָל אין אַזעלכע באַדינגונגען? קען מען פאָדערן, אַז ער זאָל זיך באַווייזן מיט אַזעלכע אייגנשאַפטן וואָס זענען פרעמד זיין כאַראַקטער? איך ווייס נישט צי עמעצער קען אויף די דאָזיקע פראַגן ענטפערן מיט דער פולער זיכערקייט. איך גופא זאָג זיך אָפּ פון צו געבן אַ וועלכן ס'איז ענטפער. פאַר מיר איז גענוג וואָס איך האָב בערגעלסאָנען געזען אויך אין אַן אַנדער ליכט און פון דעם וואָס איך האָב אין אים געזען דעמאָלט ווען ער איז געווען אַן אַנדערער, ווערט מיר קלאָר, אַז ער וואָלט געקענט זיין שיין און דערהויבן, ווען ער וואָלט נישט געלעבט אין אַ וועלט ווו מען מוז זיין פאַלש און ווו מען מוז באַהאַלטן אונטער כלערליי מאַסקעס אַלדאָס גוטע און אמתע וואָס איז פאַראַן אינעם מענטש.

איך ווייס נישט אויף וויפל ס'איז אמת דאָס וואָס מען האָט דערציילט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט דוד בערגעלסאָן תמיד געהאַט ליגן אויף זיין נאַכט־טישל דעם תנ״ך און האָט כסדר מעיין געווען אין דעם ספר „איוב“. איך ווייס אָבער, אַז עפּעס פון דער איובשער געמיט־אַטמאָספער האָט מען ווירקלעך געקענט דערפילן ביי אים דעמאָלט ווען ער האָט זיך געפונען ביי זיך אין שטוב. און כאָטש ער האָט אויך דאָרט גערעדט הללדיק סאָוועטיש־פאַטריאָטישע רייד האָט מען אָבער הינטער די ווערטער געקענט אָנטאַפּן דעם צער פון אַ מידן, צעבראָכענעם ייִד און דעם טרויער פון אַ רעזיגנירטן מייסטער וואָס איז מער קיין באַלעבאָס נישט איבער זיין אייגן שאַפן. איך וויל

דעריבער, אַז מיר אַלע זאָלן געדענקען, אַז בערגעלסאָן איז נישט געווען בלויז אַזאַ ווי ער האָט זיך געוויזן, נאָר אויך אַזאַ ווי ער האָט זיך מורא געהאַט צו ווייזן... אין לעצטן סך־הכל איז ער פאַרט געווען דער ייִדישער שרייבער, וועלכער האָט אויף זיין אופן געהאָלפן טראָגן אויף זיינע מידע אַקסל דעם דאָזיקן פיין־באַרג, וואָס האָט אַזוי שווער געמאַכט דאָס לעבן פון זיין דור אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט...

# פּרץ מאַרקיש

פּרץ מאַרקיש

— 1 —

דאָס ערשטע וואָס האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן ביים זען פּרץ מאַרקישן, ווען ער איז אין ווינטער פון יאָר 1939־40 אַראָפּגעקומען פון מאָס־קווע קיין ביאַליסטאָק, איז געווען דער קילער זילבער־שטויב פון זקנה, וואָס איז געלעגן אויף זיין שיינעם קאָפּ, מיט דעם אָנזאָג פון פריִער געעלטערטקייט.

און נישט נאָר אויף זיין קאָפּ — אויך אויף זיין באַרימטן שטורעמדיקן טעמפּעראַמענט האָבן מיר, אין יענעם ערשטן אויגנבליק, דערזען אַ היפּשן שיכט פון גרוילעך־פאַרלאָשענעם אַש, וואָס האָט דערציילט די טרויעריקע מעשׂה פון פייערן, וואָס ברענען צו שטאַרק און ברענען אויס צו גיך.

איבעריק צו זאָגן, אַז קיינער פון אונדז האָט דעמאָלט נישט דערוואַרט צו זען מאַרקישן מיט דעם באַרימטן „שטיוול אויפן קאָפּ", וואָס איז, וואָלט איך געזאָגט, געווען דער מעטאַפאָרישער עמבלעם פון די וואַרשעווער צעכראַס־טעטע און צעזונגענע יאָרן. אָבער פּרץ מאַרקיש, אָנגעטאָן אין די סטאַטעטשנע מלבושים פון אַ פּראָווינצער אַפּטייקער, פּרץ מאַרקיש אָן דעם מינדסטן אָנ־דייט אויף „פּאָעטישקייט" אין זיין הולך און אָן דעם קלענסטן שמץ פון אַנ־דערשקייט אין זיין אויסערלעכן אויסזען, האָט זיכער נישט געשטימט מיט אונדזער פאָרשטעלונג וועגן אים און האָט אויף געוויס אַרויסגערופן עפּעס אַ מין קידער־ווידער מיט די זכרונות, וואָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט פון יענע ווייטע, איצט אויף אייביק שוין פאַרשווונדענע צייטן.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס מיר אַלע, די וואָס האָבן געקענט די מאַרקיש־לעגענדע פון די 20ער יאָרן אין פּוילן, זענען געבליבן אַביסל אַנ־טוישט ווען מיר האָבן דאָס ערשטע מאָל אויף דער סאָוועטישער ערד דערזען דעם ריטער פון דער אַמאָליקער עזותדיקער „כאַלאַסטרע".

דערצו האָט גאָט נאָך געוואָלט, אַז ווען מאַרקיש וועט אָנקומען קיין ביאַ־ליסטאָק זאָל זיין אַ קאַלטער ווינטערדיקער אָוונט און ער, מאַרקיש, זאָל ציי־טערן, נישט נאָר פון אַ דרויסנדיקער, נאָר אויך פון עפּעס אַן אינערלעכער קעלט, אַזוי אַז ער זאָל כסדר זיך מוזן טוליען צו דער איינגעהייצטער הרובע

און דערביי אויף קיין פאַל נישט קענען דערוואַרעמען, נישט זיין גוף און נישט זיין נשמה.

וואָס־זשע איז דער חידוש וואָס ביים דערזען אים דעמאָלט, ביים ערשטן אַריינפאָר אין ביאַליסטאָק, האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין געטראַכט, אַז ער איז אַלט געוואָרן, מאַרקיש, אַלט געוואָרן און אויסגעלאָשן געוואָרן גאָר־נישט לויט די יאָרן?

מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט געזען אַ היפּש ביסל שרייבער פון ראַטנ־פאַרבאַנד און מיר זענען שוין מער־ווייניק געוווינט געווען צו זייער אויס־זען, פירונג און האַלטונג. מיר האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַ פרישן נייגיר צו אָט די מענטשן, דאָך זענען מיר צו זיי געגאַנגען אָן באַזונדערער דערוואַרטונג און אָן באַזונדערן אויפרודער פון די געפילן. צו מאַרקישן אָבער זענען מיר געגאַנגען מיט אַן אַנדער גאַנג, צו אים האָבן מיר געפילט עפּעס גאַנץ באַזונ־דערס, קרובישס. אין אים האָבן מיר זיך מכין געווען צו זען אַ גאָר נאָענטן און אייגענעם.

עס געדענקט זיך דעריבער מיט אַ וווייטיקלעכער שאַרפקייט יענער מאָ־מענט ווען אַלע אונדזערע וואַרעמע און צאַפּלדיקע דערוואַרטענישן זענען גע־בליבן אָפּגעקילט און אָפּגעקוילעט תיכף נאָך דעם ווי מיר האָבן אים אויס־געשטרעקט די הענט אין צעציטערטן שלום־עליכם. אמת, מאַרקיש האָט אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען, אָבער שוין נאָך דעם ערשטן אַרומנעם זענען אַלע צוגעגרייטע האַרץ־ווערטער געבליבן שטעקן אין קעל און אַנשטאָט זיי זענען אַרויסגעשוווּמען רייד, וואָס קיינער האָט וועגן זיי אַ רגע פריִער נישט געטראַכט, רייד באַנאַלע, גאָרנישט זאָגנדיקע און גאָרנישט מיינענדיקע, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין ציל: צו פאַרשטופּן אַ לאָך דורך וועלכן עס האָט אַריינ־געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, אויסצופילן אַ חלל וואָס האָט אָנגעווייעט אומ־היימלעכקייט מיט זיין פוסטקייט.

אויך שפּעטער צו, ווען מאַרקיש האָט זיך שוין אַביסל אטכאַיעט פון דער קעלט, איז די לאַגע נישט בעסער געוואָרן. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטן פונעם פראָווינצער האָטעל־צימער און האָט זיך צערעדט מיט דער אָנ־געצויגנקייט פון איינעם וואָס שטייט אויף אַ הויכער בינע און האָט דאָס פולע באַוווסטזיין, אַז ער שפּילט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל, אָבער צום ערשטן מאָל. זיינע ווערטער זענען דעריבער געווען קיילעכדיקע, געוויגענע און געמאָסטענע. די זשעסטן — ספּעקטאַקולערע און אַזוי קלאַסיש ווי אין אַ גריכישער דראַמע ווען זי ווערט אויפגעפירט דורך יונגע שוישפּילער־קאַנ־דידאַטן בעת אַן עקזאַמען. אַלץ אַרום איז געווען טעאַטראַל, מאַגנעזיע־פייער־

לעך און ס'האָט אויסגעזען ווי אַ סצענע וואָס שטעלט פאָר אַ היסטאָרישן מאָמענט און איז דאָך נישט קיין היסטאָריע, נאָר טעאַטער.

אין צימער האָבן, וואָס אַן אמת, זיך געפונען נאָך אַנדערע שרייבער, געקומענע פון מאָסקווע, אָבער מאַרקיש האָט זיי אַלע פאַרשאָטנט, געמאַכט זיי פּאָר שטומע סטאַטיסטן. יענע האָבן צום ערשט אויך עפּעס גערעדט, אָבער באַלד זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן נעבעך נישט געקענט מיטהאַלטן זיין טעאַטראַלישקייט, וואָס ער האָט נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט מיט דער געמאָסטנקייט און געלאַסנקייט פון זיינע באַוועגונגען און זיינע רייד.

ער האָט גערעדט, מאַרקיש, און גערעדט שיער נישט אַז ישירדיק. ער האָט גערעדט פּאַטעטיש, צוביסלעך אויך ליריש. אָבער אַלע זיינע רייד זע־נען אונדז אויסגעקומען ווי פון אַ טעקסטבוך אַרויס.

און מיר? מיר האָבן אויף אים געקוקט מיט פייכטע אויגן פון גערירט־קייט, מיר האָבן צו אים געשטרעקט הענט אין עמאָציאָנעלער צעפּיבערטקייט, מיר האָבן געשלונגען די באַקאַנטקייטן פון זיין פּנים מיט דער בענקשאַפט פון ברידער, וואָס האָבן זיך נאָך יאָרן צעשיידונג ווידער אָפּגעזוכט. אָבער עס איז אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ שעה און מיר האָבן מיטאַמאָל דערפילט. אַז ס'איז פאַרפאַלן... אַז מיר האָבן זיך אַפּנים געגנאַרט... אַז דער מאַרקיש, אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט, איז מער נישטאָ און ס'איז אַן אומזין אים צו וועלן דאָ געפינען...

דערצו איז דעמאָלט נאָך פאָרגעקומען אַ שטיקל איבערשמועס פון קוויט־קאָ מיט מאַרקישן און אויך פון דעם דאָזיקן איבערשמועס האָבן מיר פון מאַרקישן קיין נחת נישט געהאַט.

מיט אַ רעזיגנירטער וויטיקלעכקייט האָבן מיר זיך דעריבער געזאָגט ביים אַהיימגיין: אַלט געוואָרן, מאַרקיש. די יאָרן האָבן געטאָן זייערס, די צייט שוינט קיינעם נישט.

מיר האָבן דערביי געטראַכט נאָך עפּעס, אָבער דאָס האָבן מיר שוין אויפן קול נישט געזאָגט. מיר זענען דעמאָלט שוין געווען געניט אין סאָוועטישן שטייגער און מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז סאָוועטישקייט מיינט: נישט אַרויסזאָגן מיט דער צונג אַלץ וואָס ליגט אויף דער לונג.

האָבן מיר אויף דער טעמע מאַרקיש צוביסלעך אונטערגעשוויגן, אָבער דאָס שווייגן האָט גערעדט ווערטער, דאָס שווייגן האָט געשריגן מיט באַנו־מענע קולות.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע ווידער־באַגעגעניש מיט מאַרקישן. ווי גוט איז וואָס זי איז געווען די ערשטע, אָבער נישט די איינציקע. ווען זי וואָלט

געוועזן די איינציקע, וואָלט אַלדאָס ווייטערדיקע וועגן אים אפשר נישט גע־קענט געשריבן ווערן.

דער איינדרוק וואָס זי האָט אויף אונדז געמאַכט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז ער האָט פאַרדינט מען זאָל אים פאַרשרייבן.

***

ווי מאָדנע דאָס איז: די וועלט זאָגט, אַז דער ערשטער איינדרוק איז תמיד דער ריכטיקער. ביי פּרץ מאַרקיש האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דער איינדרוק פון אונדזער ערשטער ווידער־באַגעגעניש מיט אים איז געווען דער סאַמע היפּוך פון ריכטיקייט.

ווי נאָר ער, מאַרקיש, איז זיך איבערגעשלאָפן איין נאַכט אין דעם ביאַ־ליסטאָקער האָטעל און ווי נאָר ער האָט טאַקע אויף אַן אמת באַגומען, אַז צווישן אונדז, די ביאַליסטאָקער, און אים, דעם מאָסקווער, שטייט מער נישט די מחיצה פון דער אין רוסלאַנד אומפּאָפּולערער אויסלענדישקייט, אַזוי איז ער פּלוצים איבערגעביטן געוואָרן, האָט פון זיך אַראָפּגעשאָרט דעם אַש־צו־דעק פון עלטער־סאָלידקייט און זקנה־חשיבות און האָט זיך ווידער פאַר אונדז באַוויזן מיט דעם גאַנצן אומרויִקן נשמה־פייער פון זיין ברויזנדיקן געמיט.

דעמאָלט האָבן אויך מיר אים דערזען אַנדערש און אַן אַנדערן.

אַפילו די הלבשה זיינע, וואָס האָט אין דער ערשטער רגע אונדז אויס־געזען סטאַטעטשנע און באַלעבאַטיש, האָט אין פאַרגלייך מיט דער הלבשה פון זיינע איבעריקע חברים מיט וועלכע ער איז געקומען, גענומען אונדז אויס־זען היפּש אויסטערליש און יוצא דופינדיק.

אַלע חברים זיינע, צי דאָס איז געווען דער באַלייבטער לייב קוויטקאָ, דער איידעלער ש. האַלקין, דער שווערער, אומגעלומפּערטער דאָברושין, דער שאָטן־שטילער ש. ראָסין, דער זיידענער אליעווסקי, דער צעשמייעטער נר־סינאָוו, אַלע זענען זיי געגאַנגען אָנגעטאָן אין שווערע טכוירענע פּעלצן מיט פוטערנע קוטשמעס אויף די קעפּ און אַן איינדרוק האָבן זיי געמאַכט, ווי קופּ־צעס פון דער ערשטער גילדע, וואָס ווילן זיך באַלד אַ לאָז טאָן שליטלען אויף „טראָיקעס" און טרינקען טיי מיט אַ האַנטוך, אויפן אַלט־רוסישן שטייגער.

אין פאַרגלייך מיט זיינע חברים איז פּרץ מאַרקיש געגאַנגען אָנגעטאָן שיער נישט עקסטראַוואַגאַנט.

קודם־כל האָט ער געטראָגן אויף זיין קאָפּ אַזאַ מין אומפּאָפּולערע זאַך אין די דעמאָלטיקע צייטן אין רוסלאַנד, ווי... אַ קאַפּעלוש.

דערצו איז דער קאַפּעלוש געזעסן ווויִלעריש אויף זיין של ראש און האָט געלאָזט אַרויסזען אַ שטיקל פון דער באַזילבערטער גריווע.

אויך אויף די פיס האָט ער נישט געטראָגן קיין שטיוול, נאָר — הערט און שטוינט — האַלבע גימזענע פּאַנטאָפל, דערצו נאָך ברוינע, אָדער אפשר גאָר טונקל־רויטע.

ועל כולם האָט זיין גוף זיך נישט געהילט אין קיין פּעלץ, נאָר אין אַ געוואַנטענעם מאַנטל וואָס איז געווען אַ גליד־גליד געשוועסטערקינד מיט דעם סאָרט מאַנטלען וואָס מען האָט געטראָגן מיט צען יאָר צוריק אין די קאַפּי־טאַליסטישע לענדער פון מערב־אייראָפּע.

די־אַ הלבשה איז, ווי מיר האָבן שפּעטער געזען, נישט געווען עפּעס קיין צופעליקייט. זי איז געווען אַ שטיק קאָנצעסיע פון מאַרקישעס זייט פאַר אונדז, די מערבדיקע, און זי האָט אונדז שפּעטער־צו אויסגעזאָגט ווי הייס און מיט וויפל כוונה ער האָט זיך געגרייט מיט אונדז צו טרעפן און פאַר אונדז צו דערשיינען דווקא אַזוי, אַז מיר זאָלן אין אים דערזען און דערקענען דעם אַמאָליקן פּרץ מאַרקיש.

פאַרוואָס ס'איז אָבער געשען אַנדערש ביי דער ערשטער באַגעגעניש, ווייסט איין גאָט און אפשר ווייסט עס אויך דער וואָס קען די אַלערליי מוראס אין סאָוועטישן לעבן און די אַלערליי העמונגען וואָס אָרטיקע מענטשן לעבן איבער ווען זיי דאַרפן זיך טרעפן פנים אל פנים מיט זייער נישט־כשרן אַמאָל, און יעדער „אַמאָל“ איז דאָך אין רוסלאַנד, אין תוך גענומען, נישט כשר...

בכל אופן איז פאַר אונדז שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַז מאַרקיש האָט זיין אַריינפאָר קיין ביאַליסטאָק, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען סאָוועטיש, אי־בערגעלעבט גלייך ער וואָלט געמאַכט אַ נסיעה קיין וואַרשע און דאָס הייסט: גלייך ווי ער וואָלט צוריקגעפאָרן אין זיין אייגענער יוגנט אַריין.

*
**

דעם אַש פון זיין שיינעם קאָפּ האָט מאַרקיש שוין נישט געקענט אָפּ־טרייסלען, אָבער דאָס אַש פון זיין טעמפּעראַמענט און געמיט האָט ער גאָר גיך אָפּגעטרייסלט בעת ער האָט געהאַלטן די ערשטע פייערלעכע דרשה פאַר אונדז, די פון פוילן אַנטלאָפענע שרייבער, וואָס האָבן זיך איצט געפונען אין דער סאָוועטישער „באַפרייטער“ שטאָט ביאַליסטאָק.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב מאַרקישן שוין געקענט פון מאָסקווע, האָב איך איינגעזען, אַז זיין פייער האָט זיך באַזונדערס צעשפּילט בעת אַן עפנטלעכן אַרויסטריט. דאָס מיינט נישט, אַז אין פּריוואַטן שמועס האָט ער זיך נישט געקענט אָנצינדן און פלאַקערן. פאַרט האָט אָבער מאַרקי־שעס טעמפּעראַמענט געצינגלט מיט אַלע פאַרבן און קאָלירן פון שריפה, דער־מאָלט ווען ער האָט גערעדט פאַר אַן עולם. דעמאָלט האָט ער געקאָכט ווי אַ

קעסל, געשטורעמט ווי אַ ים און צעשמאַלצן אַלעמענס הערצער מיט אַ מי־ן היץ, וואָס קען נאָר קומען פון אַ ווולקאַן בעת ער צעגיסט זיך מיט פלאַם און מיט לאַווע.

אויך דעמאָלט אין ביאַליסטאָק האָט מאַרקיש גאָר גיך זיך צו אונדז צו־ריק געוויזן אַזאַ ווי מיר האָבן אים געקענט פון די יונגע יאָרן אין וואַרשע. אויך דעמאָלט האָט ער איבער צוויי שעה אונדז געהאַלטן געשפּאַנט מיט זיין פלאַמיקער אימפּראָוויזאַציע. קולות וברקים האָבן מיר דעמאָלט געהערט פון אים און אַרום אים. און פרעגט מיך בחרם וועגן וואָס ער האָט גערעדט? אָדער וואָס ער האָט געזאָגט? ניין, דער וואָס האָט געהערט מאַרקישן האַלטן אַ רעדע, ווייסט אַז מען דאַרף אַזאַ פראַגע נישט פרעגן. מאַרקיש איז קיינ־מאָל נישט געווען קיין רעדנער — קיין זאָגער. ער האָט אויך קיינמאָל נישט געלאָזט הערן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל בלייבן באַזונדער איינגעקריצט אין זכרון און מען זאָל עס שפּעטער קענען נאָכזאָגן. אָבער אַז ער האָט גע־רעדט האָט זיך ממש די סטעליע געשפּאָלטן. די ערד האָט געציטערט אונ־טער די פיס. די ווענט איז נמאס געוואָרן צו שטיין אויף איין אָרט און זיי האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערררוקן. לאָזט אים אַרויס אויף דער ביבלישער לאַנדשאַפט מיט אַ רעדע, וואָלט דער ים זיך אָפּגערוקט און די בערג וואָלטן געשפּרונגען ווי די ווידערס. ער איז נישט געווען קיין גוטער רעדנער, מאַר־קיש. ער איז אויך נישט געווען קיין נישט גוטער רעדנער. ער איז געווען אַ גרויסער רעדנער, אַ רעדנער אַ יחיד במינו. ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע באַלד אויף די העכסטע אָקטאַוועס, אָבער אין לויף פון ריידן האָט ער באַוויזן, אַז ס'זענען פאַראַן אַזעלכע פּאַטעטישע הויכקייטן פון וועלכע מיר האָבן אַפילו צופריער נישט געחלומט. מאַרקיש אין זיין ריידן איז געווען אַ קלעטערער צו די הימלען, אָבער ער האָט נישט געקלעטערט אַליין. כל־זמן ער האָט גע־רעדט האָט יעדער צוהערער געפילט ווי ער ווערט געטראָגן על כנפי נשרים. אַ הייסער שטורעם־ווינט האָט געבושעוועט אין זאַל און קיין שום מענטש איז נישט בכוח געווען בייצושטיין דעם פייער פון זיין וואָרט.

אין מאַרקישעס ערשטער רעדע אין ביאַליסטאָק האָבן זיך ברידער ווי־דער געטראָפן מיט אַ ברודער. זיי האָבן זיך דערקענט און ווען עס וואָלט נישט געווען אין סאָוועטישן ביאַליסטאָק, נאָר אין די אַלטע ביבלישע צייטן, וואָלטן זיי זיך אפשר געפאַלן אויף די העלדזער און צעוויינט...

**
*

און אַזוי איז דאָס שוין געבליבן.

די נאָענטקייט וואָס מיר האָבן געפילט צו מאַרקישן ערב זיין קומען קיין

ביאַליסטאָק, די קרובהשאַפט וואָס האָט אונדז צונויפגעבונדן בעת זיין זיין אין ביאַליסטאָק, האָט אויך אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געווען אין רוסלאַנד, די גאַנצע צייט פון אונדזער שווערן וואָגל און וואַנדער איבער די רוסישע לענגען און ברייטן.

אין משך פון דער צייט האָבן מיר זיך איינגעשאַפט אַ סך האַרציקע פריינט צווישן די דאָרטיקע יידישע שרייבער.

און מיר האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט אַ סך נאָענטע צווישן די דאָרטיקע מענטשן.

אָבער פרץ מאַרקיש איז פאָרט געבליבן אונדזער נאָענטסטער. ער איז מיט אונדז געווען געבונדן דורך דער בשותפותדיקייט פון וואַרשע.

אַ ליאַדע וועלכער שרייבער פון פוילן, אַז ער האָט עפּעס געדאַרפט, האָט ער דאָס סאַמע ערשטע געשריבן צו מאַרקישן.

אַפילו נישט קיין שרייבער, נאָר אַ סתם ייִד, אַ לייענער, האָט אויך געהאַט איין אַדרעס: פּרץ מאַרקיש, מאָסקווע, גאָרקי־גאַס, אָדער פרץ מאַרקיש, מאָסקווע, שרייבער־פאַריין.

און פּונקט ווי מיר האָבן זיך אַלע יאָרן פון אונדזער זיין אין רוסלאַנד געטוליעט צו מאַרקישן, וועלכן מיר האָבן געקענט פון דער אַלטער וואַרשעווער היים, אַזוי האָט אויך מאַרקיש אַלע די דאָזיקע יאָרן געזוכט אונדזער באַגעגעניש, ווייל מיר האָבן אים צוריקגעבראַכט וואַרשע.

וואַרשע, טלאָמאַצקע 13, לשבח און לגנאי, אין ערנסט און אין וויץ — דאָס איז געווען די כסדרדיקע טעמע פון די געשפּרעכן צווישן די יידישע שרייבער פון פוילן מיט מאַרקישן.

עס מאַכט נישט אויס, וואָס דאָס געשפּרעך האָט געמעגט געפירט ווערן מיט אַזאַ מין שרייבער וועלכן ער האָט פון יענע וואַרשעווער יאָרן נישט געקענט, אָבער ביידע האָבן זיי געקענט וואַרשע און דאָס איז געווען די והותר.

עס איז געווען פון וואָס צו ריידן. עס איז געווען וואָס זיך צו דערמאָנען.

עס איז געווען וואָס צו זידלען, וואָס צו פאַרביינקען און וואָס צו דערמאָנען מיט בענקשאַפט.

שוין אין ביאַליסטאָק האָט מאַרקיש אָנגעהויבן זיינע שמועסן וועגן וואַרשע אויף אַזאַ אופן:

— איר געדענקט וואַרשע? פאַרגעסט! נישטאָ מער יענע צייטן ווען דער אַלטער ש. זאַקס האָט געטראַכט וועגן אַ ציבעלע־פּלעצל און דעקלאַמירט פון אויסנווייניק פּושקינען. אַוועק יענע עפּאָכע ווען הערש דוד נאָמבערג האָט אויסגעטאַנצט די באַדנלאָזיקייט פון אַ דור, וואָס אַנטלויפט פון עם קאַמף... היינט זענען אַנדערע צייטן... ביי אונדז איז אַ שרייבער אַ סאָלדאַט אין דער

אַרמיי פאַר פרייהייט... דאָס סאָלדאַטישע לעבן איז נישט אידיליש. עס איז האַרט און שווער. דערפאַר אָבער ליגט אין אונדזער רוקזאַק דער נצחון.

אָבער ווי נאָר ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער דרשה, האָבן זיינע אויגן שוין געגלאַנצט און מען האָט אין זיי דערפילט אַ געבעט:

— דערציילט, דערציילט עפּעס וועגן וואַרשע, וועגן טלאָמאַצקע 13...

אַזוי האָט יוסף מסתמא זיך געבעטן ביי זיינע ברידער, אַז זיי זאָלן אים דערציילן וועגן דער היים אין כנען, וועגן דעם אַלטן טאַטן וואָס ער האָט איי־בערגעלאָזט, וועגן נאָך פאַרשיידענע זאַכן און זאַכענישן וואָס ס׳פּאַסט נישט וועגן זיי צו פרעגן, אָבער עס ווילט זיך וועגן זיי אַזוי שטאַרק וויסן.

דאָס איז געווען אין אָנהייב, אין ביאַליסטאָק, דאָס איז אָבער געווען אויך שפּעטער, אין מאָסקווע.

דורך דער בשותּפותדיקייט פון וואַרשע האָבן מיר צוריקגעפונען פּרץ מאַרקישן און פּרץ מאַרקיש האָט אַלע יאָרן וואָס מיר זענען געווען מיט אים אים צוזאַמען זיך פאַר אונדז אַרויסגעשטעלט מיט זיין וואַרשעווערישקייט.

אַפילו מיט זיינע בגדים, מיט זיין הולך האָט ער געשפּילט דעם וואַר־שעווער, דעם אַמאָליקן העלד און ליבלינג פון טלאָמאַצקע 13.

— 2 —

אונדזער ווידער־באַגעגעניש מיט מאַרקישן אין ביאַליסטאָק איז פריער פאַרגליכן געוואָרן צו דער ווידער־באַגעגעניש פון יוספן מיט זיינע ברידער.

דער פאַרגלייך איז געמאַכט געוואָרן נישט בלויז לתפארת הלשון. עס איז אין אָט דעם צוזאַמענטרעף ווירקלעך געווען עפּעס פון יענער אויפריכ־טיקער פרייד און גערירטקייט, אָבער נישט בלויז דאָס אַליין.

ס׳איז געווען דערין אויך נאָך עפּעס וועגן וועלכן מען איז געוווינט צו זאָגן, אַז וועגן דעם שווייגט די געשיכטע...

יאָ, געוויס האָט דער גרויסער צדיק, יוסף, זיך געפרייט מיט אַן אויפ־ריכטיק פרייעניש, ווען ער האָט צוריק געפונען זיינע ברידער, אָבער ווער קען דען זאָגן, אַז אין אָט דער גרויסער און אויפריכטיקער פרייד איז נישט געווען קיין שמץ פון גדלות, קיין ברעקל פון גוט־באַהאַלטענער גאוות צוליב דעם, וואָס די זעלביקע ברידער, וועלכע האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, מוזן איצט אָנקומען צו אים ווי אַ צו וווילטוער און מוזן צו אים אַרויפקוקן אין זיין גדולה?

מיר, די יידישע שרייבער, די פּליטים פון פּוילן, האָבן, חלילה, מאַרקישן פאַר קיין קנעכט נישט פאַרקויפט. אָבער פּאַרט זענען מיר געקומען צו אים אין „זיין" לאַנד אַריין און האָבן געמוזט אַרויסקוקן אויף זיינע חסדים. מיר

זענען געווען היימלאָזע און צום טייל אויך נאָמענלאָזע מענטשן. (אַפילו די שרייבער וואָס האָבן אין פוילן געהאַט גרויסע נעמען וואָלטן איצט אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס מען זאָל די דאָזיקע גרויסקייט פאַרגעסן). מיר זענען, אין בעסטן פאַל, געווען „נאָוואָבראַנצעס", וואָס דאַרפן ערשט אָנהייבן באַווייזן וואָס און ווער זיי זענען. ער אָבער איז געווען דער גרויסער פּאָעט, דער אָרדן־טרעגער, דער בעל טובה אונדזערער און דער אָננעמער אונדזערער אין אַ וועלט, ווו מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום וואָג און זיין וואָרט — אַזוי האָבן מיר דעמאָלט געמיינט — האָט געהאַט שיער נישט קיין קעניגלעך חשיבות.

האָבן מיר זיך טאַקע געפּרייט ווי ברידער, אָבער אויך צווישן ברידער קען שטיין אַ דינע מחיצה ווען זיי געפינען זיך נישט אין דער זעלביקער לאַגע. און די דאָזיקע מחיצה האָבן טאַקע אייניקע געפילט, ווער מער און ווער ווייניקער. באַזונדערס האָבן זי געפילט די עלטערע שרייבער, ווי בראָדערזאָן און קאַגאַנאָווסקי.

ווי האַרציק מאַרקיש איז דעמאָלט צו אונדז נישט געווען, איז אָבער פאַר אַ סך אין דער דאָזיקער האַרציקייט געלעגן אַ געוויסע ביטערניש און וואָס מער ער האָט די דאָזיקע ביטערקייט געוואָלט איינהילן אין די גילדענע פּאַפּירלעך פון איבערגעטריבענער העפלעכקייט און פריינדשאַפט, האָבן אייניקע פון אונדז זי נאָך מער געפילט אויף דער צונג און עטלעכע האָבן זי אַפילו נישט געקענט אַראָפּשלינגען.

אַזאַ שרייבער ווי בראָדערזאָן, למשל, האָט ביזן סוף נישט געקענט קוקן מאַרקישן גלייך אין די אויגן אַריין.

פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקיש איז דאָ געווען גאָט די נשמה שולדיק, אָבער אויך בראָדערזאָנען האָט מען געקענט פאַרשטיין, ווי מען קען פאַרשטיין יעדן יורד, וואָס דערפילט זיין געפאַלנקייט דווקא דורך די חסדים פונעם בעל טובה מיט וועלכן ער איז אַמאָל געווען אויף איין מעמד.

אויף זיין שטייגער האָט זיך בראָדערזאָן קאָמפּענסירט זיין יורדישקייט מיט אַ קאַלאַמבור און ער האָט געזאָגט, אַז איצט פאַרשטייט ער שוין דאָס וואָרט: „שוטה שאינו מאַרקיש".

בראָדערזאָן האָט געלאָזט אין גאַנג נאָך אַ וויץ. ער האָט דערציילט, אַז שמועסנדיק מיט אַ סאָוועטישן ייִד וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד, האָט יענער אים געזאָלט זאָגן:

— ווי זנאַיעטיע? יעסט' או נאַס פּיסאַטיעל קאַטאָרי פּאָ יעווּרעיסקי נאַזיוואַיעטסיאַ פּעפּער, אַ פּאָ רוסקי נאַזיוואַיעטסיאַ פּערעץ, אי אָן נאַפּיסאַל אָדנו קניגו קאַטאָראַיאַ נאַזיוואַיעטסיאַ „ביינאַכט אויפן אַלטן...

מאַרקיש...״ (פאַראַן ביי אונדז אַ שרייבער וואָס אויף יידיש הייסט ער פּע־פּער און אויף רוסיש הייסט ער פּרץ (פּירעץ איז אויף רוסיש פעפער) און ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס הייסט: ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרקיש).

מיט דעם דאַזיקן וויץ האָט בראַדערזאָן, ווי מיר פאַרשטייען, געוואָלט אַביסל אַראָפּדינגען פון מאַרקישעס גדולה, געבנדיק אָנצוהערן, אַז ס׳איז אים נישטאָ וואָס מקנא צו זיין מיט זיין פּאָפּולאַריטעט ביי אַזעלכע לומדישע לייענער.

די דאָזיקע וויצן און ווערטלעך זענען נישט געמאַכט געוואָרן סתם אַזוי, זיי זענען געקומען ווי אַ רעאַקציע אויף דער אייגענער שפּלות, וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק אָנגעזען דווקא דורך מאַרקישעס גרויסקייט און נאָך מער דורך זיין גוטסקייט.

***

דער אמת איז אָבער, אַז די יוספדיקע גדלות ביי מאַרקישן האָבן אַרויס־געפילט נאָר מענטשן מיט גאָר־גאָר דעליקאַטע נעז און אויך זיי זענען נישט זיכער געווען, צי דאָס איז נישט אַמאָל קיין איבער עמפּינדלעכקייט און קיין קרענקלעכע גריבלעניש. פאַקטיש האָט מאַרקיש זיך באַצויגן צו אונדז ווי אַ ברודער צו ברידער און האָט פיל פאַרבעסערט אונדזער מערכה, איבער־הויפּט די מערכה פון די דאָזיקע שרייבער, וואָס זענען אין פּוילן נישט געווען קיין קאָמוניסטן און האָבן דעריבער, ביי דער ביאַליסטאָקער קאָמוניסטישער אָנפירונג פון ביי־אָרגאַניזירטן שרייבער־פאַריין, געהאַט קנאַפּ אָנזען און נאָך קנאַפּער מזל.

ווען מיר האָבן שפּעטער, אין די מלחמה־יאָרן, געטראָפן מאַרקישן אין מאָסקווע, האָבן מיר אין אים שוין נישט געפילט אַפילו דעם דאָזיקן שמץ פון גדלות וואָס עמעצער האָט געקענט דערפילן אין ביאַליסטאָק. דעמאָלט זענען שוין אַלע מחיצות צווישן אונדז געהאַט געפאַלן. מיר האָבן שוין געקענט די מאָס פון זיין גרויסקייט און געוווּסט וואָס זי באַדייט אין רוסלאַנד און ער, ווידער, האָט שוין געוווּסט, אַז מיר האָבן באַוויזן דורך דער צייט אויסגעקאָכט צו ווערן אינעם סאָוועטישן לעבנס־קעסל און ס׳איז פאַר אונדז שוין אַפילו נישט מעגלעך צו מאַכן דעם מינדסטן אָנשטעל.

דאָך איז מאַרקיש פאַרבליבן אונדזער בעל טובה די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען דאָרט געווען און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט משתדל צו זיין פאַר אַ יידישן שרייבער פון פּוילן, ווען דאָס שתדלנות איז נאָר געווען פון דעם מין, וואָס קען פּראַקטיצירט ווערן אין רוסלאַנד.

כ׳מוז דערביי זאָגן, אַז פּרץ מאַרקיש האָט פאַקטיש געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ שליח ציבור און מען דאַרף וויסן, אַז אין די סאָוועטישע באַדינ־

גונגען איז דאָס געווען גאָרנישט קיין קליינִיקייט. אַ סך, אַ סך קעפּ פון ייִדי־שע פּערזענלעכקייטן אין רוסלאַנד זענען געפאַלן דווקא דערפאַר, ווייל די סאָוועטנמאַכט האָט אין זיי געזען די שליחי ציבור פון סאָוועטישן ייִדנטום, צי אַפילו פון דער יעווסעקציע. דאָס האָט מען אין רוסלאַנד זייער נישט סובל געווען, ווייל מען האָט דאָרט בכלל נישט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן זיך האַלטן בציבורדיק און האָבן שליחים, וואָס מיינען ערנסט זייער שליחות.

אויף זיין אופן איז אָבער מאַרקיש פאַרט געווען אַ שליח ציבור, אויב נישט קיין שליח ציבור פון די סאָוועטישע ייִדן, איז כאָטש אַ שתדלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטרוסלאַנד.

אין די צייטן ווען ער איז געווען אין די פעדערן, דאָס הייסט: איידער פעפער איז געקומען קיין מאָסקווע, האָט מאַרקיש כסדר זיך איינגעשטעלט פאַר דעם ייִדישן שרייבער־צענטער אין דער רוסישער הויפּטשטאָט, ווי אויך פאַר דעם שרייבער־צענטער אין מינסק.

ער האָט אַפילו זייער און זייער פּאַרזיכטיק זיך משתדל געווען פאַר אַרעסטירטע שרייבער און צווישן אַנדערע פאַר קולבאַקן. געפּועלט האָט ער, באַטירלעך, גאָרנישט. אָבער דער וואָס איז געווען אין רוסלאַנד, ווייסט וויפל מוט און געוויסן מען האָט געדאַרפט האָבן, כדי זיך אַנצונעמען פאַר איינעם וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן, אין דער צייט ווען דער געוויינלעכער גאַנג איז געווען, אַז ווען עמעצער איז אַרעסטירט געוואָרן האָבן די אַנדערע גע־לייקנט, אַז זיי האָבן אים אַפילו געקענט.

מאַרקישעס שתדלנותן פאַר פאַרשיידענע ייִדישע שרייבער זענען געווען פון שטייגערישן מין. אַז מען האָט איינעם נישט געגעבן די שפּייז־צוטיילונג, איז מאַרקיש געגאַנגען פאָדערן, אָדער בעטן מען זאָל זי אים יאָ געבן. אַז אַ צווייטער האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאָר שיך, האָט מאַרקיש געקלונגען אין „ליטפאָנד" און פאַר יענעם דערוויל אויסגעפּועלט אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס. אַז אַ דריטער איז קראַנק געוואָרן און ער האָט געדאַרפט, מען זאָל באַהיט ווערן, גיין אין שפּיטאָל, איז ווידעראַמאָל מאַרקיש געווען פון די גייער, פון די בעטער, פון די דערלייזדיקער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין מעדאַל פאַר קיינעם האָט ער נישט געקענט קריגן, אָבער — נישקשה — ער האָט אויך מיט די פּיצלעך און ברעקלעך שתדלנותן געהאַט אַ סך אַרבעט און מען האָט אים געננג פאַרדרייט דעם קאָפּ און פאַרנומען די צייט.

**
*

כאָטש אין די יאָרן 1946־43 איז שוין מאַרקישעס פּאָזיציע געווען היפּש אונטערגעגראָבן דורך פעפערן און דורך אַ סך אַנדערע, האָט ער זיך נאָך אַלץ

געפירט ווי דער קאָפּ פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם ברייטן שטעל און האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעזען אין די שרייבערישע קרייזן, ייִדישע ווי נישט־ייִדישע.

דאָס עיקרדיקע אָרט, ווו ער האָט דעמאָלט געוועלטיקט איז געווען די ייִדישע סעקציע ביים שרייבער־פאַריין און ביז איציק פעפער האָט אים פון דער דאָזיקער ממשלה נישט פאַרשטויסן, האָט ער נאָך אַלץ געפירט טיש און געטיילט די ייִדישע שרייבער דאָס ביסל כבוד וואָס ס'איז זיי דעמאָלט מעג־לעך געווען צו באַקומען.

באַזונדערס האָט ער נישט געזשאַלעוועט דעם דאָזיקן מין כבוד די ייִדי־שע שרייבער פון פוילן.

אַ ליטעראַרישער אָוונט פון אַ ייִדישן שרייבער אין פוילן, וואָס מאַרקיש האָט אים נישט געזאָלט אָנפירן האָט גאַרנישט געקענט געמאָלט זיין.

ווען ער איז געוואָרן אויס פאָרזיצער פון דער ייִדישער שרייבער־סעק־ציע איז ער אויף צוויי „אָוונטן" פאַר אָרטיקע ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער נישט געקומען. געברוגזט זיך, הייסט עס. ווען אָבער דער דריטער „אָוונט" וואָס די נייע לייטונג פון דער ייִדישער סעקציע האָט איינגעאָרדנט, איז גע־ווען געווידמעט אַ ייִדישן שרייבער פון פוילן, האָט מאַרקיש פאַרבויגן זיין רוגזא און זיך באַוויזן אין זאַל און אַפילו זיך אַליין אָוועקגעזעצט אין פרע־זידיום.

געדענק איך טאַקע ווי דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט זיך שוין קוים געהאַט דערוואַרט, אַז מאַרקיש זאָל ווערן אויס פאָרזיצער און במילא אויס מחותן מיטן פרעזידיום־טיש, איז אַריינגעקומען אין זאַל בעת יענעם שרייבערישן אָוונט און ווי נאָר ער האָט דערזען מאַרקישן ווידעראַמאָל אויבן־אָן, אַזוי איז ער תיכף אַוועק.

בערגעלסאָנס שנאה צו מאַרקישן איז געווען אין לשער. ווען מען האָט מאַרקישן געהאַלטן ביים אַראָפּזעצן פון זיין אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער ייִדישער שרייבער־סעקציע, האָט איינער פון אונדזערע חברים אַפּעלירט צו בערגעלסאָנען, צו פעפערן און צו קוויטקאָן, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טאָן, ווייל דאָס קען אים שאַטן נישט בלויז מאָראַליש, נאָר אויך פּאָליטיש. קוויטקאָ איז שוין גרייט געווען נאָכצוגעבן, אָבער פעפער און בערגעלסאָן האָבן זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן. בערגעלסאָן האָט נאָך אַפילו אויף זיין שטייגער דערציילט אַ מעשה.

— געווען אַמאָל אַ ייִדישער אַרענדאַר — האָט ער דערציילט — וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט ביים פּריץ. איז געגאַנגען דער פּריץ און אים איינגע־זעצט אין אַ קעלער. דעם אַרענדאַרס ווייב איז געלאָפן צום רב און צו די־

חשובי העיר, אַז זיי זאָלן ראַטעווען איר מאַן פון גוייִשע הענט. מילא, וואָס טוען נישט יידן צו ראַטעווען אַ צווייטן ייִד? זענען זיי געגאַנגען צום פּריץ און אים געזאָגט, אַז דער דאָזיקער אַרענדאַר איז זייער אַ חשובער ייִד, אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער צדיק און דעריבער בעטן זיי, אַז ער זאָל אים באַ־פרייען. דער פּריץ איז געווען אַ רשע, אָבער נישט קיין נאַר. האָט ער אויס־געהערט די ייִדן און געזאָגט: אויב ער איז טאַקע אַזאַ חשובער ייִד, וועל איך אים באַפרייען, אָבער כדי איך זאָל טאַקע זיכער זיין, אַז ער איז אַ חשובער ייִד, וויל איך, אַז יעדער פון אייך זאָל אים אָנטאָן כבוד און אים אַ קוש טאָן אויף אַ געוויס פּלאַץ... די ייִדן, אַז זיי האָבן דערהערט וועגן קושן דעם אַרענ־דאַר אויף דעם געוויסן פּלאַץ, האָבן זיי זיך גענומען רוקן צו דער טיר. דע־מאָלט האָט דער אַרענדאַר גענומען שרייען:

— ייִדן, ראַטעוועט מיך, גיט מיר אָפּ כבוד און קושט מיר ווו דער פּריץ הייסט...

— מיר ווילן מאַרקישן נישט ראַטעווען — האָט בערגעלסאָן אויסגע־פירט — אויב מיר זאָלן דורך דעם כסדר געצוווּנגען זיין אים אָפּצוגעבן כבוד און אים צו קושן אין געוויסן אָרט.

נאָך יענעם „אָוונט" האָט בערגעלסאָן אַפילו געהאַט אַ טענה צו דעם שרייבער, וואָס לכבוד אים האָט זיך מאַרקיש ווידעראַמאָל באַוויזן אין פּרע־זידיום:

— מיר זענען קוים פון אים פּטור געוואָרן, קומט איר און ברענגט אים צוריק?

פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער שרייבער האָט מאַרקישן נישט צוריק־געברענגט, ער איז אַליין געקומען.

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר מאַרקישעס באַציִונג צו די שרייבער וועלכע, האָבן געשטאַמט פון פּוילן.

מיט די אָרטיקע שרייבער האָט ער געקענט פירן חשבונות. צוליב זיי וואָלט ער נישט פאַרבויגן זיין כבוד. צוליב אַ שרייבער פון פּוילן האָט מאַר־קיש מוחל געווען אויף זיין כבוד, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז יענער זאָל עפּעס ליידן פון זיינע קריגערייען מיט די היימישע שרייבער.

די דאָזיקע וואָס האָבן געזוכט חטאים אויף מאַרקישן האָבן דאָס אויך פאַררעכנט פאַר אַ חטא. ער קעכלט, הייסט עס, די פרעמדע און נישט די אייגענע.

דאָס אַלץ וואָלט נישט דערציילט געוואָרן, ווען איך וואָלט דערמיט נישט אויסן געווען צו באַטאָנען מאַרקישעס באַציִונג צו די פּליטים פון פּוילן.

אייגנטלעך איז עס נישט בלויז געווען די באַציִונג צו די פּליטים פון

פוילן. עס איז געווען זיין געפיל פאַר וואַרשע, זיין געפיל פאַר די יוגנט־יאָרן אין וואַרשע.

אַפילו אין דעם האָט מען געקענט אַרויסזען זיין בענקשאַפט נאָך דעם וואַרשעווער אַמאָל, כאָטש אין ריידן האָט אייך מאַרקיש דווקא געוואָלט דער־ווייזן, אַז ס'איז נאָך וואַרשע נישט פאַראַן וואָס צו בענקען. וואָרום וואָס איז דען געווען וואַרשע? וואָס איז דען געווען דער גאַנצער טלאָמאַצקע 13? אַ בטלנים־קלויז, אַ קיבעצאַרניע ווו מען האָט זיך געקריגט איבער אַ וואָרט ווי קליינשטעטלדיקע יידענעס איבער אַ טשאָלנט. דאָס לעבן אָבער, דאָס לעבן פון אַרבעט און קאַמף איז געגאַנגען פאַרביי טלאָמאַצקע 13, פאַרביי די וואַר־שעווער שרייבער.

— אין וואַרשע איז דאָך אָבער געווען אַ יידישע מאַסע און די יידישע מאַסע האָט געלייענט יידיש, געלעבט יידיש — האָט מען אים אין אַזאַ פאַל דערווידערט.

— מיר דערציילט איר דאָס? — האָט מאַרקיש זיך פאַנאַנדערגעוויגט אין בענקשאַפט און איז איבערגעגאַנגען אין אַ הללויה פאַר דעם אַמאָליקן וואַרשעווער יידישן לעבן — מיר דערציילט איר וואָס וואַרשע איז געווען? אָט הערט, וואָס איך וועל אייך דערציילן. איר זייט נאָך דעמאָלט געווען צו־ציקעס, מען האָט אייך נאָך דעמאָלט געוויקלט אין די ווינדעלעך...

און ס'איז אַוועק אַ כוואַליע פון זכרונות, אַ שטורעם פון בענקשאַפט און אַן עלעגיש־רירנדיקער מזמור שיר צו די אַמאָליקע וואַרשעווער צייטן.

ווען מיר וואָלטן וועגן דער מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד גאָרנישט געוווּסט, ווען מיר וואָלטן וועגן די געפילן פון פּרץ מאַר־קישן קיין שום אַנונג נישט געהאַט, ווען מיר וואָלטן לגמרי נישט געקענט די יידישע לאַגע אין רוסלאַנד און מאַרקישעס אינערלעכע טראַכטענישן וועגן דער דאָזיקער לאַגע, וואָלטן מיר פון זיין בענקשאַפטס־געזאַנג צום יידישן אַמאָל אין וואַרשע, זיך געקענט גאַנץ גענוי אָנשטויסן ווי עס האַלט מיט יידן און מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. וואָרום ווען דאָ וואָלט געווען אַביסל בעסער, וואָלט מאַרקיש נישט געהאַט וואָס צו בענקען אַזוי שטאַרק נאָך דעם וואָס איז פאַרגאַנגען און ער וואָלט אויך אין דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט נישט געזוכט אַזאַ אַנטרינונג פונעם היינט.

ליידער האָבן מיר צו גוט געוווּסט פאַרוואָס מאַרקיש בענקט אַזוי שטאַרק נאָך דעם אַמאָל אין וואַרשע...

— 3 —

אין יענע יאָרן ווען פּרץ מאַרקיש איז געווען אין פוילן בין איך נאָך געווען צו יונג אים צו קענען און איך ווייס דעריבער נישט וואָס עס איז גע־

ווען זיין פּאָליטישער אני מאמין. פֿאַרט דאַכט זיך מיר אויס, אַז צוזאַמען מיט זיין הייס געפיל פֿאַרן יידישן פֿאָלק, האָט ער געהאַט אַן אויפריכטיקע באַציונג צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און האָט באמת געגלייבט, אַז זי איז אַ ישועה פֿאַר דער מענטשהייט און טאַקע, אין דער ערשטער ריי, פֿאַר די געדרודפטע יידישע מאַסן, וועמענס צער און צאָרן ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דער לעסטערישער „קופּע", וואָס איז געווען אַ מין אייגנאַרטיקער קדיש קעגן דעם קידוש־השם אין די אוקראַינער פּאָגראָמען.

אין רוסלאַנד האָב איך אַ סך מאָל געהערט געוויסע אָנדייטונגען, אַז פּרץ מאַרקיש איז נישט צוריקגעקומען אין דעם לאַנד פֿון דער רעוואָלוציע מיט קיין ליידיקע הענט... עס האָט געמיינט, אַז בעת ער איז געווען אין פּוילן, אין פּאַריז, צי אין דייטשלאַנד האָט ער שטילערהייט געטאָן געוויסע זאַכן לטובת דער יונגער סאָוועטישער מלוכה, וואָס האָבן אים פֿאַרשאַפֿט באַשטימטע זכיותן. וואָס אַזוינס ער האָט געטאָן, האָט מען מיר נישט געזאָגט און איך האָב אויך נישט געהאַט קיין שום אינטערעס וועגן דעם צופֿיל זיך פֿאַנאַנדערצופֿרעגן.

מאַרקיש איז, הייסט עס, אַ סך, אַ סך יאָרן געווען איבערצייגט, אַז די־נענדיק דער רעוואָלוציע דינט ער אַ גרויסן אידעאַל און וויבאַלד אַזוי איז נישט שייך צופֿיל נתפּעל צו ווערן פֿון געוויסע פּגימות אויף דער רעוואָלו־ציע־זון, ווייל די פּגימות זענען נישט וועזנטלעך און וועזנטלעך איז די פֿאַר־ווירקלעכונג פֿונעם אידעאַל. אַ סך אָרנטלעכע מענטשן אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט האָבן אַזוי געהאַלטן און דערפֿון האָט זיך גענומען זייער טריישאַפֿט צום קאָמוניזם ביז וואַנען זיי האָבן אָנגעהויבן דערזען ווי די פֿלעקן פֿאַרשלינגען די זון און אָנשטאָט דעם נייעם ליכט ברענגט דער אָקטאָבער־איבערקער נאָך מער פֿינצטערניש, סיי אויף דער וועלט, סיי אין רוסלאַנד.

נאָך מער ווי די אַלגעמיינע סאָציאַלע ישועה פֿאַר דער וועלט האָט מאַר־קישן, ווי אַ סך יידישע שרייבער, אינטערעסירט דער יידישער מאָמענט אין דער רעוואָלוציע, דאָס מיינט: די ישועה וואָס די רעוואָלוציע האָט געבראַכט פֿאַר יידן. אויך אויף דעם געביט זענען געווען אַ סך זאַכן וואָס האָבן געקענט נישט געפֿעלן ווערן, אָבער מען האָט נישט געטאָרט לייקענען, אַז די ערשטע שריט פֿון דער רעוואָלוציע זענען געשטעלט געוואָרן אין דער ריכטונג פֿון געבן די יידן אַזעלכע פֿאָרמעלע בירגערלעכע רעכט, וואָס זענען אפשר ערגעץ אַנדערש נישט געווען בנמצא. וואָס אַן אמת, זענען די דאָזיקע רעכט געבליבן בלויז אויף די קאָמוניסטישע דעקלאַראַציעס און האָבן אין לעבן קיינמאָל נישט געקענט פֿאַרווירקלעכט ווערן, מחמת מען האָט זיך תיכף אָנגעשטויסן אויף אַ שנאת ישראלדיקן ווידערשטאַנד אַפֿילו אין די קאָמוניסטישע רייען.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין זענען געווען אַ סך גוטע און שיינע צוזאָגן און ייִדישע שרייבער האָבן זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אין די גילדענע צוזאָגן און זיך געצווונגען צו גלויבן, אַז זייער פאַרווירקלעכונג וועט קומען מיט דער צייט, ווען די קאָמוניסטישע מאַכט וועט איבערדערציִען דעם סאָוועטישן בירגער. נו, געוויס האָט דער ייִד אין רוסלאַנד אויך געדאַרפט איבערדערצויגן ווערן, כדי ראוי צו זיין דאָס מלכות השמים פון קאָמוניזם. דערפאַר האָבן אַזעלכע שרייבער ווי מאַרקיש זיך גענומען „איבערדערציִען" די ייִדישע מאַסן, גלייבנדיק אַז דערמיט טוען זיי אַ גוטע זאַך, הן פאַר דער מענטשהייט, הן פאַרן ייִדישן פאָלק.

ס'איז שווער צו זאָגן ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויסניכטערונגס־פּראָצעס צווישן די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן באַנעמען, אַז די רעוואָלוציע איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן ווי זי האָט צוגעזאָגט צו גיין. מסתמא איז די דאָזיקע אויסניכטערונג פאַרגעקומען ביי איינעם פריִער און ביי איינעם שפּעטער, פּונקט ווי דאָס איז געשען אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט. ס'איז אָבער געווען אַ גרויסער חילוק צווישן די ייִדישע שרייבער אין אויסלאַנד און די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד. ייִדן מחוץ רוסלאַנד האָבן צו יעדער צייט געקענט מאַכן דעם חשבון און פון אים ציִען די געהעריקע קאָנסעקווענצן. ייִדן אין רוסלאַנד האָבן אָבער נאָר געקענט מאַכן דעם חשבון, און דאָס אויך אויף זייער אַ שטילן אופן, ציִען פון אים די קאָנסעקווענצן האָבן זיי אָבער נישט געקענט, ווייל איידער וואָס־ווען האָט זיך די מאַכט שוין געהאַט באַזעצט אינעם זאַטל און פאַר דעם מינדסטן פּרוּוו איר אַנטקעגן צו ריידן האָט זי געהאַקט קעפּ און געשניטן יאָרן... ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד זענען דעריבער געווען אין אַ באַזונדערער לאַגע. אין זייער לאַגע, צי זיי האָבן יאָ געוואָלט, אָדער נישט געוואָלט, האָבן זיי אַלץ־איינס נישט געקענט ריידן וואָס זיי ווילן און זיי האָבן אַפילו געמוזט שרייען הוראַ קעגן זייער ווילן.

איצט קומען מיר צו זייער אַ וויכטיקן מאָמענט: יעדער מענטש מאַכט אַן אידעיִשן באַלאַנס, אָדער אַן אידעיִשע רעוויזיע דעמאָלט ווען ער קען אין זיין באַלאַנס מיט זיין רעוויזיע עפּעס אויסגלייכן, עפּעס צורעכטמאַכן, אָדער טאָן דאָס וואָס ער האַלט פאַר נייטיק צו טאָן אין הסכם מיט זיין נייער איינשטעלונג. אָבער, אַז מען האָט דעם באַוווּסטזיין, אַז ענדערן קען מען סיי־ווי גאָרנישט, דעמאָלט מאַכט מען שוין נישט אַזוי גיך קיין רעוויזיעס און קיין חשבונות. דעמאָלט וויל מען גאָרנישט אַריינקוקן אין באַלאַנס און מען אַנטלויפט פון חשבון. דאָס איז געשען מיט אַ סך ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד. זיי האָבן צו גוט געקענט זייער לית ברירהדיקייט, אַז זיי זאָלן ביזן סוף דער־

טראַכטן זייערע געדאַנקען. אַחוץ דעם וואָס אין רוסלאַנד שרעקט מען זיך פאַרן אייגענעם שאָטן און מען האָט מורא פאַרן אייגענעם רעיון, וואָלט אַזאַ מין געדאַנקלעכע קאָנסעקווענץ זיי געשטעלט אין אַ שלעכטער לאַגע כלפי זיך אַליין, כלפי דעם אייגענעם געוויסן. וועלכער מענטש זאָגט דאָס זיך אַליין: איך בין אַ ליגנער!? איך בין אַ פעלשער!? דעריבער האָבן טאַקע ייִדישע שרייבער דאָרט נישט דערטראַכט ביזן סוף זייערע דערפאַרונגען און ווי נאָר זיי האָבן געזען, אַז זיי קומען צו צו דעם לעצטן ברעג פון דער קאָנסעקווענץ, אַזוי האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין און זיך צוריקגעצויגן.

אַזאַ מין מענטש איז אויך געווען פרץ מאַרקיש. געווען צייטן ווען ער האָט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך און פון זיינע ווערטער האָט מען גע־קענט אַרויספילן זיינע טראַכטונגען און זיין רעוויזיע פון אַמאָליקן גלויבן. אָבער דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן: גראָד דעמאָלט ווען מען האָט מיט אים שוין געהאַלטן אויף אַ וועג, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין און גע־נומען שטאַמלען די אַלטע רייד וועגן „היסטאָרישער נויטווענדיקייט“ אָדער וועגן „די אייזערנע געזעצן פון דער געשיכטע“ און איז צוריק פאַרקראָכן אין זיין פאַנצער אַריין ווי דער שנעק פאַרקריכט אין זיין מושל. מיר האָבן גע־ווּוסט פאַרוואָס ער טוט דאָס. עס איז נישט בלויז געווען די מורא פאַרן דרויסן, נאָר אויך דער פחד פאַר זיך אַליין. דער פחד, אַז וויבאַלד ער וועט אַרויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, שטעמפּלט ער זיך אַליין פאַר דעם גרעסטן ליג־נער. דאָס האָט ער אָבער געקענט טאָן נאָר דעמאָלט ווען ער זאָל האָבן דעם פאַרצווייפלטן כוח צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. דעם דאָזיקן כוח האָט מען פון מאַרקישן נישט געקענט פאַרלאַנגען און אים אַפילו נישט ווינטשן...

***

אָפט רעדט מען וועגן דעם, אַז די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד זענען געווען מאַראַנען. וואָס מיינט אַזוינס מאַראַנען? עס מיינט: מענטשן וואָס לפנים זענען זיי אַזעלכע און באַהאַלטענערהייט זענען זיי אַנדערע. אין אונ־דזער פאַל מיינט עס: לפנים זענען זיי אַנהענגער פון קאָמוניסטישן רעזשים און שטילערהייט ווייסן זיי, אַז דער דאָזיקער רעזשים איז זייער אומגליק. זענען דאָס געווען די ייִדישע שרייבער אין רוסלאַנד? נו געוויס: איינצלנע ייִדישע שרייבער זענען דאָס געווען. געווען, הייסט עס, אַזעלכע ייִדישע שריי־בער, וואָס האָבן געגנוי געוווּסט און געטראַכט דאָס וואָס מיר, אין די פרייע לענדער, ווייסן און טראַכטן וועגן דעם קאָמוניסטישן רעזשים. אמת, זיי האָבן זייער וויסן נישט אַרויסגעבראַכט און האָבן אַפילו עפנטלעך גערעדט און געשריבן דאָס זעלביקע, וואָס אַלע אַנדערע אין רוסלאַנד. אָבער מיר האָבן

געהאַט געגוג געלעגנהייטן זיך צו איבערצייגן, אַז די דאָזיקע מענטשן ווייסן, אַז זיי שפּילן אַ פאַלש שפּיל. מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז אַלע ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער זענען געווען אַזעלכע. דער רוב פון די ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער, וואָלט איך געזאָגט, זענען געווען האַלבע מאַראַנען, אָדער האַלבע כופרים און האַלבע מאמינים, געווען צייטן, ווען איר האָט געזען, אַז זיי זעען דעם אמת. געווען אָבער צייטן, ווען איר האָט דערפילט, אַז זיי האָבן מורא פאַר דעם דאָזיקן דערזען און דעריבער צווינגען זיי זיך אַריין אין אַ גלויבן און רעדן זיך אַליין איין, אַז זיי שרייען הוראַ פאַר דער סאָוועטישער מאַכט, נישט ווייל זיי מוזן, נאָר ווייל זיי אַליין ווילן. אַזאַ מענטש איז געווען האַפּ־שטיין, אַזאַ מענטש איז געווען מאַרקיש, אַזעלכע זענען געווען אויך אַנדערע.

זאָגן עפּעס וועגן די דאָזיקע מענטשן האָט דעריבער געקענט נאָר דער, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערהערן זייער אינערלעכן דיאַלאָג, וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיך אַליין. מען האָט זיי געדאַרפט הערן רעדן אַזוי און אַנדערש. מען האָט זיי געדאַרפט זען אין פאַרשיידענע סיטואַציעס. דעמאָלט ערשט האָט מען געקענט וויסן וואָס די מענטשן וואָלטן געטראַכט, וואָס זיי וואָלטן געזאָגט און וואָס זיי וואָלטן געטאָן, ווען זיי וואָלטן געווען אין אַן אַנדערער לאַגע און וואָלטן געהאַט אַ פרייען אויסוואַל.

אַוודאי האָט מאַרקיש זייער אָפט גערעדט פאַטעטישע רייד וועגן דעם סאָוועטישן לעבן. און גערעדט האָט ער, נישט בלויז ווייל ער האָט געמוזט, ווייל אַנדערש איז נישט מעגלעך געווען, נאָר אויך דערפאַר ווייל ער האָט זיך אַליין אַריינגעבראַכט אין אַ מין טראַנס פון גלויבן און במילא פון אויפ־ריכטיקייט. נעמט צו ביי מאַרקישן דעם דאָזיקן אַליין־אַרויפגעצוווּנגענעם טראַנס פון אמונה און איר נעמט ביי אים צו דאָס וויכטיקסטע וואָס אים איז נייטיק געווען בכדי צו זיין שעפעריש — דעם פאַטאָס פון גלויבן. אָבער אַז איר האָט געקענט און געזען מאַרקישן אויך אין אַנדערע מאָמענטן, האָט איר געוווּסט, אַז דאָס איז אַ מאָדנע גלויבן, אַ גלויבן וואָס זיינע וואָרצלען שטעקן אינעם פחד צו זאָגן זיך אַליין דעם אמת. און דאָס איז נישט חל געווען בלויז אויף מאַרקישן, נאָר אויך אויף אַ ריי אַנדערע שרייבער, וועלכע זענען אין לעצטן סך־הכל טאַקע געווען אַנוסים, אָבער אַנוסים פון אַ מאָדנע מין: אַנו־סים וואָס דינען די עבודה זרה, אָבער דערביי האָבן זיי אויך אויפבליצן פון געוויסן, ווען זיי קערן זיך אום צום ריכטיקן גאָט און פאַרשטייען ווי שטאַרק זיי האָבן קעגן אים געזינדיקט.

זאָל דאָס אונדז נישט וווּנדערן. אויך ביי די מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן מיר געטראָפן די זעלביקע דערשיינונגען.

* * *

אויך אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט מאַרקישן האָבן מיר אַ סך מאָל גע־קענט פון אים הערן רייד פון גלויבן אין דער רעוואָלוציע. אין אַזעלכע שמועסן האָט ער מיט זיין אייגנטימלעכער היץ אונדז געוואָלט פאַרענטפערן געוויסע זאַכן אין רוסלאַנד, סיי וואָס שייך דעם אַלגעמיינעם לעבן, סיי וואָס שייך דעם יידישן לעבן. ער האָט אַפילו צוגערעדט עטלעכע פון אונדזערע שריי־בער, אַז זיי זאָלן נישט צוריקפאָרן קיין פּוילן, נאָר בלייבן אין רוסלאַנד.

עס זענען אָבער געווען אויך געגוג אַנדערע פאַרטרוילעכע שמועסן אין וועלכע מיר האָבן פון אים שוין געהערט גאַנץ אַנדערע דיבורים. עס איז נישט שייך איבערצוחזרן אַלץ וואָס ער האָט אונדז דעמאָלט געזאָגט, אָבער דאָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט קלאָר און דייטלעך באַוויזן, אַז זיין גלויבן איז היפּש אונטערגעמינעוועט, אַז אָט נאָך אַ רגע וועט ער מאַכן דעם לעצטן סך־הכל. דער סך־הכל וואָלט זיכער געמאַכט געוואָרן, אָבער... וואָס וואָלט געווען נאָך דעם? וואָלט ער נאָך דעם געקענט עפּעס ענדערן אין זיין לעבן, כדי צו לעבן אין הסכם מיט דער אונטערשטער שורה פון זיין סך־הכל?

ניין, דאָס האָט נישט געקענט געשען. די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָבן נישט געקענט טאָן דאָס וואָס זיי ווילן. און ווייל אַזוי דאַרף מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי אָפּט זיך אַליין מיט געוואַלד איינגע־שמועסט, אַז זיי טוען דאָס וואָס זיי טוען, נישט ווייל זיי מוזן, נאָר ווייל זיי ווילן.

אמת, זיי האָבן געליטן, אָבער ווען אַ שטיק אייזן אויף דער קאָוואַדלע וואָלט געקענט רעדן, ווער ווייסט, צי עס וואָלט נישט געטענהט, אַז נישט עס לאָזט זיך שלאָגן פונעם האַמער, נאָר עס וויל קריגן די קלעפּ, וואָרום אין די דאָזיקע קלעפּ איז פאַראַן עפּעס אַ העכערער זין, אַ מיסיע...

* * *

געווען אָבער, ווי געזאָגט, אַ סך מאָמענטן אין אונדזער צוזאַמענטרעף מיט די יידישע שרייבער פון רוסלאַנד ווען מיר האָבן בולט דערזען ווי מיד זיי זענען שוין פון דעם סאָוועטישן יאָך אויף דעם האַלדז און ווי גערן זיי וואָלטן פון אים שוין וועלן פּטור ווערן.

כ׳געדענק אַ סצענע פון די טעג ווען מאַרקיש איז נאָך געווען אין ביאַ־ליסטאָק.

די מאָסקווער אַראָפּגעקומענע שרייבער זענען איינגעשטאַנען אין דעם איינציק לייטישן האָטעל אין דער דאָזיקער שטאָט. אין דעם דאָזיקן האָטעל זענען איינגעשטאַנען אַלע גרויסע לייט וואָס זענען קיין ביאַליסטאָק געקו־מען סיי פון רוסלאַנד, סיי פון אויסלאַנד.

דערמאָנט זיך מיר ווי איינמאָל זענען מיר אַריין מיט מאַרקישן און נו־סינאָוון אין פּאַיע, אָדער אין לאָבי פון האָטעל און פּלוצים דאָרט דערזען צוויי דייטשע אָפיצירן אָנגעטאָן אין פולן פּאַראַד מיט די האָקנקרייצן אויף די אָרעמס.

ס'איז דעמאָלט געווען, אויב איר געדענקט, דער האָניק־חודש צווישן היטלערן און סטאַלינען און דייטשע אָפיצירן פון כל המינים מיליטערישע און עקאָנאָמישע מיסיעס האָבן פאַרפלייצט די סאָוועטישע שטעט און מען האָט זיי אויפגענומען ווי גאָר געהויבענע געסט.

שטייט מיר נאָך היינט פאַר די אויגן דאָס בילד ווען מאַרקיש האָט דער־זען די צוויי אָפיצירן און האָט זיך אַ האַסטיקן וואַקל געטאָן. ווען מיר דער־כאַפּן אים נישט ביי די אָרעמס, וואָלט ער געוויס אומגעפאַלן אין חלשות.

אַרויסגייענדיק פון האָטעל דערציילן מיר מאַרקישן, אַז דאָ אין שטאָט האָבן שוין געטראָפן עטלעכע אינצידענטן. ייִדן, אַנטלאָפענע פון פּוילן, האָבן דערזעענדיק די דייטשן אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן, זיך נישט געקענט איינ־האַלטן און האָבן זיי נאָכגעשפּיגן. אַוודאי האָט מען די דאָזיקע שפּייערס תיכף אַרעסטירט און פאַרשיקט.

מאַרקיש איז זייער אויפגעבראַכט און זאָגט:

— פון דעסטוועגן וועל איך אין היגן פּאַרטיי־קאָמיטעט אויפמערקזאַם מאַכן, אַז מען דאַרף פאַרשטיין און שאַנעווען די ייִדישע געפילן... נו גוט, מיר האָבן מיט זיי אַן אָפּמאַך, אָבער דאָס הייסט דאָך נישט, אַז מען דאַרף זיך מיט זיי האַלובען אויף אַלע געמאַרקן...

פּראָפעסאָר נוסינאָוו, וואָס גייט ביי דער זייט, שמייכלט איראָניש און הגם ער איז מאַרקישעס שמש און גבאי, זאָגט ער פון דעסטוועגן זייער שאַרף:

— חבר מאַרקיש, אויב איר האָט בדעה צו געבן עצות וועגן אונדזער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק, וואָלט איך אייך געראָטן אָנצוהייבן אייער נייע קאַריערע נישט אין ביאַליסטאָק... איר זייט אַ ייִדישער דיכטער און אַ סאָוועטישער בירגער און ס'איז נישט פאַר אייערטוועגן צו מישן זיך אין עני־נים וואָס געהערן נישט צו אייך.

מאַרקיש בלייבט שטיין אַ רגע אַן אויפגעבראַכטער. ער וויל עפּעס זאָגן און אין זיין פּנים בייטן זיך אַלע קאָלירן. צום סוף פאַלט ער ממש איין ווי אַ געפּלאַצטער פּענכער און ער זאָגט:

— יאָ, יאָ, נוסינאָוו איז גערעכט... זאָל איך אַזוי זיין מיין אייגענע כפרה ווי גערעכט ער איז. זאָל אויף מיר שוין קומען אַ מיאוסער פּאַהיבעל ווי ריכטיק ער רעדט... זאָל איך איינגעמען אַ מיתה משונה, זאָל...

און ער שעלט זיך אַליין מאַרקיש מיט טויטע קללות, ווי יענע דינסט

וואָס קען נישט שילטן די באַלעבאָסטע און שילט מיט ביטערניש זיך אַליין.
צום סוף באַרויִקט ער זיך אַביסל און זאָגט מיט אויפריכטיקן געבעט:
— חברים, נעמט מיך שלאָפן ווו איר ווילט, אַפילו אויף אַ בוידעם, אַפילו אין אַ קעלער. איך קען מער אין דעם טריפהנעם האָטעל נישט אַריינגיין.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען געווען נישט מער ווי רייד. מאַרקיש, דער געשיקטער פון מאָסקווע, האָט נישט געקענט גיין וווינען ווו ער האָט געוואָלט. ער האָט געמוזט בלייבן נאָר דאָרט ווו מען האָט אים באַשטימט צו וווינען. אַנדערש וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ חקירה ודרישה און אַ מעשה אָן אַ סוף, אָדער בעסער געזאָגט: אַ מעשה מיט אַ שלעכטן סוף.

— 4 —

פרץ מאַרקיש איז געווען אַ שרייבער אַ האָרעפּאַשניק. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן וויפל ער האָט געאַרבעט און אויך ביי וואָסערע באַדינגונגען ער האָט געאַרבעט.

הגם אַ דירה האָט מאַרקיש געהאַט זייער אַ גוטע, אפשר די בעסטע פון אַלע יידישע שרייבער אין מאָסקווע, איז אָבער אין זיין דירה ווינטער געווען קאַלט ווי אין אַן אייז־קאַמער. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אין אַזאַ קעלט נישט איינגעזעסן אַ מינוט. מאַרקיש פלעגט אָבער אין דער גרעסטער קרירה אָפּזיצן ביי זיין שרייב־מאַשין אַכט און צען שעה און כסדר שרייבן, איבערשרייבן און דערשרייבן.

אַ טבע האָט ער געהאַט מאַרקיש צו שרייבן עטלעכע זאַכן מיטאַמאָל. אָפּגעשריבן עטלעכע שעה די גרעסערע פּאָעמע (ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין שרייבן אַ גרעסערע פּאָעמע) האָט ער זיך גענומען שרייבן דעם ראָמאַן. אָפּגעשריבן עטלעכע שעה דעם ראָמאַן, האָט ער זיך ווידער אָפּגערוט און גענומען שרייבן די דראַמע. נאָך דער דראַמע האָט ער געשריבן אַ ליד און נאָכן ליד ווידעראַמאָל די פּאָעמע און אַזוי כסדר און כסדר.

געשריבן האָט ער אויף דער שרייב־מאַשין. ער האָט אָבער געהאַט לעבן זיך ליגן אַ בויגן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. ווען עס האָט זיך אים עפּעס פאַר־האַקט, האָט ער אויפגעשריבן עטלעכע שורות מיט דער האַנט אויפן בויגן פּאַפּיר און דערנאָך ווידער גענומען שרייבן אויף דער מאַשין. ער האָט גע־שריבן גאַנץ גיך און די אָנגעשריבענע זייטלעך זענען געוואַקסן אין שטויסן. ער וואָלט געוויס געקענט פאַרשרייבן אַ וועלט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט קיין טבע אַזויפיל איבערצואַרבעטן די אָנגעשריבענע זאַכן. במילא איז אַזוי אויסגעקומען, אַז הגם ער האָט געשריבן אַ סך, זענען אָבער ווייניק זאַכן

פּאַרטיק געוואָרן צום דרוק. די סאַמע קלענסטע זאַך האָט מאַרקיש עטלעכע מאָל איבערגעאַרבעט און מיר האָבן זיך טאַקע געוויצלט, אַז ביי אים דויערט אַן אימפּראָוויזאַציע אַ חודש, ווייל ער אימפּראָוויזירט צוואַנציק אויסגעהאָרעוועטע וואַריאַנטן.

דאָך ווי פאַראַרבעט מאַרקיש איז נישט געווען, האָט ער אָבער שטאַרק ליב געהאַט, אַז מען זאָל צו אים קומען אויף אַ שמועס. און קומען האָט ער געוואָלט זאָל מען דווקא אין די אַרבעט־שעהן. אַזוי איז מאַרקיש נישט געווען קיין אויפנעמער פון געסט און אויך נישט קיין גייער אין געסט. אָבער אַז מען זאָל צו אים זיך אַריינכאַפּן אויף „אַ מוטל", נאָך דעם איז אים דאָס חיות אויסגעגאַנגען.

געשמועסט האָט מען צווישן זיך, אַז מאַרקיש איז אַביסל אַ קאַרגלעכער. פלעגט מען אים טאַקע קיבעצן ווען ער פלעגט בעטן, אַז מען זאָל צו אים קומען: עס וועט זיין אַ גלאָז טיי, מאַרקיש? הולטאַי, פלעגט ער ענטפערן, עס וועט זיין אַ גלאָז טיי און אַז איך וועל האָבן געמאַכט די רעכטע פּאַר־ציע פון מיין פּאָעמע, וועט זיין אַ גוטער פּאַפּיראָס אויך.

אָרטיקע שרייבער פלעגן צו אים ווייניק גיין. סיידן דער נסתר און נאָך עטלעכע. די איבעריקע זענען צו אים נישט געגאַנגען. זענען די הויפּט־אַריינגייער צו אים געווען די פליטים פון פוילן.

און מיט די פליטים פון פוילן האָט מאַרקיש טאַקע געהאַט אַ סך וואָס צו ריידן.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיר האָבן זיך געשפּירט מיט אים היימיש און מיר האָבן נישט קיין מורא געהאַט צו שמועסן מיט אים וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס מיט אַן אַנדערן וואָלטן מיר דערוועגן נישט געשמועסט. מאַרקיש האָט אויף אונדזערע טענות טאַקע געהאַט וואָס צו ענטפערן, אָבער תּוך כדי דיבור פלעגט ער אַליין דערציילן עפּעס אַזעלכעס וואָס האָט געקלונגען נאָך אַפּיקורסישער בנוגע דער ראַטנמאַכט ווי אַלע אונדזערע טענות צוזאַמענגענומען.

דאָס איז איבערהויפּט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך מענטשן אין רוסלאַנד. אַז איר האָט זיי געזאָגט עפּעס אַ וואָרט קעגן דעם אָרטיקן לעבן, האָבן זיי אייך שטאַרק דערווידערט, אָבער אַזוי דערווידערנדיק האָבן זיי אייך גענומען דערציילן מעשׂות און פאַקטן פון דאָזיקן לעבן, וואָס פאַר יעדער איינער פון זיי האָט מען געקענט גיין זיצן אויף יאָרן אין תּפיסה.

פּרץ מאַרקיש פלעגט מיט אונדז אייננטענהן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד ווייסט אַ שרייבער פון אַ לעבן, ווייל דאָ איז ער חשוב און דאָ שפּילט ער אַ ראָל. ביישפּילן פלעגט ער אונדז, געוויינלעך, ברענגען טאַקע פון זיך אַליין

און פון זיין אייגענער גדולה. אָבער אין דעם זעלביקן שמועס פלעגט ער אַ סך מאָל אונדז דערציילן זאַכן פון זיינע אויסשטייעַנישן, אַז אונדז איז שוין פאַרגאַנגען דער גאַנצער אַפּעטיט צו דער דאָזיקער גדולה און צו דעם גאַנצן נחת וואָס אַ שרייבער קען דאָ דערלעבן.

***

אַזוי שמועסנדיק וועגן זיין רוב עשרו ורוב גדלו אין סאָוועטנלאַנד, האָב איך אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, חבר מאַרקיש, פאַרוואָס פּרווט איר נישט אַרויסצוגעבן דאָ הי, אָדער אין אויסלאַנד קיין פולע זאַמלונג פון אַלע אייערע ווערק?

מאַרקיש האָט מיך אָנגעקוקט ווי ער וואָלט נישט זיכער געווען, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען מיין פראַגע.

— וואָס מיינט איר דערמיט — האָט ער איבערגעפרעגט — וואָס הייסט ביי אייך: אַ פולע זאַמלונג פון אַלע מיינע ווערק?

— זייער פשוט — האָב איך געענטפערט — איך מיין אַן אויסגאַבע פון אַלע ווערטפולע זאַכן, וואָס איר האָט ביז איצט אָנגעשריבן. נו, למשל, אַן אויסגאַבע אין וועלכער עס זאָל אַריינגיין אייער „קופּע", די לידער פון אייער בוך „סתם", „וואָלין", צי אַנדערע זאַכן פון אייערע פריערדיקע ביכער, צוזאַמען מיט די ביכער וואָס איר האָט אַרויסגעגעבן דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד, פּאָעמעס, ראָמאַנען, דראַמעס און דאָס גלייכן.

מאַרקיש האָט מיך געלאָזט ריידן, אָבער ווען איך האָב דערמאָנט זיין „קופּע" און זיין בוך „סתם", האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די פויסט צום מויל און געמאַכט אַ מינע ווי איך וואָלט דאָ געזאָגט אַ זאַך פון וועלכער די וועלט קען חרוב ווערן.

— וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? וואָס הייסט: איך זאָל איצט אַרויסגעבן „די קופּע" איר ווייסט דען נישט, אַז דאָס דאָזיקע בוך איז דאָ טריפה און איך האָב זיך שוין לאַנג דערפון אָפּגעזאָגט? איר ווייסט דען נישט אַז איך האָב באַקומען גענוג קלעפּ פאַר דעם דאָזיקן בוך, צי פאַר די אַנדערע זאַכן וואָס איך האָב געשריבן אין פוילן? ווילט איר אַז איך זאָל זיי איצט אויפסניי אַרויסגעבן? ווער וואָלט זיך דען דאָס דערוועגט צו טאָן? וועלכער פאַרלאַג וואָלט זיי דען אַרויסגעגעבן אפילו ווען איך וואָלט שוין דערויף באַשטאַנען?

— איר האָט דאָך אָבער פריינט אין אויסלאַנד — האָב איך זיך ווייטער געהאַלטן ביי דאָס מייניקע — אפשר וואָלטן זיי אַרויסגעגעבן אַזאַ אויסגאַבע פון אייערע אַמאָליקע און איצטיקע שריפטן?

— איר רעדט דאָס ערנסט? — האָט ער מיך פּלוצים געפרעגט — איר מיינט טאַקע ערנסט מיט דעם, אַז איך זאָל אינספּירירן מיינע פריינט אין אויסלאַנד, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ פולע זאַמלונג פון מיינע ווערק צווישן וועלכע עס זאָלן זיך געפינען די זאַכן וואָס איר האָט נאָר־וואָס אָנגערופן? ניין, איר קענט דאָך דאָס נישט מיינען ערנסט. איר זייט שוין ביי אונדז גע־נוג לאַנג צו וויסן מיט וואָס דאָס שמעקט. ווייסט איר דען נישט, אַז יענע זאַכן זענען חס מלהזכיר, אויסגעמעקט פון געדעכעניש און זיי טאָרן מער נישט קאַפּויר קומען? ווייסט איר דען נישט, אַז איך דאַנק גאָט, אַז מען דערמאָנט איצט מער נישט יענע זאַכן? און בלויז יענע זאַכן? און זייער אַ סך פון די שאַפונגען וואָס איך האָב דאָ אָנגעשריבן, זענען דען אין אַ בעסערער לאַגע? אויך דאָ האָב איך דאָך שוין אָנגעשריבן אַ באַרג מיט ווערק, וואָס האָבן אין זייער צייט געמאַכט אַ רושם און איצט דאַרף מען זיי, מוז מען זיי פאַרגעסן. אָט האָב איך מיט יאָרן צוריק אין אַ פּאָעמע דערמאָנט נעמען וואָס דעמאָלט זענען זיי געווען רוכבי בערבות, פירער פון לאַנד, און היינט זענען זיי שוכני עפר, ליקווידירטע, פאַרשיקטע. ווילט איר אַז איך זאָל די דאָזיקע זאַכן אויפסניי לאָזן אַרויסגעבן? איך וואָלט דאָך געמוזט זיין אַ נאַר און אַ זעלבסטמערדער צו טאָן אַזאַ מין זאַך.

— איר וועט דאָך מיר אָבער נישט אײַנריידן, חבר מאַרקיש, — האָב איך באַדויערנדיק געזאָגט — אַז איר פאַרלייקנט באמת אַלע אייערע אַמאָלי־קע שאַפונגען און אַז איר זייט צופרידן פון דעם וואָס זיי זענען פאַרמשפּט צו אַזאַ שווידערלעכער שכחה?

— וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן צופרידנקייט? — האָט מאַרקיש אַ זיפץ געטאָן — איר מעגט זיכער זיין, אַז נישט בלויז נישט צופרידן, נאָר עס קאָסט מיך אַ שטיק געזונט. אָט קוקט: אַ לעבן לאַנג אַרבעט איך, צענדליקער ביכער אַרויסגעגעבן און אַז ס'איז געקומען צונויפצושטעלן אַ זאַמלונג פון אַלע מיינע לידער, טאַקע די „פאָטערלעכע ערד", האָב איך דאָרט געקענט אַריינגעבן נאָר צוויי־דריי לידער פון דעם פאַר־סאָוועטישן פּעריאָד. זאָגן אייך, אַז ס'האָט זיך נישט געחלשט אַריינצוגעבן נאָך אַנדערע לידער, וואָלט געווען אַ ליגן. נאָר פאַרפאַלן. ביי אונדז איז אַ שרייבער ווי אַ בוים. די פאַראַיאָריקע בלעטער ציילן זיך נישט. עס ציילן זיך נאָר די היינטיקע. וואָס ווייס איך? איך שרייב און ס'קען זיין, אַז מאָרגן וועט דאָס שוין נישט טויגן און מען וועט עס מוזן פאַרגעסן. אייערע שרייבער, די אין אויס־לאַנד, זיי איז גוט. האָט עמעצער אָנגעשריבן אַ שמע קולינו, וועט מען עס איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַריינגעמען אין זיינע „כל כתבי יאַנקל קאַשעמאַכער". אונדזערס אַ נאַש בראָט, ער מעג אַפילו האָבן אָנגעשריבן

דאָס בעסטע, דאָס וואָס ס'האָט געמאַכט אַ רושם, דאָס וואָס ער אַליין פילט און ווייסט, אַז ס'איז זיין שיר השירים, קוים אָבער זעגען אַוועק עטלעכע יאָר און די ליניע האָט זיך געביטן, איז שאַ שטיל, נישטאָ אַזאַ זאַך, אויסגעמעקט פון זכרון.

— און דאָס איז טאַקע גוט אַזוי, חבר מאַרקיש?

— ס'איז גוט? ס'איז גוט אין דער ערד. נאָר פּתח שין — שאַ. איר מיינט אַז זיין אַ סאָוועטישער שרייבער איז אַ קלייניקייט? ס'איז אַ גרויסע קייט... גאָר אַ גרויסע קייט...

***

אַ סך מענטשן וואָס האָבן מאַרקישן געקענט פון זיינע יונגע יאָרן האָבן דערהערנדיק, אַז איך האָב אים געזען אין מאָסקווע אין מלחמה־צייט, דאָס סאַמע ערשטע זיך געפרעגט:

—ער איז נאָך אַזוי שיין מאַרקיש, ווי ער איז געווען?

היות די שאלה איז מיר געשטעלט געוואָרן אַ סך מאָל, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט אומזיסט. עפּעס איז מסתמא געווען אין מאַרקישעס שיינקייט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ רושם נישט דווקא אויף פרויען, נאָר אויך אויף מענער.

צי מאַרקיש איז נאָך אַזוי שיין געווען ווי אַמאָל, ווייס איך נישט. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ער איז נאָך שענער געווען ווי אַמאָל. אין מיינע אויגן האָט דער מאַטער זילבער אויף זיין קאָפּ אים צוגעגעבן נאָך מער רייץ. ער איז געווען פון די קלאַסישע שיינקייטן וואָס די צייט האָט אויף זיי קיין שליטה נישט, ווייל אין יעדן עלטער האָבן זיי זייער באַזונדערן צויבער. מאַרקישעס שיינקייט האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַן אַפּאָללאָ־סקולפּטור. אַזאַ איינער פאַרלירט נישט דעם חן צו זיבעציק, פונקט ווי צו זיבעצן.

כ'האָב מאַרקישן נישט געקענט אין זיינע יונגע יאָרן און איך ווייס נישט, צי ער האָט דעם כוח פון זיין שיינקייט אויסגענוצט און אויסגעפּרוווט אויפן „שיינעם געשלעכט״. מסתמא יאָ. אין די צייטן אָבער ווען איך האָב אים געקענט, זענען אים די „נאַרישקייטן״ שוין נישט אַזוי שטאַרק געלעגן אין זין. כאָטש ער איז אויך אין מיין צייט נאָך געווען, ווי מען זאָגט, ראָמאַנטיש געשטימט.

כ'וואָלט נאַטירלעך וועגן דעם נישט גערעדט, ווייל דאָס איז באמת נישט וויכטיק. אָבער דער גורל האָט געוואָלט, אַז איין ראָמאַן זאָל געפירט ווערן מיט אַ יידישער טענצערין, אַ פליטה פון פוילן, וועלכע ער האָט באַקענט אין לעמבערג אין דעם טעאַטער פון דזשיגאַן און שומאַכער. און דווקאַ

די דאָזיקע ליבע איז פֿאַראייביקט געוואָרן אין אַ פּאָעמע וועגן וועלכער מיר האָבן געהערט נאָך דעמאָלט ווען מיר זענען געווען אין ביאַליסטאָק.

געהערט האָבן מיר דעמאָלט, אַז פּרץ מאַרקיש האָט אָנגעשריבן אַ פּאָע־מע אין וועלכער ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף אַ זייער דרייסטן אופן די ליידן פון די ייִדישע פּליטים וואָס זענען אַנטלאָפן פון היטלערן. געשמועסט האָט מען, אַז מאַרקיש האָט אין דער פּאָעמע געזונגען מיט אַ פולן נאַציאָ־נאַלן קול און האָט אַפילו זיך דערוועגט צו באַווײנען דעם גורל פון זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. די פּאָעמע גופא איז אָבער גאַנצערהייט אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט אָפּגע־דרוקט געוואָרן און פון די פראַגמענטן וואָס האָבן זיך יאָ באַוויזן, האָט מען קיין גרויסן טאָלק נישט געקענט דערגיין. אין רוסלאַנד איז פון וכך היה כותב ביז וכך היה מדפיס אַ גרויסער מהלך. אויפן וועג פון שרייבטיש ביז צו דער דרוק־מאַשין האָט געקענט פאַרלוירן ווערן נישט נאָר דער עיקר פון דעם שרייבערס לכתחילהדיקער מחשבה, נאָר ס׳האָט געקענט אַרויסקומען אינ־גאַנצן עפּעס אַנדערש פון דעם וואָס איז צום ערשט אָנגעשריבן געוואָרן.

***

די מלחמה, דער אויפשטייג פון רוסישן נאַציאָנאַליזם, די ייִדישע ליידן און דערהויפּט — דער ניי־אַנטפּלעקטער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד, האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מאַרקישן. דערצו דאַרף מען געדענקען, אַז עס זענען געווען צייטן ווען מען האָט אַביסל לויזער געמאַכט די רייף אַרום ייִדישן נאַציאָנאַליזם און פּרץ מאַרקיש, צוגלייך מיט אַנדערע ייִדישע שרייבער און אפשר נאָך מער ווי אַנדערע ייִדישע שרייבער, אַחוץ דעם נסתר, האָבן איבערגעלעבט אַ מין נייעם פרילינג פון נאַציאָנאַלער דערוואַ־כונג און אַ נייעם אויפשטורעם פון הייסע טריישאַפטס־ און ליבשאַפטס־גע־פילן צום ייִדישן פאָלק און צו זיין עבר.

מאַרקיש איז אָבער אין זיין נאַציאָנאַלן אומקער געגאַנגען אַ סך ווייטער ווי עס איז אָפיציעל געווען דערלויבט. וועגן זיינע שריפטן וואָס זענען דער־גאַנגען קיין אויסלאַנד, רעד איך דאָ נישט. גיכער האָב איך דאָ אין זין די דאָזיקע זאַכן וואָס זענען קיין אויסלאַנד נישט דערגאַנגען, מחמת זיי זענען געווען אַביסל צופיל נאַציאָנאַליסטיש. אָבער אויך אין זיינע אַרויסטרעטונ־גען אין רוסלאַנד האָט מאַרקיש זיך אָפט דערלויבט צו זאָגן אַזעלכע ווער־טער, וואָס זענען געווען בפירוש ריזיקאַליש.

איך געדענק די באַראַטונג פון די פּוילישע ייִדן, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויז פון דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע. דאָס

איז געווען אַ מין איינציק־אַרטיקע און אויסטערלישע פאַרזאַמלונג אין רוס־לאַנד. צענדליקער יידן, געקומענע פון אַלע עקן רוסלאַנד, האָבן דריי טעג זיך באַראַטן וועגן דעם וואָס מען וועט דאַרפן טאָן ווען מען וועט צוריקקומען קיין פוילן. ס'איז געווען עפּעס ווי אַ מין פאַרזאַמלונג פון יידן־אויסלענדער וואָס האָבן זיך אין האַרץ פון מאָסקווע געפירט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אין אַמאָ־ליקן וואַרשע. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט נישט גערעדט קיין אַפּיקורסותן קעגן דער סאָוועטישער מאַכט, אָבער מען האָט גערעדט גענוג פריי, אַפילו וועגן ציוניזם (דער ד"ר לאַנגנאַס, למשל). מען האָט געמאַכט אַ מלא נאָך די קדושים און בכלל געטאָן נאָך אַנדערע זאַכן וואָס אין רוסלאַנד האָט מען זיי שוין נישט פּראַקטיצירט פון משותלחס צייטן.

די יידישע שרייבער פון מאָסקווע זענען כמעט אַלע געקומען אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג און האָבן אי געשטויגט, אי זיך געקוויקט, אי אונדז, די פוילישע, מקנא געווען, אי זיך געפרייט מיט געררירטקייט. באַזונדערס אָבער איז אַלע דריי טעג נישט אָפּגעטרעטן פונעם זאַל פרץ מאַרקיש. ער האָט זיך נישט פאַרגונען אָוועקצוגיין אויף אַ מינוט. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק אין סאַמע עק פון זאַל און געהערט, געהערט, געהערט.

אין דער דערעפענונג פון דער דאָזיקער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט אויך די יידישע שרייבער פון מאָסקווע. עס האָט גערעדט פעפער, מיכאָעלס, בערגעלסאָן, מאַרקיש און נאָך עמעצער. אויך אין דער שלוס־זיצונג האָבן זיי זיך באַטייליקט מיט רעדעס. געדענק איך, אַז פעפער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך געמאַכט אַ ווערטל, אַז דאָ אויף דער באַראַטונג ווערט מאַ־ניפעסטירט די דרוזשבאַ יעווריעסקיך באַראַדאָוו (די פריינטשאַפט פון די יידישע פעלקער). אַ וואָרט־שפּיל אַנטקעגן דער באַרימטער „דרוזשבאַ סאָ־וועטסקיך נאַראָדאָוו" (די פריינטשאַפט פון די סאָוועטישע פעלקער).

כאָטש דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ וואָרט־שפּיל און אַ הלצה, איז אָבער דערין געלעגן די גאַנצע ביטערע קלוגשאַפט פון פעפערן, וואָס האָט גע־וואָלט אונטערשטרייכן, אַז זיי, די סאָוועטישע יידן, זענען איצט טאַקע נאָענ־טע מחותנים מיט די פוילישע יידן, ווייל אויך מיט די פאַלאַקן פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַס חדר איז מען איצט געוואָרן גרויסע גוטע פריינט, פון דעסט־וועגן דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז מיר זענען מיר און איר זענט איר... צוויי פעלקער, הייסט עס, וואָס לעבן צווישן זיך בשלום. נו, און אַזוי ווי קיין צוויי יידישע פעלקער קענען דאָך נישט געמאָלט זיין, קומט במילא אויס, אַז ער, פעפער, מיינט דעם ענין יידיש פאָלק נישט ערנסט און קומט אַזוי אַרום נישט אין קיין קאָליזיע מיט דער באַרימטער תורה פון לענינען און סטאַלי־נען, אַז קיין יידיש פאָלק איז נישט פאַראַן.

מאַרקיש האָט אָבער פון פּעפערס ווערטל זיך שטאַרק צעקאָכט און ווען מען האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— עס זענען נישטאָ קיין צוויי יידישע פעלקער. עס איז דאָ איין יידיש פאָלק. פּונקט ווי מען קען נישט צעטיילן און צעשניידן קיין הארץ, אַזוי קען מען נישט צעשניידן דאָס יידישע פאָלק אויף קיין פּוילישע יידן און אויף קיין רוסישע יידן. מיר זענען אומעטום איינס און ווילן פאַרבלייבן איינס. מיר ווילן לעבן היטלערן אויף להכעיס.

אַפּנים, אַז ער האָט דערפילט, אַז ער האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס און דעריבער האָט ער צוגעגעבן:

— פאַרשטייט זיך, אַז דאָס רוסישע יידנטום, וואָס לעבט הינטער דער זון פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וועט ווייזן דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט דעם וועג צו זיין פרייהייט און זיין גליק.

דער דאָזיקער „עושה שלום" האָט אָבער מאַרקישן קנאַפּ געהאָלפן, וואָרום שוין דעמאָלט האָט מען געשמועסט, אַז ער האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט און הלוואַי עס זאָל אים נישט קאַפּויר קומען אויפן סאָוועטישן שטייגער...

— 5 —

געוויינלעך האָבן שרייבער אין מאַרקישעס יאָרן שוין אויסגעברענט אין זיך דעם חשק צו לייענען זייערע זאַכן פאַר אַנדערע שרייבער. פּרץ מאַרקיש האָט אָבער נאָך אַלץ ליב געהאַט צו לייענען זיינע שאַפונגען פאַר חברים און ס'האָט נישט געטראָפן דאָס מאָל, אַז מען זאָל צו אים קומען און ער זאָל נישט ברענגען דערצו, אַז מען זאָל אים „בעטן" ער זאָל פאַרלייענען דאָס וואָס ער האָט ערשט אָנגעשריבן.

הערן מאַרקישן פאַרלייענען זיינע שאַפונגען איז געווען אַ פאַרגעניגן. קודם־כל האָט ער זייער שיין געלייענט, דערנאָך האָט מען טאַקע על פּי רוב הנאה געהאַט פון דעם וואָס מען האָט געהערט. ועל כולם האָט ער נישט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים אויפן אָרט זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם געהערטן. דאָס לעצטע ברענגט אַ סך מאָל צו פאַרשיידענע אומאָנגענעמלעכקייטן און דעריבער מיידט מען טאַקע אויס אַזעלכע סיטואַציעס ווו מען מוז זיך אַרויסזאָגן אויף אַן אָרט, וואָס קען נישט אַלעמאָל געטאָן ווערן מיט דער געהעריקער אויפריכטיקייט. היות מאַרקיש האָט נישט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל עפּעס זאָגן וועגן דעם וואָס מען האָט געהערט און פאַר אים איז גענוג געווען, סיי דאָס וואָס ער אַליין האָט געלייענט, סיי דאָס וואָס ער אַליין האָט דאָס געלייענטע אַרומגערעדט און אויפגעקלערט מיט פאַרשיידענע קאָמענטאַרן, האָט מען אים

צוליב געטאָן און גערן געגעבן אים די אויערן פאַר זיינע לידער, אָדער פראַג־מענטן פון די פּאָעמעס.

פּאַרט דאַכט זיך מיר אָבער אויס, אַז מאַרקישן איז נישט געגאַנגען אין דעם, אַז מען זאָל בלויז הערן זיינע זאַכן, נאָר אין עפּעס אַנדערש. ער האָט אין זיינע לעצטע שאַפונגען אַריינגעלייגט פאַרשיידענע כוונות, וואָס ער איז נישט זיכער געווען, צי מען וועט זיך אויף זיי כאַפּן און דעריבער האָט ער געוואָלט זיך איבערצייגן, צי די דאָזיקע כוונות און רמזים דערגייען צום הערער און וועלן במילא אויך דערגיין צום לייענער.

די כוונות און די רמזים וואָס מאַרקיש האָט אַריינגעלייגט אין זיינע פּאָעטישע שורות האָבן אַלע געהאַט צו טאָן מיט דעם ייִדישן פאָלק און מיט זיין רעכט ווייטער צו עקזיסטירן אַלס פאָלק. היות דאָס האָט נישט געקענט געזאָגט ווערן אָפן און קלאָר, האָט מאַרקיש עס פאַרשלייערט מיט אַלעגאָ־ריעס און אַנוווּנקנדיקע ווערטער. ס'איז אויסגעקומען, אַז ער, מאַרקיש, פירט עפּעס אַ באַהאַלטענע מלחמה, אָדער אַ פאַרשטעלטע דיסקוסיע מיט דעם לע־ניניסטיש־סטאַליניסטישן פּרינציפּ, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק. חוץ דעם איז אין די דאָזיקע שורות אויך אויף אַ רמזימדיקן אופן אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן דער ביטערער אמת, אַז די שנאה צו ייִדן איז נאָך אַלץ גרויס און באַ־זונדערס האָט דער פּאָעט געשאָסן זיינע פּאָעטישע פיילן אין די כלערליי סאָוועטישע אַסימילאַטאָרן וואָס מיינען, אַז זיי וועלן זיך ראַטעווען די פּעל דורך דער בגידה אין זייער פאָלק.

בעת מאַרקיש האָט געלייענט די פראַגמענטן פון זיין לעצטער פּאָעמע „מלחמה", וואָס ער האָט דעמאָלט אַקוראַט געשריבן, האָט ער אונדז כסדר געהאַלטן אין איין שטורכען מיט אַ פינגער, אַז מיר זאָלן אַכטונג געבן און נישט דורכלאָזן די מיינען וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין די אָדער יענע שורות. ער פלעגט טאַקע באַזונדערע שורות נאָך און נאָך אַמאָל איבערלייע־נען און פרעגן:

— איר פאַרשטייט? ס'איז אייך קלאָר?

מאַרקיש האָט, ווי געזאָגט, אויף אונדז אויסגעפּרוּווט, צי זיינע באַהאַל־טענע מיינען וועלן דערגיין צום לייענער און ער האָט מיך אַמאָל געפרעגט, צי איך האַלט, אַז ייִדן אין אויסלאַנד וועלן דאָס פאַרשטיין? איך האָב אים אויף דעם נישט געקענט געבן קיין זיכערן ענטפער און האָב אים נאָר גע־פרעגט, ווי אַזוי ער רעכנט צו פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע זאַך אין ראַטנפאַר־באַנד. געמיינט האָב איך דערמיט, אַז שורות מיט אַזעלכע כוונות וועט די סאָוועטישע צענזור געוויס נישט דורכלאָזן.

מאַרקיש האָט זיך אַביסל פאַרקלערט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— זיי וועלן זיך נישט כאַפּן. עס איז אַזוי פאַרשטעלט, אַז זיי וועלן זיך נישט כאַפּן.

דערויף האָב איך אים דערציילט אַ מעשה: פּרץ האָט אַמאָל אָנגעשריבן עפּעס אַ זאַך פאַר די „יום־טוב־בלעטלעך" אין וועלכער עס איז אויף אַ פּאָר־שטעלטן אופן קריטיקירט געוואָרן די צאַרישע מאַכט. מען האָט זיך זייער געשראָקן, אַז די צענזור וועט די זאַך נישט דורכלאָזן. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען דער מענטש וואָס איז געגאַנגען צום צענזאָר און ער האָט אויסגעשריגן מיט פרייד:

— פּרץ, ער האָט דורכגעלאָזט. ער האָט זיך נישט געכאַפּט.

פּרץ איז אָבער נישט צופרידן געווען און ער האָט געזאָגט:

— אויב דער צענזאָר האָט זיך נישט געכאַפּט, וועט דער לייענער זיך אוודאי נישט כאַפּן.

מאַרקיש האָט אויסגעהערט די מעשה און האָט טיף אָפּגעזיפצט. דער־נאָך האָט ער זיך דורכגעשפּרייזט אין שטוב און זיך אָפּגערופן:

— אונדזערע זאַכן וועט מען לייענען אַנדערש... נישט היינט איז מאָרגן און דעמאָלט וועט מען פאַרשטיין. דעמאָלט וועט מען וויסן וואָס מיר האָבן געפילט און געטראַכט...

ווי אַ סך אַנדערע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד האָט מאַרקיש געשריבן נישט פאַרן היינט, נאָר פאַרן מאָרגן, פאַר דעם דאָזיקן מאָרגן ווען מען וועט דעשיפרירן די סודותדיקע צייכנס פון זיין געמיט, וואָס ער טאָר היינט נישט אַנטפּלעקן.

**\
*

פּרץ מאַרקיש האָט מיך אַמאָל מיטגענומען אויף אַ קאָנצערט פון דער באַ־ווּסטער יידישער סובּרעטין קלאַראַ יונג. דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין אַ קליינעם זאַל. דער אַריינגאַנג איז געווען אויף פאַרבעטונגען און אַחוץ אַביסל יידישע שרייבער, האָבן זיך דאָרט געפונען עטלעכע צענדליק עלטערע מענער און שוין היפּש באַיאָרטע פרויען.

דער קאָנצערט גופא האָט מיר אויסגעזען ווי אַ סצענע פון אַ טעאַטער־שטיק וווּ מען ווייזט דעם עלנט און דעם אומעט פון אַ באַרימטקייט אויף דער עלטער. קלאַראַ יונג, וועלכע איך האָב אַ סך מאָל געזען, האָט אין לעבן אויס־געזען, ווי אַ שיינע עלטערע דאַמע און זי האָט געמאַכט זייער אַ סימפּאַטישן און גוטן איינדרוק. אויף דער בינע האָט זי אויסגעזען... נו, לאָמיר שוין בע־סער נישט ריידן. ווייסן מיר דאָך, אַז די אַלטקייט, וואָס איז געצווּינגען זיך צו באַהאַלטן הינטער אַ מאַסקע פון יוגנט, האָט אין זיך עפּעס חילולדיקס און עפּעס וואָס רופט אַרויס רחמנות. ס'איז אוממאָראַליש און אומעסטעטיש,

ווען אַ צען־יעריק מיידל שפּילט די פאַרשייטקייט פון אַ דערוואַקסענער און ס'איז נאָך טרויעריקער, ווען אַ גוף וואָס די צייט איז איבער אים שוין אַריבערגעפאָרן, דאַרף מאַכן די סעקס־אַפּיל־חנדלעך פון אַ יונגער פרוי. איך בין געזעסן מיט מאַרקישן אַ שטול לעבן אַ שטול און איך האָב געזען, ווי ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון דער בינע און עפּעס געמורמלט. איינהערנדיק זיך אין זיין שטילן געמורמל, האָבן זיך פאַר מיר אויסגעשיילט די תפילהדיקע ווערטער „אל תשליכנו לעת זקנה".

מערקווירדיק איז אָבער, וואָס אַרומקוקנדיק זיך איבערן זאַל, האָב איך געזען, אַז נישט אַלע צושויער האָבן דאָס זעלביקע געפיל, וואָס איך און מאַרקיש. איך האָב געזען אויך אין מיין ריי מיין עלטערע מענער און עלטערע פרויען, וואָס זייערע אויגן זענען געווען פייכט און גרויס פון גערירטקייט. איך האָב פאַרשטאַנען: די דאָזיקע מענטשן זעען נישט די קלאַראַ יונג פון איצט, זיי זעען די קלאַראַ יונג פון אַמאָל, ווען זיי אַליין זענען נאָך יונג געווען... צוזאַמען מיט זייער באַליבטער אַקטריסע מאַכן זיי איצט דורך אַ נסיעה צו זייער אַמאָליקער גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט.

נאָך דעם קאָנצערט זענען מיר געגאַנגען צו קלאַראַ יונג אַהיים, טרינקען אַ גלעזל טיי. קלאַראַ יונג האָט אונדז פיין מכבד געווען און זי איז ווידער אַריין אין איר ריכטיקער און סימפּאַטישער לעבנס־ראָל פון אַ בכבודיקער שיינער און אַפילו פאַרנעמער דאַמע. ווען זי איז צוגעקומען צו דעם ווינקל, וווּ איך מיט מאַרקישן זענען געזעסן, האָט מאַרקיש, אַפּנים אויסצומיידן עפּעס צו זאָגן וועגן איר קאָנצערט, זיך אָפּגערופן:

— וואָס זאָגסטו נישט אויף אים, קלאַראַ? ער וויל דאָך טאַקע צוריקפאָרן קיין פּוילן און פאַרלאָזן רוסלאַנד...

קלאַראַ יונג איז געווען אַ קלוגע פרוי און אַן איידעלע דערצו. זי האָט פאַרשטאַנען די דעליקאַטקייט פון דער סיטואַציע, אָבער זי האָט זיך געמאַכט ווי זי נעמט אַלץ אָן פאַר נאַטירלעך. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר מאַרקיש, איך און דו, האָבן דאָ געהאַט אַמאָל גוטע טעג אויך, אָבער ער — וואָס פאַר אַ גוטס האָט ער דאָ געהאַט? מיר האָבן דאָ געהאַט אַמאָל טויזנטער ייִדישע פאַרערער, וואָס האָבן אונדז אויף די הענט געטראָגן. אָבער היינט, אַז קיין ייִדישע לייענער — נישטאָ, קיין ייִדישע צושויער — אויך נישטאָ, טאָ וואָס איז אים די נפקא מינה צי דאָ, צי ערגעץ אַנדערש?

זי האָט זיך פון אונדז דערווייטערט און איז אַוועק צו אַנדערע געסט. פּרץ מאַרקיש האָט מיר אַ שושקע געטאָן אויפן אויער:

— וועגן די פאַרערער, וואָס האָבן אויף די הענט געטראָגן, האָט זי געמיינט זיך. מיך האָט מען דאָ קיינמאָל נישט געטראָגן אויף די הענט... דאָך

ווי קלוג זי האָט עס געמאַכט, ווי פײַן זי האָט עס דערמאָנט איר אַמאָליקן רום... און חוץ דעם — אפשר איז זי בנוגע אייך טאַקע גערעכט?

אַגב, אַז מען רעדט שוין וועגן מאַרקישעס רום אין רוסלאַנד, איז אפשר כדאַי צו זאָגן, אַז רום האָט ער טאַקע געהאַט, אָבער דער רום איז אַלעמאָל געווען אַ קאַלטער, אַ פּאַפּירענער. נישט דער רום וואָס וואַרעמט דורכן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן לייענער. חוץ דעם האָט אים אויך דער דאָזיקער רום געבוג געקאָסט. ער האָט אים פאַרשאַפט שונאים און אַפילו באַרימטערהייט האָט מען פון אים געריסן שטיקער. אין די לעצטע יאָרן איז אים דער גאַנצער נחת פון זײַן גרויסן נאָמען געווים אויסגעפאַלן באָקעם און דערצו האָט שוין נישט ווייניק צוגעהאָלפן איציק פעפער און אַנדערע שרייבער. אָבער אויך דעמאָלט, ווען פעפער איז נאָך נישט געווען אויף דער איצטיקער מדרגה און פרץ מאַרקיש איז נאָך געווען אין די פעדערן, האָט אים זײַן באַרימטקייט פאַרשאַפט נישט ווייניק האַרצקלאַפּעניש און פחד. פאַר אַ ביישפּיל זאָל דאָ דערציילט ווערן דער אַלעמען באַוווסטער פאַקט, ווי אַזוי מאַרקיש האָט באַקומען דעם לעניןאָרדן, וואָס איז אין יענע באַדינגונגען געווען די העכסטע מדרגה פון שרייבערישן דערפאָלג.

ובכן: עס איז געווען אין טרויעריקן זיבן און דרייסיקסטן יאָר, צי גאָר אין אָנהייב פון אַכט און דרייסיקסטן יאָר. אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געבושעוועט די יעזשאָווטשינע, דאָס הייסט: די מוראַדיקסטע טעראָר־כוואַליע, וואָס מען האָט שפּעטער, ווען זי האָט זיך פאַרענדיקט, געזאָגט, אַז שולדיק אין איר איז געווען יעזשאָוו און מען האָט אים צוליב דעם טאַקע ליקווידירט, כאָטש פאַקטיש איז ער געווען נישט מער, ווי אַן אויספירער פון סטאַלינס באַפעלן. דעמאָלט זענען אַ סך טויזנטער מענטשן אין גאַנץ רוסלאַנד געזעסן ביינאַכט אין זייערע שטובן אָנגעטועטע און געוואַרט, אַז מען זאָל זיי קומען נעמען.

איינמאָל אין אַ ביינאַכט איז מען טאַקע געקומען נאָך מאַרקישן. ער איז געווען גרייט, האָט גענומען דאָס צוגעגרייטע פעקל און זיך געזעגנט מיט זײַן בנית־בית. מען האָט אים נישט געזאָגט ווו מען פירט אים און ער האָט אויך נישט געפרעגט. צו וואָס? אַלץ איז געווען פאַרשטענדלעך. צום סוף האָט מען אים אַרײַנגעזעצט אין אַן אויטאָ און נאָכן אָנקומען אויף אַן אָרט, האָט מען אים אַרײַנגעפירט אין אַ זאַל און מען האָט אים געהייסן וואַרטן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך באַוויזן אַ מענטש און אים געזאָגט, אַז ער, גראַטולירט אים, ווייל ער, מאַרקיש, האָט געקריגן... דעם לעניןאָרדן און ער דאַרף קומען אין עטלעכע טעג אַרום אים אָפּנעמען.

מילא וואָס מאַרקיש האָט דעמאָלט געפילט, פאַרשפּאָרן מיר אייך צו

זאָגן, אויך וואָס זיין פאַמיליע האָט איבערגעלעבט, ווען ער איז פאַרטאָג צו־ריק אַהיימגעקומען — איז זיך לייכט משער צו זיין. דאָס נס פון תחית המתים וועט זיכער נישט אַרויסרופן קיין גרעסערע איבערגראַשטקייט, ווי די איבערראַשונג ביי זיין באַווייזן זיך צוריק אין שטוב מיט דעם באַקאַנטן צידה לדרך־פּעקל אין האַנט.

מענטשן וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד ווייסן, אַז אין דער מעשה איז נישט פאַראַן קיין שום גוזמא. אַזוי פירט זיך דאָרט. באַקומען אַ באַפעל, אַז מען דאַרף דעם און דעם צושטעלן דאָ און דאָ, שטעלט מען אים צו. אַמאָל ענדיקט זיך אַזאַ מין צושטעל מיט צען יאָר לאַגער און אַמאָל, זייער, זייער זעלטן, מיט באַקומען אַן אָרדן, אָדער אַן אַנדער דערהייבונג.

***

אַ טאָג פאַר מיין צוריקפאָר קיין פוילן האָב איך אָנגערופן מאַרקישן אויפן טעלעפאָן און אים געזאָגט, אַז כ׳וויל זיך מיט אים געזעגענען. מאַר־קיש האָט געענטפערט, אַז כ׳זאָל צו אים אַרויפקומען. איך האָב אָבער בעסער געוואָלט מיט אים זיך טרעפן אויף אַ נייטראַל אָרט, ווייל סוף־כל־סוף בין איך דאָך שוין געווען עפּעס אַזוינס ווי אַן אויסלענדער.

מיר האָבן זיך געטראָפן לעבן שרייבער־פאַריין אויף וואָראָווסקי־גאַס און מיר האָבן לאַנג שפּאַצירט אויף די דערנעבנדיקע גאַסן און געסלעך. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מיר מאַרקיש געזאָגט:

— איך פיל זיך איצט, ביי אייער אַלעמענס אָוועקפאָר, ווי אַ יונג ווייבל וואָס טאַטע־מאַמע פאָרן אַוועק פון איר חתונה און לאָזן זי איבער ביי פרעמ־דע שווער און שוויגער.

— וואָס רעדט איר, חבר מאַרקיש — האָט איך דערווידערט — איר האָט דאָך דאָ פריינט, משפּחה, אַפילו פאַרערער.

— הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן — האָט מאַרקיש מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל — וואַרשע איז נישט געווען דאָס אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען מיין וויג. אָבער וואַרשע איז געווען מיין ערשטע און גרויסע יוגנט־ליבע... נאָך וואַרשע איז מיין גאַנץ לעבן שוין נישט מער ווי אַ לעבן בעל כרחו... מיט אייך אַלעמען האָב איך געהאַט די אילוזיע, אַז איך בין נאָך אַלץ אין וואַרשע...

מיר זענען צוריקגעקומען צום בנין פון שרייבער־פאַריין און מאַרקיש האָט געזאָגט, אַז ער וויל נאָך אַרויפגיין דאָרט עפּעס דערליידיקן. מיר האָבן זיך געזעגנט, צעקושט און זיינע לעצטע ווערטער צו מיר זענען געווען:

— גרוסט וואַרשע. זאָלן די חורבות, וואָס זענען געבליבן נאָך יידן וויסן, אַז מאַרקיש זעט זיי תמיד פאַר די אויגן.

מיט פייכטע אויגן און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער זיך אויסגע־דרייט און גענומען אַרויפגיין די ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס האָבן גע־פירט צו דער ביוראָ פון שרייבער־פאַריין. איך בין געבליבן אונטן און אים נאָכגעקוקט. איך האָב געזען ווי ער הייבט זיך שווער און פּאַמעלעך און נעמט איין יעדע טרעפּ באַזונדער. דאָ אין גאַס איז געווען ליכטיק און אין פאָדער־הויז פון שרייבער־פאַריין איז געווען שאָטנדיק און דער שאָטן פון דעם אַלטן מאַסיוון בנין האָט אים ביסלעכווייז פאַרשלונגען, דערווייטערט און אויס־געלאָשן.

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס מיר איז אין יענעם מאָמענט דורך אַן אויסטער־לישער געדאַנק: אַזוי מוז אויסזען אַ מענטש, וואָס שטייגט אויף צום עשאַ־פאָט, אָדער צו דער תליה...

# אינהאַלט

* * * — — — — — — — — — — — — — 7
דוד האָפשטיין — — — — — — — — — — — — — 9
איציק פעפער — — — — — — — — — — — — — 51
לייב קוויטקאָ — — — — — — — — — — — — — 131
דער נסתר — — — — — — — — — — — — — 213
דוד בערגעלסאָן — — — — — — — — — — — — — 251
פּרץ מאַרקיש — — — — — — — — — — — — — 287

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

קיום
פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

## דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים-דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות-יידנטום
9. מ. גראָס־ציממערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען
14. שלמה סיימאָן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד

## אין שפּאַניש:

**Marie Syrkin:** Al Servicio de una Causa
**Ab. N. Polak:** Así se forjó el Estado de Israel

## אין גיכן דערשיינט:

19. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (דריטער באַנד)
20. זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן
21. בנימין וועסט — ציוניזם אונטער די סאָוויעטן

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

---

Este libro se terminó de imprimir en el mes de agosto de 1959, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

●

Copyright by
I. IANASOVICH
Buenos Aires

●

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
**Poale Sion Hitajdut**
Departamento
Ediciones **"KIUM"**

ISAAC IANASOVICH

# CON ESCRITORES JUDIOS

BUENOS AIRES
1959